STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00306

# GEZAMELTE SHRIFTEN FUN YONAH ROZENFELD

## Yonah Rozenfeld

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Susan Ballenzweig*
*in memory of*
*Rachel Ballenzweig*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# געזאמעלטע שריפטן

פון יונה ראזענפעלד

פינפטער
באַנד

ארויסגעגעבען פון דער
יונה ראזענפעלד קאָמיטע
ניו יאָרק : 1924

Copyright by
Yona Rosenfeld
1924

.איד

# אינהאַלט:

טשאַרטאָריסק — — — — — — — — — — 21—7
אַ נאכט — — — — — — — — — — — 30—23
פון מיין טאָג־בוך — — — — — — — — — — 194—31
איך — — — — — — — — — — — — — 232—195
די מגפה — — — — — — — — — — — — 318—233

# טשאַרטאָריסק.

(באַזוכט אין 1916 אַזוי גלייך ווי די דייטשען האָבען דאָס שטעדטעל פאַרלאָזט).

דער וואָקזאַל אָהן אַ דאַך, אַ סקעלעט מיט פענסטער, לעבער ארום איהם, הורבעס שטיינער, די ערשטע גרוסען פון חורבן. נעבען דעם וואָקזאַל־סקעלעט אַ הילצערנע שאַלאַכעל, אַ נייעס, אַ פרעמדעס... אַ פּאָר באַהן־באַאמטע, אַ סך זעלנער; גרופּעס־וויז שטעהען זיי פרייע, צושפּיליעטע, צולאָזטע; דאָ און דאָרט ראַזירט איין זעלנער דעם צווייטען, עס בלאַנקען קליינע שפּיגעלאך, ראַזיר־מעסערס אין שערלאך. גרעסערע און קלענערע גרופּעס זיצען אויף דער ראַמפּע, די פיס אונטער זיך און שפּילען אין קאָרטען, אַנדערע עסען און טרינקען טיי פון פאַרשיידענע כלים, נאָך אויף אַן אָרט געהט אַן אַ האַנדעל מיט קייטעלאך געפּלאָכטענע פון פערדישע ווידעל־האָר און מיט פינגערלאך אויסגעארבייט פון קריגס־מעטאַלען „צום אָנדענק פון דער מלחמה". און נאָך אויף אַן אָרט צווישען דעם גאַנצען תהו ובהו האָבען עטליכע זעלנער אַרומגערינגעלט צוויי געפאַנגענע מאַדיאַרען. די לעצטע ריידען: עפּעס אויף אַ מאָדנער שפּראַך, וואָס קיינער פון די רוסישע פאַר־שטעהט ניט, און טאַקע דאָס אליין וואָס זיי פאַרשטעהען ניט האַלט זיי צוגעבונדען צו די פרעמד־ערדיגע. ס'אַמוזירט זיי, די רוסישע זעלנער, דאָס וואָס זיי פאַרשטעהען ניט וואָס די פרעמדע ריידען.

אַ סאָלדאַטסקע אַטמאָספערע. די לופט איז דורכגעזאַפּט מיט זעלנערשען ברוד און שוויים... ווי אַ גרויסע קאַזאַרמע זעהט אויס דאָס פּלאַץ, אַ קאַזאַרמע אָהן אַ דאַך, אָהן ווענט, נאָר אַ פּאָדלאָגע

א צעמענטענע... איך פיהל מיך עלענד און אומרוהיג אין מיין איינזאַמקייט... מיט שטום־שווייגען קוקט אויף מיר די באַקאַנטע געגענט... ווי פאַרגליווערט, פאַרטייעט אין זיך קוקען אויף מיר פון נאָהענט און ווייט באַקאַנטע ערטער און באַגריסען מיך מיט אומ־באַוועגליכקייט און שווייגען...

איך בין שטום און האָב מורא פאַר מיין שטומקייט... איך וואָלט געוואָלט ווערען א רואה ואינו נראה... א ריזיגער זשאַנדאַרם מיט דיקע לאַנגע וואָנצעס קוקט שוין אויף מיר... ניט געוואָלט איהם מטריח זיין ער זאָל צוגעהן צו מיר בין איך צוגעגאַנגען צו איהם.

— איך בין אליין א טשאַרטאָריסקער און פאָהר איצט קיין טשאַרטאָריסק, ספּעציעל אראָפּגעפאָהרען מיין רואינירט שטעדטעלע צו באַטראַכטען.

ער האָט מיך אָפּגעמאָסטען מיט א קאַלטען גלעזערנעם קוק, מיט טשיקאַווער פאַרדעכטיגקייט און טיראַנישער קאַלטבלוטיגקייט...

— האָסט א פּראָפּוסק?

כ'באַווייז איהם דאָס פּאַפּירעל, אָבער זיין פּנים ענדערט זיך ניט... גרימט מיר שוין אינווייניג: עפּעס קוקט ער צו לאַנג אין דעם פּאַפּירעל.

— געהערט, אז מיין שטעדטעלע איז אין גאַנצען רואינירט..

— דיין פּראָפּוסק איז נאָר ביז ראַפּאַלאָווקע...

— נו, איז וואָס?

ער לייגט אריין דאָס שטיקעל פּאַפּיר צו זיך אין דער גרויסער זשאַנדאַרמסקער קעשענע און לאָזט זיך אַוועקגעהן מיט שווייגע־ניש... געה איך איהם נאָך און רייד איהם אין פּלייצע אריין, אין דער פרעמדער ברייטער פּלייצע.. ערקלער אָט דער פּלייצע, אז באַקומען האָב איך דעם פּראָפּוסק נאָר ביז ראַפּאַלאָווקע דערפאַר, וואָס אויפ'ן פּאַס בין איך א ראַפּאַלאָווקער נכתב, אבער אין אמת'ן בין איך נאָר א טשאַרטאָריסקער. איך בין געבאָרען און אויפגע־האָדעוועט געוואָרען אין טשאַרטאָריסק.

שווייגט דאָס פּלייצע און ס'קלאַפּען די שפּאָרען... פאַרלויף איך איהם זייטיג, פאַרקוק איהם אין אויער אריין:

— ...גאָספּאָדין זשאנדארם!

ער איז גלייכגילטיג און שטיינערדיג. די אויגען זיינען טעמפּ ווי ביי א געפּגר'טען פיש... עס שוידערט מיר...

— הייסט עס, גאָספּאָדין זשאנדארם, אז איך האָב ניט געטאָרט פאָהרען קיין טשארטאָריסק... נו, גוט, זאָל מיר דער גאָס־פּאָדין זשאנדארם אָפּגעבען מיין פּראָפּוסק וועל איך מיר צוריק־פאָהרען.

ער ענטפערט ניט און ענדערט זיך ניט. ער איז גלייכגילטיג צו מיר און צו מיינע רייד...

— גאָספּאָדין זשאנדארם!

ער קלינגט מיט די שפּאָרען פּעסט און אנטשלאָסען... דער גאנג איז וועגען מיר און וועגען מיין פּאַפּירעל...

— יאָ, דער גאָספּאָדין זשאנדארם איז גערעכט. טאקע א נארישקייט פון מיר... נעהמען און פאָהרען קיין טשארטאָריסק מיט א פּראָפּוסק קיין ראפאלאָווקע... איך האָב דוקא געבעטען מען זאָל מיר געבען קיין טשארטאָריסק...

גערעדט צו איהם ווי צו אַן אייגענעם מענשען, און די ציין האָבען שוין געקלאפּט ביי מיר אין מויל... איך האָב בכיון אזוי גערעדט... כדי איהם זאָל שוין גאָר ניט איינפאלען, אז איך וויים, אז מיך ערוואַרטעט עפּעס גרויזאמעס...

א סאָלדאט האָט מיך באמערקט נאָכגעהן דעם זשאנדארם און האָט מיט גרויס רחמנות געקוקט אויף מיר...

— דער שווארץ־יאָהר האָט מיך אָנגעטראגען אהערצו, — האָב איך געזאגט דעם סאלדאט — פארשטעהסט, זעמליאק, איך בין אליין, אויפ'ן פּאס הייסט עס, א — א ראפּאלאווקער, און האָב א פּראָפּוסק קיין ראפאלאָווקע, און בין, ווי דו הערסט, פארקראָכען אין טשארטאָריסק...

דער גוטמוטיגער זעלנער האָט מיך באטראכט און באדויערט, ווי איהם וואָלט שוין אלעס קלאָר געווען וואס מיך ערוואַרטעט...

דער רויטער זשאנדאר איז אריינגעגאנגען אין דעם קליינעם שאלאשעל, און געמאכט האָט אויף מיר דעם איינדרוק, אז דאס

קליינעביידעל־וואקזאלכעל האָט אין זיך עפּעס איינגעשלונגען גרעסערס פון זיך... איך בין געבליבען שטעהן הינטער דער טיר. איך בין געשטאַנען אין גרויזאמער איינזאמקייט. באַקאַנט מיט דער סביבה און געגענט, וואָס האָט מיט ערדישער פאַרלאָזטקייט און וויסטען אומעט געקוקט אויף מיר... איך האָב געשפּירט יענע איינזאמקייט וואָס ער פיהלט א פאַראורטיילטער צום טויט, געפינענדיג זיך צווישען טויזענטער מענשען... און מערקווירדיג, איך האָב געשמייכעלט... איך האָב געפיהלט, אז איך שמייכעל... געמיינט, אז ס׳נוצט מיר צו עפּעס און ניט געוואוסט צו וואָס, און ווייטער געשמייכעלט.

זיי האָבען זיך באוויזען אין דרייען, אלע דריי גרויסע און געזונטע, מיט וואָנצעס און מיט שפּאָרען... דער ערשטער (דער שוין באַקענטער) איז זיך זייטיג אפּגעגאַנגען, מיר פאַרבייגעגאַנגען און מיך געזעהן, ווייל איך בין ביי דער טיר געשטאַנען און, דאכט זיך, שוין גאָר ניט געטראכט — פון דער „זאך", וואָס ער זעהט מיך, איז זיך אוועק ניט ווייל מ׳דאַרף איהם ערגעץ, נאָר ווייל דאָ האָט ער ניט וואס צו טאָן... ער האָט שוין דאָרטען אינווייניג זיינס וועגען מיר אפּגעטאָן און יוצא.

די צוויי זשאַנדאַרען זיינען שטעהן געבליבען נעבען מיר און האָבען זיך גענומען דינגען וועגען ווער פון זיי זאָל מיך פיהרען (וואוהין האָב איך ניט געוואוסט). געבליבען ביי איינעם. האָט דער איינע מיט גרויס תרעומות געזאגט ניט דירעקט צו מיר:

— צום טייוועל געהער ער מיר... נאָר זיך פיהרען מיט איהם... ווינציג ערד איז דאָ פאַראָן?

— אידיאָם! (לאָמיר געהן).

פון דעם מאָמענט האָב איך אויפגעהערט צו עקזיסטירען... איך האָב געפיהלט, ווי איך בין געוואָרען א זאכ׳ל מיט אויגען און פיס, און דערשפּירט ווי עס צאפּט זיך פון מיר.. ווי די פיס ווערען באַנגאָסען מיט א וואַרימער פליסיגקייט...

אָפּגעפיהרט מיך א שטיק וועג, האָב איך פּלוצלינג זייטיג באמערקט א באַקאַנטע פיגור. אין א ווייל ארום האָב איך אָן

אַקסעל און אַן פּראָפיל דערקענט דעם טשאַרטאָריסקער סטראַזשניק.

— גאָספּאָדין צוועטאָווסקי ! ! ! ...

ער האָט מיך ניט דערקענט.

— גאָספּאָדין צוועטאָווסקי ! ...

ער האָט מיך צום סוף דערקענט און איך האָב, זעהט אויס, שוין פון גרויס גליק פיל נארישקייטען גערעדט און ער האָט געלאכט.

— וואָס האָט מען דאָ געוואָלט טאָן מיט מיר ? — האָב איך ביי איהם געפרעגט ווען איך בין פון יענעם פריי געבליבען.

— דאָס וואס מ׳טוט, אין אזא פאל, מיט יעדען איינציגען...

מ׳וואָלט מיך אוועקגעפיהרט אין שטאָב אריין, און מעהר וואָלט איך שוין די ליכטיגע וועלט ניט געזעהן.

איך האָב איהם געפרעגט צי בין איך שוין איצט זיכער מיט מיין לעבען, און באקומענדיג א באפרידיגטען ענטפער, האָב איך ארויסגעזאגט מיין הייסען פארלאנג דאָס שטעדטעל צו באַזוכען, וועגען וואס איך בין ספעציעל פון קיעוו אראפגעפאָהרען.

באקומען דערויף די ערלויבניש, האָב איך איהם הערצליך באדאנקט, געזעגענט זיך מיט איהם און פון ווייטען שוין באגריסט מיט אראפנעמען דאָס היטעל...

* * *

דאָס פעלד געדיכט באוואקסען, באוואקסען מיט ווילדקייט, באוואקסען מיט פוסטקייט. א פעלד ווי פון ששת ימי בראשית, וואָס האָט נאָך קיינמאָל פון קיין אקער ניט געוואוסט... די סוף זומערדיגע זון האָט באליכטען געגענט און פוסטקייט, באשיינט און באגילט דעם תוהו ובוהו... א כאָאס פון שטעכעדיגע, פארטריקענטע געוויקסען, וואס האָט געגלאנצט און געבלאנקט אנטקעגען דער זון, ווי פארקערפערטע שטראהלען אָנגעשטאָכען אין דער ערד.. סטעפישע פארלאָזטקייט, סטעפישע ווילדקייט... דאכט זיך, א שטיק פלאנעט איז פון ערגעץ אראָפגעפאלען, אָפגעריסען פון ערד און הימעל, ניט באקאנט מיט מענש און בהמה... אָדער אן עגונה, פאר־וואָרפען אין איינזאמקייט, פארלאָזט האָר און נעגעל...

האָריזאָנטאַל קאָלירוג, צווישען האָריזאָנטאַלער לעערקייט בלאָנדזשעט מיין בליק... כ'טראָג זיך אַלץ ווייטער און ווייטער, מיט וועג און אָהן וועג... דורכאויס ערדישע פאַרלאָזטקייט, ערדישע אָר־מעט... וואו ניט וואו הויבען זיך אָן צו ווייזען גריבער און אייזען, שטיקער גלאָז צווישען ווילדע גראָז, געמישט מיט זאַמד און קוויי־טען, דראָט געפלאָכטען ווי קייטען און בוימער געליטענע, בוימער פאַרשניטענע און בוימער פאַרברענטע אויף די וואָרצלען, מיט צווייגען שווארצע, צוקעמטע, וואָס טייטלען מיט שוואַרצקייט און שטילקייט אויף ערדישער פאַרלאָזטקייט, אויף פעלדישער וויס־טעניש.

זייטיג, נעבען א שמאָל פאַרוואקסען סטעזשקעלע, וואָס פיהרט פון איין חרוב אָרט צום צווייטען, האָב איך דערזעהן א לענגעכיג בערגעלע מיט א צלם... ערדיג און זאַמדיג אין גע'צלמ'טער איינ־זאַמקייט, א סימן פון אימיצענ'ס פריינטשאַפט, ליגט זיך א קבר... מיט ערדיש שווייגען, מיט שטילקייט און שווערקייט פון קבר־ערד, ליגט זיך דאָס בערגעלע ווייט פון טויטע, ווייט פון לעבעדיגע... אויף דער ערד און אין דער ערד, און דאָך פאַר זיך מיט קבר'דיגער איינזאַמקייט, אויסגעטיילט זיך פון ערד, אפּגעגרענעצט זיך פון פעלד מיט מאָס און לענג פון מענש...

— קריסט! איז דיר היימליכער מיט'ן צלם? אך! דאָס איך דאָך ניט מעהר ווי א שטומער עדות פון דיין קריסטליכען גלויבען. און ווייטער? ווער האָט דיך אהער געבראַכט און ווער האָט דיך דאָ באַגראָבען? ... קריסט! נעבען דיר שטעהט א איד און באַדויערט דיך... מיר גלוסט זיך ווײנען אויף דיין ערד, אָבער דער צלם האַלט מיך אָפּ דערפון... ווען ניט דער צלם, וואָלט איך מיך מיט דיר פיל היימליכער געפיהלט. אָבער מיט'ן גאַנצען האַרצען און מיט וועהטאָג זאָג איך דיר:

— קריסט! מ'האָט פאַרגעסען אָן דיר!...

ווייטער, וואָס ווייטער אַלץ אָפטער אזעלכע בערגלאַך, און אָפטער ווייזען זיך גריבער, לאַנגע ווי שלשלת'ן געדרעהטע, דאָ און דאָרטען פלעקער אָהן א צאָהל, דורכגעפלאָכטען מיט שטעכעדיגע,

דראָט, וואס זעהען אויס פון ווייטען ווי לאנגע, גרויסע פאנטאס־טישע פיש. אויף יעדען שריט און טריט שטיקלאך טשוגון פון צוריסענע סנאַריאַרדען, גרעסערע און קלענערע שטיקלאך, גרויסע שטיקער, און גאנצע, ניט צוריסענע בעכער... ווי שאָלעכץ פון ניס, האלבע שטיקער און שטיקלאך פון אויפגעריסענע באָמבעס און האנט־גראַנאַטען, און גאנצע קנוילען שטעכעדיגער דראָט, וואָס ליגען ווי גרויסע יאָזשען, באהאלטען קאָפּ און פיס אונטער דער הארטער שטעכעדיגער פעל... דאָס גאנצע פעלד מאכט אן איינדרוק ווי דער שר הברזל וואָלט עס מיט אייזען באשפּיגען, באכראַקעט מיט גאנצע דראָט קנוילען... ווי אויף א מיסט־פּלאץ ליגען דאָ און דאָרטען בלעכענע פושקעלאך פון קאָנסערוון, עס בלאנקט גרין גלאָז פון פלעשער, גאנצע און צובראָכענע אין שכנות מיט שטיקער וואטע איבעלדיג קויטיגע מיט באָרדאָ פלעקען. דערביי א צוטראָטען היטעל אָהן א דאשעק און א דאשעק אָהן א היטעל, און אָפּגעריסענע אברים פון זעלנערש אָנטאָן, א קאָלנער פון א מארינאַרקע, אן ארבעל פון א העמד, א פּאָדעשווע מיט צוועקעס פון א שטיוועל, און נאָד און נאָך זאכען, ווי נאָך א שטורעם־ווינד, ווי צעהנדליגער שיפען וואָלטען אהער פארטראָגען געווארען און צושמעטערט געווארען, אדער ווי טויזענטער שדים וואלטען זיך דאָ געהאט צוהוליעט און צובושע־וועט... מיט שדים טאנץ און שדים שטורעם, מיט גלאנץ און קברים, און איך... איך צווישען אלעס, ווי א פארבלאָנדזשעטער גייסט, ווי א נשמה פון גאנצען כאָאס... אויף מיין קערפּער גיסט זיך א שוידער פון פעלד־פּוסטקייט און פעלד־אומעט... טויזענטער שרייענדיגע טענער צאַפּלען זיך אין מיר און רייסען זיך פון הארץ און נשמה: מיין ליב הארציג פעלד! מוטער פון אייביגקייט, הארץ פון נאַטור, פון א ווייטער פרעמדער געגענט איז צו דיר דיינס א געטריי קינד געקומען, דיינס א קינד וואס איז דאָ, אויף דיין שוים אויפגעהאָ־דעוועט געווארען און דיך געצייכענט מיט פיאטע און פינגערלאך פון מיינע קליינע קינדערשע פיסלאך... איך בין דאָ אהער געקומען זיך אָנזאַפּען מיט דיין טרויער און מיט דיין שטומען ערדישען וועה... פארלאָזט ביזטו, פארהאַסט און באַשפּיגען ווי אן אלטע זונה ליגסטו,

מאַמע מיינע, צוגראָבען, צולעכערט, צושטאָכען און אין שמאַטעס געהילט...

שטיל, פּאַמעליך באַוועגען זיך די געוואוקסען, געוואוקסען פון ווילדקייט און פוסטקייט, פון זיך און פאר זיך אויסגעוואקסען. זיי שאָקלען זיך, ווי די האָר ביי א טויטען אויפ'ן קאָפּ אין דער פרייער לופט... עס דאכט זיך, זיי דערצעהלען פון ברייט־שטח'דיגער פאר־וויסטעניש. דערצעהלען פון א תהו־ובהו'דיגען אומעט.

צווישען כאַאָס דערזעהען זיך אויף א היבשען שטח תבואה אויפ'ן וואָרצעל, וואָס האָט פון ווייטען אויסגעזעהן ווי אַן אָפּגע־בליאקעוועטע פאַס ערד. צוגעגאַנגען, א ריהר געטאָן א זאנגען־קעפּעל און ס'האָט זיך א שאָט געטאָן ברוינע איבערגעטריקענטע קערענדלאַך. פּאַמעלאַך האָבען זיך געשאָקעלט די צווייגען: גע־שורשקעט מיט פארטריקענטער שטרויענער הארטקייט, די קעפּלאַך האָבען זיך געבויגען און געבראָכען, געהאנגען ווי געקוילעטע אין די שטרויענע קופּעס און אלע צוזאמען האָבען מיט באַוועגען זיך און שורשקען ווי געקלאָגט זיך אויף טיפער עלטער, געקלאָגט מיט טרוקענקייט, שטרוי אויף שטרויענע טרוקענקייט: מיר שיטען, שיטען, שיטען זיך...

וואָס ווייטער איך בין געגאַנגען האָט זיך מיר געדאכט אז איך שנייד זיך אלץ טיפער און טיפער אין א תהו ובהו, אז איך דער־ווייטער זיך פון עפּעס און דערנעהען זיך צו גאר ניט. איך בין געגאַנגען און געגאַנגען אויף פעלד, אויף פוסטקייט געהילט אין שטילקייט, אין שווערען אומעט פון א גרויס פארלאָזט שטיק ערד... פון צייט צו צייט האָט זיך דורכגעוואָרפען א בערגעלע וואס האָט זיך קוים דערלאָזט צו דערקענען און אָט האָב איך מיך אָפּגע־שטעלט נעבען א גרויסען לעבעדיגען בוים מיט קליינע בלעטעלאך און קליינע בארעלאך, גרינע און קליינע בארעלאך ווי בלעטער, בלעטער ווי בארעלאך. שווער אונטערצושיידען... א ווילדער בוים, אַן אַלטער בוים, תמיד ווילד, תמיד יונג באַשאָטען מיט קינדער בלעטעלאך און בארעלאך, שטענדיג הארטע, שטענדיג גרינע וואס יוערען קיינמאָל ניט צייטיג... פעלדיש ווילד, פעלדיש געזונט, גע־

דיכט באַשאָטען בוים און צווייג. לאַנג געשטנאַען אונטער בוים און שאָטען און באַרעלאַך געריסען מיט בלעטלאַך און שטעקעלאַך צוזאַמען... גלאַטינקע, פרישינקע, קודלינקע... באַטראַכט און גע־גלעט מיט בלעטעל און באַרעל, אויגען און ליפּען, געקושט און גענעצט מיט הייסע טרערען קיהלקייט און גרינקייט און אָנגעלייגט פולע קעשענעס מיט בלעטלאַך און באַרעלאַך מיט שטעקעלעך, אַ טריט געמאַכט, שטעהן געבליבען, פאַרסלונעט אין וועהטאָגדיגער בענקשאפט:

— בוים! — — — — — — — — — — — — — — — —

פון פוסטער גערירכטקייט האָט פּלוצים שטילקייט אויפגעלעבט מיט פליגעל און קראָה... שטיל סווישטשען די שוואַרצע פליגעל ווי אַ נשמה פון סטעפּישער פוסטקייט... מיט שוואַרצקייט און אומעט פון אַ גרויס פאַרוויסטער געגענט... זי פליהט גאַנץ ני־דעריג און טראָגט מיך מיט זיך פּגרים סודות... מיט פליגעל און פליהען דערצעהלט זי פון אַ סך פּגרים וואָס ליגען ערגעץ צווישען הימעל און ערד צוואָרפען, איבער סטעפּישער ברייטקייט, איבער סטעפּישער פאַרלאָזטקייט... זיך אָוועקגעשטעלט אויף אַ פער־דישען סקעלעט מיט סימנים פון פלייש, ביינער און קראַקוועס... זיך אָוועקגעשטעלט און גלייך עקשנות'דיג, גערולדיג גענומען ציהען און רייסען אַ ברעקעל פלייש פון אַ ביין... אָפּגעריסען — פאָהרט זי וויטער מיט פליגעל און פליהען, מיט רויבערישע שטילקייט און קראָה'אישער איינזאַמקייט... מיט גוטען זכרון, מיט וועג און ריכטונג, מיט שוואַרצען גלאַנץ, מיט שוואַרצער שטילקייט טראָגט זי זיך נידעריג איבער ווילדע געוואַקסען און שטרויענדיגע גראָזען, וואָס באַהאַלטען זיך צווישען קברים און פּגרים. לאָזט זיך אַרוים אַמאָל דאָ, אַמאָל דאָרטען מיט רוהיגקייט און שטילקייט און ניט איבערגעריסען פון איין פּגר צום צווייטען.

אויפ'ן געבליבען זאַמד, וואָס זעהט אויס ווי קוקורוזא־מעהל, האָב איך מיך צוגעזעצט אָפּרוהען. דאָס זאַמד איז אַמאָל געווען דער סימן פון אַ העלפט וועג פון דאָרף אין שטעדטעל אריין. איצט אַ העלפט וועג פון איין וויסט אָרט אין צווייטען. דאָ האָט זיך

גאָרניט געענדערט: דאָס זעלבע זאַמד מיט'ן בריקעלע און דאָס שמאָלע ריטשקעלע וואָס לויפט הינטען פון וועלדעל און פעלדער מיט'ן זעלבען אימפּעט, ווי מיט צעהנדליגער יאָהרען צוריק. מיט שנעלקייט לויפט דאָס וואַסער, ווי אין שטענדיגע שליחות, פון וואַלד אין פעלד, פון פעלד אין וואַלד איבערצוגעבען גרוסען איינס ס'אַנדערע, גוואַלדיג וויכטיגע פון וואַלד־טיפקייט, פון פעלד־ברייטקייט, מיט סודות פון לאַנגען קיום און אייביגקייט... אויפ'ן זאַמד צואוואָרפען אין דוצען די זעלבע הארבאַטע סאָסנאָווע קאַרליקעס וואָס שטעהען אין איין מאָס זייט איך געדענק זיי... זייט־זשע מיר באַגריסט, מיינע ליבע קאַרליקעס! אייביג זאָלט איהר מיר לעבען און אייביג זאָל לעבען אייער מוטער־זאַמד...

איך בין געגאַנגען, געקאָרטשעט זיך אין גרויסען ברייט־שטח'דיגען אומעט. וואָס ווייטער אַלץ מעהר געזעהן און געזעהן מעהר סימנים פון יאוש, וואָס האָבען דעם חורבן געמאַכט... דאָ און דאָרטען גאַנצע נעצען פון געפלאָכטענעם שטעכעדיגען דראָט. דאָ און דאָרטען זיינען ווי עירוב'ן געשטאַנען דרענגלאַך געצויגען מיט דראָט אָנגעוויקעלט אויף גרינע גלעזערנע לושקעלאַך... דער־זעהן אַ באַקאַנטע גרופּע בוימער... אָהן אַ פּאַרקאַן, אָהן מצבות... אַן אָנגעשוואָלען שטיק ערד... געקראָכען צווישען צווייגען און בוימער, צווישען געדיכט־צונויפגעפלאָכטענע פּאַרפּלאָנטערטע ווייגס און אַנדערע קוסטעס, געזוכט און געווישטערט אַ בערגעל, אַ צאָם, אַ מצבה, קיין סימן, אַ גלאַט צואַקערטע שטיק ערד, ווי נאָך דער „בראַניע”. וואו ניט וואו האָבען זיך געוואָלגערט שטיקלאַך שטיין מיט איינצעלנע אותיות, שוואַרצע און באַגילטע מצבה־אותיות, וואָס האָבען דערצעהלט פון אַ צווייטען אונטערגאַנג, פון נעמען אויף אייביג פאַרגעסענע, נעמען צוריסענע, אויף עולם ועד באַגראָ־בענע... אותיות גרויסע ווי אויגען פון אַ וועלט מיט מענשען, וואָס זיינען צוויי מאָל באַגראָבען געוואָרען און ווילען דאָך ניט פאַרגעסען ווערען... ניטאָ קיין קברים, אויף אייביג זיינען פאַר־שוואונדען געוואָרען די ערטער וואו מיין טאַטענ'ס און מאַמע'ס ביינער האָבען גערוהט, אַ דאָפּעלטער יתום געוואָרען... אוים בית

הקברות... בוימער, קוסטעס און גריבער גרויסע אויסגעגראָבען פאַר זיך און זיך צווישען מתים אוןביינער באַהאַלטען... נעבען די גריבער וואַלגערען זיך ביינער ווייסע און בלייכען זיך אויף ערד... א שאַרבען מיט יונגע ווייסע ציין און גרויסע אויגען־לעכער...

---

עס האָט זיך אָנגעהויבען צו באַווייזען איין בערגעלע שטיי־נער נאָכ'ן צווייטען. בערגעלאַך מיט בוריאַן באַוואַקסענע און מיט אַנדערע ווילדע געוואוקסען, כמעט איין וואוקס מיט מיר, און בוי־מער א סך, וואָס האָבען אַמאָל צווישען הייזער אַזוי פיל זיך ניט אָנגעזעהן... פילע פון זיי מיט פאַרכמאַלעטע שטאַמען און צוויי־גען, וואָס האָבען געגלאַנצט מיט זייער שוואַרצקייט אַנטקעגען דער זון און אויסגעזעהן ווי אין שוואַרצען אַטלעס געהילט...

שטיל, א חורבנ'דיגע שטילקייט... א שטילקייט פון א ברייט חורוב־געוואָרענעם שטח... די ערד, ווי מיט צרעת באַדעקט, די בערגלאַך, ווי מכות אָנגעריסענע, אַרומגעוואַקסענע מיט ווילדע האָר.

ווי א געליבטער דערקענט ניט זיין געליבטע נאָכ'ן טויט, אַזוי האָב איך מיין ליב שטעדטעלע ניט דערקענט... געשוואָלען און געוואַקסען... א גרויסער דיקער בר־מנן...

פאַרוואָס ניט אַלע בוימער אין טרויער געהילט? אך, וואָס פאַר א גיגאַנטישע יתומים!... אין האַרטער, אין שוואַרצער פאַר־גליווערונג מיט שטילען דרך־ארץ, מיט גרוים יראת־הכבוד, שטע־הען בוימער פאַר מוטער־ערד וואָס איז —

געשטאָרבען...

שוואַרצע צווייגען טייטלען:

טויט!!!

עס שרייט מיט שטילקייט די שטילקייט:

וויסט!!!

מיט צעהנדליגער טויטען איז געשטאָרבען א ישוב, אין הונ־דערטע שטילקייטען ליגט דער ישוב געהילט, פאַרטראַכט און פאַר־זונקען אין אייגענעם חורבן, און פאַרגליווערט שווייגען די בוימער

פון אַ גרויס שטיק ערד, וואָס האָט זיך פון ערד אָפּגעריסען און חרוב געוואָרען.

בוימער לעבעדיגע! באַגראָבט די מאַמע אייערע!

בולט, מיט גלאַנציגער זון שוואַרצקייט שלאָגט עס אָפּ פון די פאַרברענטע בוימער און צוגיסט אין אַ שוואַרצען אומעט און שוואַרצען טרויער... זונען־גלאַנץ און טרויער־גלאַנץ אין איינעם און באַזונדער... עס שיינט און בלאַנקט זון מיט שוואַרצקייט, עס גליהט און שימערירט מיט שוואַרצקייט און העלקייט ווי דאָס אייביגע לעבען און דער אייביגער טויט וואָלטען בשותפות עפּעס אַ מין אָבל געווען, אָדער ווי טויזענטער נשמות אומגעקומענע, פאַר־יאָגטע, פאַרטריבענע פון הייזער און ערד בלאָנדזשען דאָ אַרום און זוכען אַ תיקון.

איך קוק אויף דעם חורבן מיט אומעט און שטיל שווייגען, ווי אַלעס אַרום מיר קוקט אויף מיר... מיר דאַכט, אַז איך האָב איבערגעלעבט אַן אייביגקייט, אַ טויזענד־יעהריגען פּראָצעס פון אונטערגאַנג, אַז איך בין דער לעבעדיגער גייסט פון דעם גרויסען חרוב־געוואָרענעם אָרט, מיר דאַכט אַז איך בין די נשמה פון דעם חרוב־געוואָרענעם ישוב און בלאָנדזשע דאָ אַרום ווי אַ נשמה אויפ'ן קבר פון איהר אָפּגעריסענעם גוף... אין זכרון שווימט אַרוים איין שטוב נאָך דער אַנדערער, אָבער וואו, אויף וועלכע ערטער?...

איך קען מיך ניט אָריענטירען: פאַרוואַקסען אַלע וועגעלאַך, אַלע סטעזשקעלאַך, געבליבען איז נאָך דער שליאַך, אָבער אויך איהם איז שווער צו דערקענען: ער איז פיל ברייטער געוואָרען, זאַמדי־גער, ווי אַ צעקערטער פּאַס ערד, אָנגעפּויזשט, אָנגעשוואָלען, שוואַרץ־זאַמדיג, ווייס־ערדיג, ווי איינגעשניטען פון רעדער און מיט לעכער פון פערדישע פיס פאַרבליבענע...

זאַמד און שליאַך, אָהן שטאָדט און אָהן מענש, אָהן וואָגען און פערד... צעקערט מיט'ן קומען און אוועקגעהן פון פרעמדע, וואָס האָבען ניט געקענט די שטיבער אין שטאָדט, שטח און געגענט און איבערגעלאָזט פאַר אייגענע ניט צו דערקענען... מיט פייער און שווערד הייזער פאַרניכטעט און די ערד צוגראָבען, באַשפּיגען מיט

אייזען און מעש און געלאָזט — געלאָזט אַ צואַקערטען שליאַך און בוימער פאַרשניטענע, און בוימער אויף די וואָרצלען פאַרברענטע.

טשאַרטאָריסק! איך דערקען דיך ניט!...

ווייטער געבלאָנדזשעט, געקראָכען צווישען בוריאַן און ווילדע געוואוקסען פון איין בערגעל אויפ'ן צווייטען. איינגאַנצען באַזעצט געוואָרען מיט „בערעלאַך" און דריי־פיסיגע שטעכעלקעס, וואָס האָבען זיך איינגענעסען מיט האַריגקייט און שטעכיגקייט אין שטאָף פון מיין אַנצוג, ווי קיילעכיגע און דריי־פיסעלדיגע אינזעקטען, געקראָכען און געשטאַנען אויף בערגלאַך און פלעצער, אויפ'ן חורבן פון הייזער און שטאָדט.

געבליבען איז נאָר דער הויכער גיגאַנטישער קלויסטער, אָהן צלמ'ס, מיט לעכער וואָס זעהען פון ווייטען אויס ווי שוואַרצע פאַרטריקענטע וואונדען. אַרום איהם זיינען אויך געבליבען די הונדערט־יעהריגע גיגאַנטישע בוימער מיט די גרויסע דיקע צווייגען, וואָס יעדע צווייג פאַר זיך זעהט אויס ווי אַ בוים... אייניגע פון זיי געלעכערט און צוגעסמאַליעט און אָפּגעבראָכענע צווייגען וואָס זיינען אויפ'ן בראָך געבליבען הענגען... גרויסע וואונדען, אַ סך האָלץ... דער שטיינערנער פאַרקאַן אַרום דעם קלויסטער און די בוימער איז צושאָסען, צושמעטערט, דער גאַנצער קלויסטער־פּלאַץ באַשפּריצט מיט גרויסע שטיקער און קליינע שטיקלאַך ציגעל, מיט דריי הונדערט יעהריגע פאַרשטיינערטע וואַפּנע מיט קאַלך... אינעווייניג אין קלויסטער — חורבן... וואַנט הויכע, וואַנט הוילע, מיט לעכער, און פענסטער ווי לעכער... אָפּענע טירען, אָפענע פענסטער, אָפענע לעכער, פול מיט גאַס, פול מיט זון, פול מיט לופט, פול מיט שטיינער און גרויסע און קליינע שטיקער און שטיקלאַך דריי הונדערט יעהריגע פאַרהאַרטעוועטע וואַפּנע מיט גיפּס... און דאַרטען אַ הויכע, קיילעכדיגע קופּאָל־טיפקייט, גרויסע טיפע שפּאַלטען און גרויסע ריזיגע וואונדען, גיגאַנטישע, קלויסטערדיגע... הויל און ליכטיג, חורבן־פּוסט, חורבן־לעער, אָהן קדושה, אָהן טומאה...

— קלויסטער, ווייסטו ניט וואו זיינען די פלעצער, וואו מיינע צוויי בתי־מדרשים זיינען געשטאַנען?

מיט דרך־ארץ געקוקט אויף קלויסטער־חורבן, אויף קלויסטער גאַנצקייט, אויף קלויסטער גבורה. פיל איז דאָרטען חרוב גע־וואָרען און גאָרניט חרוב געוואָרען. אינוועניג איז גאָרניט גע־בליבען און אַלעס געבליבען. עס זיינען געבליבען ווענט און קלויסטער... אייביגע גבורה, אייביגע גאַנצקייט...

פארלאָזט ווענט מיט לעבער, קלויסטערדיגען דרויסען און וויי־טער געגאנגען. געבלאָנדזשעט אויף אָנגעשוואָלענע ערטער פון הייזער פארשוואונדענע, פון הייזער פארברענטע און סימנים פון פייער און שרפה, אָפּגעקיהלט און אָפּגעוואשען פון צייט און רע־גען... געבויגען שטוביגע בלעך און אייזען, דורכגעוואקסען מיט גראָז און דערנער.

א קאַלטע שרפה!

מיט שניי־ווייסקייט און אויר־לייכטקייט האָט זיך איבער כיין קאָפּ, אדורכגעטראָגען א לאַנגע שפינוועבס מיט זיידענע קלאָרקייט און זיידען־גלאַנץ זיך געשיפט אין ליכטיגען לופט־רוים... ווי אן אויסגעלאָשענער זונען־שטראל וואס קען זיך צום הימעל ניט דערהויבען און וואָס קען אויף דער ערד ניט פאלען. צווישען ערד־חורבן. העל־לויטערען הימעל און ריינער, דורכזיכטיגער לופט האָט די שפינוועבס געשוועבט ווי א שלענגעלע קעפעלדיג און ווידעלדיג זיך באוועגט... קעפעל אהער, ווידעל אהין, גע־טאַפּט לופט און ליכטיגקייט, ווי פארבלאָנדזשעט, ווי עפּעס גע־זוכט, קאָקעטיש אהין־אהער; און גאָר פּלוצלינג זיך א וואָרף גע־טאָן צווישען א גרופּע בוימער און זיך פארטשעפּעט אָן א צווייגעל.

צוגעגאנגען און דערזעהן בוימער פיל באַשאָטען מיט עפּעל און בארען, צולעכערטע פון פויגעל־שנאָבלען... געראנגען האָט פון זיי דער זאַפט, ווי מילך פון די ברוסטען פון א טויטער פרוי... א פארצייטיג לעבען, א לעבען פון בוימער פון זיך און פאר זיך מיט פרוכטען, וואָס הענגען און פוילען אויף בוים און צווייג, וואָס פאלען מיט קלאַפּ און שטילקייט און מיט פויגעל־געזאנג, מיט ביינעל וואָס שטעהען און הענגען ווי שוועסטער און ברידער פון

באַר און עפּעל קעפּעל צו קעפּעל, צוזאַמען פון בוים און צווייג אויס־געוואַקסען.

צווישען די בוימער אַ שפּינוועבס דערזעהן, די גרויס ווי אַ קייַ־לעכיג אויסגעפּלאָכטען טישטוכעל. סאַמע אין דער מיט איז זיך מאַיעסטעטיש געשטאַנען אַ שפּין ווי אַ זשאַבע די גרויס, מיט לאַנגע, לאַנגע לאַפּעס. דערזעהן מיך, האָט ער זיך אַ יאָג געטאָן און דאָס גאַנצע שפּינוועבס האָט אַ ציטער געטאָן, אָבער איז גלייך שטעהן געבליבען מיט אַ ישוב, יאָ אַנטלויפען, ניט אַנטלויפען... די לאַפּעס האָבען געקוקט, די לאַפּעס האָבען געטראַכט, יעדע לאַפּקע שפּיציג, בויגיג און ריהרעוודיג, יעדער ריהר האָט געזאָגט:

— שטיל!!!

יעדע באַוועגונג:

— טויט!!!

— וויסט!

סימבאָל פון חורבן, שוואַרץ־לאַפּיגע נשמה פון וויסטעניש...

טשאַרטאָריסק!!!

געלאָזט זיך לויפען מיט וועג און אָהן וועג. און געדאַכט האָט זיך מיר, אַז נאָך מיר יאָגט זיך נאָך ערדישער אומעט און ברשית'־דיגער תוהו־ובוהו. צוריק געלאָפען, געלאָזט הינטער זיך אַ פאַרנאַכ־טיגען מזרח און אַנטקעגען אַ פריהמאָרגענדיגען מערב, וואָס האָט געשטאָכען די אויגען מיט זון און ליכטיגקייט... פון ווייטע און הויכע מרחקים האָבען שטראַהלען געטאַפּט בוים און צווייג אין שטילען קלאַנג פון אונטערגאַנג, זיך גע'טבל'ט אין בוימער פאַר־ברענטע אָהן קאָרע, אָהן הויט, שוואַרץ ווי טויט.

איך בין געלאָפען, געלאָפען אויף פעלד־ברייטקייט און פעלד־פוסטקייט, אין אַ ים פון ווילדע געוואוקסען, צווישען גריבער און קברים. און געדאַכט האָט זיך מיר, אַז מתים אין קברים זיינען זיך פון בית־עולם צולאָפען.. און זיך צולייגט איבער שטאָדט און פעלד מיט קבר־שווערקייט און קבר־שטילקייט... אויף אייביג פאַר־טריבען לעבען און לעבעדיגע, אויס שטאָדט, אויס פעלד, אַ גרויס, אונענדליך גרויס בית־הקברות...

# אַ נאַכט.

(אַליין איבערגעלעבט פאַר גענעראַל דעניקינ׳ס ממשלה).

די נאַכט הויבט זיך ערשט אָן, אַ נאַכט פון אויף־זיין, אַ נאַכט פון ארומבלאָנדזשען פון שטוב אין הויף, פון הויף אין שטוב, אַ נאַכט פון אימה, ציטער און שרעק.

אָפּגעריסען פון דער וועלט, אָפּגעצוימט פון דער גאַס, לעבט זיך דער הויף זיין פאַרמאַכט פאַרריגעלט לעבען און ווייסט נישט, וואָס טוען פריינד און קרובים פון אַ צווייטען הויף... היימליך און פרעמד פיהלען זיך איינער מיט׳ן אנדערען די קופּקעלאך אי־דען, וואָס שטעהען אין הויף; נישט אַלע קענען זיך און מען רעדט דאָך צווישען זיך נישט געקענטערהייד. מ׳רעדט פון ווייסטע און רוהיגע טעג און נעכט, פון אַ שרעקליכען היינט און פון אַן אומ־באַשטימטען מאָרגען, און צווישעןביידע, צווישען היינט מיט׳ן מאָרגען, שטעהט די נאַכט און פאַרהילט זיי ביידען מיט איהר פינסטערניש און שטילקייט; דערצעהלט פון בייזע גייסטער, וואָס דרעהען זיך אין די גאַסען ארום און דרינגען אריין דורך פאַרמאַכטע טיר און טויער אין אידישע הייזער און טראָגען מיט זיך אריין אָרימקייט און טויט; דערצעהלען וועגען אַ לאַנג פינ־סטער אידיש לעבען — פינסטער, ווי די סוף־חודש׳דיגע נאַכט...

פאַרמאַכט, פאַרקלאַפּט טיר און טויער, געלאָזט ווייב און קינ־דער אין די הייזער, אָהן ליכט און אָהן וואַסער, צוריסען דאָס לע־בען אויף שטוב און הויף, פאַרגעסען אָן נאַכטיגער רוה, אָן טאָג־טעגליכען גרויס־שטעדטישען אומרוה, שטיל פאַר זיך, שטיל פאַר אנדערע, שטיל אינאיינעם, שטיל באַזונדער, הערט מען זיך איין

אין דער שטילקייט, און צו יעדען שאָרך, וואָס לאָזט זיך הערען פון יענער זייט טויער, — אינאיינעם שטעהט מען און באַזונדער, מ׳רעדט און מ׳שווייגט, מ׳זיפצט און מ׳קרעכצט און צווישען רעדען און שווייגען, צווישען זיפצען און קרעכצען הערט זיך אַ ציין־קלאַפּען...

גערעדט האָט מען אַ סך וועגען קריסטליכען שכן, וואָס האָט זיך נאָך אין די ערשטע אומרוהיגע טעג אויסגעסמאַלעט אַ צלם אויף דער טיר, און וועגען דעם „סינאַק" זיינעם, וואָס באַווייזט זיך אַזוי אָפט אין הויף און לאַכט אַזוי ציניש די אידען אין די פּנים׳ער אריין ,און פון צווייטען קריסט, פונ׳ם לייטישען קריסט, האָט מען גערעדט, וואָס איז אַזוי גוט צו זיינע אומגליקליכע אי־דישע שכנים און בארוהיגט זיי:

— נו, טשעוואָ ווי, גאָספּאָדאַ, וואָלנויעטיעס? ווי טאָלקאָ עטים נאַ סעביאַ פּאַניקו נאַוואָדיטיע... (וואָס זייט איהר אַזוי אויפגערעגט? איהר וואָרפט נאָר דערמיט אָן אויף זיך אַן אימה).

נאָריש פיהלען זיך אידען מיט׳ן לייטישען קריסט. יעדער איד פּלייסט זיך עפּעס אַ רייד טאָן מיט איהם, און ער, דער קריסט, פּלייסט זיך אַלעמען בארוהיגען:

— רוהיג, נאָר רוהיג... נישט אריינלאָזען און גענוג...

יאָ, מיט איהם זיינען די אידען גאַנץ זיכער, אָבער מיט יענעם...

— ווי מיינט דער הערר, יענער וועט אריינלאָזען?

זעהט אויס, אַז דעם לייטישען קריסט איז שוין גאָרנישט געווען שרעקליך, וואָס אַ צווייטער האָט זיך אויסגעסמאַליעט אַ צלם אויף דער טיר, און ער האָט מיט אַ שמייכעל געענטפערט:

— אָט ווייס איך!...

וואָס טיפער אין דער נאַכט אריין, ווערט אַלץ אומרוהיגער און שטילער. פון צייט צו צייט גיט ערגעץ אַ בליץ־אויף אַ פייער־על אין אַ פענסטער, פון ערגעץ לאָזט זיך הערען דאָס קלינגען פון אַ זייגער און דאָ און דאָרט אַ שטיל קלאַפּען אין אַ טיר און דאָס און יענעס דערצעהלט פון נאַכטיגער אומרוהיגקייט און פון אָנגעשטרענגט־איינגעהאַלטענעם פּחד... אַ טיר עפענט זיך, אַ

מיר פאַרמאַכט זיך; איינער געהט אַרויס, אַ צווייטער געהט אַריין; איניגע מענשען דרעהען זיך ביי זיך אין די הייזער ווי פּרעמדע אַרום, פרעמד און נישט היימליך אָנגעטאָן, אָנגעפּעלצט צווישען פּעק און פּעקלאַך, ביי אַ ליכטעל, ביי אַ לעמפּעל, וואָס ברענט ערגעץ אין אַ ווינקעל. באַהאַלטען און שטיל דרעהען זיך אַרום מענשען און שאָטענס... קינדער שלאָפען אויף פּעק און קלומקעס, אַזוי ווי אויף אַ וואָקזאַל, און ס'שפּירט זיך אַ פּאַר־גליווערטע צורודערטקייט, אַ שטומער כאַאָס פון נאַכטיגער אומ־אָרדנונג, פון היימישער ניט־היימליכקייט... אַלץ אינאיינעם, אַלץ באַזונדער, ענג און גראַם, גראַם און ענג. הונדערט ערטער אויף שטעהען און זיצען און קיין איין אָרט אויף זיך אָפּצורוהען. און מיד פון אומנוצליכער אַרבייט און מיד פון אומזיניגען אַרומ־שלעפּעניש פון איין אָרט אויפ'ן אַנדערען, מיד פון אָנגעשטרענגטע נערוועז, פון פחד און שרעק — ווייסט מען נישט וואָס צו טאָן און ס'דאַכט זיך, אַז ס'איז נאָך נישט אַלץ אָפּגעטאָן געוואָרען, — טוט מען עפּעס ווייטער און אָפּגעטאָן עפּעס אַזעלכעס, וואָס יאָ נוי־טיג און ניט נויטיג, וואָס נוצליך און נישט נוצליך, שטעהט מען ווייטער און מ'ווייסט נישט וואָס ווייטער צו טאָן. פּיהלט מען זיך פרעמד צווישען אייגענע פיר ווענט און, ווי פרעמדע צו גאַסט־גע־קומענע, כאַפּט מען אַ ביס, אַ זופּ, צי ס'גלוסט זיך, צי ס'גלוסט זיך נישט, און מ'כאַפּט זיך אַראָפּ אין הויף אַריין...

די נאַכט רוקט זיך פּאַמעליך. אָנגעפּעלצט זיך אין סוף־חודש'דיגער פינסטערניש, שטעהט זי אויף איין אָרט, די ערבסטי־גע נאַכט, מיט איהר פוילער קעלט און ערבסטיגען אומעט, און שטיל אין איהר, מיט אידישער הכנעה און אידישען געדולד, ווי אומבאַוועגליכע נערוועז אין דער נאַכט, דרעהען זיך אַרום אידישע פיגורען, געהילט און געבויגען — פון אומעט און קעלט און מ'שווייגט אַלע צוזאַמען און מ'שווייגט יעדער באַזונדער. און ס'הערט זיך פון צייט צו צייט אַ ציין־קלאַפּען. דאָ און דאָרט, איבער דער ברייט און לענג פון הויף, בלאָנדזשען אַרום פיגורען און יעדע פיגור פאַר זיך, ווי זי וואָלט פון זיך אַליין זיך געוואָלט באַהאַל־

טען, זוכט און נישטערט עפּעס אַן אָרט, אַ באַגרעבעניש, וואו זיך און אַ פּאָר חפצים צו באַגראָבען, און ערגעץ אין אַ ווינקעל סוד'עט זיך אַ מאַן מיט אַ יונג ווייב, אַ מוטער מיט אַ טאָכטער און נאָך אויף אַ דריט אָרט, נעבען אַ שווארצען חלל, וואָס פיהרט אין אַ טיפען פינסטערען נאַסען קעלער, שטעהען אַ פּאָר מיידלאַך און רעדען עפּעס צווישען זיך שטיל און איינגעהאַלטען און שלעפּען איינע די אַנדערע אין שווארצען חלל אריין, און ערגעץ ווייט, אויף אַן אומבאַשטימט אָרט, צווישען הימעל און ערד, לאָזט זיך אָפּט הערען אַ מאָדנער געדודער, אַ געדודער אָהן ווערטער, קולות צו־גויפגעגאָסענע, וואָס צושווימען זיך אין ברייטען לופט רוים, און די שטילקייט בויגט זיך און ברעכט זיך...

— איהר הערט! איהר הערט!...

און ס'רייסט זיך איינער אָפּ פון אַלע, שפּייט אויס אויף זיך און אויף אַלעמען און שרייט אוים גיפטיג:

— אַן ענדע! זאָל מען אונז אַלע אויסשעכטען און פּטור ווע־רען פון אַזא הינטיש לעבען!

און דער צווייטער ענטפערט אָפּ דעם ערשטען מיט גאַל:

— איהר האָט דאָך געבעטען אויף זיי, איהר האָט דאָך ארויס־געקוקט, זיי זאָלען קומען...

און אַליץ אָפּטער און אָפּטער לאָזען זיך הערען אָפּגעריסענע פּראַזען, שטיקער פון דעם גרויזאמען לאַנג־איינגעהאַלטענעם שוויי־גען, שטיקער פון די פינסטערע געדאַנקען, וואָס פרעסט די מוחות און די הערצער.

— אין פּאַסטאָוו האָט מען געוואָרפען קליינע קינדער אין פייער אריין...

און אַ צווייטער דערצעהלט, ווי ערגעץ אין אַ שטעדטעל האָ־בען צוואַנציג זייעריגע פארגוואַלטיגט אַ פערצעהן־יעהריג מיידעל. ביים צוואַנציגסטען איז זי שוין טויט געווען. אָבער...

„זי איז נאָך ווארים", האָט ער געזאָגט.

— שמחת תורה! — הערט זיך אין אַ ווײַלע ארום.

דער איינציגער פרומער איד אין הויף. ער האָט עס געזאָגט

און גלייך איז צו איהם צוגעגאנגען א צווייטער איד מיט א טענה:
— וואָס שווייגט גאָט? הא, וואָס שווייגט ער?
פאר דער צייט האָט אָט־דער איד דעם פרומען אידען שוין אמאָל צעהן אָנגעוויזען אויף דער ווילדער באָרד זיינער: לאָז ער זי כאָטש אביסעל אונטערשערען, די באָרד זיינע.
פון צייט צו צייט פאר׳גנב׳עט זיך איינער און א צווייטער צום טויער, כאפט א קוק דורך א שפּאַרונע און קומט מיט עפּעס נייעס:
— געזעהן געהן!
— געהערט פייפען!
און אַלע אידען גיסען זיך צונויף ווי שעפּסען, ווען מ׳טרייבט זיי אריין אין שעכט־הויז אריין. און מ׳הערט זיך איין מיט שטומער שווייגעניש, מיט שווייגענדיגער שטילקייט, און שרע קענדיג איז אַלץ, סיי די רוהיגקייט, סיי די אומרוהיגקייט פון גאס און דאָס שווייגען און דאָס רעדען אין הויף. און פּלוצלינג...
פּלוצלינג האָט זיך אָנגעהויבען גיסען וואסער פון קראַן...
טירען עפענען זיך, טירען פארמאכען זיך און ביים קראַן שטעהט שוין א גאנצער „אָטשערעד״. ס׳קנאקען און רוישען בלעכענע עמערס און טשייניקעס, און עס קנאקט און הילכט דאָס וואסער אין די ליידיגע כלים. פארקלאפּט און פארטויבט איז די שטילקייט געוואָרען, אָבער אין א פּאָר מינוט ארום האָט זיך ווי־דער באַוויזען דער לייטישער קריסט און א זאָג געטאָן:
— גאָכפּאָדאָ, סטוטשאט! (מ׳קלאפּט).
טראך־טאך־טאך־טאך!
א שטיל איינגעהאַלטענער גערודער. אימיצער פּיבערט און ציטערט אויף א קול, א קלאפּעריי פון ציין אין די מיילער, דער הויף ווערט פולער און פולער, קליינע קינדער פּלאָנטערען זיך צווישען גרויסע מיט א שטיל כליפּען, פונ׳ם קראַן ליאפּעט דאָס וואסער, וואָס אימיצער האָט פארגעסען צו פארדרעהען, און דאָס קלאפּען אין שטאָר הערט זיך אַלץ שטארקער און שטארקער, מיט א זיכערער רוהיגקייט, ווי ס׳קלאפּען די בעלי־בתים צו זיך אין די

הייזער אריין מיט געדולד און אומגעדולד, מיט צייט און אָהן צייט, קלעפּ צוזאַמען, קלעפּ באַזונדער, אויפגעהערט אַ ווײַלע און ווידער געקלאַפּט, אָבער שוין פעסטער, שטאַרקער, אָהן צייט און אָהן געדולד און אידען לויפען אַרום ווי די פאַר'סמ'טע מייז, מען לויפט צום לייטישען קריסט און פונ'ם קריסט, מ'באַהאַלט זיך אין קעלערס, אין שפּייכלערס און מ'זעהט ניט, מ'דערקענט ניט איינער דעם צווייטען: יעדער איינציגער איז פאַרטאָן מיט זיך און אין זיך...

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט זיך ווידער דער לייטישער קריסט באַוויזען און דערצעהלט, אַז ווען זיי זיינען אַוועק, האָבען זיי איהם, דעם קריסט, פון הינטער דער טיר געהייסען זאָגען „קוקו־רוזאַ" און זיינען אַוועק...

דער קריסט האָט דאָס דערצעהלט און געלאַכט, און אידען האָבען מיט יאַשטשערקעס געלאַכט, מיט איהם צוזאַמען, און דאָס וואָרט קוקורוזאַ האָט אָנגעהויבען אַרומוואַנדלען פון איין אידיש מויל צום צווייטען, יעדער האָט זיך געפּלייסט אַרויסצורעדען דאָס וואָרט מיט דעם קלאַנג, ווי דער קריסט האָט דאָס געזאָגט:

קוקורוזאַ!

און איין איד און אַ צווייטער זיינען צוגעשטאַנען צום פרומען אידען מיט דער ווילדער באָרד:

— זאָל ער אָקאָרשט פּרוואווען זאָגען קוקורוזאַ!...

דער קריסט, צופרידען, וואָס ער איז אַ קריסט און אַ לייטי־שער קריסט, איז זיך אַוועקגעגאַנגען שלאָפען און אידען זיינען געבליבען אין הויף מיט אויפגעמונטערטער צורודערטקייט פון דער איבערגעלעבטער שרעק און מיט אַ וואָרט קוקורוזאַ, וואָס האָט זיך געבלאָנקעט אין די מידע אידישע מוחות און געשטאָכען, ווי אַ בלאָנדזשענדע נאָדעל אין לייב...

קוקורוזאַ!

אַ אידיש מויל האָט זיך צוגעכאַפּט צו אַ אידישען אויער און איהם האַלב שטיל, האַלב הויך איינגערוימט:

— קוקורוזאַ!...

איבערגעלעבט די שרעק און ניט פאַרזיכערט אויף דער שפּע־טערדיגער מינוט, מיט פולער שוצלאָזיגקייט און אומבאַהאָלפענ־קייט, שטעהט מען און מען דרעהט זיך ווידער אַרום מיט אידישער געדולד און אידישער הכנעה, מיט צונויפגעדריקטע הערצער, מיט צוריסענע געמיטער און מיט אברים, צובראָכענע פון טעג מיט נעכט, אויסגעמישט איינס אין דאָס אַנדערע, אריינגעשלעפּט דעם טאָג אין דער נאַכט, די נאַכט אין טאָג — עפּעס אַ לאַנגע פאַרט־זעצונג פון אַ וויסטער געשיכטע פון אַ גאַנץ פאָלק, וואָס איז אָפּ־געגעבען געוואָרען אויף הפקר מיט זיין האָב און גוטס און מיט זיין לעבען. און דאָרט, אין אַן עק הויף, שטעהט די סוכה, וואָס דער פרומער איד האָט אויפגעשטעלט אויף סוכות, זי שטעהט ווי אַ שטומער עדות, אַט די סוכה, אַן עדות פון אידיש וואַנדלען, פון אידישער היימלאָזיגקייט, פון אַ לאַנגער, לאַנגער אידישער גע־שיכטע פון עלענד און פיין. ווי אַ גרויס באַשעפעניש אָהן אַ קאָפּ שטעהט זי, די סוכה, אין הויף — שטום, איינזאַם און פרעמד...

ערגעץ, ניט ווייט און ניט נאָהענט, צווישען הימעל און ערד, ווי אַ פלוצלינגדיקע שרפה אין אַ פינסטערער נאַכט, האָבען זיך אין דער שטילקייט געשרייען דערהערט, און אַלע קולות זיינען עהנליך געווען איינס אויף דאָס אַנדערע, און געדאַכט האָט זיך, אַז עפּעס אַ גרויסע, איבערגעשראָקענע ווילדע בריאה שרייט אויף צעהנדליגער קולות מיט אַמאָל. און שרעקליך איז געווען דאָס שרייען, און שוידערליך איז געווען, וואָס מ׳האָט ניט געהערט, וואָס מ׳שרייט און וואו מ׳שרייט. און צוזאַמען מיט די קולות האָט זיך געהערט אַ קלאַפּעריי אין טאַצען, אַ קלאַפּעריי אין שטוים־לען, און אַלץ אויסגעמישט צוזאַמען, האָט זיך געדאַכט, אַז נאַכט און שטילקייט האָבען זיך צושריען און צווישען די קולות און קלאַ־פּעריי האָט זיך אימיצענס אַ גרויזאַם שווייגען געהערט, דאָס שווייגען פון יענע, וואָס האָבען באַהערשט גאַס און שטאָדט, ווע־מען ס׳איז געגעבען געוואָרען רשות איבער אידיש האָב און גוטס, איבער אידיש לעבען. — — — — — — — — — — — —

שפּעט ביינאַכט האָט זיך צווישען מזרח און דרום אַ ראָזע

שטיק, ווי א וואונד אויפ׳ן קראַנקען הערבסטיגען הימעל באַוויזען, און שפּעטער מיט עטליכע מינוט האָט זיך א דין רייפעלע פון דער סוף־חודש׳דיגער לבנה אַרויסגערוקט און גרוי געמאַכט די פינ־סטערניש, און גרוי און אומעטיג פון סוף־חודש׳דיגער שיין האָבען זיך הייזער מיט שוואַרצע פענסטער און גלאַנציגע דעכער באַוויזען און אידיאָטיש מיט נאַטירליכער גלייכגילטיגקייט האָט דאָס דינע סוף־חודש׳דיגע לבנה רייפעל אין הויף אַריין געקוקט און צוואַוואָר־פען איבער׳ן הויף א קראַנק בלאַסע שיין, און אידען האָט עפּעס אינווענינג שטום און וועהטאָגדיג פאַרדראָסען... ס׳האָט וועה גע־טאָן, וואָס דאָרט אויבען איז זיך אַלץ אַזוי ווי געווען, באַליידיגט און באַשפּיגען זיך געפיהלט פון דער אויבערשטער וועלט און אי־בעריג זיך געפיהלט אויף דער ערד. און אָפּגעריסען פון דער וועלט, אָפּגעשלאָסען פון גאַס און איינזאַם באַזונדער, האָט מען זיך אַרומ־געדרעהט ווי אויפ׳ן עולם התוהו, געקאָרטשעט און געבויגען, איינ־געהויקערט פון פּחד און קעלט מיט אַן אויסמיש פון א נעכטען מיט א היינט, מיט א סוף פון א זומער און מיט אַן אָנהויב פון א ווינטער, מיט א רייפעל פון א סוף־חודש׳דיגער לבנה, וואָס האָט אַראָפּגעקוקט מיט אידיאָטישער גלייכגילטיגקייט אויף הייזער, בוימער און אידישע קעפּ...

## פון מיין טאָג־בוך.

(חיה'לען).

1.

אויספאַרקויפט וואס מען האָט געקענט, איבערגעלאָזט דאָס, וואָס עס איז נויטיג געווען איבעצולאָזען, דרעה איך זיך אַרום פאַר זיך אַליין, איבעריג אויף די ערטער, וואו איך דרעה זיך אַרום... פרעמד איז שוין מיר שטאָדט, גאַס און הייזער... מיט פרייען געמיט קוק איך שוין אויף די „אָטשערעדען" (אָגאָנקעס, ליינס) וואָס ציהען זיך אין די גאַסען... איך האָב שוין מיטלייד מיט די מענשען, וואָס שטעהען נעבאך פון פאַרטאָג אָן און פריהרען — ווער נאָך א פונט ברויט, ווער נאָך א פּאָר פונט הירזש, וואָס קאָסט ביי דער קלייט, וואו זיי שטעהען, ביליגער מיט א פּאָר רובעל, ווי אין יענע קלייטען, וואו מ'שטעהט נישט... איך בין צוגעגאַנגען צו איין „אגאנעק" און געפרעגט, וואָס מען גיט דאָרט, האָט מיר געענטפערט דער, וואָס איך האָב ביי איהם געפרעגט, אז מען גיט צו צוויי שאכטלען שוועבעלאך, צו פונטען מאכאָרקע און צו פונטען זאַלץ.

אין דעם „אָגאָנעק" זיינען געשטאַנען מענשען פון ביידע געשלעכטער, אָנהויבענדיג פון גאָר אַלטע און גאַנץ מינדער־יעהריגע, און אַלע זיינען עס געשטאַנען נאָך די מאַכאָרקע מיט די שוועבעלאך.

אוועקגעגאַנגען צו א צווייטען „אָגאָנעק". דאָרטען האָט מען געגעבען צו פונטען זייף און צו דריי פונט סאָדע.

און אויך דאָ זיינען געשטאַנען מענשען פון ביידע געשלעכ־

טער, אַלטע, יונגע און מינדעריעהריגע. און אַלע זיינען געשטאַנען און געוואַרט, מען זאָל זיי געבען צו פונטען זייף און צו דריי פונט סאָדע.

— מעהר גיט מען דאָ גאָרניט?

— ניין.

— און ווען מען וואָלט יאָ געגעבען?

יענער קוקט מיך שוין אָן...

— ווען מען וואָלט, אַשטייגער, געגעבען צו פלעשלאַך גומי־ראַביקע, צו טינטערם טינט און שטיקלאַך קאַליפאָניע...

אָט אַזוי בין איך עס געשטאַנען ניט אַלע מאָל נאָך דעם, וואָס איך האָב באַדאַרפט, נאָר נאָך דעם, וואָס איינע אַ קלייט האָט געגעבען... שטיקער נעכט און גאַנצע פריהמאָרגענס אויף ניט נויטיגע און ניט ניצליכע זאַכען, אַוועקגעגעבען... אַ פּאָר יאָהר זיינען אַזוי אַוועק... מיט מחשבות און שמועסען וועגען עסען איז אַוועק אַ שטיק צייט פון מיין לעבען... אַרומגעבלאָנדזשעט מיט אַ פוסטער נשמה און מיט אַ ליידיגען מאָגען... גרויסע טעג און קליינע נעכט, גרויסע נעכט און קליינע טעג איז ביי מיר אַוועק מיט גאָר נישט טאָן, מיט שלעכט שלאָפען און ווינציג עסען, אָבער... איצט ווער איך שוין פטור דערפון. מיר פאָהרען שוין, איך ווייס נישט ווען, אָבער מיר פאָהרען... דאָס לעצטע מאָל געה איך אַרום און באַטראַכט קיעוו. קוק, ווי אַ שטאָדט הונגערט און פריהרט, באַטראַכט די פענסטער פאַרקלאַפּט מיט „דיקט” און די ווענט, וואָס רויכערען ליוולקעס.

געזעהן אַ געפּגר'ט פערד ליגען מיט אַביסעל היי אונטער דער מאָרדע... די ביינער פון הינטער דער פעל שטאַרצען ווי רייפען אַרוים... אַ פּאָר הינט האָבען שוין געמאַכט אַ גאַנצען חלל אונטער'ן עק... קוקען זיך אום מיט פאַרבלוטיגטע מאָרדעס...

מענשען גרויסע, ווי קינדער קליינע שלעפּען זיך מיט שליטעלאַך אַרום, מען פיהרט אַריבער אייניגע זאַכען, פּרעמדע, פון איין אָרט אויפ'ן אַנדערען... אָט שלעפּען צוויי פריילינס אַ

שליטעלע מיט אַ קאָרב און אַ רויטע קאָלדרע פון אויבען, און דאָרט, וואָס שלעפען עפּעס צוויי פּאַרשוין?... עפּעס אַ לאַנגס, אַ פּאַרוויקעלטס... הינטען שמעלער, ווי אויבען...

אַ צייט אַ וויסטיגע... „ער" איז נאָך דאַ, נאָך נישט באַ־גראָבען און איז שוין אַזוי עלענד, ווי ער וואָלט שוין אין קבר געלעגען... אייגענע שעמען זיך נאָכצוגעהן... און ווער זיי־נען די צוויי פּאַרשוין, וואָס שלעפּען „דאָס פּעקעל"? געדונ־גענע. אפשר צוויי זיהן, אפשר אַ זוהן מיט אַן איידעם... אָדער גאָר באַקאַנטע...

איך וויים דען, ווער עס איז דאָרט אין אַ פּעקעל פאַר־פּאַקט...

אָט טראָגט איינער אַ בולקע (אַ חלה) און יעדער קוקט איהם נאָך. יעדער באַמערקט, ווי איינער אַ מענש טראָגט אַ גאַנצע בולקע. איינער און אַ צווייטער שפּרינגט איהם פון אַ זייט אַרויס. פרעגט וואו געקויפט, וויפיל באַצאָהלט, און דער גליק־ליכער ענטפערט אַלעמען.

דאָס אַלץ וועל איך ווען־עס־איז באַשרייבען, האָב איך גע־טראַכט... אינטערעסאַנטער פון אַלץ זיינען די עלעגאַנטע מייד־לאַך — פאַרפוצטע, די פיס אָהן זאָקען.

באַגעגענט מיך אַ באַקאַנטער, אַ קרוב למלכות... געהערט, אַז איך פאָהר, פרעגט ער, ווען איך פאָהר און איז מיר מקנא, וואָס איך פאָהר...

מיר פאָהרען מיט אַ גאַנצער „קאָמפּאַניע", ווער די קאָמ־פּאַניע איז — וויים איך נישט, אָבער איך וויים, אַז די קאָמ־פּאַניע איז נאָך ניט גרייט צום פאָהרען. ווען זי וועט גרייט זיין, וועלען מיר זיך עס דערוויסען פון דעמזעלבען מענשען, פון וועמען מיר וויסען, אַז זי, די קאָמפּאַניע, איז ניט גרייט. דער מענש — דאָס איז דער פיהרער אונזערער, אַ הויכער אוקראַאינעץ אין אַ קוטשמע אַ באַראַשקענע, אין אַ פּאַלטאָ און אין שטיוועל... אַן אָפּגעקראַבענער פון קאָפּ ביז פיס... אויף איין אַקסעל אַ גרויסע לאַטע און מיר איז איינגעפאַלען, אַז דאָרט מוז ער האָ־

בען געלד פאַרנעהמט... אַט דער פאַרשוין נעמט זיך אונטער, אונז אַריבערצושטעלען אויף דער פוילישער ערד, דאָס הייסט, אויף דער ערד, וואָס איז איצט פאַרנומען פון די פּאָליאַקען. דערפאַר באַקומט ער פון יעדע פּערזאָן פינף טויזענט רובעל. אַ העלפט גלייך אויפ׳ן אָרט, די צווייטע העלפט דאָרט, ווען ער וועט אונז צושטעלען אויפ׳ן אָרט. ער לאָזט זיך גאָר נישט רייד־דען, אַט דער כיטרער פּעטליוראָוועץ. עס איז נישט אונזער עסק. אויב מיר גלויבען איהם נישט, קען ער אונז באַווייזען בריף, וואָס ער אַליין האָט מיטגעבראַכט פון יענע פאַרשוינען, וואָס ער האָט אַריבערגעפּעקעלט אויף יענער זייט... נישט אונ־זער עסק, ווי אַזוי, וואָס, ווער און ווען. ער נעמט אַליין אַרויס ביים פּוילישען קאָמענדאַנט אַ פּשעפּוסקע און זעצט אונז אַריין אין אַ פּוילישען צוג און מיר פאָהרען.

פילע לאַכען פון אונז נאָך וואָס דאַרפען מיר איהם אײנ־גאַנצען. מיר קענען אַזוי אויך גרינג אַריבערפאָהרען.

טאָג־טעגליך באַזוכען אונז מענשען, גוטע פריינד, קרובים און אונבאַקאַנטע, וואָס האָבען אייגענע אין קאָוועל. יעדערער ברענגט אונז בריף און גרוסען איבערצוגעבען דאָרט, וואוהין מיר פאָהרען... זיי ריידען אַ סך... אַ שווערע נסיעה... זיי וואָלטען אויך געוואָלט פאָהרען.. ווינטער... קינדער... אַ גרויסע הוצאה... און זיינען אונז שטאַרק מקנא, וואָס מיר פאָהרען.

פיל געננג און לויפענישען געהאַט פאַר׳ן פאָהרען, געלאָפען צו ציוניסטען און קאָמוניסטען גלייכצייטיג און מעהר, ווי צו די און יענע, אין דער „קולטור־ליגע" פּיס און שיך גע׳פטר׳ט.

פון אַלע אַרבייטען געמוזט זיך אָוועקזעצען, די שיך פאַר־ריכטען... זיך צולעגט מיט׳ן שוסטער־געצייג, אַראָפּגעוואָרפען די שיך, ערשט — מ׳קלאַפּט.

די בעל־הבית׳טע אונזערע מאַכט זיך אַלע מאָל טויב, ווען מ׳קלאַפּט אין טיר. איך מוז אַליין געהן באַרוויסערהייט עפענען.

אַ מיידעל איז אַריינגעקומען און געפרעגט אויף מיר, האָב איך איהר געזאָגט, אַז דאָס בין איך... האָב זיך פאַרשעמט, וואָס

איך בין באַרוועס און נישט גוט געפיהלט, וואָס איך האָב אויס־געזעהן פיל קלענער פון איהר.

אריינגעגאנגען מיט איהר אין צימער, האָב איך געפרעגט, וואָס זי דאַרף מיך. זי האָט געזאָגט, אַז זי איז אַן אַרכעוועער און וויל פאָהרען קיין אַרכעוו.

— נו?

זי האָט געהערט, אַז מיר פאָהרען קיין קאָוועל, וואָלט זי גע־וואָלט פאָהרען מיט אונז צוזאמען.

געקוקט אויף איהר פּנים און געשטוינט: איך האָב נאָך אויף מיין לעבען אַזאַ מיאוס'קייט ניט געזעהן. אָבער אַן אינ־טערעסאַנטע מיאוס'קייט, אַ קלאַסישע.

אין אַזאַ אָריגינעלער קלאַסישער מיאוס'קייט, האָב איך מיר געטראַכט, קאָן מען זיך אַמאָל פאַרליבען...

— אָה, פאַרוואָס ניט? זי קאָן מיט אונז מיטפאָהרען, אָבער זי באַדאַרף וויסען, אַז מיר פאָהרען מיט אַ פיהרער, און דער פיהרער נעמט פון יעדער פּערזאָן פינף טויזענט רובעל.

אַ טראַכט געטאָן און געזאָגט, אַז זי פאָהרט שוין מיט אונז ניט.

איך האָב רחמנות געהאַט אויף איהר און זי צוגערעדט, זי זאָל ניט קוקען אויפ'ן געלט, אַנדערש קאָן זי נאָך ערגעץ פאַר־פאַלען ווערען אויפ'ן וועג...

זי האָט זיך פאַרטראַכט, נאָכדעם געקוקט שמייכלענדיג אויף מיר און אויף מיין אַרבייט און געזאָגט, אַז זי ווייסט ווער איך בין.

— אַ שוסטער!... — האָב איך געזאָגט.

זי האָט קלוג געשמייכעלט.

זי קען מיך אויפ'ן געזיכט אויך.

— דהיינו?

זי איז געבען מיר, ס'הייסט הינטער מיר, אַ פּאָר שעה אין „אַגאָנעק" געשטאַנען. דעמאָלט האָט זי ניט געוואוסט ווער איך בין, אָבער איהר איז שטאַרק געפעלען געווען, וואָס איך האָב דערצעהלט איינער, וואָס איז געשטאַנען פאַר מיר, ווי איינער אַ

יונגערמאַן האָט צוגעשיקט דער געליבטער זיינער פינף פונט בולקע אַ מתנה.

— אָ, יאָ, ריכטיג.

איצט ערלויבט זי זיך ביי מיר צו פרעגען: צי איז דאָס אמת?

נאָך בעסער געדענקט זי די צווייטע זאַך, וואָס איך האָב דער־צעהלט, ווי איינע, אַן עלטערע פרוי, איז זעקס שעה געשטאַנען צווישען הונדערטער מענשען נאָך אַ פּאָר פונט ברויט... ס'האָט שוין געהאַלטען ניט ווייט פון איהר, און פּלוצים איז פון באַלקאָן, אונטער וועלכען זי איז געשטאַנען, אַ שטיין אַראָפּגעפאַלען און האָט זי אויפ'ן אָרט דער'הרג'עט...

געזעהן, אַז איך שווייג, האָט זי מיסטיש צוגעגעבען:

— ניט וויכטיג, צי ס'איז, צי ניט... דאָ איז אָנגעוויזען אויף צוויי מזלות... איינער האָט אומגעריכט באַקומען פינף פונט ווייסע בולקע און אַ צווייטע איז זעקס שעה געשטאַנען נאָך אַ פּאָר פונט ברויט און געכאַפּט אַ שטיין אין קאָפּ אַריין.

— יאָ, דאָס צווייטע איז אמת... אַליין געווען דערביי און קיינער האָט זיך פון אָרט ניט געריהרט, מורא געהאַט דעם „אָנגאָ־נעק" צו פאַרלירען.

— פאַר דער צייט האָבען זיך מענשען באַוויזען מיט אַלע זייערע געמיינע אינסטינקטען, — האָט דאָס מיידעל געזאָגט, — פאַראַלעל מיט די שעהנע, ווי שוואַמען וואַקסענדע אידעאַלען, פאַר וועלכע אַנדערע גיבען זייער לעבען אַוועק...

— אין אַ וואַלד, — האָב איך באַמערקט, — וואַקסען איינס נעבען דאָס אַנדערע גוטע, נאַרהאַפטע און גיפטיגע שוואַמען. אין פעריאָד פון וואַקסען וואַקסט אַלץ, אי בלומען, אי דערנער...

2.

זי האָט זיך אָפּגעזעגענט, מיר געוואונשען אַ גליקליכע רייזע און האָט פאַרלאָזט דאָס צימער. אין אַ ווײַלע אַרום איז זי צוריק אַריינגעקומען.

זאָל איך איהר אנטשולדיגען, זי זעהט, ווי איך מאך מיר אליין צורעכט די שיך.

— אַט אַזוי, ווי דאָס פריילין זעהט.

זי ווייזט מיר איהרע שיך:

— ביי איהר זיינען אויך די שיך צוריסען.

— יאָ, איך זעה...

— פאר צוויי לאַטקעלאַך וויל מען ביי איהר צוויי הונדערט רובעל... אויף צוויי פונט ברויט, זאָגט דער שוסטער, וויל ער.

פארשטאַנען, אַז עפּעס וויל זי שוין פון מיר...

זי האָט ניט אַלע נויטיגע זאַכען. ווען זי האָט זיי, וואָלט זי אויך אַליין פאַרריכט די שיך.

געבעטען זיך אַוועקזעצען, איהר אויסגעשניטען צוויי לאַט־קעלאַך, געגעבען אַז אָל מיט אַ נאָדעל־פאָדעם. זי האָט גלייך אַראָפּגעוואָרפען די שיך און איך האָב איהר געוויזען ווי אַזוי דאָס צו מאַכען.

ביי דער אַרבייט אַ סך גערעדט. איך האָב זי געפרעגט, פאַר־וואָס זי וויל אַוועקפאָהרען.

— דאָ מוז מען זיין אַקטיוו, — האָט זי געענטפערט, — דאָ מוז מען זיין אַקטיוו, פּונקט ווי יענע, וואָס געפינען זיך צווישען די כוואַליעס פון שטורעמדיגען ים. דאָ זיין פּאַסיוו מוז מען אונטערגעהן... אָבער ניט אַלע מענשען זיינען פון נאַטור בארופען צו אַקטיוויטעט.

מיין פרוי איז אַריינגעקומען מיט אַ פּאַרעל, קענטיג — מאַן און ווייב. די פרוי מיינע האָט זיך שטאַרק פאַרשעמט פאַר'ן פּאָרעל מיט דער אַרבייט מיינער און צומישט געקוקט אויף דער אומבאַקאַנטער שוסטערקע... דאָס פּאָרעל האָט מיך עפּעס ווי געוואָלט פאַרענטפערען פאַר זיך אַליין און זיך צושמועסט וועגען גרויסען יקרות, וואָס וואַקסט פון טאָג צו טאָג, און גליקליך זיינען יענע מענשען, וואָס קאָנען אַליין טאָן, אַט אַ שטייגער, דאָס, וואָס איך טו... מ'דאַרף אַלץ קאָנען. אַט זאָל דער מאַן, האָט געזאָגט

דאָס ווייב, זעהן און זיך לערנען ביי מיר. ביי אזא צייט דארף מען אלץ קאָנען.

דערקענט, אז דאָס איז א שעלמאַ, אז ס׳הויבט איהר גאָרניט אָן צו ארען, וואָס דער מאַן איהרער קאָן ניט די מלאכה פון שוס־טעריי, אז, פארקערט, זי פיהלט זיך שוין גאָר גוט אנטקעגען מיין פרוי, וואָס איהר מאַן פארנעמט זיך ניט מיט דער מלאכה.

— וועגען וואָס אייגענטליך זיינען מאַן און ווייב געקומען?

זיי זיינען קאָוולער, געהערט, אז מיר פאָהרען קיין קאָוועל, האָבען זיי געבראַכט א בריף קיין קאָוועל.

דער גורל, וואָס האָט אָט די אלע בריף פון אלע קאָוולער קיין קאָוועל ערוואַרט, האָב איך גאָר מיט מיין פרוי געוואוסט... איך האָב גוטמוטיג די בריף ביי זיי צוגענומען, געמיינט פטור צו ווערען פון דעם נודנעם פאָר־פאָלק, אָבער, זעהט אויס, אז זיי האָ־בען געמיינט, אז זיי מוזען יוצא זיין, אז זיי דארפען ערשט נאָכ׳ן בריף א ביסעל פארברענגען ביי אונז... די פרוי האָט זיי א פּאָר מאָל געבעטען זיצען, ערשט ביים זעקסטען מאָל האָבען זיי זיך אָפּגעזעגענט און זיינען אוועק...

ביי מיין שוסטערקע איז די ארבייט געגאַנגען ניט שלעכט, אָבער איך האָב געזעהן, אז זי פיהלט זיך ניט גוט אין דער געגענ־וואַרט פון מיין פרוי.

— דאָס פריילין, — האָב איך געזאָגט צו מיין פרוי, וויל מיט אונז מיטפאָהרען... זי איז אליין אַן ארכעווער און וויל פאָהרען קיין אָרכעוו.

* * *

דער פיהרער איז געקומען דינסטאָג און געזאָגט, אז מיר פאָהרען דאָנערשטאָג. גאַנצע טעג האָט זיך די טיר ניט פארמאַכט.

מענשען זיינען אריין און ארויס. מ׳איז געגאַנגען צו אונז צוליב אונז און צו אונז פאר זיך און פאר אנדערע, ס׳הייסט פאר יענע, וואָס וואוינען אין דער שטאָדט, וואוהין מיר פאָהרען. יעדערער האָט געבראַכט א בריף מיט גרוסען פאר קאָוולער איינ־וואוינער, וואָס איך קען ניט, האָב זיי קיינמאָל ניט געזעהן און

ניט געהערט פון זיי, און זיי אַליין, די, וואָס האָבען געבראַכט די בריף מיט די גרוסען, האָבען שוין אַליין אויך ניט געוואוסט, צי די אָדער יענע פערזאָן געפינט זיך נאָך אין דער שטאָדט, וואוהין מיר פאָהרען, ווייל שוין אַ פּאָר יאָהר, אַז זיי הערען און ווייסען פון זיי גאָרניט. מ'איז געזעסען און געשטאַנען וויפיל יעדען האָט זיך געגלוסט זיצען און שטעהן, זיך שוין גאָרניט גערעכענט מיט אונז, פונקט ווי מען רעכענט זיך ניט מיט אבלים, וואו דער מת ליגט נאָך אין שטוב... דאָס צימער איז געווען פול מיט מענשען און פעקלאַך און צורוקטע מעבעל, וואָס איז ניט געשטאַנען אויפ'ן אָרט. אַלע האָבען גערעדט ·ועגען אונז און וועגען אונזער נסיעה, מיר זיינען גליקליכע מענשען, וואָס מיר פאָהרען...

אימיצער גיט אַ ניס און אימיצער טייטשט עס פאַר אונז צום גוטען...

ס'פיהלט זיך דאָס ערב פאָהרען... אייגענע האָבען פולע אויגען... פרעמדע, אומבאַקאַנטע ווייבער קושען זיך מיט מיין פרוי, געזעגענען זיך מיט מיר און ווינשען אונז ביידען אַ גליק־ליכע רייזע...

פריה שטאַרבט איין טאָג נאָכ'ן אַנדערען, שטאַרבט אין וואָל־קען און אין שניי... דאָס צימער איז פול מיט מענשען, מיט שאָ־טענס פון מענשען און מיט לופט און וואַרימקייט פון מענשען. מאָמענטענווייז פאַרגעס איך, ווייס ניט, צי בין איך ביי די אַלע באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע מענשען, צי זיי ביי מיר... איך פיהל מיך נישט היימליך... שווערע, נעבעלדיגע שטימונגען פרעסען מיין האַרץ... איך וואָלט געוואָלט האָבען אימיצען איבער זיך, ער זאָל מיר ניט לאָזען פאָהרען, אָדער עס זאָל עפּעס געשעהן אַזעלכעס... דאָנערשטאָג זיינען מיר שוין פאַרפּאַקט. אויף פרייטאָג איז נאָר געבליבען דאָס בעטגעוואַנט צו פאַרפּאַקען. פון פאַר־נאַכט אָן האָבען זיך געקליבען צו אונז מענשען זיך געזעגענען. די פרוי מיינע האָט נאָך תחילת אָוונט אָנגעצונדען אַ ליכט (וועגען עלעקטריע איז ניט געווען וואָס צו טראַכטען) און האָט זיך ארומ־געדרעהט מיט דעם פון איין אָרט אויפ'ן אַנדערען און פאַרטריפט

די פעקלאַך און די פּאַדלאָגע מיט סטעארין, און ס'האָט זיך גע־דאַכט, אַז ווייסע קנעפּעלאַך ליגען צושאָטען דאָ און דאָרט... דאָס האָט נאָך מעהר ענגשאַפט, מעהר כאַאָס, מעהר אומאָרדנונג צו־געגעבען. זי איז צוטומעלט, די פרוי מיינע... איך דערקען אָן איהר, אַז זי ווייסט ניט, וואָס מיט איהר טוט זיך... מיר דאַכט זיך, אַז אַ לעבעדיגער שאָטען דרעהט זיך אַרום און ס'באַקומט זיך אַן איינדרוק, אַז ניט זי טראָגט דאָס ליכט, נאָר אַז דאָס ליכט טראָגט זי אַרום פון איין אָרט אויפ'ן אַנדערען... איך בין צוגעגאַנגען צו איהר און געזאָגט, זי זאָל זיך אַוועקזעצען... מיר דאַכט, אַז זי האָט יעצט אויך אין זינען יוצא צו זיין פאַר מענשען... וואָס, ניט אַזוי? טאָ וואָס־זשע דרעהט זי זיך אַרום, נאָך וואָס?

אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפען, אַ גאַנצע נאַכט געצונדען פייער און געטרונקען וואַסער... די נאַכט האָט זיך געצויגען אומגעהויער גרויס, געוואַכט מעהר ווי צעהן גרויסע זומער־טעג צוזאַמען, און... דאַכט זיך, געשלאָפען אויך ניט ווינציג, און די נאַכט איז נאָך אַלץ אַ נאַכט געווען, געבלייבט זיך מיט די פעקלאַך... זיי זיינען, דאַכט זיך, אין מיר, אָט די פעקלאַך, געלעגען, געדריקט מיך מיט זייער שווערקייט און בלאַסקייט... פעקעל־אומעט, פעקעל־שווערקייט... מיט באַהאַלטענע אין מיר שאָטענס פון שווערע טאָג איבערלעבונגען און מיט אַ גאַנץ נעבעלדיגער אין שווארצע שאָטענס געהילטער פאַרשטעהענדער רייזע...

גאַנץ פריה אויפגעשטאַנען, אָנגעטאָן אויף זיך פינף העמדער, פינף פּאָר גאַטקעס, צוויי פּאָר הויזען... דיק געוואָרען, שווער באַ־וועגליך, געשטאַנען ווי אַ סטויפ, געזעסען ווי אַ קלאָץ, אַרומגעגאַנ־גען ווי מעוברת.

דער היימישער עולם הויבט זיך אָן פריה צונויפקומען, איי־גענע קומען, ניט קיין געוואַשענע און ניט געשוווענקטע מיילער. דער שוואָגער מיינער פּאַקט דאָס בעטגעוואַנט, ער איז זעהר גענייט און געשיקט אין דער אַרבייט, דער שוואָגער מיינער.

אַרום עלף אַזייגער איז געקומען דער פיהרער און געזאָגט:

— מ׳פאָהרט היינט ניט. היינט איז קיין צוג ניטאָ. ערשט מאָנטאָג, מאָנטאָג וועט זיין אַ צוג.

מאָנטאָג, 12טער יאַנואַר.

מיר פאָהרען. דער פיהרער איז געקומען און געזאָגט, אַז מיר פאָהרען.

מיך פיבערט... נעבעלדיג ווילט זיך, אַז... ס׳זאָל נאָך אָפּ־געלעגט ווערען... אָבער... ניין, זאָל שוין מעהר אַזעלכעס ניט געשעהן... די פּאָר טעג האָט מען שוין גאָרניט געלעבט, ווי ביי זיך אין דער היים... אויף אַ פרעמדער פוהר... דאָס אייגענע צימער איז פרעמד געווען... און טעג פאַר אַ שטאָדט מיט מענשען, וואָס דאַרפען זיי... טעג מיט נעכט... פּאַר מיר איננאַנצען אי־בעריגע... גאָרניט פאַרלאַנגט פון טאָג און נאַכט, נאָר געוואָלט, זיי זאָלען וואָס גיכער אַוועקגעהן... ווי אַן אָקרענט אַ צובראָכע־נער, אויסגעשפּיגען אויפ׳ן ברעג פון וואַסער און כוואַליע, אַזוי האָב איך זיך געפיהלט ארויסגעשטויסען פון שטאָדט און שטאָרמיגען שטורעם, איננאַנצען רואינירט, געבליבען אַ פּאָר פּעקלאַך געצעהלטע... צייכענס גרויע פון באַהן און פאָהרען, פון וואַג־לעניש און נע־ונד זיין...

פּאַרנאַכט. אַ פופצעהן מענשען באַגלייטען אונז פון הויף ארויס און אַ ווינטערדיגער רעגען, מעהר קאַלט ווי נאַס און מעהר נאַס ווי קאַלט, פאַלט זיך לאַנגזאַם מיט ווינטער־נעץ, מיט ווינטער־קעלט און מיט ווינטער־אומעט.

אַ דראָזשקאַרזש האָט געוואָלט פינף הונדערט רובעל צום וואָקזאַל. אויסגעדונגען זיך פאַר פיר. איך געזעגען זיך און קוש זיך און וויים ניט מיט וועמען איך געזעגען זיך און קוש זיך... אַ שטיל געוויין, אַ שטיל כליפען... זיך אויפגעזעצט אין דרייען (דער דריטער — דער שוואָגער מיינער) און אוועקגעפאָהרען.

ניט לאַנג געוואַרט און געפאָהרען... צוריק. אָפּגעלעגט גע־וואָרען אויף איבערמאָרגען פרייטאָג...

צוריק זיינען נאָר די זאַכען געפאָרען. דאָס האָט געקאָסט צוויי הונדערט רובעל. איינער, אַ גרויסער, האָט געשלעפּט דאָס

שליטעלע און מירביידע, איך מיט מיין שוואָגער, האָבען אונ־טערגעשטופט פון הינטען. דער וועג איז געווען זעהר א שלעכטער, מעהר שטיינער ווי שניי.

פאַרפאָהרען צום שוואָגער.

אוים גאַסטפריינדליכקייט, האָט די שוועגערין געמיינט, דאַרף זי זיין צופרידען... געטרונקען ביי זיי טיי מיט אונזער צוקער, געגעסען אונזער צידה לדרך מיט זייער מעסער און גאָפּעל און, פאַרמאַטערטע, ווי מיר וואָלטען געקומען פון א וויטען וועג, פון א לאַנג דויערענדער רייזע, זיך געוואָרפען אויף פרעמדע געלעגערס און גאַנץ געשמאַק איבערגעשלאָפען די נאַכט.

פרייטאָג, שבת, זונטאָג, מאָנטאָג, דינסטאָג.

איך פיהל מיך, ווי א שטיף־קינד אין שטאָדט. באַקאַנטע און פריינד מיינען, אַז מיר זיינען שוין אוועקגעפאָהרען און דערפאַר וויל איך זיך אין גאַס ניט ווייזען, באַזונדערס פאַר נאָהענטע פריינד, נאָכ׳ן קושען זיך און וויינען...

מיטוואָך.

א גאַנצען טאָג האָט געשיינט די זון און איך האָב מיך אין גאַס ניט געוויזען. מ׳האָט געזאָגט, אַז אין דרויסען איז זעהר וואַרים.

דאָנערשטאָג.

קיינער ווייזט זיך ניט... א סברה, אַז מ׳וויסט, אַז פיל זיי־עריגע ווייסען, אַז מיר זיינען ניט געפאָהרען, נאָר מ׳מאַכט זיך ניט וויסענדיג... געקומען איז נאָר מיין פרוי׳ס פּלימעניצע מיט די קינדער. זי האָט זיך געקושט מיט מיין פרוי און געהאַט שטאַרקע יסורים, וואָס מיר זיינען נאָך ניט געפאָהרען...

דאָנערשטאָגדיגע נאַכט שוין ניט געשלאָפען, ווי די פאָריגע נעכט. אויפגעשטאַנען פרייטאָג מיט טאָג גליידך, זיך ווידער אָנ־געטאָן אין די פינף העמדער מיט די פינף פאָר גאַטקעס און צוויי פאָר הויזען. די פּלימעניצע איז נאָך פאַר טיי געקומען. זי איז געקומען זאָגען... אפשר זאָלען מיר שוין ניט פאָהרען. אַז עס דרעהט זיך אזוי, וואָלט זי אונז גע׳עצה׳ט, ניט צו פאָהרען...

יאָ, מיר וואָלטען שוין ניט געוואָלט פאָהרען, נאָר דאָס האָט זיך שוין גאָרניט אָן אונז געווענדט און איך האָב זיך ניט געקאָנט אָפּהאַלטען, געמוזט זאָגען דער איבערגעגעבענער פּלימעניצע, זי זאָל קיין נארישקייטען ניט רעדען.

פאר'ן פאָהרען געהאַט גאָר אַ קליינע „לויה" — פון דריי פערזאָן. דער שוואָגער האָט אונז ווידער באַגלייט אויפ'ן וואָקזאַל. איך האָב זיך געשפּירט זעהר נידערגעשלאָגען. די נערוועז צו־רייצט און אויפגערעגט און איך האָב שוין ביי זיך פעסט באשלאָ־סען, אויב מ'פאָהרט היינט ניט, פאָהרען מיר שוין ניט.

יאָ, מ'פאָהרט. אין אַ שעה אַרום. נאָך אונז איז געקומען דער פיהרער מיט אַ פעקעל אויף די פּלייצעס, מיט איהם דער קרעמעניצער יונגערמאַן (שוין באַקאַנט מיט איהם), וואָס פאָהרט קיין קרעמעניץ, ער אויך מיט אַ פּעקעל אויף די פּלייצעס.ביידע זיינען געקומען צו־פוס. נאָך זיי איז אָנגעקומען די איבעריגע קאָמפּאַניע: פיר דאַמען מיט אַ הויכען מאַנספּאַרשוין. זיי פאָה־רען אויך קיין קרעמעניץ. אַלע זיינען דיק און שווער באוועגליך פון אָנגעפּעלצטקייט, די קעפּ — פארוויקעלט.

די גאַנצע קאָמפּאַניע אונזערע איז געשטאַנען אויף דער ראַמ־פּע. אריינשטופּען זיך אין וואָקזאַל אריין איז געווען אוממעגליך. דאָרט איז געווען אַזוי געפּאַקט מיט מענשען, אַז מ'האָט ניט אָנ־געזעהן קיין באַנק, קיין טיש, קיין פּיצעל פּאָדלאָגע. באַלעגט און באַזעצט איז דער וואָקזאַל געווען מיט ליגענדיגע, מיט זיצענדיגע און מיט שטעהענדיגע מענשען, אַס מייסטען אין גרויע שינעלען. און געדאַכט האָט זיך פון ווייטען, אַז גרויסע, זעהר גרויסע צוויי פוסיגע ווערים זיינען באַפּאַלען טיש און בענק און פּאָדלאָגע און רויהען זיך איינס אין דאָס אַנדערע... אַ כאַאָס, אַ צונויפמישונג פון קולות אָהן ווערטער. מ'עסט, מ'רויכערט און... מ'שלאָפט.

באַקומען בילעטען. מיט אַ שעה אָנדערהאַלבען פריהער פאַר דער באַשטימטער שעה, וואָס אונזער צוג האָט באַדאַרפט אַוועק־געהן, האָבען מיר זיך אויסגעזעצט אויף דער ראַמפּע אויף אונזערע פּעקלאַך, איינס נעבען דאָס אַנדערע זיך אויסגעזעצט ווי איין פאַ־

מיליע, גאַנץ געמיטליך און גערולדיג אָפּווארטען די שעה־אַנדער־האַלבען אויפ'ן צוג.

פּלוצלינג האָט א שטארקער צפון ווינט אָנגעהויבען בלאָזען מיט אזא אימפּעט, ווי ער וואָלט ערגעץ געווען געלעגען באַהאַלטען און נאָר געוואַרט, מיר זאָלען זיך אויסזעצען, אום זיך א וואַרף צו טאָן אויף אונז מיט קעלט, מיט ווינטער און שניי. אין איינע פּאָר מינוט זיינען מיר אַלע און אַלץ ארום אונז ווייס געוואָרען, זיך צונויפגעגאָסען מיט די פּעקלאך און די פּעקלאך מיט אונז...

די אַנדערהאַלבען שעה זיינען איבערגעגאַנגען און מיר זעהען ניט און הערען ניט קיין צוג... אין דער גאַנצער וואָקזאַל געגענט און וואָקזאַל סביבה הערט מען ניט קיין פּייף פון קיין לאָקאָמאָטיוו. דאָ און דאָרט שטעהט א וואַגאָן און צוויי, וואָס באשטעהען פון גאָלע ווענט מיט האַלב אָפּענע ברייטע טירען, וואָס האַלטען פאַר־מאַכט הינטער זיך ליידיגקייט און פוסטקייט. פון שניי זיינען צונויפגעגאָסען רעדער מיט רעלסען, וואָס גיט צו נאָך מעהר אומ־באַוועגליכקייט די שטעהענדיגע וואַגאָנעס.

ווען מ'איז נאָר חושד, אז ער שטעהט נאָהענט צום וואָקזאַל און באַהן, פרעגט מען, ווען געהט אָפּ אונזער צוג, ס'הייסט דער צוג, וואָס מיר האָבען נאָך אין די אויגען ניט אָנגעקוקט. איינער ענט־פערט, אז ער ווייסט ניט, א צווייטער רופט אָן א שעה, אָבער שפּעטער דערווייסען מיר זיך, אז דער, וואָס האָט כלומר'שט גע־וואוסט, האָט אויך ניט געוואוסט.

די נאכט ווערט קעלטער און בייזער, בלאָזט מיט פּראָסטיגען ווינט און שמייסט מיט שטעכענדיגען שניי. איין פּאַרשוין נאָכ'ן צווייטען הויבט זיך פון פּעקעל, געהט זיך דורך צו דערוואַרימען די פאַרזעסענע, פאַרגליווערטע אברים... אין מיטען דער ראַמפּע, ווייטליך פון אונז, באַוועגט זיך א פּעקעל, איבערגעדעקט מיט עפּעס... אַלע באַמערקען עס, ווייל אַלע האָבען געמיינט, אז ס'איז א פּעקעל... דאָס פּעקעל האָט זיך פון אָרט געריהרט, זיך אָפּגע־רוקט. ווען איך בין צוגעגאַנגען, האָב איך דערזעהן — א שנירעלע, טיף איינגעשניטען אין שניי...

די נאַכטיגע שעה'ן ציהען זיך אומגעהויער לאַנג און פון ווייטען שטעהט דער גרויסער וואָקזאַל, מיט די גרויסע באַלויכטענע פענסטער, וואָס דערצעהלען פון נאַכטיגער פאַרוואָגלעניש, דערצעהלען פון טויזענטער מענשען, וואָס דער גורל האָט ארויסגעוואָרפען פון די הייזער, אָפּגעריסענע גלידער פון שטאָדט... דער וואָקזאַל, דער מאָגען פון שטאָדט, וואָס נעמט אריין און וואַרפט פון זיך ארויס טויזענטער מענשען אַ מעת־לעת, זעהט איצט אויס, מיט זיינע פאַרשוויצטע פענסטער, ווי פאַר'חלש'ט פון איבערגעפּולטקייט, ווי ער וואָלט געוויינט פון ניט־גוטקייט... דאָרט זיצען פיל מענשען, וואָס וואַרטען שוין וואָכען לאַנג אויף אַ צוג... זיצען און בייטען ניט די ערטער, עסען, מיסטיגען און שלאָפען אויף די זעלבע ערטער.

דער פיהרער אונזערער ווערט אָפּט פאַרשוואונדען און קומט אַלע מאָל מיט עפּעס נייעס: קיין מאַשין איז ניטאָ, קיין האָלץ איז ניטאָ. ער מיינט זיכער, אַז ער טוט אונז אַ גרויסע טובה, ערקלערענדיג די סיבה פון אונזער ניט פאָהרען, אָבער ער איז אונז מבטיח:

— פּאָיעדעם!

ער רעדט אוקראַאיניש, אָבער ער בראַקעוועט ניט אויך מיט רוסיש... ער האָט שוין דערשמעקט, אָט דער כיטראַק, מיט וועמען ס'איז גינסטיגער פאַר איהם צו רעדען אויף דער אָדער אויף יענער שפּראַך.

דער גרוזין איז כמעט די גאַנצע צייט אויף די פיס. איהם איז שווערער ווי אונז אַלעמען די קעלט איבערצוטראָגען. דער קאָפּ איז איינגאַנצען ארומגעוויקעלט, נאָר נאָז און אויגען קוקען ארויס. ער איז הויך, ריזיג ווי אַ דעמב, און ציטערט פאַר קעלט, ווי אַ פּאַלמע. דער בחור'עץ איז מיר פון ערשטען אויגענבליק זעהר געפעלען געוואָרען מיט זיין פּשוט'קייט, אָבער שוין זעהר ווייט פון גראָבקייט. אַ פּשוט'ע איידעלקייט, ווייט פון אייראָפּעאיזם, מיט אַ געבוירענער מאָס פון האַלטען זיך, מיט פעסטער, כמעט האַרטער גוטמוטיגקייט... ער רעדט ווינציג, און רעדט דאָך ניט

ווינציגער, ווי מ'באדארף, ווען ס'קומט איהם אוים עפּעס צו רעדען. דער דיאַלעקט זיינער איז אַ ריין רוסישער, יעדעס וואָרט ווערט אַרויסגערעדט עכט גראַמאַטיקאַליש, ווי עס רעדט ניט קיין גע־בוירענער רוס און אין דעם אַליין דערקענט מען, אַז ער איז קיין רוס ניט...

די נאַכט ווערט אַלץ קעלטער, דער שניי — בייסענדיגער, דריבנער... אַלץ אַרום אונז איז שוין ווייס מיט שניי און ווינטער... אַ גרויס אומאַנגענעמער גאַסט געקומען מיט ווינט און קעלט צו־פאָהרען און האָט זיך צולעגט אויף דער קויטיגער וואָקזאַל סביבה, האָט מיט ווייסקייט און רוהיגקייט רעלסען פאַרדעקט, וועג פאַר־שאָטען... אוים פאָהראַכטם!...

פאַר דער נאַכט האָב איך אַמאָל צעהן אָפּגעשאַרט דעם שניי פון מיין פרוי. פון מידקייט און קעלט האָט זי געהאַלטען אין איין דרימלען, האָט זיך איינגאַנצען מיט נאַכט און דרימעל צונויפגע־גאָסען... אָפּט גערעדט מיט אימיצען, פון אונזער קאָמפּאַניע, וועגען איהר. ס'האָבען שוין אַלע באַמערקט, אַז זי איז די קלענ־כטע און שוואַכסטע צווישען אונז אַלע.

ניט ווייט פון אונז איז געשטאַנען אַ סאַלאָן וואַגאָן, וואָס האָט זיך אויסגעצייכענט מיט פענסטער גאַנצע, מיט ליכטיגקייט און וואַרימקייט. פון צייט צו צייט האָבען אַ פּאָר מענשען צו־געטראָגען האָלץ צו דעם וואַגאָן און פון אינווענינ האָט זיך אימי־צער באַוויזען און דאָס האָלץ אַריינגענומען. ניט געוואוסט, ווער דאָרט געפינט זיך, האָט קיינער קיין דרייסטקייט ניט געהאַט צו אַריינגעהן אין וואַגאָן אַריין זיך אָנצוואַרימען. דער גרוזין, האָבענדיג אויפ'ן וואָקזאַל אַ גוטען באַקאַנטען, עפּעס זעהר אַ וויכ־טיגע פּערזאָן, האָט שוין יאָ געהאַט די דרייסטקייט, איז אַריין אין וואַגאָן, איז אַרויסגעקומען אין אַ פּאָר מינוט און געזאָגט, אַז מיר אַלע קאָנען אהינצו ניט אַריין, מען קאָן אַריינלאָזען צוויי־דריי פּערזאָן.

ס'זיינען אַריינגעגאַנגען דריי פּערזאָן, אָבער אין אַ צוואַנציג

מינוט אַרום האָבען זיי זיך צוריק באַוויזען. אימיצער האָט זיי פון דאָרט משלח געווען.

אָט די דריי האָבען שוין שטאַרק באַדויערט, וואָס זיי זיינען אַריין אין היים אָנגעהייצטען וואַגאָן. זיי האָבען שוין דערנאָך געציטערט און געפיבערט פון קעלט. איך בין די נאַכט כמעט ווי ניט געזעסען. די קעלט אין די פיס האָט מיך ניט געלאָזט רוהען. האָב איך מיך אַרומגעדרעהט אויף דער ראַמפּע. פון ניט שלאָפען און אַרומגעהן האָב איך מיך זעהר מיד געפיהלט. די אַקסלען האָבען מיר געבראָכען פון דער שווערער משא, וואָס איך האָב אויף זיך געטראָגען. איך האָב אָפט געקוקט אויפ'ן הימעל, געזוכט דעם טאָג און ניט געוואוסט, אין וואָס פאַר אַ זייט עס דאַרף אָנהויבען צו טאָגען...

חוץ אונזער קאָמפּאַניע זיינען אויך דאָ און דאָרט גרופּענווייז און איינצעלנע מענשען געזעסען. און פרעמד פון נאַכט און קעלט, געזעסען פאַר זיך און אין זיך געפּעקעלט אין אָנטאָן און אין שניי. איינציגע האָבען אַרומגעבלאָנדזשעט צווישען ליכט און שאָטען פון די וואָקזאַל לאַמטערנעס, וואָס זיינען הויך אין דער לופט געהאַנגען און באַלויכטען — נאַכט, פינסטערניש און שניי־ווייסקייט...

ענדליך האָט זיך ערגעץ אַ ווייטע פרעמדע זייט אָנגעהויבען צו בלייכען... אַ פרעמדע, פאַרוואָרפענע זייט פון פרעמדער און אומבאַקאַנטער געגענט, פאַרשטעלט מיט הויכע געביידעס פאַר־לאָזטע און פאַבריקען שוואַרצע, האָט אונז דעם ערשטען גרוס פון טאָג איבערגעגעבען.

צופרידען, וואָס די נאַכט איז שוין אַוועק, האָב איך שמייכ־לענדיג געקוקט אויף די דאַמען און געטראַכט: מענשען, וואָס זיינען אַלע יאָהרען געוואוינט געוואָרען צו שלאָפען אין די הייזער, אויף ווייכע, וואַרימע געלעגערס, האָבען פלוצלינג ווי בראָדיאַגעס אַ נאַכט אין דרויסען פאַרבראַכט, אונטער'ן פרייען הימעל, אין אַ צעהן־גראַדוסיגער קאַלטער אַטמאָספערע... אויפ'ן אָרט פון ווייסע לייַלאַכער — אַ קאַלטער, ווייסער שניי, און — גאָרניט, איבער־געטראָגען.

אויפ'ן טאָג האָבען מיר די ניי־באַקאַנטע פיר קריסטינס אויס־געזעהן ווי פרעמדע. איך האָב געשפּירט אין זיי זייער קריסט־ליכע פרעמדקייט... דעם קרעמעניצער בחור, האָט זיך מיר גע־דאַכט, קען איך שוין זעהר לאַנג. אָבער איך האָב ניט געשפּירט צו איהם קיין סימפּאַטיע... מאָרגנע: עס איז מיר געבליבען אַן איינדרוק, אַז ער האָט מיט דער רוסישער קאָמפּאַניע צופיל רוסיש גערעדט... דער גרוזין איז מיר שטאַרק געפעלען מיט זיין גבורה, מיט זיינע שטאָלצע, גליהענדע אָדלער־אויגען און נאַאיווו קינדעריש שמייכלען. איך האָב מיר גלייך מיט איהם היימיש דערפיהלט:

— זאָל ער מיר זאָגען: אַלע גרוזינער זיינען אַזעלכע גיגאַנ־טען ווי ער?

— אָה, אַלע! — האָט ער מיט שטאָלצער און הארטער גוט־מוטיגקייט געענטפערט.

און איך האָב ווייטער געזאָגט:

— די מוטערס זייערע מוזען זיך אויף די הויכע קאַווקאַזער בערג פאַרקוקען.

געהאָלפען מיין פרוי זיך אויפהויבען. איך האָב זי איינגאַנ־צען מיט איהר גאַנצער אָנגעפעקעלטקייט געמוזט אונטערהאַלטען ביז זי איז זיך די פיס צוגאַנגען פון אַ גאַנצער נאַכט זיצען. ארומ־געפיהרט זי הין און צוריק. אונטער דער פאַרפאַקטער האַנט האָב איך אומרוהיג געוואַרט אויף עפּעס אַ שלעכטע בשורה פון דער איבערגעלעבטער נאַכט, און ס'האָט שוין פאַר מיר איינע פון די דאַמען, אַ הויכע, אַ בלאָנדע, ווי איך האָב געהערט, וואַסיאַ קליע־מענטיעוונאַ, אַ פרעג געטאָן ביי איהר (אויף רוסיש):

— נו, ווי האָט איהר פאַרבראַכט די נאַכט?

דער קרעמעניצער בחור האָט זיך בארוהיגט, אַז ער האָט לייכטער פון אַלע איבערגעטראָגען די נאַכט און האָט פּלוצלינג מיט מימיק און באַוועגונגען פון אַ קעלנער אַ זאָג געטאָן:

— אפשר פאַרלאַנגען די דאַמען הייסע קאַווע מיט פּוטער־קוכען?... אפשר צו גלעזלאַך ליקער?...

און האָט זיך מיט פּאַטאָס צורעדט פון פּעטראָגראַד און פון

מאָסקווע, ווי ער האָט אמאָל דאָרט פארבראַכט גוט אין די רעס־טאָראַנען און קאַפע־שאַנטאַנען... אריינגעקומען נאָך מיט פאר־קלעפּטע אויגען...

— קעלנער, א גלעזעל בענעדיקט?

— דער קרעמעניצער בחור מוז זיין א גרויסער שוטה, — האָב איך שטיל א זאָג געטאָן צו מיין פרוי.

פלוצלינג באמערק איך, ווי ביי איינער פון די דאַמען קוקט פון בוזעם אַרויס א הינטיש ווייס קעפּעל, מיט שוואַרצע, גרויסע, קייל־אַכדיגע אויגען. מיט שטייף אָנגעשפּיצטע אויערען אַרומגע־שמעקט די לופט מיט'ן נאַסען שוואַרצען נעזעלע, געפינטעלט מיט די אויגען אויף דער אומבאַקאַנטער סביבה, האָט דאָס הינטעל געטאָן א פאַררייס די מאַרדיטשקע צום פּנים פון דער, וואָס האָט עס געהאַלטען און ווי געפרעגט:

— „וואו זיינען מיר דאָ?”

די דאַמע, מורא האָבענדיג דאָ צו באַווייזען זיך מיט'ן הינ־טעל, כדי ניט אויסצוגעבען זיך ווער זי איז, האָט געוואָלט דאָס הינטישע קעפּעל אַראָפּזועצען, אָבער דאָס קעפּעל האָט זיך קו:ציג אויסגעגליטשט פון איהר האַנט און זי געוואָלט א לעק טאָן.

— ווילסט שפּאַצירען? — האָט זי געפרעגט ביי דעם ווייסען נפש און האָט עס אַראָפּגעלאָזט און דאָס הינטעל האָט זיך „אויס־שפּאַצירט”.

דער גרוזין האָט זיך אָנגעבויגען, א גלעט געטאָן דאָס הינטעל און געזאָגט:

— סאָבאַקאַ!

איך האָב גענומען אונזער טשייניקעל, געוואָלט זיך דערשלאָ־גען צום בופעט נאָך א פּאָר גלעזער וואַסער, אָבער אָנהויבענדיג פון דער טיר, איז דער וואָקזאַל שוין געווען פארשטאָפּט מיט מענשען. א רוח־שטות איז מיר אריין אין קאָפּ אריין און צו איינעם פון די מענשען, וואָס האָבען די טיר פארשטאָפּט, געזאָגט: „גאָספּאָדין”. דאָס האָט דערהערט איינער פון די „חברים” אין א שינעל און האָט זיך צושריען אויף מיר:

— דאָוואָלנאָ וואָס! ניעט גאָספּאָד!

איך האָב איהם איבערגעבעטען, געזאָגט, אז דאָס איז א פּשוט'ער צופאַל און איהם פארזיכערט, אז ביי איהם וועט נאָך ווען עס איז אַזעלכעס טרעפען, וואָס ער וועט אויפ'ן אָרט פון חבר זאָגען „גאָספּאָדין". דער זעלבער, וואָס האָט אויף מיר געשריען, האָט מיר געמאַכט א וועג אויף אַריבערטרעטען די שוועל פון טיר, אָבער ווייטער — אוממעגליך: דער וואָקזאַל איז געווען ווי א הערינג־פעס אָנגעשטאָפּט מיט מענשען... איינער אויפ'ן אַנדערען געזעסען, איינער אויפ'ן אַנדערען געשטאַנען. דער וואָס איז געזעסען, האָט זיך לעגען ניט געקאָנט, דער וואָס איז געשטאַנען, איז געוואָרען אזוי ווי פארמויערט צווישען דער געדיכטער מענשען־מאַסע. עס האָט שוין קיינער ניט געקאָנט טאָן דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט.

איך בין צוריק געגאַנגען מיט א ליידיגען טשייניק.

האָט מען געגעסען און ניט געטרונקען. דאָס ברויט איז געווען פארפרוירען, האָט זיך שווער געלאָזט שניידען אונטער'ן מעסער און האָט אויסגעזעהן ווייסער ווי ער איז געווען, „פאַרגאַנגען" אונטער די ציין און האָט שוין גאָר קיין טעם ניט געהאַט. מיר האָט זיך געדאַכט, אז איך עס טעפּטקע פון סאָסנע האָלץ.

נעבען א שטוביגען וואַגאָן, מיט ברעטער אַרומגעקלאַפּט, אונטערשטע וואַגאָן הייזקייט און רעדער, זיינען געשטאַנען צוויי סאַנדוקטאָרען און געשניטען האָלץ צו באַהייצען אָט דאָס וואַגאָן־שטיבעל. אַראָפּגעשפּרונגען פון דער ראַמפּע צו זיי אין דער נידער, האָב איך א בעט־געטאָן ביי איינעם פון זיי, ער זאָל מיר אָפּלאָזען די זעג; ער האָט גלייך ערפילט מיין בקשה און איך האָב זיך א וואַרף געטאָן צו דער אַרבייט, געשניטען איין שטיק האָלץ נאָכ'ן צווייטען און פון גרויס איילעניש און כאַפּעניש בין איך מיד געוואָרען.

מיט פּייפען, מיט רויך און פּאַרע האָט זיך אַדורכגעשפּאַצירט א לאָקאָמאָטיוו. פון זיין טשוגונענער שווערקייט האָבען זיך אזוי ווייך געזעצט אַראָפּ די אייזערנע רעלסען און באַפרייט זיך פון ראָד און

שווערקייט, זיך צוריק אויפגעהויבען. דער מאַשיניסט, שוואַרץ און גלאַנציג, וואס זעהט אליין אויך אויס ווי פון טשוגון געגאָסען, שטעהט און קוקט ארוים מיט קאָפּ און אויגען פון שמאָלען טירעל ארוים. א פּאָר באַהן־בּאַאַמטע לויפען פּאַראויס פאַר דער מאַשין מיט פעהנדלאך אין די הענט און פייפלאך אין די מיילער. די מאַשין געהט אריבער פון איין רעלס אויף דער צווייטער, צוקלאַפּט זיך און צוקושט זיך מיט טשוגונענע שוואָמען פון וואַגאָנעס מיט הילכיגען קלאַנג, פּאָרט צונויף איין וואַגאָן מיט א צווייטען און שלעפּט זיי אוועק...

אויף דער ראַמפּע, וואו מיר זיינען געזעסען, האָבען אָנגעהויבען ציזאַוואַקסען מענשען, גרויע, פאַרשלאָפענע, צוקנייטשטע און ברודיגע מיט פעקלאך אָרימקייט אין די הענט און אויף די פּלייצעס... באַקומען אַן איינדרוק, אַז דאָס איז עפּעס א מאַסקען באַל, וואו אַלע האָבען זיך פּאָר קבצנים פאַרשטעלט. קיין איין מענשען ניט געזעהן לייטיש אָנגעטאָן, ביי קיינעם קיין טשעמאָדאַן ניט געזעהן. ביי אַלעמען פעקלאך מיט זעקלאך ווי א מחנה בעטלער וואַנדערענדע, אָהן א שטאָדט, אָהן א היים...

א קאָנדוקטאָר, זעהט אויס, דערשמעקט ווער ס׳געפינט זיך צווישען אונזער קאָמפּאַניע, איז זיך אַזוי דורכגעגאַנגען פאַרביי אונז און א זאָג געטאָן:

— סקאָרענקאָ פּאָיעדעם!

די גאַנצע קאָמפּאַניע אונזערע איז באַוועגליך, אייניגע זיינען אפילו גאַנץ מונטער. יענע מיט׳ן הינטישען בוזים האָט זיך גאָר בעסער פון אונז אַלע. האָט זיך אפילו איינמאָל ניט געקלאָגט אויף קעלט און אויף מידקייט. דער פיהרער אונזערער מאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער טוט עפּעס פאַר אונז, לויפט אויף און אָפּ און קומט אַלע מאָל צוגעהן מיט נישטיגע נייעס ווענען צוג און פאָהרען. מיט׳ן קרעמעניצער בחור איז ער א גאַנצער גוטער ברודער, שלעפּט ביי איהם איין פּאַפּיראָס נאָכ׳ן אַנדערען, רופט איהם מאַרק גריגאָר־יעוויטש, און דער קרעמעניצער איהם — וואַסילי איוואַנאָוויטש...

פון קרעמעניצער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז די פיר דאַמען

זיינען גוט־באַזיצערינס, פּאָמעשטשיצעס. זעהר רייכע. דריי זיינען אייגענע, צוויי שוועסטער, די דריטע, א פריילין, א טאָכטער פון יעוועניע סעמיאַנאָוונאַ... די, וואס האָט דאָס הינטעל, הייסט יעקאַטערינאַ סעמיאַנאָוונאַ. די פרעמדע הייסט וואסיאַ קלעמענטיעוונאַ... דער גרוזין פאָהרט באַגלייטען יעוועניע סעמיאָנאָוונאַ. ער איז איהרער א געליבטער.

די ראמפּע איז פאַרפּלייצט געוואָרען מיט מענשען און פּעק. ערגעץ פאַרשטעלט פון אויג, האָט זיך פון צייט צו צייט געלאָזט הערען דעם הילכיגען קלאַנג פון די בופערס, באַגלייט מיט א פּייפערייי. דערזעלבער קאָנדוקטאָר, וואָס האָט אונז א זאָג געטאָן: „סקאָראָ פּאָיעדעם", איז ווידער צוגעגאַנגען צו אונז און געזאגט, אז מיר פאָהרען צוויי אזייגער. פאַרשטאַנען, אז ער וויל עפּעס, האָט איהם שוין דער פיהרער אונזערער אפּגעפיהרט אָן א זייט און אָפּגערעדט מיט איהם, ער זאָל אונז אַלעמען געבען א וואַגאָן, עס הייט, אָנווייזען אָן אָרט, וואו די גאַנצע קאָמפּאַניע אונזערע זאָל קאָנען זיצען אינאיינעם. דאָס געשעפט איז געמאכט געוואָרען פאר פינף הונדערט רובל.

די צווייטע שעה געהט אריבער, מיר פאָהרען נאָך אַלץ ניט.

— מיר זיינען שוין באַלד א מעת־לעת אין דרויסען — זאָג איך צו מיין פרוי.

צוליב איהר שוואכקייט איז זי ערגער פון אונז אַלע געשטימט... באַמערקט, אז זי האָט זיך שוין צווישען די דאַמען איהר סימפּאַטיע געפונען, דאָס איז וואסיאַ קלעמענטיעוונאַ. אויב איך האָב קיין טעות ניט, האָט שוין די לעצטע אפילו גערעדט לשון־הרע אויף איהרע גלויבענסגענאָסען.

נאָך דריי אזייגער האָט זיך אונזער קאָנדוקטאָר געוויזען, געזאגט, אז מיר פאָהרען זיכער אָפּ פיר אזייגער, אונז געהייסען פאַרנעמען די פּעקלאַך און איהם נאָכגעהן.

געשפּרונגען פון ראמפּע אויף רעלסען, פון רעלסען אויף ראמפּע, אזוי לאַנג געגאַנגען און געשפּרונגען ביז דער קאָנדוקטאָר האָט אונז געהייסען זיך אָפּשטעלען.

זיך אָפּגעשטעלט אנטקעגען א פּאָר צעהנדליג פראכט־וואגאָנען מיט ברייטע צועפענטע און פארמאכטע ווי ווענט גרויסע טירען.

אָנגעוויזען אונז אויף א „סאלאָן־וואגאָן"... א האלב ארשין די הויך מיט גנאָי. די מענער האָבען אויפגעהויבען די דאמען אין דער לופטען, איינס נאָך דאָס אנדערע, זיי אריינגעשטופּט אין וואגאָן אריין. אויפגעלעגט איינס נעבען דאָס אנדערע פּעק מיט פּעקלאך און זיך אויסגעזעצט אויף זיי.

שפּעטער מיט א האלבער שעה האָט זיך דער וואגאָן מיט ליארם און געפילדער אָנגעהויבען אָנצופילען... אין איין פערטעל שעה איז דער גאנצער וואגאָן פול געווארען מיט מענשען.

פון פיל מענשען און ענגשאפט האָבען די ווענט געשוויצט. פון סופיט האָט געקאַפּעט ווי אין א באָד. דער גנאָי איז צופארעט געווארען און ס'האָט זיך געטראָגען א שלעכטער ריח, ווי אין א שטאל געמישט מיט מענשען־שוויים און מענשען־ברוד. א גאנצע נאכט האָבען מענישען גערעדט, א גאנצע נאכט האָבען מענשען גע־שריען, איינס דאָס אנדערע געזידעלט און געשאָלטען, איינער דעם צווייטען אויף די פּיס געשטאנען, אויף די קעפּ געקראכען. פיל וכוחים האָט ארויסגערופען דאָס פיר־עקעדיגע לאָך אונטער'ן סופיט. אייניגע האָבען געוואלט ס'זאָל זיין אָפען, אנדערע — ס'זאָל זיין פארמאכט. האָבען סיי די, סיי יענע זיך געלאָזט קריכען צווישען מענשען און איבער מענשען פון איין עק וואגאָן אין א צווייטען: די ערשטע — צו עפענען דאָס ברעטעל מיט זאוויעסקעס; די צווייטע זיינען געקראָכען עס צו פארמאכען... ס'האָבען זיך גע־קריגט און געזידעלט מענשען ניט קענענדיג, ניט זעהענדיג איינס דאָס צווייטע... ווען די זידלעריי האָט שוין אָנגענומען א שארפען כאראקטער, האָט איינער פון די קריגענדיגע צדדים אָנגעריבען א שוועבעלע, געזוכט, געפונען און באטראכט דעם געגנער זיינעם. און ס'איז שוין אלע מאָל אזוי געשעהן, אז נאָכ'ן באטראכטען איינס דאָס צווייטע, איז די קריגעריי פארשארפט געווארען, אָדער פאר־קערט — ביידע זיינען פלוצלונג אנשוויגען געוואָרען... אונזער

קאָמפּאַניע איז זיך אינאיינעם גאַנץ באַזונדער געזעסען, פאַרבאַרי־קאַדירט מיט פּעקלאַך און מיט אייגענע פּלייצעס.

אין וואַגאָן איז געווען חושך מצרים. ביי אונז איז אפילו געווען ליכט, נאָר מיר האָבען מורא געהאַט אָנצוצינדען — ניט געוואָלט, מ'דאַרף זעהן ניט צוציהען אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט אויף אונזער באַקוועמליכקייט.

דער וואַגאָן, אָהן רעסאָרען, האָט גוואַלדיג געקלאַפּט, געטאַ־ראַבאַנעוועט און שטאַרק געטרייסעלט... דין אונטער זיך געפיהלט דאָס שווערע האַרטע רייבען זיך פון טשוגון און אייזען... געשפּירט אונטער זיך א לויפענדיגען אפּגרונד. די וועגט־טירען איינס אנטקעגען דאָס אנדערע האָבען געקלאַפּט, אומבאַמערקט אפּגערוקט זיך פון פאַרמאַכטקייט, באַוויזען גרויסע פּאַסען, דורך וועלכע עס האָט אריינגעשטראָמט ווינט מיט קעלט, און דאָס קלאַפּען און רוישען איז נאָך האַרטער געוואָרען.

דער צוג איז מעהר געשטאַנען, ווי געגאַנגען. און קיינער האָט ניט געוואוסט נאָך וואָס און נאָך ווען דען צוג שטעהט... אויף יעדער סטאַנציע האָבען כחות אפּגערוקט א טיר. די צייט, וואס די טיר איז געווען אָפען, האָט פון אויבען ניט געקאַפּעט און ווען ס'האָט ערגעץ וואו אימיצער אָנגעצונדען א שוועבעלע, האָב איך אויבען דערזעהן בלישטשענדיגע פאַרפראָרענע צאָפּעלקעס.

אויף יעדער סטאַנציע האָב איך געהערט א געבעט פון מענשען, מ'זאָל זיי אריינלאָזען אין וואַגאָן אריין, וואָס איז זעלטען באַפרידיגט געוואָרען, און דאָך איז אונזער וואַגאָן אַלץ ענגער און ענגער געוואָרען. אויף איינער א סטאַנציע האָט אימיצער מיט גוואַלד אריינגעוואָרפען צו אונז אין וואַגאָן אריין א פרוי מיט א וויינענדיג קינד. א היבשע צייט האָט די מאַמע אליין אויך געוויינט און זיך געקלאָגט אויף דער אכזריות פון מענשען... ווען דער צוג האָט אָנגע־הויבען געהן, האָט זי זיך באַרוהיגט, אָבער דאָס קינד האָט זיך אַלץ געריסען. איך האָב געטראַכט פון דער דאַמע מיט'ן הינטעל, וואָס זיצט זיך גאַנץ באַקוועם, און פון דער פרוי מיט'ן קינד האָב

איך געטראַכט וואָס שטיקען זיך ערגעץ אין ענגשאַפט. איך האָב א זאָג געטאָן צו מיין פרוי:

— מיר דאַכט, אז... ווי אַזוי הייסט זי דאָרט... מיט'ן הינטעל... יעקאַטערינא סעמיאָנאַוונא האָט שוין שטאַרק מורא, מ'זאָל זיך ניט דערוויסען, אז זי פאָהרט מיט א הינטעל.

— זי איז א גענעראַלשע, — האָט מיר מיין פרוי איינגערוימט אין אויער אריין — דער מאַן איהרער שלאָגט זיך ערגעץ אין דעניקינ'ס ארמיי.

— „זשילי—בילי, — האָט אימיצער אָנגעהויבען א מעשה דערצעהלען — האָבען געלעבט און געוועזן... א באָק מיט א ציג... ביידע האָבען געהאַט הערנער מיט בערד... די ציג האָט זיך געמאָלקען און דער באָק — ניט... זאָגט אמאָל די ציג צום באָק: באָק, דו האָסט קיין רעכט ניט דיין באָרד צו טראָגען, א באָרד טראָגען, זאָגט די ציג, האָב איך נאָר דאָס רעכט, ווייל איך גיב מילך און אַזוי ווי דו גיסט קיין מילך ניט, האָסטו ניט קיין רעכט אויף א באָרד... זאָגט דער באָק צו דער ציג: ציג איינע, מיינסט פונקט פאַרקערט, ווייל דו גיסט מילך, האָסטו ניט דאָס רעכט א באָרד צו טראָגען. דאַן זאָגט די ציג צום באָק: אויב אַזוי, האָסטו אויף דיינע הערנער קיין רעכט ניט... דאַ צולאָזט זיך שוין דער באָק: ציג נאַרישע! א שעהן פנים וואָלט איך, באָק, אָהן הערנער געהאַט... דערהערט די ווערטער, איז די ציג אַוועק, האָט זיך צונויפגערעדט מיט נאָך ציגען און אלע האָבען זיך געוואָרפען אויפ'ן באָק און איהם אָפּגע־בראָכען די הערנער"...

געענדיגט דאָס מעשה'לע, האָט אויסגעבראָכען א שטורעם אפּלאָדיסמענטען, גלייכצייטיג האָבען זיך דערהערט אויסרופען:

— דאָלאָי בורזשויעוו, דאָלאָי קאָזלאָוו דאַרמאָיעדאָוו! דאַ זדראַוסטוואויעט טרודיאַשטשיסיאַ נאַראָד!"

צווישען די קולות האָט זיך ווידער דערהערט דאָס געוויין פון דער פרוי מיט'ן קינד. אימיצער האָט א פרעג געטאָן:

— ווער וויינט עס?... קומט צו מיר אלע, ערנידעריגטע, אלע געפּלאָגטע, אלע איהר זייט נעהענטער צו גאָט און ער וועט אָננעמען

אייערע טרערען. וואס פארלאנגט גאָט'ס באשעפעניש, וואס וויינט ערגעץ אין דער פינסטער?

דאָס איז געווען א באַסיג קול, וואס האָט זיך געביטען ביי יעדער פראזע. אָט האָט ער גערעדט דעקלאמאטאָריש און אָט גאָר נביאי'ש.

איבער קעפּ און מענשען האָט זיך א האנט מיט א ברענענדער שוועבעלע באוויזען, א געזונטע האנט מיט גראָבע שווארצע פינגער.

— מ'וועט מיר דאָס קינד דערשטיקען! — האָט זיך געהערט א פרויען־שטים.

— א שטיקעל ליכט ווער האָט? ווער האָט א שטיקעל ליכט? — האָט זיך דערהערט דיזעלבע שטים, וואס האָט נאָר־וואָס דעקלאמירט.

דער גרוזין האָט אָנגעצונדען א שטיקעל ליכט. יעוועגניא כעמיאָנאָוונא האָט שטיל פּראָטעסטירט, אָבער ס'איז שוין געווען פארפאלען. א פּאָר מינוט איז געווען שטיל, און געפּיהלט האָט מען, אז אימיצער וויל זיך דערלאנגען צו אונז. עטליכע צעהנדליג קעפּ מיט פרעמדע פּנים'ער האָבען זיך באוועגט און געדרעהט און אויסגעקוועטשט פון זיך א פארשוין, פון קעפּ און קערפּערס איז ער ארויסגעקראכען און זיך דאָרט נעבען אונז באוויזען, באטראכט אונזער קאָמפּאניע און אויסגעשריען:

— גענוג אייך באקוועמליכקייט, בלוט־זויגער, גענוג! קוק נאָר אָן די בארזשנעסעס. חברים, פרעגט זיי נאָר וואוהין זיי פאָהרען! א־א, זיי אנטלויפען פון דאנען... אנו, זייט נאָר אזוי פיל גוט, גנעדראלשעס און בארזשנעסעס, איך בעט א ביסעלע זיך ענגער מאכען, צונויפקוועטשען אייערע גראבע...

— הער נאָר, חבר! — האָט דער גרוזין מיט גליהענדיגע אויגען געזאגט — ביי אונז איז אויך א פריי לאנד, ביי אונז אין גרוזיען, אָבער דאָרט פארשטעהט מען אנדערש די פרייהייט... ניט אויף צו באליידיגען קיינעם... ביי אונז באצאָהלט מען זעהר טייער פאר באליידיגען א פרוי...

דער אינצידענט האָט זיך געענדיגט דערמיט, וואָס די פרוי

מיט'ן קינד האָט געפונען א פּלאַץ נעבען יעקאטערינא סעמיאָנאָוונא. דאָס הינטעלע, וואָס זי האָט געהאַלטען אין בוזים, האָט, דערפיה־לענדיג א פרישען מענשען נעבען זיך, געוואָלט ארויסשטעקען דאָס קעפּעלע און אַ קוק טאָן ווער ס'זיצט. אָבער יעקאטערינא סעמיאָ־נאָוונא האָט ניט דערלאָזט.

דער היציגער רוס, נאָך לאַנג באַטראַכטען אונזער קאָמפּאַניע, האָט באַפוילען דאָס ליכט זאָל ברענען.

— זאָל ברענען דאָס ליכט! זיי באַדאַרפען נאָר פינסטערניש. נאָר פינסטערניש באַדאַרפען זיי.

דאָס ליכט האָט זיך שטאַרק געשמאָלצען פון די קאַלטע און ווארימע שטראָמען לופט, וואָס האָבען געהערשט אין וואַגאָן. פון די ווענט זיינען ריטשקעלאך געלאָפען, פון סופיט איז א קאַלטער רעגען געפאַלען, דער גנאַי האָט זיך צופּאַרעט און די פיס זיינען אריינגעקראָכען אינוויינינ.

די פרוי מיט'ן קינד, באַקומענדיג אַן אָרט אויף זעצען זיך, האָט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און איז אנשלאָפען געוואָרען. דאָס קינד, וואָס זי האָט געהאַלטען אויף די הענט, איז געווען אַזוי פאַרוויקעלט און פאַרפּאַקט, אז ס'האָט זיך גערדאַכט, אז זי האַלט א פּעקעל שמאַטעס אויף די קני. אין וואַגאָן איז שטילער און רוהיגער געוואָרען. ס'האָט זיך נאָר געהערט דאָס קלאַפּען פון די רעדער אין די רעלסען.

זונטאָג, 18טער יאַנואר.

פאַרנאַכט געקומען קיין קאַראַסטיען.

דער פיהרער אונזערער, איך און דער קרעמעניצער האָבען זיך גלייך אוועקגעלאָזט אין שטאָדט זוכען אַ סטאַנציע.

בפאַרייט זיך פון ווענט און מענשען האָט מיר דרויסען־ברייט־קייט און שניי־ווייסקייט אויסגעזעהן פאַנטאַסטיש. די ווינטער־זון האָט געהאַלטען ביי פאַרפעהן, מיט איהרע קאַלטע שטראַהלען באַ־לויכטען ווייסקייט און אומעט, באַשיינט קליין־שטעדטעלדיגע שטילקייט און רוהיגקייט.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבען באַווייזען איין אידישע שטוב נאָך דער צווייטער; שטיבער מיט שניי אויף דעכער און שניי אויף גערטנער אַרומגעצאַמטע מיט דראָט. כמעט אין יעדער שטוב א געוועלבעל, מיט אָפענע טירען; פּאָליצעס מיט אָרימקייט און סחורה ניט נויטיגע... דאָ א קאַריקאַטוריש בילד פון א פאַבריקמאַכער, דאָרט א „טשיינע״ מיט א שילדעל פון א סאַמאָוואַר מיט גלעזער און נאָך אויף אַן אָרט — א גוי׳אישע קאָלבאַסנע.

מיר זיינען געגאַנגען פון איין שטוב אין דער צווייטער, לאַנג געזוכט, ביז וואַנען מיר האָבען געפונען א סטאַנציע. דאָרטען גע־קראָגען צוויי שליטעלאַך און מיט דריי מאָל זיך קערעווען פאַרנומען די זאַכען. די דאַמען האָבען אין זייער אָנגעפּעלצטקייט אויסגעזעהן דיקער ווי לענגער. קעפּ און פּיס געהילט און געוויקעלט טיף אונטער־קליידער און שמאַטעס, לייב באַהאַלטען פאַר ווינטער און קעלט. דאָס לעצטע שליטעלע האָט אונז געהאָלפען שלעפּען און שטופּען גאַליסטיאַן נעסטראָוויטש, וואָס האָט ערגער פון אונז אַלע איבער־געטראָגען די קעלט.

דער זיבעצעהן־יאָהריג בחור׳ל מיט שוואַרצע אידישע אויגען, וואָס האָבען געגלאַנצט מיט געניטקייט און געשיקטקייט, צו כאַפּען א גרינג פאַרדינסטעל, האָט זיך געוואָרפען פון איין דאַמע צו דער צווייטער, אַראָפּגעשלעפּט איין מאַנטעל נאָכ׳ן אַנדערען און אָנגע־וואָרפען אויף א קאַנאַפּע א גאַנצע הורבע פּאַלטעס, שאַלען און שאַליקעס.

געמיינט אַז דאָס ערגסטע שוין גע׳פּטר׳ט, האָבען זיך אַלע זעהר אויפגעלייגט געשפּירט. אַלע קריסטען האָבען געשמייכעלט צו דער אידישער בעל־הבית׳טע, געדאַנקט פאַר שטוב און וואַרעמ־קייט, נאָר דער גרוזין האָט נאָך אַלץ ניט געקענט קומען צו זיך. דאָס גאַנצע פּנים איז איהם געווען בלוי פון קעלט, און ווען אַלע זיינען שוין געזעסען, האָט ער נאָך אַרומגעשפּאַנט צו דערוואַרימען זיינע פאַרגליווערטע אברים. יעקאַטערינאַ סעמיאָנאָוונאַ האָט געלאַכט פון איהם:

— טאַקאָי ווערבליוד! און ס׳איז איהם קאַלט.

גלייך ווי דער סאַמאָוואַר האָט זיך אויפ'ן טיש געוויזען האָבען זיך די פיר קריסטליכע דאַמען צולייגט מיט פיל עסען און מיט א סך חזיר אויפ'ן טיש. דער פיהרער אונזערער האָט מיט זיך קיין עסען ניט געהאַט, נאָר א מעסערעל, האָט ער געשניטען מיט'ן מעסערעל וואו ביי וועמען און וואָס איהם האָט זיך געוואלט, און געשעפּט לעפעלאַך צוקער וואו ס'איז נעהענטער געווען צו דער־לאַנגען און געשאָטען אין זיין גלאָז אריין. דער גרוזין האָט געגעסען חזיר ווי אַן אמת'ער „סיביריאַק", און דער קרעמעניצער — ווי א געבאָרענער גוי. דער לעצטער האָט פיל גערעדט פון פּעטערבורגער און מאָסקווער רעסטאָראַנען און קאַפע־שטאַנטאַנען, וואו ער איז אמאָל אין די גוטע צייטען אַן אָפטער גאַסט געווען, באַמערקט, אַז ער האָט פון אלץ ליב צו רעדען מיט פּאַטאָס און מיט ארטיסטישע זשעסטען.

ביידע שוועסטער, יעקאַטערינא סעמיאָנאָוונא און יעווגעניא סעמיאָנאָוונא האָבען צום אלעם ערשטען נאָכגעזעהן — די ערשטע דאָס הינטעל איהרס, די צווייטע — דעם גרוזין... ווראַטשקע, דאָס טעכטעריל איהרס, האָט זיך עפּעס פרעמדליך געפיהלט נעבען דער אייגענער מוטער, און האָט אפילו קיין איינמאָל קיין קוק ניט געטאָן אויפ'ן גרוזין, אָבער ניט קוקענדיג אויף דער פרעמדקייט צווישען מוטער און טאָכטער האָב איך באַמערקט, אַז איין זאַך פאַראייניגט זיי יאָ, אַז זיי ביידע האָבען שוין גאַרניט ליב קיין אידען. אין ביידענ'ס אויגען געזעהן אזוי פיל קריסטליכע רשעות וויפיל איך האָב פאַר די לעצטע פּאָר יאָהר פון בירגער־קריג געזעהן ביי פיל אינטעליגענטע פּריוויליגירט־געוועזענע קריסטען, און מיר האָט שוין זעהר הנאה געטאָן וואָס זי און די איבעריגע (א חוץ דעם גרוזין און אוקראַינעץ) פיהלען זיך שלעכט. דאָס ערשטע מאָל אויף מיין לעבען איז מיר אויסגעקומען צו באַאָבאַכטען, אַז מענשען פון קריסטליכען גלויבען זאָלען זיך פיהלען שלעכט אין זייער לאַנד, אויף זייער ערד. פון א שפּעטערדיגען געשפּרעך בין איך געוואָר געוואָרען, אַז אויך זיי זיינען איבערצייגט, אַז די באָלשעוויסטישע ממשלה איז א אידישע. יעק. ס. האָט אָפענהערציג געזאָגט, אַז

זי וואָלט זיך ניט געלאָזט פאָהרען מיט א ריין קריסטליכער קאָמ־פּאַניע... דער שמועס איז געווען זעהר א היציגער. היציגער פון אלע האָט גערעדט דער גרוזין. ער האָט אומבאַדינגט געוואָלט אויפווייזען די דריי דאַמען, אז זיי פאַרשטעהען ניט און ווילען ניט פאַרשטעהן די באָלשעוויסטישע אידעע (כאָטש אליין ניט קיין באָלשעוויק), און האלט, אז עס איז שוין גאַרניט פאַסיג פאַר אַזעלכע אינטעליגענטע דאַמען צו דענקען ווי דער המון, אז דער באָלשעוויזם איז א אידישע אַקציע, כאָטש ער, דער גרוזין, וואָלט גאָרניט געהאַט געגען דעם. ווען ער וואָלט א איד געווען וואָלט ער זיכער געווען א באָלשעוויק און ער מיינט, אז אלע אידען וואָלטען באַדאַרפט ווערען באָלשעוויקעס, ווייל זי, די לעצטע, איז די איינציגע מאכט, וואָס איז געגען נאַציאָנאַלען אַנטאַגאָניזם.

אונזער בעל הבית'טע האָט געבעטען מ'זאָל ריירען שטילער, ווייל ביי איהר אין דער צווייטער העלפט שטוב געפינען זיך באָל־שעוויקעס. יעוו. ס. האָט אָנגעשריען אויפ'ן גרוזין, ער זאָל אנ־שווייגען ווערען, און ס'איז שטיל געוואָרען. די בעל הבית'ע האָט געפונען פאַר נויטיג אונטערצוהאַלטען די דאַמען. האָט דערצעהלט, אז די חברה וואָס געפינען זיך ביי איהר האָבען זי בדיל הדל גע־שטעלט, אז מ'האַלט זי פאַר א בורזשויקע, אז מ'האָט שוין ביי איהר אויסגעליידיגט די שטוב און אז מ'האָט ביי איהר בחור'ל אַראָפּגענומען א גוטען פּאַלטאָ פונם לייב און זיי שלעפען ביי איהר אַרויס טאָג טעגליך דאָס פלייש פון טעפּעל.

— אלץ כדאי! — האָט דאָס בחור'ל, וואָס איז דערביי גע־שטאַנען, געזאָגט — הערסט דערפאַר ניט דעם וואָרט „זשיד".

— פּראַווילנא, טאָווארישטש! — האָט דער גרוזין אויסגע־רופען.

יעוו. ס. האָט זיך אָנגעבלאָזען אויף איהר געליבטען. וואַראָטשקאַ האָט זיך מיט עקעל אפּגעדרעהט מיט'ן פּנים צום פענסטער און אין ביידענס שווייגען און זיצען האָט זיך געשפּירט די איינציגקייט פון מוטער און טאָכטער...

אָפּגעגעסען און אָפּגעטרונקען האָט זיך דער קרעמעניצער צוזונגען:

או פּאָפּאַ בילאַ סאָבאַקאַ אָן יעיאָ ליוביל,
אָנאַ סיעלאַ קוסאָטשעק מיאַסאַ אָן יעיאָ אוביל.
אי וו זעמליו זאַקאָפּאַל
אי נאַדפּיס נאַפּיסאַל.
טשטאָ ?! ...
או פּאָפּאַ בילאַ סאָבאַקאַ...

און ווידער דאָס איינענע און ווייטער אַמאָל דאָס זעלבע, א מעשה אָהן א סוף.

צוליב ווארימקייט און זיכערקייט איז פרי ארומגעמאכט געווארען די לאָדענס. אין איין צימער האָט געברענט איין לעמפּעל, די איבעריגע צוויי צימערען זיינען געבליבען ניט באלויכטען און מ'איז זיך צוקראָכען דער אהין, דער אהער, וואו וועמען ס'האָט זיך געגלוסט. צווישען אלעמען האָט זיך געדרעהט דאָס הינטעל אונטער די פיס: נאָכגעגאנגען יעוו. ס. מיט ווייסקייט און קלוג־הינטיש שווייגען, ווי עס ווייסט, אז ס'געפינט זיך אין א פרעמדער סביבה, האָט זיך דאָס קליינע פיר פיסעלדיג נפש'ל ארומגעדרעהט און געבליאסקעט מיט די שווארצע אויגען אויף יעדען איינציגען, וואָס איז איהם מיט פרעמדע פיס אנטקעגען געקומען.

געבליבען אידען מיט אידען באזונדער האָט מען צווישען זיך גערעדט אויף אידיש, וועגען די שווארצע־מאה'ניקעס. גערעדט אינטים, פריינדליך, ווי מ'וואָלט זיך שוין לאנג געקאָנט און די מוטער האָט פארגעווארפען דעם זוהן, אז ער האָט ניט באדארפט זאָגען פאר זיי דאָס, וואס ער האָט געזאגט.

א הויכע אידענע, א דארע, געעלטערט פאר דער צייט פון איבערלעבענישען און שרעק... „א שטוב מיט גוטס געווען, האָבען די און יענע צורויבט, עפּעס איז נאָך געבליבען, מוז מען האַלטען באַגראָבען, פוילט עס און זשאַווערט אין דער ערד. ניט גוט מיט די, נאָך ערגער מיט אנדערע...״

— ס'איז א פינסטער לעבען און געווג...

דינסטאָג, 20טער יאַנואַר.

ס׳איז קיינעם אויף די געדאַנקען ניט געקומען, אַז ס׳וועט אויסקומען נאָך אַ נאַכט צו נעכטיגען אין קאַרעסטיען. גאַנץ פריה האָט מען אַרויסגעשיקט דאָס בחור׳ל נאָך אַ פוהר, איז ער געקומען אין אַ פּאָר שעה אַרום און געזאָגט, אַז מ׳וויל פאַר אַ פוהר קיין לוגין, פּופּצעהן טויזענט רובעל. האָט מען איהם חושד געוועזן, אַז ער וויל כאַפּען אַ היבש פאַרדינסטעל, און וואַסיא קלעמענטיעווגא האָט זיך צובייזערט אויפ׳ן פיהרער:

— פאַרוואָס געהט ניט וואַסילי איוואַנאָוויטש אַ פוהר זוכען?

איז דער בחור׳ל ברוגז געוואָרען און וואַסילי איוואַנאָוויטש מיט׳ן קרעמעניצער זיינען אַוועקגעגאַנגען זוכען אַ פוהר. האָבען זיי זיך אויך געזאַמט אַ פּאָר שעה. געקומען אָנגעפּראָרענע און פרעה־ליכע מיט אַ פלוצלינגדיגען איבערגאַנג אויף „דו״ און אַלע האָבען ייי חושד געווען, אַז זיי האָבען ערגעץ געמאַכט אַ כוסה, אַז זיי האָבען גאָר ערגעץ קיין פוהר ניט געזוכט. זיי האָבען געזאָגט, אַז אַזאַ גרויסען שליטען וואָס זאָל פאַרנעמען ניין פאַרשוין מיט פּעק האָבען זיי ניט געקאָנט געפינען. מ׳קען קריגען צוויי פוהרען, וויל מען פאַר די צוויי פוהרען צוואַנציג טויזענט רובעל.

די קריסטינס זיינען שטאַרק ניט צופרידען געבליבען מיט די צוויי לייט.. יעק. ס. און וואַסיא ק. האָבען אָפּגערופען די פרוי מיינע אָן אַ זייט און מיט ווינציג ווערטער און פיל רמזים גערעדט פון די צוויי חברה לייט... יאָ, מאַרק גריגאָראָוויטש, איז טאַקע זייער בן־עיר, נאָר וואָס ווייסען זיי, וואָס פאַר דער צייט... און דעם פּראָוואָדניק האָט ער זיי רעקאָמענדירט...

געבליבען אַליין מיט מיין פרוי האָט יעק. ס. אַ זאָג געטאָן אויף וואַסיא ק.:

— די מאַדאַם ראָזענפעלד זעהט אַז יענע איז אַ פּגר... יענע פיהרט מיט זיך הונדערט טויזענט ניקאָלאַיעווער...

וועראָטשקאַ האָט זיך אַ פּאָר מאָל געקריגט מיט דער מוטער. געקריגט זיך אויפ׳ן קריסטליך אינטעליגענטען אופן. אַריינגעמישט פיל פראַנצויזישע ווערטער. אויף רוסיש האָט זי געזאָגט, אַז זי

האָט לכתחילה ניט געוואָלט פאָהרען... אָט דער יונגער מרשעת איז דאָ, זעהט אויס, קיינער ניט געפעלען געווען, זי האָט צו קיינעם ניט גערעדט און אויף קיינעם ניט געקוקט און אויך פון דער מוטער זיך געהאַלטען פון ווייטען, און זעלטען, זעהט אויס, פון איינ־זאמקייט, א גלעט געטאָן דער מומע'ס הינטעל. דער גרוזין האָט דעם טאָג זעהר פיל גערויכערט דעם שלעכטען טאַבאַק, וואס ער האָט באַלד ביים אָנקומען געקויפט ביים בחור'ל: יעווגעניא ס. האָט באַלד דערשמעקט אז דאָס איז „וואַניוטשער" טאַבאַק און גלייך געזאָגט, אז דער חברה־מאַן האָט איהם אָפּגענאַרט... ער האָט זעהר פיל גערויכערט, אז זי, יעוו. ס. האָט איהם שוין געמוזט זאָגען, אז זי קען נאָהענט ניט שטעהן נעבען איהם.

בכלל איז ביי אַלעמען געווען די שטימונג א שלעכטע, וואס מ'האָט געדאַרפט נאָך א נאַכט נעכטיגען אין קאָרעסטיען. די קריסטינס האָבען קענטיג אַלע געפיהרט מיט זיך פיל געלט און טייערע חפצים און זיינען שטאַרק אומרוהיג געווען מז'זאָל זיי דאָ ניט א טרייסעל טאָן. פאַר יעדען אומבאַקאַנטען מענשען, וואָס האָט זיך אין שטוב געוויזען, זיינען אַלע געבליבען ווי די פגרים. יעק. ס. האָט זיך פאַרליבט אין דער אידישער בעל־הבית'טע. איז שטאַרק צופרידען געווען, וואס יענע האָט איהר געגעבען עפּעס זעהר א וויכטיגע עצה, וואו דאָס געלט צו באַהאַלטען... זי האָט אויסגעז־ביטען ביים בחור'ל א תק'ער אויף סאָוועטסקע. וואַסיא ס. האָט אויך אויסגעביטען אַזוי פיל און גענומען מיט טויזענט רובעל מעהר ווי יעק. ס. האָט גענומען; אָבער דער לעצטער האָט עס ניט געאַרט אָדער גלאַט געזאָגט זיך אז ס'אַרט איהר ניט... יעוו. ס. האָט דער בעל־הבית'טע באַוויזען א שאַל אויף צו פאַרקויפען. צוגעבאָטען א פּרייז און דאָס בחור'ל האָט געזאָגט, אז ס'האָט מעהר ניט די ווערט ווי העלפט פון דעם פּרייז וואס זי האָט געבאָטען. האָט מען זיך אָנגעהויבען דינגען און דאָ האָט זיך דער קרעמעניצער אריינגעמישט אין „טאָרג". ער נעמט די שאַל און ער וועט זי ארויסטראָגען אין שטאָדט פאַרקויפען און וועט נעמען פאַר איהר פיל מעהרער ווי מ'גיט דאָ.

אוועקגעגאנגען מיט דער שאַל האָט דאָס בחור׳ל צו מיר געזאגט:

— ער איז א גרויסער אידיאָט, אָט דער מארק גרינגאָראָוויטש. און די מוטער זיינע האָט פון איהר זייט באַמערקט, אז זי פאַר־שטעהט ניט, וואָס פאַר א איד דאָס איז.

דער קרעמעניצער איז געקומען אָהן דער שאַל, געקראגען ניט מעהר ווי מ׳האָט אין שטוב געבאָטען. און אלע האָבען איהם חושד געווען, אז ער האָט עפּעס פארדינט דערביי. איך האָב גע־פרעגט נאָך וואס ער האָט עס געטאָן, און דערציילט, אז מען איז חושד, אז ער האָט זיך עפּעס אראָפּגעלאָזען אין קעשענע. ס׳האָט איהם ניט איבערראַשט, ער קען זיי פאַר גרויסע כּוליגאַנעס, אָבער ער האָט עס ניט געוואָלט טאָן פאַר איהר׳ט וועגען. ער איז א מענש מיט פּרינציפּען... ער האָט געמיינט, אז די שאַל האָט פיל מעהר די ווערט און האָט זעהר פיינט, אז אידען דערטאָפּען א גוי און ווילען איהם אָפּנארען...

— און דאָס וואָס מ׳איז אייך חושד?

דאָס איז איהם ניט אָנגעגאַנגען... מ׳האָט ווירקליך געוואָלט געבען מעהר פאַר דער שאַל. אָבער ער האָט ניט געוואלט נעמען, צו באַווייזען די שווארץ־מאָה׳ניצעס, אז מ׳האָט זיי דאָ ניט געוואָלט אָפּנארען...

א פּאָר שעה פארנאכט האָבען די קריסטינס שוין ווידער גע־בעטען דאָס בחור׳ל, ער זאָל געהן באַשטעלען א פוהר אויף מאָרגען, אויף גאַנץ פריה. אָבער דאָס בחור׳ל האָט זיך געפיהלט באַליידיגט און זיך אָפּגעזאגט פון שליחות.

— מעהר געהט ער ניט!

אָבער דער גרוזין האָט איהם איינגעבעטען. באַשטעלט א פוהר אויף גאַנץ פריה.

— זעכציג טויזענט רובעל! ...

א גאַנצען טאָג איז קיין זון ניט געווען, אָבער פארנאכט האָט זי זיך געוויזען און ס׳איז פיל ליכטיגער געווארען ווי בייטאָג. פאַר־גאָסען די גאַנצע שטוב מיט ליכטיגע און קאַלטע שטראַלען. האָט

זיך איינס נאָך דאָס אנדערע אָנגעהויבען צו צואוואַרפען בוימעלאך און קווייטעלאך אויף די שויבען... עס האָט זיך באקומען אַן איינ־דרוק, אז דאָ קומט פאָר עפּעס א שטילער ווינטער טאַנץ אנטקעגען זון און שטראַלען... ס'איז שוין געווען זעהר ניט היימליך צו קוקען ווי דער פראָסט וואקסט אויף די שויבען און די שטראַלען פון דער זון ווייזען בולט אָן יעדעס שטריכעלע אויפ'ן גלאָז. עס האָט זיך געדאכט אז פון יעדער שטראַל ווערט א פראָסטיג שטריכעלע. שטאַרבען איינס נאָך דאָס אנדערע פאַלענדיג אויף די שויבען און די שטריכלאך גיסען זיך צונויף און פארשטעלען פון שטוב און מענש, זון, דרויסען און הייזער.

וואסיא קלעמענטיעוונא האָט געבעטען פארמאכען די לאָדען, אָבער אלע זיינען געווען געגען דעם, ווייל דאָס פארמאכען אזוי פריה די לאָדען קען א חשד ארויסרופען... כאָטש ס'איז ניט געווען אזוי פריה... ס'איז נאָר ליכטיג געווען.

אָפּגעגעסען און אָפּגעטרונקען טיי, האָט זיך פריהער פון אלע אויפגעהויבען פון טיש די מאַמע מיט דער טאָכטער און אוועק אין לעצטען צימער זיך קריגען. אָן זייערע צוהיצטע פּנים'ער און אינ'ם ניט קוקען איינס אויף דאָס צווייטע האָב איך דערקענט, אַז זיי זיינען אוועק זיך קריגען. איך האָב מיך אָנגעשטויסען, אַז די סבה פון די אָפטע רייסענישען צווישען מוטער און טאָכטער מוז זיין דער גרוזין. אין עטליכע מינוט ארום, ווען איך בין אריין אין צווייטען צימער, האָב איך אונטער א פארמאַכטער טיר געהערט אַ היציג געשפּרעך צווישען מאַמע און טאָכטער וועגען א בעקעש, און פארשטאַנען, אז דאָס האנדעלט זיך וועגען בעקעש, וואס דער גרוזין טראָגט. אָט דער בעקעש האָב איך דערהערט איז ביי דער טאָכטער זעהר טייער, ווייל ס'איז דעם פאָטער'ס, און דער פאָטער איז גע'הרג'עט געוואָרען אין דער מלחמה.

— ניין! — האָב איך געהערט שרייען דער טאָכטער אויף דער מוטער. — איהר האָט ניט קיין רעכט געהאט אוועקצוגעבען מיין פאָטערס בעקעש אייער ליובאָווניק!

דער גרוזין איז אריינגעקומען מיט'ן פּאַפּיראָס אין מויל שוויי־

גענדיג און אומעטיג... ער איז דאכט זיך אריינגעקומען ווענען עפּעס, אבער דערזעהענדיג מיך געזאגט:

— ס'איז ווירקליך זעהר שלעכטער טאבאק. ווען איהם ווילט זיך רויכערען, מוז ער זיך אפּזונדערען פון מענשען...

איך האָב איהם מכבד געווען מיט מיינס א פּאפּיראָסל. ער האָט עס פּאררויכערט פון זיינעם און עס באטראכט און גוטמוטיג געשמייכעלט, וואָס ס'איז אַזוי קליין און דין. ער האָט אָפּגעצעהלט:

— ראָז, דוואָ, טרי! — דריי ציה געגעבען און געבליבען ביים קאָרדאָנדעל.

אפילו אין זיין אומעט האָט זיך אויך געשפּירט עפּעס א מאָדנע גוטמוטינקייט.

מיטוואָך, 21טער יאנואר.

גאנץ פריה זיינען מיר שוין אלע געשטאַנען אָנגעטאָן, די קעפּ פּארוויקעלט און די פּיס מיט זעק און שמאטעס ארומגעבונדען. געשטאַנען א שעה אָנדערהאַלבען און געווארט אויף דער פוהר.

ארום צעהן אזייגער האָבען מיר זיך אלע אויסגעזעצט אויף א גרויסען שליטען אָנגעפּאַקט מיט היי. דער פראָסט א שטילער, א שטאַרקער, האָט געשניטען אין די אויגען און מיט שאַרפקייט פון „מיאַטע" געשניטען אין די נאָז־לעכער.

מיטאָג־צייט געקומען קיין לוגין. א שטעדטעל א צוואָווער־פּענס... הייזער געדעקט מיט שניי און שניי באַזעצט מיט הייזער. פּארפאָהרען צו מיין פרוי'ס א קרובה, וואָס האַלט זיך בכבוד'יג מיט איהר גרויסער שטוב און מיט איהר ווירדיגקייט. זי האָט אונז אָוועקגעגעבען די זאַל וואו ס'איז געשטאַנען פיל וואזאָנעס און פיגורען הויכע אונטער דער סטעליע.

באַלד ווי מיר זיינען געקומען האָבען מיר זיך דערוואוסט, אז ביי איהר האָט אלע יאָהרען געוואוינט דער „סודיא". זי האָט די קריסטינס דערצעהלט, אז דער סודיא האָט שטאַרק געהאַלטען פון איהר שטוב, פון איהר און פון איהרע טעכטער... איצט געפינט זיך ביי איהר דער קאָמיסאר... אָבער די קריסטינס קענען זיין

רוהיג... דער קאָמיסאַר האָט אויך פון איהר און איהרע טעכטער... זיי מעגען זיין רוהיג, קיין שלעכטס וועט זיי ניט געשעהן.

יעק. ס. האָט זיך פאַרליבט אין דער נייער בעל־הבית'טע מיט די טעכטער. זי האָט זיך ערשט איבערצייגט, אז דאָס אידישע פאָלק, אין גרויסען מאַסשטאַב גענומען, שטעהט פיל העכער פון רוסישען... זי האָט גערעדט מיט די דריי מעדלאַך און איז אנטציקט געוואָרען פון זיי. וועט מען דען געפינען אין דער פּראָווינץ, אין אזא פאַרוואָרפען ווינקעל אזעלכע אינטעליגענטע רוסישע מיידלאַך?

דערזעהן דר. הערצל'ס פּאָרטרעט הענגען אויף דער וואַנט, האָט זי מיט זיי גערעדט פון דר. הערצל. איהר איז אַלעס באַוואוסט, אָט דער יעק. ס. זי ווייסט, אז דאָס איז געווען דער גרויסער אידישער פיהרער... אפילו די קריסטען באַדויערען זיין פריה־צייטיגען טויט. ווען ער וואָלט ביז אהער געלעבט, וואָלט ער שוין אַלע אידען אַרי־בערגעפּעקעלט קיין ארץ ישראל.

דעם קרעמעניצער האָט זיך פאַרגלוסט מיט איהר א שפּאַס מאַכען, ער האָט געזאָגט, אז אַלע אַנטיסעמיטען וואָלטען געוואָלט, אַז די אידען זאָלען אַרויספאָהרען קיין ארץ־ישראל. דאָס האָט שטאַרק באַליידיגט יעק. ס. און ביידע האָבען זיך צוקריגט. ס'האָט זיך אריינגעמישט איוואַן וואַסיליעוויטש, וואָס האָט געהאַלטען מיט'ן קרעמעניצער, און וואַסיא קלימענטיאָוונאַ האָט געהאַלטען מיט יעקאַטערינאַ ס. איוואַן וואַסיליעוויטש האָט געהאַט א ניט־פאַרזיכטיגקייט אָנרופען דער ערשטער „חבר" און זי, וואַסיא קלעמענטיעוונאַ האָט איהם שטרענג געבעטען, אַז ער זאָל זי ניט רופען „חבר" דערפאַר, וואָס זי איז איהם ניט קיין חבר. האָט זיך דער פיהרער באַליידיגט און ברוגז געוואָרען.

נאָך ווען מיר זיינען געווען אין קאָרעסטיען האָבען מיר געהערט א קלאַנג, אַז די באָלשעוויקעס האַלטען ביי פאַרלאָזען קאָרעסטיען און דאָ, אין לוגין, האָבען מיר זיך דערוואוסט פון דער בעל־הבית'טע, אַז די באָלשעוויקעס קלייבען זיך צו פאַרלאָזען לוגין, און דאָס האָט ביי אַלעמען געשאַפען א נערוועזע שטימונג. וואַסיא ק. האָט געפונען א וועג צו בונטעווען אַלעמען אנטקעגען פיהרער... ער

פיהרט ניט גוט... אז ער פיהרט שוין אינמיסטען אויף אזעלכע ערטער; און אלע זיינען געווען איינשטימיג מיט דעם, אז מ'דארף וואָס פריהער קריגען א פוהר און אַפציהען פון דאנען. די אידישע בעל־הבית'טע מיט די אידישע טעכטער האָבען געזעהן מיט אלע מעגליכקייטען צו בארוהיגען די נערוועזע קריסטינס... זיי נעמען אויף זיך, אז זיי, די קריסטינס, וועט קיין שלעכט'ס ניט געשעהן ביי זיי אין שטוב... יאָ ס'איז שוין גראד א גרויס גליק פאר זיי, וואס זיי זיינען אריינגעפאלען אהערצו אין שטוב אריין... דער קאָמיסאר איז זעהר אַ ביטערער מענש... האָבען אפשר די קריסטינס געהערט פון דער דאָמבראָוויצער רעפובליק, וואס איז אויסגעבראָכען פאר'ן העטמאן, דאָס איז איינער פון יענע, וואס איז געשטאנען אין דער שפיץ פון דער דאָמבראָוויצער רעפובליק, אונטער זיין אָנ־פיהרונג איז אין איין נאכט אויסגעשאָכטען געווארען עפּעס א פופציג פּאָמעשטשיקעס...

וואסיא ק. האָט זיך דריי מאָל איבערגע'צלמ'ט. האָט אפגע־רופען מיין פרוי אָן א זייט און מיט א שטיל וויינענדיג קול געזאגט:

— באָזשע מילאָסערדני, קודא מי פּאָפּאלי!

אין א פּאָר מינוט ארום האָט יעווגעניא ס. אפגערופען דעם גרוזין אן אַ זייט און מיט איהם עפּעס שטיל געשמועסט און נאָכדעם זיינען זיך אלע צונויפגעגאנגען אינאיינעם און גערעדט אלע צו־זאמען:

— מ'דארף פון דאנען וואס גיכער אנטלויפען. אנטלויפען פריהער, בעפאָר „יענע" געהען אוועק...

אָבער מ'האָט זיך אומגעקוקט האָט שוין אָנגעהויבען צופאלען די נאכט און ווען די פוהר וואָלט שוין אפילו געווען וואָלט קיינער זיך ניט אונטערנומען ביי־נאכט צו פאָהרען...

און ווער וויים וואָס דאָ קען ביינאכט געשעהן? ...

דער גרויסער זאָל מיט די פיר גרויסע פענסטער פארהאנגען מיט פאָרהאנגען, פארשטעלט מיט וואזאָנעס און בארעקט מיט פראָסט האָבען געמאכט אַן איינדרוק פון א צונויפגעמישטען זומער

מיט ווינטער. א גרינער קאַלטער אומעט האָט זיך געשפּירט פון די פענסטער און זיך צוגאָסען איבער דער גאַנצער גרויסער ברייטקייט און הויכקייט פון דעם זאַל, וואו עס האָבען זיך ארומגעוואַלגערט אזוי פיל מענשען מיט אזוי פיל פּעק... מיר האָט זיך געדאַכט, אז ס'וואָלט שוין לאַנג נאַכט געווען, ווען ס'וואָלט ניט געווען אזוי פיל פענסטער... די נאַכט האָט דאָרט פּשוט קיין אָרט ניט געהאַט... צייטענווייז באַקומען אַן איינדרוק, אז אין דרויסען איז שוין טונקעלער ווי אין שטוב. אז אהער אין שטוב אריין האָט זיך דער טאָג פאַרקליבען און קען ניט ארויסקריכען, און ווען אין שטוב איז שוין אויך טונקעל געוואָרען האָט זיך נאָך אַלץ אויף די פיר גרויסע פענסטער א גרויע אומזיכטיגע מאַטקייט געהאַלטען... עס האָט זיך געדאַכט, אז טאָג מיט פראָסט איז אויף פענסטער און שויבען פאַרגליווערט געבליבען...

אין אומרוהיגע נאַכט געוועזן... פון אונטער א וואַנט האָבען זיך אָהן אויפהער טריט געהערט, אומבאַקאַנטע טריט פון מענשען וואָס איך האָב אין מיין לעבען ניט געזעהן. יעק. ס. איז א גאַנצע נאַכט ארומגעגאַנגען צו יעדען איינציגען, זיך אָנגעבויגען און זיך איינגעהערט צי מ'שלאָפט. צולעצט האָט זי אויך צו מיר פאַר־בלאָנדזשעט. איך האָב זיך א וואָרף געטאָן צו באַווייזען איהר, אז איך שלאָף ניט און זי האָט מיר גלייך אריינגערוימט, ווי א אידענע רוימט אריין א סוד אין אויער אריין:

— זיי געהען אוועק...

דאָס הינטעל האָט זיך איהר נאָכגעדרעהט מיט ווייסקייט און שטילקייט, זיך געריבען אָן איהרע באָרוועסע פיס, און מיך איינמאָל און א צווייטען מאָל באַשמעקט.

— דאַרף מען אויפשטעהן?

— דו ווייסט אליין ניט וואָס מ'דאַרף טאָן.

ערגעץ ווייט פון מיר האָב איך באַמערקט ס'האָט זיך אויפגע־זעצט א מענש און איז געבליבען זיצען אומבאַוועגליך... איך האָב ניט געוואוסט ווער דאָ איז... איינגאַנצען פאַרגעסען דעם סדר, וואו און ווי אזוי אַנדערע פאַרשוינען האָבען זיך אויסגעלייגט.

געשטאַנען לאַנג נעבען מיר און ענדליך געזאָגט, אז זי וואָלט זעהר געוואָלט זעהן כאַיאַ לאַזאַראָוונאַ.

— וועגען וואס א שטייגער?

— מיט איהר זיך אָן עצה האַלטען. זי קען דאָך גוט די מענשען פון דער שטוב... אפשר איבערגעבען דער כאַזיאַקע צו באַהאַלטען...

דער פרוי מיינער האָבען די בעל־הבית'טע מיט די טעכטער געלעגט ביי זיך אין שלאָף־צימער ואן איך האָב שוין גאָר קיין חשק ניט געהאט צורודערען איהר דעם שלאָף.

איך האָב עס טאַקע ניט געטאָן. איך האָב איהר גע'עצה'ט, יעק. ס., זי זאָל האַלטען גרייט וואס זי האָט איבערצוגעבען, מ'וועט עס קענען אַלע צייטען איבערגעבען דער בעל־הבית'טע.

קענטיג אוועקגעגאַנגען פון מיר א ניט־צופרידענע, מיט איהר דאָס הינטעל, וואָס האָט זיך איהר געריבען ביי די פיס. אין א ווײַלע ארום איז זי שוין געשטאַנען נעבען א מענשען, וואס האָט זיך אויפגעזעצט אין זיך געשושקעט מיט איהם. אינ'ם שושקען זיך האָב איך דערקענט וואסיאַ קלעמענטיעווגאַ'ס שטימע.

אין דער פריה איז עס שוין קיין סוד ניט געווען; יאָ, זיי, די באָלשעוויקעס, טרעטען ווירקליך אָפּ פון לוגין אויף קאַרעסטיען. די מוטער מיט די טעכטער זיינען פון גאַנץ פריה אויף די פיס... מיר הערען ווי זיי ריידען דאָרטען אין עס־צימער מיט אימיצען, און אַלע פאַרשטעהען מיט וועמען זיי ריידען. פון צייט צו צייט הערט זיך א קלאַנג אין גלאָז, קענטיג, אז „ער" טרינקט דאָרטען טיי.

מיר זיינען געשטאַנען צוזאַוואָרפען, פאַרגליווערט ווי די גולמ'ס, מיט קוויטיגע, פארשלאָפענע פּנים'ער, מיט הענט און מיט אויגען געוואונקען איינס צום אנדערען, מ'דארף זיך חלילה ניט ריהרען פון די ערטער. וואסיאַ ק. איז געווען בלוי. איך האָב באַמערקט, אז פון ערשטען מאָל, וואס איך האָב זי געזעהן ביז איצט איז זי עלטער געווארען אויף א צעהן, פופצעהן יאָהר זי האָט אויסגעזעהן ווי אן אלקאָהאָלקע, אדער ווי אן אויסגעפּאטשטע אלטע זונה, וואס איז אויפ'ן טאָג ארויסגעווארפען געווארען אין

דרויסען פון בעט און צימער... איוואַן וואסיליטש האָט געקוקט אויף איהר מיט שמייכעל און ביטול און זיך איבערגעקוקט צו אַנדערע מיט זיינע ביטרע, גרויע אויגען, צי אימיצער נאָך זעהט אויף דער פריצה דאָס, וואס ער זעהט... דער גרוזין איז זיך גאַנץ רוהיג און גוטמוטליך געשטאַנען. ער האָט אויף אַלעמען געקוקט און גוט־מוטיג געשמייכעלט. ער האָט דער ערשטער געוואגט ארויסצולאָזען קול און לשון:

— אויב יענער וועט דאָרטען זיצען אַ פּאָר שעה, וועלען מיר דאָ שטעהן ווי די סטאַטועס?

— זאַמאַלטשיטע! — האָט זיך אויף איהם אָנגעבייזערט די הויכע און ליידענשאפטליכע פערציג יאָהריגע יעווגעניא ס. און גלייך נאָך איהר האָט זיך אַ מאָרדעווע געטאָן דאָס שלאַנקע טעב־טערל און דאָס וואָרפעלע וואָס זי האָט זיך געטאָן, האָט אויסגע־דריקט אזוי פיל שלעכטס און אינטעליגענטע רייכע קריסטליכע רשעות.

גלייך נאָכדעם ווי דער קאָמיסאר האָט די שטוב פארלאָזט האָבען זיך די קריסטליכע דאמען זעהר גוט דערשפּירט... זיי האָבען שוין גאר מיט אן אנדער טאָן גערעדט מיט דער בעל־הבית׳טע און מיט די טעכטער.. יעק. ס. האָט געראַטען זיי זאָלען גלייך אויס־רוימען פון שטוב אויב ס׳איז עפּעס געבליבען פון די באָלשעוויקעס. באמערקט אַ פאָטאָגראפיע אויף דער וואנט, האָט זי גלייך אראָפּגע־נומען פון דער וואנט און שוין געהייסען פארברענען... דאָרטען איז געווען זעהר אַ הייסער אויפשריפט צום אָנדענק פון דער מיטעל־סטע טאָכטער און מיט פיל זלזולים געגען דער בורזשואזיע און קאַפּיטאַליסטען. די מוטער און די טעכטער זיינען געווען שטאַרק אומרוהיג פון די נייע געסט וואס באַדאַרפען אָנקומען, און יעק. ס. האָט זיי בארוהיגט, אַז די פּאָליאַקען וועלען זיי קיין שלעכטס ניט טאָן, אויב זיי וועלען אין שטוב קיין פּאַרדעכטיגעס ניט געפינען...

מיר זיינען אַלע זיכער געווען, אַז מיר וועלען דעם טאָג ווייטער פאָהרען, אָבער אומגעריכט זיינען מיר נאָך אַ נאַכט פארבליבען נעכטיגען. עפּעס האָט אונז אַ קליין פארשווינדעל געוואַלט אונ־

טערפיהרען. ס'האָט קיינער ניט געוואוסט פון וואנען דאָס פאר־שווינדעל האָט זיך דערוואוסט וואוהין מיר באדארפען פאָהרען. ער איז אריינגעקומען און געזאגט, אז ער האָט צוויי פוהרען וואס קענען אונז צושטעלען קיין סלאָוועשנע פאר צוואנציג טויזענט רובעל. און א דאנק עפעס א צופאל האָבען מיר זיך דערוואוסט שוין פאר'ן פאָהרען, אז די פורמאנעס ווייסען גארניט דערפון, אז זיי דארפען אונז פיהרען קיין סלאָוועשנע. זיי זיינען אלעדניקער און פאהרען קיין אלעדניק.

ווי ס'האָט זיך ארויסגעוויזען האָט דאָס פארשווינדעל געוואלט אָפנארען אי די פויערים, אי אונז. די פויערים האָבען געוואוסט פון פערצעהן טויזענט רובעל און פון אלעדניק, און מיר האָבען געוואוסט פון סלאָוועשנע, וואָס איז מיט צעהן ווערסט ווייטער, פאר צוואנציג טויזענט רובעל, וואס מיר האָבען איהם געדארפט דאָ באצאָהלען און דאָרטען אין דאָרף וואָלטען אונז די פויערים אראפגעזעצט.

ווען דער שווינדעל איז ארויסגעשוואומען, איז ער געקומען אָפנעמען דעם א־דערויף, וואס ער האָט ביי אונז געלאָזט. יעוו. כ: איז אויף איהם ארויפגעפאלען און דאָס קליינע פארשווינדעל האָט איהר צוריק מיט שימפף־ווערטער געענטפערט. דער גרוזין איז זיך גאנץ געמיטליך און לאנגזאם צוגעגאנגען און אָהן ווערטער, איין מאָל און צוויי מאָל אראָפגעלאָזט די גרויסע לאָפע זיינע אויף יענעמ'ס קעפעל.

דאָנערשטאָג, 22טער יאנואר.

פארנאכט געקומען קיין אליעדניקי, א גרויס דאָרף מיט א צעהנדליג אידישע הייזער. פארבליבען דאָרטען נעכטיגען. אונ־זערע קריסטען האָט זיך געגלוסט האָבען סטאנציע ביי אידען. זיינען מיר געגאנגען פון שטוב צו שטוב מיט פערד און שליטען, נאָר קיין איין איד האָט אונז ניט געוואָלט אריינלאָזען. עס האָט גאָרניט געהאָלפען, וואָס מיר, אידישע וואנדערער, האָבען מיט זיי אידיש גערעדעט. דאָס געהן פון איין שטוב אין דער צווייטער האָט פיל צייט פארנומען און די נאכט האָט אָנגעהויבען צופאלען. מיט קעלט און אומעט האָט זיך די נאכט אָנגעהויבען שפרייטען אויף

אומבאַקאַנטער סביבה, אויף פרעמד פּלאַץ־ברייטקייט מיט אומ־באַקאַנטע הייזער, וואָס האָבען געהאַלטען פאַר אונז פאַרמאַכט די טירען. נעבען איין שטוב און אַ צווייטער האָט זיך דאָ און דאָרט אַ מענש געוויזען און מיט הענט אין דער הויך לאָדען פאַרמאַכט... דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען אָט די מענשען געזעהן און גע־שפּירט צו זיי קנאה און האס... איך בין געווען זיכער, אז דאָס איילט מען זיך איבער אונז די לאָדען צו פאַרמאַכען... און נאָכ־דעם ווי די לאָדען זיינען פאַרמאַכט געוואָרען, האָבען זיך דאָ און דאָרטען ליכטיגע שפּאַלטען געוויזען.

געשטאַנען אין דרויסען אין אומגליקליכער פרעמדקייט און וואַנדערענדער איינזאַמקייט איד און קריסט צווישען אידען און קריסטען, אָהן אַ שטוב, אָהן אַ דאַך אונטער אַ ברייטען פאַרוואָל־קענטען הימעל אויף קאַלטער ווייסער ערד. מיד, איבערגעפרוירען פון פאָהרען און געפרוירען פון שטעהן נעבען שליטענס און זאַכען. איך האָב געקוקט אויף מיין שוואַכער פרוי. מיר האָט זיך גע־גלוסט וויינען קוקענדיג אויף איהר.

ענדליך האָבען די צוויי פּויערים פוהרמאַנעס רחמנות גע־קראָגען אויף אונז, האָבען געזאָגט, אז זיי קאָנען נעמען פיר מענ־שען צו זיך אויף נאַכט־לעגער. זיינען איך מיט מיין פרוי אַוועק צו איינעם, דער קרעמעניצער מיט'ן פיהרער — צום צווייטען און די איבעריגע פינף זיינען אַוועק צום גלח.

אָנגעטראָפען אַ לייטישע שטוב, אַ פרומע, פול מיט אַבראַזען אויף די ווענט. ס'האָט געפלאַקערט אין אויוועז און אין שטוב איז געווען וואַרעם און ליכטיג פונ'ם אויווען. אַן עלטערער פּויער און פּויערטע, ער בעל־הבית, זי בעל־הבית'טע, ער ביים טיש, זי ביים אויווען, און אַ יונגע גוי'קע איז געשטאַנען איבערגעבויגען איבער אַ וויגעל, וואָס איז געהאַנגען אויף שטריקלאַך אויף אַ באַלעק און געזויגען אַ קינד. אַ דריי יעהריג שיקסעלע, ווייסע האָר ווי מילך, האָט זיך געשפּילט מיט אַ קליין שעפּסעלע, וואָס איז קענטיג נאָר־וואָס געבוירען געוואָרען.

דאָס אַלטע פּאָר־פאָלק האָט גאָרניט געוואוסט וואָס צו טאָן

מיט אונז, מיט אונז פארפרוירענע, מיט אונז פארמאַטערטע, מיט אונז געקומענע (אָדער אַנטלאָפענע) פון דער ווייטער שטאָדט, וואָס זיי האָבען אויף זייער לעבען ניט געזעהן, נאָר זעהר פיל זיך אָנגעהערט. דער אַלטער האָט אונטערגעטראָגען דער פרוי מיינער א קלעצעל אונטער די פיס און גערעדט פון וועלט און שטעדט; מיט קריסטליכער פרומקייט גערעדט וועגען דעם, וואָס מענשען האָבען גאָט פארגעסען, און מ'האַלט אין איין בלוט פארגיסען.

דער פוהרמאַן (א זוהן זייערער) האָט ערגעץ א סאַמאָוואַר געקראָגען. די אַלטע האָט אריינגעטראָגען הייסע קויהלען, און דער סאַמאָוואַר האָט גלייך אָנגעהויבען צו שיפען. די יונגע גוי'קע האָט זיך געהאַלטען פרעמדליך און מיט דרך־ארץ געשוויגען, נייַ־געריג געקוקט אויף די געסט און געוואונקען צו דער ווייסער שיקסעלע, ס'זאָל זיך האַלטען שטיל.

מיר האָבען געגעסען א פּראָסטע, גוטע, זאַטע וועטשערע, אַלע פון איין שיסעל געגעסען. די בעלי־בתים מיט פויערשען דרך־ארץ, מיט קריסטליכער אָהן־היטעל פרומקייט, די ווייבער האָבען פון גרוים דרך־ארץ פאַר די מאַנען, ווינציגער געגעסען, און מיט גרויס יראת־הכבוד אַלע מאָל אונטערגעגאָסען פון טאָפּ אין שיסעל אריין.

— „קושאַיטיע! קושאַיטיע!" — האָט דער אַלטער אָהן אויפהער אונטערגעטריבען די געסט מיט פויערשער גאַסט־פריינד־ליכער הארציגקייט. ער האָט אונז געהאַלטען אין איין מינטערען:

— „קושאַיטיע, קושאַיטיע!"

נאָכ'ן עסען, פאַרטרונקען מיט טיי. דאָס טיי טרינקען האָט זעהר לאַנג געדויערט, ווייל ס'איז מעהר ניט געווען ווי איין בלע־כען טעפּעלע. נאָכדעם האָבען זיך אַלע פרום געצ'לם'ט.

אויף לעצט האָט דאָס יונגע גוי'קעלע, פארפלאָמט פון שטוב־וואַרימקייט, פון וועטשערע און טיי, אריינגעבראַכט פון דער „קאַ־מאָרקע" איבערגעפרוירענע קישעלאַך און לייוועַנטענע ציכלאַך. דער יונגערמאַן, ווידער, האָט אריינגעטאַסקעט א „קול" שטרוי און אויסגעבעט אין וואַרימקייט פרישע, קאַלטע געלעגערס.

פאַרטאָג האָט שוין געברענט אין אויוועז, און אנטקעגען פלאַם האָבען טעפּ געזאָדען און זיך אריבערגעגאָסען פון אַלע זייטען אויף דעם אָנגעגליהטען „טשערין״, און ס׳האָט זיך געהערט אַן אומ־אויפהערליך שיפּעריי. פאַר׳ן פאָהרען האָט די פרוי מיינע זיי געלאָזט א געדיכט קעמעלע, א פּאָר זילבערנע מטבעות (א זעל־טענהייט), און איך האָב געלאָזט דעם פויער א גוט מעסערעל. ווען מיר זיינען שוין אויף דער פוהר געזעסען, האָט די אַלטע צוגע־טראָגען מיין פרוי א גרויסען איבערגעפּראָרענעם עפּעל.

ווייטער געפאָהרען מיט די זעלבע פוהרמאַנעס און שליטענס פול מיט היי־געבעט, פאַרדעקט די פיס ביז די קני. ארום צוועלף אזייגער געקומען קיין סלאָוועשנע.

א חרוב שטעדטעל... שטיבער אָהן מענשען, מיט שניי ארום, אָהן טריט, אָהן סטעזשקעס. שטיקער טירען מיט שניי פאַרמויערט און פענסטער מיט אויסגעבראָכענע שויבען און צובראָכענע ראַמען, וואָס האָבען וואו ניט וואו פון פענסטער און פיר־קאַנטיגע לעכער זיך ארויסגעזעהן. פון אינווענינ קוקט ארויס פוסטקייט און פינ־סטערער אומעט... ביי אייניגע שטיבער זיינען פענסטער מיט ברעטלאך פאַרקלאַפּט... א שטעדטעל, א אידיש שטעדטעל, אָהן אידען... פאַרבליבענע טויטע עדות פון לעבען און גרויס חורבן פון שטאָדט און מענשען... א שוואַרצער חורבן צוזייט און צו־שפּרייט איבער דעם זויבער ווייסען שניי...

אָפּגעזוכט א שטוב מיט מענשען. גרויס אומגליק, גרויס טרויער... פענסטער האַלב פון גלאָז, האַלב פון ברעטלאך. אין א חורבה צווישען חורבות זיינען פאַרבליבען א פּאָר פאַמיליעס און זיך באַזעצט צוזאַמען און אַלע צוזאַמען פּיהלען זיך איינזאַם און עלענד. אידען באַוואַקסענע, ווייבער פאַרלאָזטע, קינדער שמוציגע און נאַקעטע... אָהן מאַכט... אונטער דער הערשאַפט פון נויט און שטענדיגען פּחד לעבען די מענשען... א טאָג ווייזען זיך די, א טאָג יענע די ארוים, יענע אריין... ס׳איז פרייטאָג — מען זעהט ניט קיין סימן פון שבת.

— אָט אַזוי לעבט מען, — האָט אַ איד מיט אַ אידענע מיט איינמאָל געזאָגט.

אונזערע קריסטען האָבען זיך דערווייל אויסגעזעצט ביים טיש און זיך צולעגט מיט'ן פרישען חזיר, וואָס זיי האָבען ביים גלח באַקומען. איינע אַ הויכע אידענע, קענטיג די בעל־הבית'טע פון שטוב, האָט זיי ציבעלעס צום חזיר געגעבען, און געזאָגט, אַז מעהר האָט זי גאָרניט וואָס צו געבען. מיר, אידישע וואַנדערער, האָבען אַליין ניט באַמערקט, ווי מיר האָבען זיך אָפּגעריסען פון אונזער קריסטליכער קאָמפּאַניע און זיך מיט די אידען פון שטוב איבערגעשמועסט און אַלע צוזאַמען געקרעכצט אויף אידישע צרות.

געקראָגען צוויי פוהרען און שפּעט אין אָוונט אָנגעקומען אין אַ דאָרף, וואָס הייסט קאָווענקע.

צוגעפאָהרען און זיך אָפּגעשטעלט נעבען אַ שטיבעל, וואו ס'האָט געברענט אין מיטען שטוב, אונטער אַ קאַמין (ווי אַ טרובע פון אַ גראַמאָפאָן) פון לייווענט אָפּגעשמירט מיט קאַלך, אַ גרויס ליכטיג פייער.

די קריסטען אונזערע האָבען זיך גלייך צורעדט מיט די גויים, וואָס מיר האָבען געטראָפען אין שטוב, און מיר, אידען, האָבען גלייך פון ערשטען געשפּרעך דערזעהן, וואו מיר געפינען זיך. דאָרטען, אין סלאָוועשנע, געהערט פון דעם דאָרף. דאָס האָבען די פּויערים פון קאָווענקע חרוב געמאַכט דאָס שטעדטעל. די גויים האָבען גלייך גענומען רעדען פון אידען. זעהט אויס, אונז אַלעמען אָנגענומען פאַר קריסטען...

איך בין געשטאַנען ביים פייער, פאַרשטיקט מיט שווייגעניש און אידישקייט. אין גאַנצען מיט אויגען און רעיונות אין פייער פאַר־זונקען. דאָס פייער האָט אין מיר באַלויכטען שוידערליכען אומ־רוהע און פינסטערניש... ווי אַ פריינד אַ ליכטיגער, אַ וואַרימער, אַ נאָהענטער, האָט דאָס פייער אין מיינע אויגען געטאַנצט, גע־גלעט מיט וואַרעמקייט און ליכטיגקייט מיין גרויסען אומרוהיגען אומעט און פאַרצווייפלונג...

פון צייט צו צייט איז אויסגעוואַקסען נעבען מיר אַ פּויערל

און צוגעלעגט א שטיקעל לוטשינע צום פייער. אויגען גרויסע, קאַלעמוטנע, מיט פויערשער פינסטערניש און מערדערישען אור־מעט... געקוקט אויפ'ן פייער און, דאַכט מיר, וועגען עפּעס פינ־סטערעס געטראַכט... געמאַכט אַן איינדרוק, אז ער שפּירט זיך, ביי זיך אין שטוב, פרעמד און איינזאַם, און אז איהם שטעלט שוין גאַרניט צופרידען, וואָס זיינע לייט געפינען פאַר נויטיג וועגען אידען צו רעדען... איינזאַם איז דאָס פויערעל צווישען פויערים געשטאַנען און ניט אַראָפּגענומען די אויגען פון פייער און אַ מער־דערישע בענקשאַפט איז געווען צוגאָסען אויף זיין בלאַס באַ־וואקסענעם פּנים'ל.

אַפּגעגאַנגען פאַמעליך און רוהיג, זיך אַוועקגעשטעלט זייטיג און ווינקעלדיג און איבער פּלייצעס פון באַקאַנטע און אייגענע אריבערגעקוקט צו די געסט, ווי ער וואָלט אימיצען געזוכט צווישען זיי. איטליכס מאָל זיך באַגעגענט מיט איהם מיט אויג און בליק...

די פרוי מיינע איז געזעסען צווישען די קריסטינס און פון דאָרטען אריבערגעקוקט צו מיר מיט פיינליכען אומעט און איינ־זאַמער אומרוהיגקייט... דער קרעמעניצער האָט זעהר פיל גערעדט מיט'ן גרוזין און אוקראַינעץ... דערקענט אין זיין רעדען, אז דאָס רעדען איז שוין צוליב עפּעס. ער איז געווען זעהר בלאַס און די שוואַרצע אידישע אויגען האָבען געגלאַנצט מיט אידישען טרויער און אידישער אומרוהיגקייט.

— כאַ־אַ לאַזאַראַוונאַ האָט געבעטען, איהר זאָלט דאָ קיין אידיש ניט רעדען, און פון זיך צוגעגעבען:

— ניע ווידאַוואַיטע סעביאַ!...

פון דרויסען, ביי דער שטוב, האָט זיך פּלוצלינג אַ ליאַרעם דערהערט, ווי מ'וואָלט עטליכע פוהרען גענז צוגעפיהרט און אין אַ ווייַלע אַרום האָט זיך מיט רעש און געפּילדער אָנגעשאָטען אַ פולע שטוב מיט פּאָליאַקען, באַוואָפענט מיט רעוואָלווערען און ביקסען. אַלע יונגע, אַלע מונטערע, לעבעדיגע און ריהרעוודיגע.

אַלע האָבען זיך געוואָרפען מיט הענט און פּנים צום פייער. דער עלטסטער זייערער האָט זיך באַקענט מיט די געסט מיט פּוי־

לישער איידעלקייט, לייכטזיניגקייט און פאַלשקייט, און האָט גלייך מיט פרעמדע און אומבאַקאַנטע געפונען פון וואָס צו רעדען. גע־רעדט פון אידען, פון אידען באַלשעוויקעס, פון דעם איד לייבאַ טראָצקי, און בכלל פון אידען, און מיט לייכטזין און איידעלקייט דערצעהלט, ווי אַזוי זיי האָבען ערשט ניט לאַנג, דאָ ניט ווייט פון דאַנען, אויפגעהאַנגען אַ באַלשעוויק אויף זיין לייבסערדאַק...

אַ פּאָר צעהנדליג מענשען האָבען מיט איין געלעכטער אַ לאַך געטאָן ווי איין מענש, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ווענט און סטעליע האָבען זיך אויפגעריסען... און בין ערגעץ אין אַ טיפען אָפּגרונט אַראָפּגעפאַלען... איינציייטיג דערזעהן אַ פּאָר אויגען פול מיט פיין, וואָס האָבען ארויסגעקוקט פון אַ קליין בלאַס גע־זיכט... איך האָב ניט דערקענט דאָס געזיכט און ניט די אויגען... דער בליק איינגאַנצען פאַר מיר אַ נייער...

איך האָב זי ניט דערקענט, די פרוי מיינע. איך האָב זי דער־קענט, ווען זי האָט זיך געלאָזט צוגעהן צו מיר און איינע פון די קריסטליכע דאַמען האָט זי אָפּגעהאַלטען.

זיך אָנגעלאַכט פון דעם באַלשעוויק, דעם אידען, ווען די חברה האָבען אויף זיין אייגענעם לייבסערדאַק אויפגעהאַנגען, איז דער עלטסטער, דער איידעלסטער און פיינסטער, אַריבער צום הינטעל:

— „וואַט פיעסיק לאַדני!"

און איין מאָל און אַ צווייטען מאָל אַ גלעט געטאָן דאָס ווייסע הינטעל, וואָס יעקאַטערינאַ ס. האָט אויף די הענט געהאַל־טען, און ניט געטראַכט, עס געקרוינט מיט אַ נייעם נאָמען:

— „מאָשקאַ!"

און ווידער געלאַכט.

אין דרייען זיינען געשטאַנען באַזונדער דער גרוזין, דער אוקראַינעץ און דער קרעמעניצער. דער ערשטער איז געוועזן זעהר אומעטיג, דער צווייטער האָט אויגעסדריקט גלייכגילטיגקייט און דער קרעמעניצער... דער קרעמעניצער האָט געשמייכעלט. גע־שמייכעלט מיט טויזענט יאָהריגען גלות אומעט. אַלע דריי האָבען

צווישען זיך געפיהרט ניט קיין וויכטיגען שמועס. דאָס שמועסען צווישען זיך איז קענטיג פאַר זיי נויטיג געווען אויף אַזוי פיל, אום זיך צו קאָנען האַלטען באַזונדער און ניט נעמען קיין אַנטייל אין געשפּרעך, וואָס עס האָבען דאָרטען געפיהרט צווישען זיך דער פּוילישער אָפיצער מיט די דאַמען.

זיך אָנגערערדט, אָנגעלאַכט און אָנגעוואָרעמט, אַ קאָמאַנדעווע געטאָן און אַלע זעלנער האָבען זיך מיט געגזעגענ־ליאָרעם אויסגע־שאָטען פון שטוב, און געדאַכט האָט זיך, אַז דאָס פּויערשע שטיבעל איז נאָך זייער אָוועקגעהן, גרוימער געוואָרען ווי ס'איז פריהער געווען, פאַר זייער אָנקומען.

ווי די פּאָליאַקען זיינען נאָר אָפּגעפאָהרען פון דער שטוב, האָט דער גרוזין אריינגעשטעקט די האַנט אין די הויזען־קעשענעס, אַ קנייטש געטאָן מיט די ברייטע אַקסלען און געזאָגט צו די דאַמען:

— מוחל דער קאָאַליציע אַזעלכע באַפּרייער...

אָנגעריהרט דעם כבוד פון דער קאָאַליציע, זיינען שוין אָנ־געפאַלען אויף איהם אי יעקאַטערינאַ ס., אי וואַסיאַ ק., אי יעווי־געניאַ ס., די געליבטע זיינע. גאַליטיאַן נעסטראָוויטש (דער גרוזין) האָט זיי געדולדיג אויסגעהערט און נאָכדעם, קענטיג, ניט וועלענדיג דיספּוטירען מיט זיי, האָט ער האַרציליך און עניוות'דיג געבעטען ביי זיי, די דאַמען, זאָלען איהם זאָגען, פון ווען אָן האָבען זיי עס אַזוי אָנגעהויבען ליב צו האָבען אַמעריקאַ און ענג־לאַנד און די איבעריגע פאַרבינדעטע... האָבען דען ניט זייערע לייט, גראַפען און פּאָמעשטשיקעס, אין הסכם מיט דער צאַרישער רעגירונג, געוואָלט, ווען מיליאָנען סאָלדאַטען האָבען ביטער גע־קעמפט מיט די פּרייסישע חילות, — האָבען זיי דען ניט געוואָלט שלום מאַכען מיט'ן שונא, ניט וועלענדיג זיין פאַרבונדען מיט די פרייע לענדער? און איצט...

— איצט זייט איהר זייערע פריינד געוואָרען! — און גע־בראַכט זייער גרוזיע צום ביישפּיל.

גרוזיא איז די גאַנצע צייט פון קערענסקי'ס רעגירונג געווען

פאַראייניגט מיט רוסלאַנד. אוועקגעשטעלט זיך דער באָלשעװיסטישער רעזשים, האָט זי זיך אָפּגעריסען. האָט זיך עפּעס ביי זיי געוואָלט אריינמישען ענגלאַנד, האָט מען זיי גלייך פון ראַרטען דעם וועג געגעבען:

— „באָלשאָיע ספּאַסיבאָ!" מיר וועלען אליין!

און די רוסען — אָט די אָפּגעשטאַנענע, צופוילטע בורזשואַזיע, וואָס האָט ניט קיין מאכט דעם מינדעסטען ווידערשטאַנד צו שטעלען, וואָלטען אריינגעשלעפּט צו זיך אין לאַנד אריין די גאַנצע וועלט. ביי אַלעמען בעט מען זיך: קומט ,ראַטעוועט. ביי די פּאָליאַקען, ביי די רומעניער, ביי פּעטלוראַ'ן. איהר בעט זיך ביי יענע, וועלכע איהר האָט ערשט ניט לאַנג מיט אייערע פיס געטראָטען, געהאַסט און געדריקט, נאַר... אַלץ איינס — „וואַשע דיעלאָ קאַפּוט!"

מ'האָט זיך לאַנג געאַמפּערט צווישען זיך. און מיר, אידען, האָבען שוין געזעהן, מיט וואָס פאַר א לייט מיר פאָהרען. וואָס נעהענטער צו דער פּוילישער גרענעץ, האָבען די דאַמען אַלץ העכער די קעפּ פאַרריסען... יעווגעניאַ ס. האָט שוין אָפען געזאָגט, אַז שולדיג אין דעם אַלעמען זיינען אידען... „יעווריעאי", — האָט זי געזאָגט, און די שיקסע איהרע האָט דער מאַמען פאַרריכט:

— „זשידי!"

## 3.

שבת, 24טער יאַנואַר.

מיט דריי פּויערים, מיט דריי פּאָר פערד און אויף דריי שליטענס זיך אויפגעזעצט. די דריי פּויערים האָבען אָהן אונז זיך געקליבען קיין אליעווסק, נאָך זאַלץ, און פאַר דריי פוהרען ניט געצאָהלט מעהרער ווי פאַר צוויי.

געפאָהרען מיט וואַלד און געשניטען נייע וועגען צווישען בוימער און געדיכטען שניי. ס'איז געווען שטיל אין וואַלד, ווייס און רוהיג... א וועלט פאַר זיך... בוימער פאַר וואַלד, וואַלד פאַר בוימער מיט שניי, ווי מיט הימעל געשפּרייט... אונטען

הימעל, אויבען הימעל... צווישען בוימער און צווייגען האָט דער טאָג אויסגעזעהן טונקעלער, ווייכער און מילדער... אונטען ליכ־טיגער ווי אויבען.

זיכערער אין וואַלד ווי אין שטאָדט און דאָרף, מיט היימלי־כער אונהיימליכקייט געפאָהרען, אונז דרייען אין אַ שליטען... ניט באַמערקט, זיך אָפּגעטיילט באַזונדער. און דרייען מיט אידיש־קייט, און דרייען מיט איינזאַמקייט נאָכגעפאָהרען, פּלייצע און פּנים, מענשען, קריסטען, אויף צוויי שליטענס, וואָס האָבען גע־שניטען וועג און שניי, צווישען היימליכקייט און פרעמדקייט פון בוימער און וואַלד אין שניי און ווינטער געהילט...

אָפּגעפאָהרען עטליכע ווערסט האָבען זיך אַלץ אָפטער און אָפּ־טער גרויסע שטיינער אָנגעהויבען צו באַווייזען, שטיינער ווי שטיבער, גרויסע, מיט הארטקייט, מיט שטיינערנער שווערקייט, צווישען בוימער און שניי געזעסען...

אָפּגעפאָהרען אַ פּאָר שעה זיינען די פערד צוגעשטאַנען, מיד געוואָרען פון נייע וועגען שניידען אין טיפען שניי, וואָס האָט זיי אין אייניגע ערטער דערגרייכט ביז די בייכער. אָפטער און אָפּ־טער זיינען בייטשען אויף פערדישע רוקענס געפאַלען. צו לאַנג, צופיל אָהן אַ וועג געפאָהרען און שפּעט זיך געכאַפּט, אַז פערד זיינען מיד פון... בלאָנדזשען...

אראָפּגעשפּרונגען איין פוהרמאַן נאָכ'ן צווייטען, דער פּיה־רער אונזערער נאָך זיי און אַלע פיר האָבען זיך צווישען בוימער צוואוואָרפען, אין טיפען שניי געקראָכען, און יעדער פּאַר זיך האָט געקוקט און יעדער פּאַר זיך האָט געזוכט און אויף דריי שליטענס זיינען געזעסען אכט פאַרשווינען, געהילט אין אומעט און אין שווייגען.

... וואַלד און שניי... צוויי וועלטען, גרויסע, געהיימניספולע... פרעמדע, און אונהיימליך בלאָנדזשען אין ברייטער פרעמדקייט און אין ווייטער אָפּגעריסענקייט פון מענשליכען ישוב...

ס'רוישט, ס'איז שטיל און מ'בלאָנדזשעט...

פון צייט צו צייט, דאכט זיך, אז ערגעץ דאָרטען, ווייט צי נאָהענט, צווישען וואלד, צווישען בוימער, זעהסטו א ווייסע וואנט פון א שטוב אָדער א טייך א פארגליווערטען.

מ׳דרעהט זיך מיט פערד און שליטען צווישען בוימער און שניי... די זעלבע בוימער, דער זעלבער שניי און קיינער ווייסט ניט צו פארקריכט מען ערגעץ נאָך טיפער, צי מ׳פארבלאָנדזשעט ערגעץ ווייטער און מ׳בלייבט ווידער שטעהן צווישען בוימער און שניי.

דער וואלד איז אין גאנצען פארזונקען אין בוים און אין צוויינ... אלע בוימער, אלע צווייגען זיינען וואלד... אלץ אין איי־נעם, אלץ באזונדער, איז איינס און דאָס זעלבע. ערנסט פאר־טראכט אין אייגענער געדיכטקייט, אין אייגענער טונקעלקייט מיט הימעל פון אויבען, מיט שניי פון אונטען, וואָס שמייכעלט גרויזאם מיט ווינטער און קעלט.

מ׳בלאָנדזשעט!

צי שטעהט מען מיט פערד און שליטען? צי פאָהרט מען גאָר?

מ׳בלאָנדזשעט!...

סיי די וואָס זיצען אין די שליטענס, סיי יענע וואָס דרעהען זיך ארום די שליטענס, אי די, אי יענע—

בלאָנדזשען!...

געלאָזט די פערד אליין געהן... א שווייגענדיגע שטילקייט פון מענשליבער אומבאהאָלפענקייט... בלינד געהען מענשען נאָך פערד און שליטענס, טרעטען אין טיפען שניי פון איין בוים צו א צווייטען און ס׳דאכט זיך, אז מ׳איז פון ערגעץ ניט אָפּ־געגאנגען און אין ערגעץ ניט צוגעגאנגען... עס בלייבען לעבער אין שניי, לעבער צואוואָרפענע פון געהן און פון ניט וויסען וואוהין צו געהן.

די ערשטע פאָר פערד געהען פאמעליך און דרייסטער געהען נאָך די צווייטע און דריטע פאָר פערד... די ערשטע קאָסען זיי־טיג די אויגען, בליצען מיט די גרויסע ווייסכענס, שפּיצען די אוי־

ערען... געגאנגען און געגאנגען אזוי לאנג ביז זיי האָבען זיך אָפּגעשטעלט און קאָסע געגלאָצט מיט די ווייסכענס, אומרוהיג געזוכט בעל־הבית און בייטש...

„וואָט ניעסטשאסטיע!"

די פוהרמאנעס ווילען שוין צוריקפאָהרען אָבער זיי ווייסען ניט צי מ'באדארף גאָר צוריקפאָהרען און אויב יאָ צוריק, ווייסען זיי ניט וויפיל וועג מ'באדארף צוריק פאָהרען, מען זאָל זיך צו־שלאָגען צו א וועג... קראצען זיך די פויערים אונטער די אוי־ערען:

— „שאָ טוט ראָביט?"

די פערד קייען די ציימלאך, עס הערט זיך ווי סע רייבט זיך ציין און אייזען און דאָס גיט נאָך מעהר צו פיהלען די וואלד שטילקייט און די איינזאמקייט פון בלאָנדזשענדע מענשען אין וואלד.

איינער פון אונזעריגע האָט א הוק געטאָן און געזאָגט האָ־בען די פוהרמאנעס, אז דאָס איז ביי היינטיגער צייט אַן איבע־ריגע זאך... אז מ'קען גאָר מיט דעם הוקען אַן אומגליק אויף זיך אָנרופען. אין וואלד דרעהען זיך די לעצטע צייט שלעכטע מענשען ארום... ערשט ניט לאנג האָט מען דאָ געפונען דריי זשידקעס געה'הרג'עטע.

צוריק פאָהרען האָט זיך קיינעם ניט געגלוסט... מ'האָט ניט געוואוסט דעם וועג און די פוהרמאנעס זיינען ניט געווען זיכער, אז מ'בלאָנדזשעט... זיי האָבען ניט געוואוסט וואוהין ווייטער צו פאָהרען, אָבער געוואוסט אויף זיכער, אז ביז אהער זיינען זיי גוט געפאָהרען... האָבען זיך די דריי פוהרמאנעס אונטערגעבענדיג מוט איינס דאָס אנדערע, ארויפגעכאפּט מיט די בייטשען אויף די שליטענס. א מאך, א ציה א בייטש און ווייטער געפאָהרען מיט פעסטקייט און אנטשלאָסענהייט, און געפאָהרען אזוי לאנג ביז מ'איז פון וואלד ארויסגעקראָכען און פון ווייטען אויף א בערגיג אָרט איין און איינציג שטיבעל דערזעהן.

אונזערע פארשווינען האָבען זיך דערפרעהט, אָבער אונזערע

פוהרמאַנעס האָבען געשווינגען און זייער קוקען און באַטראַכטען די געגענט, איז געווען צו דערקענען, אַז מיר זיינען נאָך אַלץ ניט אויף דעם וועג, וואָס מיר באַדאַרפען זיין, אָבער זיי זיינען דאָך געפאָהרען אין דער ריכטונג צום שטיבעל צו און וואָס נעהענ־טער מיר זיינען צוגעקומען האָבען מיר אַלץ בולט׳ער דערזעהן, אַז דאָס איז בלויז וועגט מיט שוואַרצע לעכער...

צוגעפאָהרען, זיך אָפּגעשטעלט נעבען שטיבעל און פוסטקע, פאַרקוקט אינוועניג. גאַנצע הורבעס שניי פאַריאָגט אין אַ שוואַר־צער לאָך פון אַן אויווען...

ניט צו בלייבען און ניט אוועקצופאָהרען, ניטאָ וואו צו בליי־בען, ניטאָ וואוהין צו פאָהרען... אַ פוסטקע מיט פוסטקייט אַרום... אַ הימעל מיט וואָלקען און ערד מיט שניי... צוויי הימלען... פון אונטען און אויבען קריכט די נאַכט. אין אַן אומבאַקאַנטער פוסטער סביבה וואַקסט אַ נאַכט פול מיט אומעט, פול מיט שרעק... מיט בייזער קעלט און אכזריות׳דיגער פרעמדקייט...

אַריינגעגאַנגען אין שטאַל, צווישען פאַרמאַכטע ווענט גע־וואַלט אַ פייער צולעגען אָבער אַ דאַך אַ שטרויענער, האָט מען זיך אויף די ווענט געדראַפּעט, געריסען און געבראָכען לאַטעס פון דאַך, אַלטע צופוילטע און טרוקענע וואָס האָבען געשפּראָצט מיט „פּאַראָך״ ביים ברעכען זיך און אַריינגעטראָגען אין שטיבעל אַריין אַ פייער צולעגט. ס׳איז געוואָרען אַ פול שטוב מיט רויך און פּאַרע, וואָס האָט געזעצט ווי כוואַליעס דורך דער גאַנצער ברייט פון די פענסטער.

דאָס פייער האָט זיך גיך צוברענט, דער שניי האָט אָנגע־הויבען געשווינד צוצוגעהן און אינוועניג אין שטיבעל איז אונ־מעגליך געווען איינצושטעהן. מיר זיינען אַלע געשטאַנען אויפ׳ן פייער געקוקט, וואָס מיר קענען פון איהם קיין נוצען ניט האָבען. מ׳האָט געזעהן פאַר זיך אַ מעגליכקייט זיך אָנצוואַווארימען, אַ גלאָז טיי צו מאַכען אָבער צו דער מעגליכקייט איז אוממעגליך געווען צוצוטרעטען. דאָך האָט איינער און אַ צווייטער אָנגע־שטאָפּט די טשייניקלאָך מיט שניי און די פוהרמאַנעס און דער

פיהרער זיינען מיט טשייניקעס אריינגעלאָפען אינוועניג און באַלד ארויסגעלאָפען צוריק פארשוויצטע, צופּארעטע און פון זיי און פון זייערע מלבושים האָט זיך רויך געשפּירט ווי פון פריש־געררויכערטע „וועטשינאַ" (חזיר־פליייש).

זיך אָפּגעדרעהט פון שטיבעל און פון שיין און ליכטיגקייט אין פארע געהילטער, האָב איך הארט נעבען זיך די נאכט דער־זעהן און געדאכט האָט זיך מיר, אז צווישען נאכט און באַ־לויכטענעם שטיבעל איז ענג געוואָרען. ווייטער א פּאָר טריט פון זיך האָב איך גאָר ניט געזעהן, די נאכט האָט די ברייטע פרעמדקייט איינגעשלונגען און געלאָזט פאר אונז אן ענגען שטח מיט שטוביגער און פייערדיגער היימליכקייט.

אין אומגעדולדיגער ערוואַרטונג זיינען אלע געשטאַנען און געוואַרט אויף א ריינעם פייער און אויף אביסעל היים וואסער, אָבער אומזיסט געוואַרט. מ'האָט געהערט ווי ס'קאַפּעט, ווי ס'רינט, ווי ס'גיסט, זוי ס'פאלט שטיקלאַך און שטיקער ליים פון וועגט און סטעליע.

ווען סאיז רוהיג געוואָרען, פארע און רויך שיטערער און דאָס פייער לויטערער, האָבען איינס נאָך דאָס אנדערע אָנגעהויבען אריינצוקריכען אין שטיבעל אריין מיט גלעזער און טעפּלאַך, מ'איז אריינגעקראָכען אין א לייטיגער בלאָטע מיט פיס אין שמאַ־טעס פּארריזנעט, געשטאַנען און שווער געוועזן א טראָט צו מאַ־כען. די טשייניקעס האָבען געקאָכט, די דעקלאַך האָבען גע־טאַנצט אין דער לופטען און די דאמען זיינען געשטאַנען מיט לעדיגע כלים אין די הענט און די מענער האָבען מיט פּאַלעס און טיכלאַך געשלעפּט די הייסע פאררויכערטע טשייניקעס פון פייער ארויס און געגאָסען היים וואסער אין די לעדיגע כלים און ס'האָט נאָך קיינער ניט באוויזען די ליפען צו באנעצען, ווי איינער פון די פוהרמאַנעס האָט אויסגעצויגען א האנט מיט א פינגער און א זאָג געטאָן:

— אָ באטשטע!

אין דער לענג פון א וואַנט, געהילט אין שיטערען נעבעל, איז

זיך געלעגן אויסגעצויגן אַ טויטער קערפּער, געלעגן נאַקעט און נאַס, אין איינִיגע ערטער מיט ליים באַוואָרפן און האָט מיט פּנים און נאַקעטקייט געקוקט צו דער סטעליע... איין מאַנסביל און אַ צווייטער איז צוגעגאַנגען און באַטראַכט דעם טויטן קערפּער און די דאַמען זיינען געשטאַנען און גאָר ניט געפרעגט און ס'האָט זיי קיינער גאָר ניט געזאָגט. איך האָב געכאַפּט די פרוי מיינע אונטער'ן אָרים און דערשפּירט ווי זי ציטערט אין גאַנצען, האָב איך געבעטען דעם קרעמעניצער, ער זאָל זי אונ־טערנעמען אונטער דער צווייטער האַנט און ביידע האָבען מיר זי כמעט ווי צוגעטראָגען צו אַ שליטען און ווי אַוועקגעזעצט און פון שרעק און שטומעניש אויסגעריסען ביי זיך אַ וואָרט:

— חיה'לע!...

זי האָט ניט געענטפערט און איך האָב אַ געשריי געטאָן:

— מאַרק גריגאָראָוויטש!!!...

וואַסיאַ קלעמענטיעוואַ איז צוגעלאָפען און אויסגעשריען:

— כאַיאַ לאַזאַראָוונאַ!

און נאָך אימיצער און נאָך ווער איז צוגעלאָפען מיט ציין־קלאַפּעריי, מיט שרעק, און אַרומגערינגעלט דעם שליטען און כאַיאַ לאַזאַראָוונאַ, און עס האָט קיינער ניט באַמערקט ווי ס'איז צוגע־קומען אַ נייער פּאַרשוין. מ'האָט איהם באַמערקט, ווען ער איז שוין געשטאַנען צווישען אונז אַ נייער פּאַרשוין, אַ ווילד־פרעמדער.

— קליאַניאַיום! — האָט דער פרעמדער פּאַרשוין געזאָגט אין דעם מאָמענט ווען ער איז באַמערקט געוואָרען.

— דאָברע זדראָוויע, דיאַדקאָ! — האָבען די פוהרמאַנעס מיט'ן פיהרער גלייך זיך אָפּגערופען און איהם אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען.

דער פּאַרשוין איז געווען ווילד באַוואַקסען, אָנגעטאָן אין שמאַטעדיגע פּויערשע קליידער, די פיס אין פעל געהילט.

ער האָט מיט ווילדקייט און פרעמדקייט באַטראַכט אונזער קאָמפּאַניע און איינמאָל און אַ צווייטען מאָל אַ שאָקעל געטאָן

זיך מיט דער גאַנצער לענג מיט זיינער און ווידער אַמאָל געזאָגט:

— קליאַניאַיום!

מיט׳ן צווייטען מאָל באַגריסען מיט׳ן זעלבען וואָרט האָט ער געוואָלט, אַז אַלע זאָלען איהם ענטפערען אויף זיין באַגריסונג, אַזוי האָבען עס אַלע קענטיג פאַרשטאַנען, ווייל אַלע האָבען מיט איין כאָר געענטפערט:

— דאָברי וועטשער!

און ערשט נאָכ׳ן ענטפער איז ער געשטאַנען, ווי אַ „טשור־טשעלאָ״. מ׳האָט גערעדט צו איהם און ער האָט ניט געענט־פערט. ער האָט באַטראַכט פּנים׳ער, געקוקט אויף מיילער און פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן:

— קודאַ וואַס ניעסיאָט דאָבריע לודע?

פאַרשטאַנען, אַז ער איז טויב, האָט מען שוין גערעדט אויף קולות צו איהם. קלענערע פון איהם אין וואוקס האָבען זיך אויף די שפּיץ פינגער געצויגען און אריינגעשריגען איהם אין די אויערען איין. מ׳האָט איהם אריינגעשריגען: „וואו זיינען מיר דאָ? וואו געפינען מיר זיך?״ און גלייך האָבען מיר באַקומען פון איהם אַן ענטפער, אַז מיר געפינען זיך ניט ווייט פון אַ דאָרף... ס׳הייסט, אַז דאָרטען ניט ווייט איז אַמאָל אַ דאָרף געווען, וואָס איז אָפּגעברענט געוואָרען פון די סנאַריאַדען, וואָס די באָלשעוויקעס מיט די פּאָליאַקען האָבען זיך איבערגעשאָסען, געבליבען איז נאָר איין שטיבעל, אָבער מיר האָבען דאָס ניט געקענט באַמערקען, ווייל ס׳שטעהט אין אַ טאָל.

— צע מאָיאַ כאַטקאַ.

ער האָט גערעדט אויף אַ מאָדנעם דיאַלעקט, אַ צוזאַמענמיש פון אוקראַאיניש, רוסיש און פּויליש. דאָס קול אַ גראַגערדיגס, וואָס האָט מיט שווערקייט ארויסגעבראַכט אַ וואָרט און געשפּירט האָט זיך סיי אין זיינע באַוועגונגען, סיי אין זיין רעדען אָפּגעריסענקייט און פרעמדקייט פון מענשען.

דאָס דאָרף, וואָס איז אַמאָל אַ דאָרף געווען, האָט געהייסען סוסטשאַנע, האָבען מיר זיך דערוואוסט פון איהם, און פון דעם

האָבען זיך די פוהרמאַנעס דערוואוסט, אז מ'איז אין גאַנצען אויף פינף ווערסט פאַרקראָכען אָן א זייט, פיאַט ווערסטאָוו!

דער נייער פאַרשוין האָט געקוקט צום שטיבעל און פונ'ם פייער גערעדט, אז דאָס האָבען מיר דעם פייער צו פאַרדאַנקען. ער האָט פון ווייטען דערזעהן עפּעס לייכט זיך:

— פאַדומאַוו אי פּאָשאָל.

מיר האָבען זיך אריינגעשאָטען אין א פיצעל שטיבעלע וואו ס'איז געשטאַנען א גרויסער אויווען און א פולער אויווען מיט פייער און פלאַם. אנטקעגען פלאַם זיינען געשטאַנען צוויי גרויסע טעפּ און זיך געבולבעט, דאָס וואַסער איז אריבערגעלאָפען און מיט א שיפּעריי געזאָדען אויפ'ן אָנגעגליהטען „טשערין". ביים פריי־פעטשאָק זיינען געשטאַנען צוויי שיקסעס מיט ארומגעשלייערטע קעפּ און געבאַקען לאַטקעס אויף א צאָהל אָנדערהאַלבען די גרעב. יעדע לאַטקע, וואָס איז אָפּגעבאַקען געוואָרען, האָט מען באַהאַל־טען אונטער א גראָבען סטאָן פון א העמד, וואָס איז אויף דער באַנק געלעגען.

אויפ'ן ליימענעם „טין" האָט ארומגעבלאָנקעט א קליין חזיר'ל, און מיט חזיר און קערפּער זיך געריבען צווישען מענשען און פרעמדע פיס און אומרוהיג געברוקעט, עפּעס געזוכט: גע־וואָרפען מיט נאָז און לעבער, געקוקט מיט זיינע חזיר'שע פינ־סטערע אויגען אויף פרעמדע פיס און געזוכט אָן אָרט וואו צו באַהאַלטען זיך פון דער ענגשאַפט. דער בעל־הבית האָט ענדליך אָט־דאָס חזיר־נפש אויף די הענט גענומען און געוויזען די געסט, אז דאָס איז ביי איהם איין איינציגס פון זיין גאַנץ האָב און גוטס געבליבען. יעקאַטערינאַ ס. האָט זיך אַנטקעגען שוואַרצען חזיר'ל מיט איהר ווייס הינטעל באַוויזען. זי האָט א גלעט גע־טאָן דאָס חזיר'ל איבער'ן רוקען און דער בעל־הבית פון שטוב האָט א גלעט געטאָן דאָס האַרטעל איבער'ן קעפּעל, און די צוויי נפשות האָבען איינס צום צווייטען אויסגעצויגען די נעזער און איינס דאָס אַנדערע א שמעק געטאָן.

אָוועקגעשטעלט אַנדערע טשייניקעס אין אויווען, האָבען זיי

באַלד אָנגעהויבען צו קאָכען. מיר האָבען אַלע געטרונקען טיי און מיט גרויס אַפּעטיט געגעסען. פאַר אונזער כבוד־וועגען האָט דער בעל־הבית צוליינט אַ פייער אונטער'ן „גראַמאָפאָן" (אַזוי האָבען עס די פּאַליאַקען אַ נאָמען געגעבען), און ווער ס'האָט גע־וואָלט האָט פון צייט צו צייט אַ פריש שטיקעל „לוטשינע" צו־געלייגט.

אויסגעשפּרייט דאָס גאַנצע שטיבעל מיט שטרוי האָבען מיר זיך אַלע אויסגעלייגט, דאַמען באַזונדער און מענער באַזונדער. וואַסיאַ ק. איז לאַנג געשטאַנען אויף די קני, פאַר'ן לעגען זיך, און זיך „געמאָליעט" און גע'צלמ'ט אנטקעגען אַ קליין „אָב־ראַז" אין אַ גאָלדען רעהמעל געפאַסט, וואָס זי האָט ארויסגע־שלעפּט פון איהר ווייבערשער באַהעלטעניש...

4.

זונטאָג, יאַנואַר 25טען.

ס'איז געוועזן אַ שעהנער ווינטערדיגער פריהמאָרגען. די זון האָט באַשיינט סטעפּישע ברייטקייט און סילועטען פון בוימער וואָס זיינען געשטאַנען צוואוואָרפען איבער ברייטקייט און ווייס־קייט פון פעלד, און מיט זייער שוואַרצקייט בולט זיך אויסגע־טיילט אין ריינעם דורכזיכטיגען אויר, פון שניי און פון זון. עס האָט זיך געדאַכט וועלט און דרויסען האָט זיך אויסגעליי־טערט פון אומריינקייט און זינד...

טיפער שניי, ווייסער שניי, בלאַנקענדיגער שניי, אַ ריינע דורכזיכטיגע לופט מיט אַ בלויען הימעל... ווי עפּעס אַ מין שותּפות'דיגער יום־טוב פון הימעל און ערד, שניי צו זון, זון צו שניי האָבען איינס צו דאָס צווייטע געשמייכעלט ווי אַ יונג פאַר־ליבט פּאָרעל.

די פערד, אויסגערוהטע, זיינען געלאָפען אין טיפען שניי, געלאָפען ווייך און שטיל און אויפגעהויבען אַ שנייענדיגען שטויב ביז די בייכער. עס האָט זיך געדאַכט, אַז פון הינטער זייערע פּיס שפּריצען זילבערנע און גאָלדערנע שיפען. איך האָב גע־

וואָלט דער וועג זאָל זיך ציהען און ציהען, ער זאָל זיך קיינמאָל ניט ענדיגען, אייביג זאָל מען פאָהרען צווישען שניי און זון, אין דער ריינער, שטילער ווייסער וועלט, אייביג זינקען אין טיפער זויבערקייט, אין דורכזיכטיגער קאַלטער לופט...

ווי א חלום זיינען איבערגעלאָפען די צעהן ווערסט פון דאָרף אין שטאָדט אריין. דערזעהן פון ווייטען א באַרגיג אָרט מיט סטויפּקעלאַך און דראָט האָט דאָס הארץ אומרוהיג און שווער אָנגעהויבען צו קלאָפּען. געפאָהרען צו דעם אָרט און אויף געהעכערטער ערד האָבען די פערד אָנגעהויבען צו געהן טריט ביי טריט און פאָהרענדיג געזעהן ווי אויבען אונטער א געדיכטע דראָט־פאַרצאַמונג, וואָס האָט פון ווייטען אויסגעזעהן ווי מיט שפּינוועבס פאַרוועבט, דרעהט זיך ארום א זעלנער אין א פעלץ מיט א ביקס אויף אַן אַקסעל פאַרוואָרפען. דערזעהן אונז איז ער שטעהן געבליבען מיט'ן פּנים צו אונז און געקוקט און רוהיג געוואַרט אויף אונז מיט'ן ביקס אויפ'ן אַקסעל און שווייגענדיג געלאָזט אונז אריינפאָהרען פון יענער זייט דראָט־פאַרצאַמונג, און גלייך באַפוילען מיר זאָלען שטעהן בלייבען.

אַראָפּגעקראָכען פון די שליטענס האָט דער זעלנער זיך גענומען פאַנאַנדערפרעגען פון וואַנען מ'פאָהרט און וואוהין מ'פאָהרט. די צוויי שוועסטער, יעווגעניא ס. און יעקאַטערינאַ ס. האָבען אויף אַלע זיינע פראַגען אויף פּויליש געענטפערט און ער האָט זיי רוהיג אויסגעהערט און מיט הארטקייט און קאַלטקייט באַטראַכט אַלעמען אינאיינעם און איטליכען באַזונדער. און צוויי דאַמען, יעקאַטערינאַ ס. און וואַסיא ק., האָבען גערעדט צו איהם מיט שמייכעל און חניפה, גערעדט פאַר זיך, גערעדט פאַר אַלעמען און די געשליפענע יעקאַטערינאַ האָט געלאָזט פון בוזעם דאָס הינטישע קעפעל ארויסשטעקען.

אויף א גלאַנציג פערדעל מיט א שמאָל בייכעלע און קורץ ווידעלע איז אָנגעפאָהרען אַן אויסגעפּוצט אָפיצערעל צונויפגעגאָסען מיט זאָטעל און פערד — פאַרהאַמעוועט דאָס פערדעל, מיט קאָפּ און ווידעל אריינגעקראָכען צווישען אונז, האָט ער גלייך גע־

פרעגט ביי די דאַמען דאָס זעלבע, וואָס דער זעלנער האָט מיט א ווײַלע פריהער פאַר איהם געפרעגט, און די דאַמען האָבען דאָס זעלבע געענטפערט, נאָר מיט מעהר שמייכעל און חניפה. דאָס אָפיצערעל איז זיך אין לייכטער רוהיגקייט געזעסען אויפ׳ן אומ־רוהיגען יונגען פערדעל און אויפמערקזאַם אויסגעהערט און פיין צוגעשמייכעלט און נאָכדעם זיך אליין צורעדט וועגען אידען באָל־שעוויקעס און באָלשעוויקעס אידען און א גרייזעל געטאָן א פאה ביים אויער:

— זשידזשי פשאַקרעוו!

נאָר וואָס געשמייכעלט און ער איז שוין מלא רציחה דער פאָליאַק. די קריסטליכע דאַמען האָבען געלאַכט און דער פאָ־ליאַק איז שוין אזוי אומרוהיג ווי דאָס פערדעל זיינס געוואָרען.

— „סוואָבאָדאַ״ ווילט זיך זיי, די זשידעס, — און שוין גלייך אויף רוסיש פאַרענדיגט:

— או נאַם ניעט סוואָבאָדי!

מיט ריטערשען פאַפאַס און צונויפגעגאָסענער פערדישער אומרוהיגקייט האָט ער די ווערטער געזאָגט.

אלע זיינען געשטאַנען מיט פּעסער און פאַפירלאַך אין די הענט, און פון יעקאַטערינאַ׳ס בוזעם האָט א הינטיש קעפּעל ארויס־געקוקט. דאָס אָפיצערעל האָט א קוק געטאָן אין איין פּאַס און א צווייטען, האַסטיג א קירעווע געטאָן דאָס פערד און באַפוילען מען זאָל איהם נאָכפאָהרען.

אין א צעהן מינוט ארום זיינען מיר שטעהן געבליבען נעבען א אידישער שטוב מיט א גלעזערנעם גאַניק, און אלע ניין פּערזאָן האָבען זיך ארייגעשאָטען אין א היים אָנגעהייצטען צימער, און געטראָפען דאָרטען א חוץ דעם שוין באַקאַנטען אָפיצערעל נאָך אזעלכען אזוי ווי ער, וואָס האָט זיך גלייך געוואָרפען אין די אויגען ארײַן מיט זיין יוגענד, ריינקייט און יעזואיטישער בלאַסקייט. אויף איין וואַנט איז געהאַנגען א טעפּיך, די איבעריגע דריי ווענט זיינען געווען באַהאַנגען מיט פאַרשידענע ביקסען, רעוואָלווערען און שווערדען. איין רעוואָלווער איז אויפ׳ן טיש געלעגען.

דער יונגער, בלאָסער און ריינער אָפּיצער איז רוהיג און קאַלט געשטאַנען ביים טיש און געוואַרט ביז אַלע זיינען אַריינ־געגאַנגען, און געשוויגען ביז די אַריינגעקומענע האָבען זיך אויס־געשטעלט אין רוהיגער שטילקייט. געקוקט און באַטראַכט יעדען באַזונדער און אַלע אינאיינעם, זיך איינגעגעסען אין יעדען'ס פּנים מיט יעזואיטישען דעספּאָטיזם, און אַלע זיינען געשטאַנען אין פּאַרגליווערטער אומגעדולד. און יענער האָט אַלץ געקוקט און באַטראַכט די אָנגעקומענע געסט, און מיט זיין שווייגענדיג קו־קען האָט ער שוין געמאַכט, אַז ניין מענשען זיינען געשטאַנען ווי סטאַטועס. ענדליך האָט ער אָנגעהויבען אויסצופרעגען דאָס, וואָס עס איז שוין צוויי מאָל פאַר איהם אויסגעפרעגט געוואָרען. הארט און קאַלט געפרעגט, און באַטראַכט איין פּאָס און אַ צווייטען מיט גרויסע הפסקות. צווישען באַטראַכטען איין פּאָס און אַ צווייטען האָט ער אַריבערגעקוקט איבער קריסטינס און קריסטען, געוואָלט זעהן די יעניגע, וואָס זיינען געשטאַנען הינטער זייערע פּלייצעס, איבער קעפּ און אַקסלען האָט ער אַריבערגעקוקט מיט אויגען ווי חלפים און דורכגעלאָזט די קריסטען מיט די פּעסער אין די הענט, האָט ער אויסגעצויגען זיין האַנט מיט אַ פינגער, וואָס האָט אָנגעוויזען אויפ'ן קרעמעניצער און איין האַנט האָט זיך מיט אַ צווייטער איבער'ן טיש באַגעגענט, איינע אַ רוהיגע, די צווייטע אַ ציטערדיגע מיט אַ שטיקעל פּאַפּיר, וואָס האָט אויך געציטערט, און דאָס ציטערדיגע שטיקעל פּאַפּיר איז אַריבער אין דער רוהיגער האַנט אַריין און גלייך ביים ערשטען קוק, וואָס יענער האָט אין שטיקעל פּאַפּיר אַריינגעוואָרפען, האָט זיך אַ גיפטיג שמייכעלע איבער זיין שעהנעם יעזואיטיש־שלעכטען מויל צוגאָסען.

איבערגעלייענט דאָס שטיקעל פּאַפּיר, האָט ער מיט אַ ברוי־הענדער קעלט אַ פרעג געטאָן:

— דאַ קאַגאָ?

און ווי נאָר דער קרעמעניצער האָט געענטפערט, האָט יענער אויסגעשריען:

— פשאקרעוו!

אָפּגעשטעקט דעם פּאָס, מיט האָס און עקעל זיך איינגע־פרעסען מיט זיינע גלאַנציגע אויגען אינ'ם קרעמעניצער, לאַנג גע־קוקט אויף איהם און גיפטיג געשמייכעלט און אָנגעהויבען צו באַשיטען מיט פראַגעס און אויף די פראגעס ניט געלאָזט ענט־פערען. ער האָט אין גאַנצען געציטערט פון כעס און פון צייט צו צייט אַ קריץ געטאָן מיט די ווייסע יונגע ציין, און גאָר פּלוצים אין דייטש אַ זאָג געטאָן:

— פאַרפלוכטער יודע!

און געשטורעמט אויפ'ן דייטשען שטייגער.

דער קרעמעניצער איז געוועזן בלאַס ווי דער טויט. אַרום די אויגען־ווינקלען האָט זיך אַ טויטע געלקייט געוויזען, און יענער האָט געשיפּעט ווי אַ שלאַנג. און נאָך אַמאָל געפרעגט פון וואַ־נען ער פאָהרט און ווידער אַמאָל געפרעגט וואוהין ער פאָהרט, און דער קרעמעניצער האָט אי אויף דעם, אי אויף ס'אַנדערע געענטפערט, און דער פּאָליאַק האָט זיך געמאַכט ניט הערענדיג און אַרויפגעלעגט אַ פּאָר פינגער אויף אָן אויער, האַלז און קאָפּ אויסגעצויגען צום קרעמעניצער צו, וואָס איז געשטאַנען געגענ־איבער ביי אַ שפּיץ טיש.

— ניע סלוכאַם!

האָט שוין דער קרעמעניצער גאָר צוגעשוויגען און יענער האָט אַ שטורעם געטאָן ער זאָל ענטפערען. ער האָט זיך געשפּילט מיט'ן קרעמעניצער ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז. אָט האָט ער גערעדט מיט איהם געלאַסען, מיט חוצפּה'דיגער איראָניע, און גאָר פּלוצים ווידער איהם אָנגעהויבען צו שטורמען. אויף לעצט האָט ער ביי איהם געפרעגט צו וועמען ער פאָהרט, און דער קרעמעניצער האָט געענטפערט, און דער פּאָליאַק האָט זיך ווידער געמאַכט ניט־הערענדיג, האָט אין יענעמס זייט אַריין אַ נייג געטאָן קאָפּ און אויער מיט איינגעקוועטשטע אויגען.

— דאַ קאָגאָ?

דער קרעמעניצער האָט ווידער אַמאָל געענטפערט און דאָס

מאָל קען זיין האָט דער יעזואיטווירקליך נים געהערט, ווייל דאָס קול איז שוין געווען עהנליך ווי עס וואָלט פון א פארמאכטען קבר אַרויסגעגאנגען און ביי יענעם האָבען זיך די אויגען צו־בליצט, ווי ביי א טיגער פאר'ן שפּרונג אויפ'ן קרבן... אין די ווינקלען פון זיין שעהנעם יעזואיטישען מויל האָט זיך א שוים געוויזען און א מערדערישע בלאַסקייט האָט זיך איבער זיין גאַנצען ריינעם פּנים צוגאָסען... געקאָרטשעט זיך פון אויפרע־גונג איז די רעכטע האַנט זיינע אויפ'ן רעוואָלווער געפאַלען און פעסט אַרומגעכאַפּט איהם מיט האַנט און פינגער א רוק געטאָן הין און צוריק און די האַנט איז דערביי געוואָרען ביינערדיג און אָדערדיג. — — —

פּלוצים האָט דער קאַפּראַל אויסגעשריען מיט א ציטעריג קול צום זעלנער, וואָס איז ביי דער טיר מיט א ביקס אויף אַן אַקסעל געשטאַנען:

— וויפּראָוואַדזש יעגאָ! פּרענטקאָ!!

אין עטליכע מינוט אַרום האָט ער א קוק געוואָרפען אויף מיין פּאַס און אויף מיינע פּאַפּירלאַך, אויף מיין פרוי'ס פּאַס, און גאָרניט געפרעגט, גאָרניט געזאָגט, א געשריי געטאָן:

— נאַזאַד!

די קריסטינס האָבען געפּראָוואוט בעטען פאַר אונז, אָבער דאָס קאַפּראַלטשיקעל האָט זיך צובייזערט אויף זיי און זיי מביש געשטעלט: ווי אַזוי האָבען זיי קיין בזיון ניט צו בעטען פאַר זשידעס!

באַטראַכט די פענסטער פון די צוויי קריסטען, מיט אומצו־טרויען געקוקט אויפ'ן אוקראַאינעץ, באַטראַכט די לאַטע אויפ'ן אַקסעל און אויסגעפרעגט זיך ביי איינעם און א צווייטען, אָפּגעגע־בען ביידען די פּעסער און געהייסען צוריק פאָהרען; יעווגעניא ס. האָט שטאַרק געבעטען פאר'ן גרוזין. דער לעצטער איז זיך רוהיג געשטאַנען און זיך אַזוי איינגעהערט ווי עס וואָלט זיך גאָרניט געהאַנדעלט וועגען איהם. און אַזוי זיך גאָר פּלוצים רוהיג, פריינדליך, אינטים געזאָגט:

— ניע נאַדאָ, יעווגעניאַ סעמיאָנאָוונאַ!... ניע נאַדאָ... ספּאַסיבאָ!...

— נאַזאַד! — האָט דאָס אָפיצערל אויסגעשריען.

די פרוי מיינע האָט זיך אין חלשות'דיגער שווערקייט אַראָפּגעלאָזט אויף דער ברודיגער פּאָדלאָגע, דער סאָלדאַט איז צוטומעלט געוואָרען, ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט איהר, און דער נאַטשאַלניק זיינער האָט געשריען:

— נאַזאַד!!

דער סאָלדאַט האָט אַרונטערגערוקט אונטער מיין פרוי די פּיקע און זי אַזוי אַרום געוואָלט אויפהויבען... ווי דורכ'ן שלאָף געדענקט זיך עס... אַליין זיך אַראָפּגעלאָזט זי אויפצוהויבען און בין אויך געבליבען זיצען... געפּיהלט, ווי נעבען מיר קאָנוואולסירט מיינער אַ נאָהענטער, ליבער מענש... ווי דורכ'ן שלאָף געדענק איך, אַז דער גרוזין האָט אָט דעם מענשען אויף די הענט גענומען און מיך האָט אויפגעהויבען איוואַן וואַסיליטש, און אין דרויסען געקומען צו זיך, געבעטען אַ ביסעל וואַסער פאַר מיין פרוי, אָבער קיינער האָט עס איהר ניט געגעבען, און ס'האָט זיך געהערט דאָס באַראַבאַנען פון האַנט און פינגער אין פענסטער:

— נאַזאַד! פּרענטקאָ!

אַלע, וואָס זיינען פאַראורטיילט געוואָרען צום „נאַזאַד", האָבען זיך ווי צונויפגעטריבענע שאָף צונויפגעקופּקעט ביי איינעם אַ שליטען מיט אַ פּאָר פערד, וואָס זיינען נאָך געשטאַנען מיט די קעפּ אין דער זייט, וואו מיר זיינען געקומען צופאָהרען. דאָרטען, אונטער אַ דאָפּעלטען פענסטער, בלייכט זיך אַ פּנים מיט גלאַנציגע אויגען און אַ האַנט מיט פינגער, וואָס האַלט אין איין טאַראַבאַנען אין די שויבען. אין דרויסען נעבען אונז שטעהט אַ זעלנער. וואָס שטאַרכעט אונז אונטער מיט'ן פּריקלאַד, מיר זאָלען אַריין אין שליטען אריין, אָבער יעדער האָט פאַר זיך געוואוסט, אַז צוריק איז ניטאָ וואוהין צו פאָהרען, איז מען געשטאַנען, און פון דאָרטען, פון אונטער'ן דאָפּעלטען פענסטער, הערט זיך קולות:

— זאַווראַצאַי נאַזאַד!

נעמט דער סאָלדאַט און דרעהט אוים די פערד מיט די קעפּ אין יענער זייט, פון וואַנען מיר זיינען געקומען צופאָהרען, כאַפּט די בייטש, גיט אַ שמיץ איין פערד און אַ צווייטען און אַ געשריי:

— יאַזדאַ!

## „נאַזאַד".

— וואוהין?...

מיט זייט און פּלייצע זיצט איינער צום אַנדערען אויפ'ן שליטען, צוואוואָרפען, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, מיט בלאַסע פּנים'ער, מיט יאוש און פראַגע־בליקען:

— וואוהין?

הינטען באַגלייט אונז אַ זעלנער מיט אַ ביקס. די פערד געהען טריט ביי טריט און דער זעלנער געהט נאָך טריט ביי טריט ווי נאָך אַ קאַטאַפאַלק, אַ קאַטאַפאַלק מיט פינף לעבעדיגע מתים...

איבעריג פאַר זיך, איבעריג מיט פאַרנעם און אָרט, זיצט מען שווייגענדיגע, שטומע... מיר פאָהרען הייזער פאַרביי, אידישע הייזער. פּנים'ער מיט אויגען באַגלייטען אונז פון אונטער דאַך־פּעלטע פענסטער, פון אונטער צוויי מאָל גלאָז, צוויי מאָל גלאַנץ מיט ווייטער אָפּגעזונדערטקייט פון ביי זיך אין שטוב, ביי זיך אין שטאָדט... ביי איינעם און אַ צווייטען גיבען זיך ליפּען אַ שאָקעל צו אַ צווייטען פּנים, וואָס שטעהט ביי אַ צווייטען פענסטער.

צוגעפיהרט אונז צו דער דראָט פאַרצאַמונג און געהייסען דעם זעלבען סאָלדאַט, וואָס האָט אונז פריהער אריינגעלאָזט, ער זאָל אונז אַדורכלאָזען. דער לעצטער האָט אונז חוזק'דיג באַ־טראַכט, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— דאַליע!

ווי מ'וואַרפט איינעם אין ים אריין:

שווים!

דער פויער קראַצט זיך אין פּאַטילניצע. ער קוקט אויף אונז. ניט צופרידען מיט אונז. ער ווייסט ניט און מיר ווייסען ניט וואוהין צו פאָהרען. די וועלט איז אַזוי גרויס און — ענג...

אַ שליטען... אַ שליטען געבליבען פון אַ גאַנצער ברייטער

וועלט... פינף מענשען אָהן א באָדען געבליבען... מיט'ן שליטען און אויפ'ן שליטען, געבונדען אינאיינעם צו שלעפּען זיך... פינף פּאַרשוין, מאַן און ווייב, איד מיט קריסט — אינאיינעם מיט א פעסטען גורל געבונדען. אָנגעוואָרפען פינף מענשען אויף פערד און שליטען און פערד און שליטען שלעפּען אונז און קיינער ווייסט ניט וואוהין... פיס אין שליטען, פיס אין דרויסען הענגען פון שליטען אראָפּ אָהן א באָדען.

— נאַזאַד!

די פערד געהען טריט ביי טריט. דאָס איז אינגאַנצען אָפּ־הענגיג פון זייער פערדישען ווילען... זיי געהען מיט'ן שליאַך — דאָס איז אויך זייער זאַך. פאַר אונז איז רעכט, זיי זאָלען אָפּ־קירעווען זיך פון וועג. מיר דאַרפען קיין וועג ניט, מיר דאַרפען ניט פאָהרען.

— נו, קודא וואָס וועזטי?

וואָס ווייטער א שפּאַן פון פערד, אַלץ מעהר א וואָרט פון פויער.

און צו וואָס האָט עס איהם גאָר אינגאַנצען געטויגט. צוליב די פּאָר מאות קערענסקים... ער איז דאָך נאָך זאָלץ געפאָהרען. יענע זיינען דאָרטען געבליבען און וועלען פיהרען זאַלץ צוריק, און ער?...

— נא שטאָ מניע?...

זיך דערווייטערט פון שטאָדט א וויאָרסט אָנדערהאַלבען, האָט זיך געוויזען א שטיבעלע. דער פוהרמאַן האָט אונז אָנגעוויזען מיט דער בייטש אויף דעם שטיבעלע: — דאָרטען, נעבען דער „כאַטקע", שטעלט ער זיך אָפּ. ווייטער פון דער כאַטקע וועט ער ניט פאָהרען. דאָרטען וועט ער זיך אָפּשטעלען און וואַרטען אויף יענע צוויי, וואָס זיינען אין שטאָדט געבליבען.

זיך אָפּגעשטעלט נעבען א פיצעל שטיבעלע. איינס נאָך דאָס אַנדערע אַראָפּגעקראָכען. דער יונגער פויער האָט ניט געפרעגט ביי אונז און אַריינגעטראָגען אין דעם שטיבעל אריין איין פּעקעל נאָך'ן צווייטען.

א שטוב ניט פיל גרעסער פונ׳ם שליטען. ניטאָ וואו צוצו־זעצען זיך, ניטאָ וואו צו שטעהן. דער בעל־הבית פון שטיבעלע, אַן אַלטער, אָרימער, הארציגער פויער, אָנגעטאָן ווי א „מעש־טשאן״, האָט זיך גלייך פאראינטערעסירט מיט אונזער לאגע. די פויערטע האָט איהרע קויטיגע, אָדערדיגע, דארע הענט אויפ׳ן בויך פארבראָכען און מיט גרויס אומעט אונז אויסגעהערט. פויער און פויערטע זיינען געשטאנען צווישען אונז און געאויקעט און גע־קרעכצט אויף אונזער גרויס אומגליק, וואָס אונז האָט געטראָפען.

מיט א צונויפגעשרומפטען הארץ האָב איך מיך אוועקגע־שטעלט ביים פענסטער און געקוקט אין דרויסען אויף דער בייזער, הארטער, קאלטער פרעמדקייט... אויף שניי און אויף הימעל האָב איך געקוקט, אויףביידע צוגלייך אונזערע פיס ניט צו שטעלען... מיט ווייטקייט פון בליק, פעלד־ברייטקייט געמאָסטען. אין גרוי־סער, ברייטער פרעמדקייט האָט זיך מיין בליק געטראָגען, גע־בלאָנדזשעט אין באגלייטונג פון שווארצע מחשבות... אָפגעריסען זיך אין מרחקים דער עבר, אין אָפגרונטען איז דער עתיד באהאל־טען... ווייט פארוואָרפען אין אומבאשטימטקייט פון אָרט און זיין... מיינע געדאנקען האָבען זיך אין שווארצע פלאָמען צור־פלאקערט...

דער פוהרמאן שטעהט ביים פענסטער נעבען מיר. פון זיין אָטעם שמעלצט זיך דאָס אייז אויף דער שויב, וואָס איז פעסט איינגעפרוירען מיט ראָם פון שויב צוזאמען. ער באמערט ניט, ווי עס פאלען איינצעלנע טראָפען אויפ׳ן פענסטער־ברעט, וואָס שפריצט אָפ מיט קאלטקייט און נאסקייט. ער מוז שוין זיין זעהר צופרידען, וואָס ער איז פון אונז פטור געוואָרען. יענע קומען, פאָהרט ער מיט זיי אוועק צוריק פון וואנען ער איז געקומען... ער וועט זיך אויפזעצען אויף זיין אייגענעם פערד און שליטען און וועט אוועקפאָהרען צו זיך אין דאָרף אריין, צו זיך אין שטוב אריין.

די פרוי מיינע וויינט. מיך גליווערט פון איהר וויינען, און איך האָב איהר גאָרניט וואָס צו זאָגען. ווי צוויי נאָהענטע פריינט,

וואָס טרינקען זיך איינער נעבען אַנדערען און זעהען ניט איינס דאָס צווייטע, אַזוי האָבען מיר איינס דאָס אַנדערע ניט געזעהן... אומגליק האָט אונז פאַרפרעמדט...

איך ווייס עד היום ניט אין וויפיל צייט אַרום די איבערגע־בליבענע צוויי פוהרמאַנעס זיינען אַנגעפאָהרען, אָבער איך געדענק זעהר גוט, ווי דער יונגער שייגעץ, וואָס איז נעבען מיר געשטאַנען און זיי אויסגעקוקט, האָט זיך אַ וואָרף געטאָן מיט פּיס און שטי־וועל אין דרויסען אַרויס. אַלע דריי פויערים זיינען אַוועק מיט פערד און שליטען און איינער פון אונזעריגע האָט אַ זאָג געטאָן:

— אויעכאַלי!

מ׳האָט זיך אַרומגעדרעהט איבער׳ן שטיבעל, געביטען זיך מיט אָרט און מיט שטעהן, זיך באַגעגענט און זיך געריבען איינער אינ׳ם צווייטען אין ענגשאַפט. מ׳האָט זיך אַרומגעדרעהט מיט די פּאַפּיראָסען אין די מיילער און מיט רויך איבער די קעפּ. זיי האָבען זעהר פיל געראויכערט. די פרוי מיינע האָט זיך געשטיקט פונ׳ם רויך און איך האָב ניט געקאָנט בעטען, מז׳זאָל אויפהערען צו רויכערען. מ׳האָט גערעדט מיט פויער און פויערטע, און איינס מיט׳ן צווייטען האָבען אויסגעמידען צו רעדען... מ׳האָט זיך אַרומגעדרעהט אין אייגענער אומבאַקוועמליכקייט פון דיקער אָנ־געפּעלצטקייט און אין פרעמדער ענגשאַפט... אַלע זיינען געווען אָנגעטאָן, די פּיס אין שמאַטעס געוויקעלט, גרייט צום פאָהרען, גרייט צום געהן...

וואוהין?

ווייל דער פויער און פויערטע זיינען אָרימע, פיהלען זיי מיט אונזער אומגליק, שווייגען זיי און וועלען שווייגען און וואַרטען ביז מיר וועלען אַליין אַוועקגעהן.

... וואוהין?...

ס׳איז שוין זעהר ניט באַקוועם פאַר זיך און זעהר ניט אָנ־גענעם פאַר זיי, זיי האָבען אַליין ניט וואו זיך אהינצוטאָן.

און איך האָב דאָ שוין פון צייט און נאַכט אַ טראַכט געטאָן און אַרויסגעגנב׳עט פון אייגענער קעשענע דאָס זייגערעל און

אליין פאַר זיך אַ קוק געטאָן און פאַר זיך אליין געוואוסט וויפיל דער זייגער איז.

מיט הארטע שטיוועל־טריט, מיט היימישקייט פון ביי זיך אויף דער ערד, ביי זיך אין דער היים, האָט זיך אויפ'ן „פּאַדוועד" אַ מענש געוויזן. אַ קוק געוואָרפען אין איין פענסטער, אין אַ צווייטען, איז ער אריין אין שטוב און זיך באגריסט מיט האַנט־געבען מיט בעל־הבית און בעל־הבית'טע און אויף אונז געקוקט מיט גוטמוטיגען שמייכעל, ווי צו אַזעלכע, וואָס מ'קען און מ'איז מיט זיי ניט באַקאַנט, און איז גלייך צוגעגאַנגען צו מיין פרוי און געבעטען, זי זאָל איהם דערצעהלען, וואָס מיט אונז איז אַזעלכעס געשעהן. די פרוי מיינע האָט ברייט און ליכטיג געעפענט די אויגען מיט גלאַנץ פון טרערען און גלאַנץ פון האָפנונג געקוקט אויף דעם אומבאַקאַנטען קריסט און פּאַליאַק און האָט כליפּענדיג ווי אַ קינד איהם אַלעס דערצעהלט. און ווען זי האָט געענדיגט, האָט ער געזאָגט:

— הער, פּאַני! דאָ ניט ווייט, דריי ווערסט פון דאַנען, געפינט זיך אַ דאָרף, וואָס הייסט סעלישטשי. נעמט און פאָהרט אַוועק אין דעם דאָרף אריין. דאָרטען אין דעם דאָרף געפינען זיך פיל אידען, צווישען די אידען געפינט זיך איינער אַ איד לייבאַ. צו דעם לייבאַ'ן וועל איך דיר געבען אַ קוויטעל און ער וועט אייך אריינלאָזען צו זיך אין שטוב אריין. באַלד ווי איהר וועט קומען אין דעם דאָרף, זאָלט איהר זעהן זיך פאַרמעלדען ביים סטאַראָ־סטאַ. דאָרטען ביי דעם לייבאַ'ן זאָלט איהר זיצען און וואַרטען אַ טאָג, צוויי און דריי, זיצען און וואַרטען אויף מיר.

— מיך רופט מען גראַנאָווסקי, — און שוין גאָר פאַרענדיגט אויף אידיש לשון, אַ אידיש ווערטעל מיט אַן עכט אידישען אַקצענט:

— גאָט איז אַ פאָטער, אַז ער וויל רייסט אָן אַ מכה און אַ בלאָטער.

דער פּאַליאַק האָט אָנגעשריבען אַ קוויטעלע אין אַ גרייזיגען

רוסיש און איבערגעבענדיג עם מיין פרוי געזאָגט אויף אידיש:

— כאַפּט אַ פּוהר און פאָהרט!

זיך געזעגענט מיט אונז און מיט איהם, ווי מיט אַן אַלט־באַקאַנטען, ליבען, הארציגען פריינד. מיר האָבען אַלע פון די פענסטער איהם באַגלייט ווי אַ מלאך הגואל, נאָכגעקוקט איהם אַזוי לאַנג, ביז ער איז פון וועג פארשוואונדען געוואָרען. אין אַ האַלבער שעה נאָך זיין אוועקגעהן, האָבען מיר געכאַפּט אַ פּוהר, וואָס איז געפאָהרען פון שטאָדט אין דעם דאָרף אריין, זיך ארויפּ־געוואָרפען מיט זיך און מיט זאכען אינ׳ם שליטען אריין און אוועק־געפאָהרען אין דעם דאָרף, וואוהין דער קריסט האָט אונז געהייסען פאָהרען.

## ביי לייבאָ׳ן.

אַ שטוב פול מיט פויערים, רויך און שמוץ. פון רויך און פויערים איז ארויסגעשוואומען אַ אידיש פּנים, אַ פּנים פון באָרד און אויגען. געפרעגט וואָס מיר באַדארפען, האָט ער באַקומען דאָס קוויטעלע, איבערגעלייענט, האָט ער ברייט פאַר אונז גע־עפענט אַ טיר אין אַ צימער אריין, וואו ס׳איז ניט געווען קיין פויערים און ניט קיין רויך. דאָרטען איז געשטאַנען אַ גרויסער טיש מיט צוויי סאָפקעס ביי די וועגט און פענסטער, אַ רויט געפארבט בעט מיט אַ סך קויטיגע קישענס. רעכטס אַן אָפענע טיר אין זייער שלאָף־צימער אריין. דאָרטען איז געזעסען אַן אַלטיטשקע אידענע און געשפּינט פּאָדים אויף אַ ווערטאַנע.

נאָך איידער מיר האָבען זיך צוזעצט ביים טיש, איז שוין דאָס אידעל געשטאַנען אין גרייטקייט אַלעם צו טאָן פאַר אונז. געזאָגט וואָס מיר פארלאַנגען, האָט ער אַ קאָמאַנדעווע געטאָן מיט דאָס גאַנצע הויז־געזינד: מ׳זאָל געהן, מ׳זאָל לויפען און מ׳זאָל קריגען וואָס מיר ווילען, און איז צוזאַמען מיט ווייב און קינדער פאַר־שוואונדען געוואָרען פון צימער.

אין שטוב איז געווען ביי אַ צוואַנציג גראַדוס וואַרימקייט. גלייך אַראָפּגעוואָרפען פון זיך די פּאַלטעס און אָפּגעוויקעלט די שמאַטעס פון די פיס, און אויסגעזעצט זיך ווי מחותנים ביים

טיש, האָט דער גרוזין אַ שמייכעל געטאָן און דער אוקראאינעץ האָט געזאָגט:

— וואָט פּאַלאָזשעניע!

איהם איז קענטיג באַזונדערס ניט אנגענעם געווען די גאַנצע לאַגע. איהם, אַלס פיהרער, האָט עס שוין גאָרניט געפּאַסט... ער האָט טאַקע גלייך גענומען רעדען דערפון: ער איז גאָרניט שולדיג אין דעם... די פּריצעס זיינען שולדיג, זיי האָבען ניט געוואָלט פאָהרען מיט דעם וועג, וואו ער האָט געוואָלט פיהרען, מיט דעם וועג, וואו ער האָט שוין ניט איינמאָל מענשען דורכגעפיהרט און אַלע מאָל:

— בלאַגאָפּאָלוטשנאָ.

— פּאַרוואָס זשע האָט מען זיי דורכגעלאָזט? — האָט דער קרעמעניצער אַ פרעג געטאָן.

ער האָט שוין גאָר קיין ראַזום ניט, אָט דער מיטיאַ, און נאָך אַ אידישער קאָפּ דערצו. יענע זיינען דאָך פּאָמעשטשיצעס! יעווגעניאַ סעמיאָנאָוונאַ האָט געוויזען אַ בריף פון אַ קסיאָנדז, וואסיאַ קלעמענטיעוונאַ האָט געוויזען דעם מאַנ'ס אַ פּאָטאָגראַ־פיע אין אָפיצערסקער יוניפאָרם און געזאָגט, אַז ער שלאָגט זיך אין דעניקינ'ס ארמיי. נו, און יעקאַטערינאַ סעמיאָנאָוונאַ האָט שוין, דאַכט זיך, גאָרניט באַדאַרפט באַווייזען, ס'איז געווען גענוג אַ קוק צו טאָן אויף איהר הינטעל... איהם וואונדערט נאָר אויף גאַליטיאָן נעסטראָוויטש, פאַרוואָס ער האָט זיך אָפּגעזאָגט: יענער סוקין־סין וואָלט איהם זיכער געווען דורכגעלאָזט.

— פּאָטשעמו ווי אָטקאַזאַלים?

ביים גרוזין איז דאָס געווען גאַנץ איינפאַך: דערפאַר וואָס מ'האָט אונז ניט דורכגעלאָזט.

— אי טשעוואָ אָן טאַק איז קאָזשי ליעז? — האָט ער תמימות'דיג צוגעגעבען.

איוואַן וואסיליטש האָט פאַרביטערט געענטפערט, אַז די פּאָליאַקען האָבען אַלע מענשען פיינט, אַז זיי זיינען זעהר „סאַמאָ־

ליוביוזע", אז זיי וואָלטען אליין געוואָלט בלייבען אויפ'ן ערד־קוגעל. און דער גרוזין האָט גוטמוטיג צוגעגעבען:

— שליאַכטא.

דער קרעמעניצער האָט ארויפגעלעגט א האַנט אויפ'ן גרוזינ'ס אַקסעל און הארציג געזאָגט:

— וואָט דרוג אי טאָווארישטש!

לייבא איז פלינק אריינגעלאָפען מיט א קאָכעדיגען סאַמאָוואר און איהם א שטעל געטאָן אויפ'ן טיש. אין א פּאָר מינוט ארום זיינען אָנגעלאָפען ווייב און קינדער מיט גלעזער און שאָלען, מיט ברויט, פּוטער און אייער. לייבא האָט דאָס אלעס אויסגעכאַפּט פון זייערע הענט און אליין אלעס אויסגעשטעלט און אויסגעלעגט אויפ'ן טיש: ארויסגעיאָגט ווייב און קינדער און געזאָגט:

— א קאַרטאָשקא טשערעז דוואַדצאַט מינוט בודיעט!

מיר האָבען איהם געבעטען זיצען. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט: ער האָט קיין צייט ניט.

יאָ, מ'האָט עס איהם געמעגט גלויבען, אפילו ווען ער איז געשטאַנען און גאָרניט געטאָן, איז ער אויך באַוועגליך געווען. ער האָט זיך ניט געזעצט, אָבער פאַרזאַמט האָט ער זיך דאָך א ביסעל נעבען אונז און געאָזט, אז מיר דאַרפען זיך אַזוי שטאַרק ניט וואונדערען, וואָס מ'האָט אונז ניט דורכגעלאָזט. אָט איז ער דאָ מיט דער נאָז ביים שטאָדט, א געבוירענער אין דעם דאָרף און מען לאָזט איהם אויך אין שטאָדט ניט אריין:

— ניע פּוסטשאַיוט!

איהם, וואָס אלע קענען איהם! ניטאָ קיין איין טאָג, ס'זאָל ניט פאַרפאָהרען צו איהם א סאָלדאַט, א זשאַנדאַר און מ'עסט ביי איהם און מ'טרינקט ביי איהם, אומזיסט פאַרשטעהט זיך... ס'הייסט, האָבען האָט ער זיי טיף אין דר'ערד, אז ער באַדאַרף נויטיג אין שטאָדט אריין, גיט ער זיך אן עצה, איז אריינגעוואָרפען זיך אין א פוהר היי און ער איז אין שטאָדט... קאָסט עס איהם א האַלב פונט טערקישע בלעטער... אָבער זאָרגען דאַרפען מיר זיך ניט.

אָט דער גראַנאָווסקי איז אַ לייטישער קריסט, אַז ער וועט וועלען, וועט ער עפּעס קאָנען טאָן פאַר אונז... ער האָט אַ אידישען קאָפּ, אליין איז ער... נו, מיר דארפען שוין אליין פארשטעהן וואָס ער איז... אַזאַ מענשעלע קאָן עפּעס טאָן, פאַרשטעהט זיך, ניט אומ־זיסט, און אַז ער זאָגט צו, איז דאָס:

סוויאַטאָי שב'שוויאַטיך!

מיר האָבען אַלע געלאַכט און נאָך זיין ארויסלויפען, האָט דער גרוזין געזאָגט:

— נו, אי זאַמעטשאַטעלני טשעלאָוועק עטאָט לייבאַ!

ס'איז געווען אַן אמת'ע סעודת פּורים. אָנגעהויבען ביי גרויסען טאָג און אריינגעצויגען טיף אין אָווענט אריין...

אין שטוב איז געווען הייס און פון עסען און טרינקען איז נאָך הייסער געוואָרען, ס'האָט ביי אַלעמען געפלאַמט די פּנים'ער, און מיט'ן סאַמאָוואַר האָט זיך דאָך ניט געגלוסט צו שיידען. נעבען יעדען איינציגען איז געשטאַנען אָנגעגאָסען אַ גלאָז טיי און אליין זיך אָנגעשפּאַרט אָן די בייכיגע ווענט פון די סאַפקעס, האָט מען געוויקעלט איין ציגאַר נאָכ'ן אַנדערען פון דער „בודיליע", וואָס איז געלעגען אויפ'ן טיש אין אַ גרוים שטיק צייטונגס פּאַפּיר. און מ'האָט געריכערט און גערעדט פון דעם היציגען פּאַליאַק, און יעדער באַזונדער האָט דערצעהלט, וואָס ער האָט דורכגעלעבט, גע־פינענדיג זיך דאָרטען ביי יענעם אין צימער און וואָס מען האָט נעטראַכט דעם גאַנצען וועג צוריקפאָהרענדיג. מעהר פון אַלעמען האָט געהאַט צו דערצעהלען דער קרעמעניצער. ער האָט דער־צעהלט, אַז אין דעם מאָמענט, ווען יענער האָט אַרויפגעלעגט די האַנט אויפ'ן רעוואָלווער, האָט זיך דער באָדען אונטער איהם אַ וואַקעל געטאָן און ס'האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ער איז אַראָפּ־געפאַלען אין אַ טיפען פינסטערען אָפּגרונט. און אין דעם מאָ־מענט האָט ער פּלוצלינג דערזעהן די שוועסטער זיינע (די שוועס־טער, וואָס ער האָט אַם בעסטען ליב) שפּילען ביי דער פּיאַנאָ. ער האָט אפילו געהערט איהר שפּילען. איינצייטיג האָט זיך איהם

געווייזען אַ שול־חבר, וואָס איז שוין זעהר לאַנג געשטאָרבען און ער האָט שוין לאַנג פאַרגעסען אָן איהם.

דער גרוזין האָט שמייכלענדיג געזאָגט, אַז ער האָט נאָר גע־מיינט, אַז יענער איז פון זינען אַראָפּ, און איוואַן וואַסיליטש האָט אויטאָריטעטיש צוגעגעבען:

— אַ יאַ עטאָוואָ ניע דומאַל!

ער קען זיי גוט, די פּאָליאַקען.

מיר האָבען פריה נאַכט געמאַכט. פריה זיך אויך פאַרנומען מיט לאָמפּען אויסלעשען און מיט לעגען זיך. פינף פּאַרשוין אין איין צימער זיך געלעגט און לייבאַ'ס מוטער — אַ זעקסטע, אין בעט. מיר האָבען זיך געלעגט אויף די צוויי סאָפּקעס, אויף צוויי האַלבע טירלאַך און אויפ'ן טיש. די צוויי סאָפּקעס זיינען „גע־בעטע" און טירלאַך און טיש איז אויסגעבעט געוואָרען מיט גליי־כען, שטייפען שטרוי.

די נאַכט איז געווען צו גרויס, מ'זאָל זי קאָנען אויסשלאָפען. אַמאָל צעהן האָב איך מיך אויפגעכאַפּט און פון איין מאָל אויפ'ן אַנדערען פאַרגעסען וואו איך געפין זיך און אין געדיכטער פינ־סטערניש געטאַפּט מיט אויג און בליק, פענסטער און ווענט, וואָס איז שווער געווען אָפּצוטיילען איינס פון דאָס אַנדערע. ניט גע־קאָנט זיך משער זיין, ווי ווייט איז איין וואַנט פון דער צווייטער.

אין שטוב איז געווען גוואַלדיג הייס. די לופט האָט זיך גע־שלונגען ווי וואַטע... געלעגען אין פיר פּאָר גאַטקעס און צוויי פּאָר הויזען, האָב איך ערשט אין דער וואַרעמקייט דערשפּירט, ווי שווער און איבעריג זיי זיינען אויפ'ן לייב. און צייטענווייז, גע־פינענדיג זיך אין האַלב־וואַכעדיגען און האַלב־שלאָפענדיגען צו־שטאַנד, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איין טייל פון מיין קערפּער שטעקט אין אַ וואַרעמער, זומפּיגער בלאָטע...

זיך אויפגעכאַפּט און ניט געוואוסט וויפיל איך בין געשלאָפען און געלעגען. און עד היום ווייס איך ניט, צי ס'איז געווען שפּעט אין דער נאַכט, ווען די אַלטע האָט אָנגעהויבען צו הוסטען, אָדער ס'איז נאָך גאָר פריה געווען: איך ווייס נאָר, אַז פון דעמאָלט אָן

האָב איך שוין ביז טאָג קיין אויג ניט צוגעמאַכט און זי האָט פון דעמאָלט אָן ניט אויפגעהערט צו הוסטען. געהוסט און געבראַקעט, געבראַקעט און געהוסט, און מיט עקעלדיגען שוידער געהערט, ווי עס האָט אַלע מאָל געגעבען אַ ליאַפּ אויף דער פּאָדלאָגע.. .

אַ קוק געגעבען אין דער פריה אויף זיך און אויף מיין געלעגער און אויף אַלעמען און אויף זייערע געלעגערס, איז מיר ניט גוט געוואָרען. פון די טירלאַך און טיש איז אַראָפּגעהאַנגען שטרוי. ביי וועמען אַ פאַלטאָ צו קאָפּענס, ביי וועמען אַ קויטיג קישען פאַרשפּרייט מיט אַ האַנדטוך. פון הויזען האָבען אַרויסגעשטעקט באָרוועסע פיס... באָרוועסע פיס, באַוואַקסענע פּנימ׳ער. אין אייגען און פרעמדען שמוץ איז מען געלעגען, אין איבעריגער, אי־בעלדיגער וואַרעמקייט אונטער פאַרקלעפּטע פענסטער, און אַן אַלטע אידענע מיט אַן ערדיג פּנים אויף אַ באַרג מיט קישענס, אַזוי שוואַרץ ווי דאָס פּנים, און אַרום איהר אויף דער פּאָדלאָגע...

לייבאַ האָט זיך פון אַלקער באַוויזען: גלייך פון בעט אַרויס, איז ער שוין געווען אַזוי אָנגעטאָן, ווי מיר האָבען איהם בייטאָג געטראָפען: אין שטיוועל, אין צוריסענעם רעקעל און מיט׳ן היטעל אויפ׳ן קאָפּ. אָפּגעגעבען אַ גוט־מאָרגען, מיט פאַרטיגקייט עפּעס צו טאָן פאַר אונז, מיט זעלבסטווירדע און ערנסטקייט, אָהן משרת׳דיגער אונטערטעניגקייט, נאָר מיט׳ן עול פון שטוב־מיטעל, פון פּרנסה, מיט׳ן עול פון בעל־הבית צו געסט. און ניט געטראַכט האָט ער אַריינגעבראַכט אַ צעבערעל, אַן עמער וואַסער און אַ גרויסע קופּערנע קוואָרט מיט צוויי הענטלאַך. דער גרוזין, וואָס איז געלעגען אויסגעצויגען ווי אַ טעלעגראַפנער סלופּ, האָט גע־שמייכעלט צו לייבאַ׳ן:

— ספּאַסיבאָ, לייבאַ!

## .5

דינסטאָג, 27טער יאַנואַר.

מ׳האָט שוין גערעדט וועגען דעם, אַז פאַרלאָזען זיך אין גאַנ־צען אויף גראַנאָווסקי׳ן טאָר מען ניט.

גראַנאָווסקי'ן איז ביי אונז געווען צו פאַרגלייכען מיט א שטיק האָלץ, וואָס א טרינקענדיגער געפינט אין וואַסער. און פונקט אזוי ווי יענער איז נאָך ניט אינגאַנצען געראַטעוועט מיט דער שטיק האָלץ, אזוי האָבען מיר אַלע געדענקט, אז מיט גראַנאָווסקי'ן זיינען מיר נאָך ניט געראַטעוועט... די לאַגע פון „אהין ניט פאַר־פאָהרען און צוריק ניט קומען", איז שוין געווען זעהר ערנסט, און אַלע האָבען פאַרשטאַנען, אז מ'טאָר ניט זיצען פאַרלעגט די הענט און וואַרטען אויף גראַנאָווסקי'ן, אז מ'דאַרף באַצייטענס נאָך וועגען זוכען.

אריינגערופען לייבא'ן, איהם איינגעבעטען ער זאָל זיך אוועק־זעצען, און איינער און א צווייטער האָט איהם געגעבען צו פאַר־שטעהן אונזער פאַרצווייפעלטע לאַגע.

— טשטאָזש ווי כאָטיטיע! — האָט זיך לייבא אויפגעהיצט. פאַרשטאַנען, וואָס ער וויל ווייטער זאָגען, האָט איינער פון אונ־זעריגע איבערגעשלאָגען:

— אָבער מ'טאָר זיך ניט פאַרלאָזען אויף איין מענשען.

לייבא איז שטאָל און אייזען געשטאַנען פאַר גראַנאָווסקי'ן — אז גראַנאָווסקי זאָגט, איז הייליג!

— יאָ, מיר וואַרפען זיך ניט אָפּ פון גראַנאָווסקי'ן, נאָר טאָמער גיט זיך איהם ניט איין עפּעס צו טאָן פאַר אונז? מוזען מיר דאָך באַצייטענס אנדערע וועגען זוכען.

— טשטאָ דיעלאַט?

און א רייב געטאָן באַק און באָרד, האָט ער געזאָגט, אז איין עצה האָט ער פאַר אונז: ער וועט אונז צושיקען דעם סטאַראָ־סטא, דער סטאַראָסטא איז זעהר א פיין מענשעל און מיר זאָלען דעם סטאַראָסטא בעטען (פאַרשטעהט זיך, איהם באַפרידיגען), ער זאָל זיך אריבערכאַפּען קיין אָליעווסק און זאָל זאַיאווען דער זשאַנ־דאַרמעריע, אז ביי איהם אין דאָרף געפינען זיך עפּעס מענשען, „קאַקיע טאָ ליודי", ער ווייסט ניט ווער זיי זיינען און פון וואַנען זיי קומען. דעריבער בעט ער דער זשאַנדאַרמעריע, ער זאָל קומען און אונז פאַרנעמען פון דאַנען.

— כשר זייט איהר? פעסער האָט איהר? וואָס האָט איהר מורא, וואָס?

אַ וואָרף געטאָן זיך און אַריינגערופען זיינס אַ אינגעל פון אַ יאָהר צעהן.

— גיב אַ שפּרונג אויף איין פוס צום סטאַראָסטאַ און זאָג איהם, אַז דער טאַטע, באַטקאָ פּראָסיוו, ער זאָל איוו טרי שאַגאַ קומען אהערצו.

און איז פאַרשוואונדען געוואָרען אינאיינעם מיט'ן צעהן יעהריגען זוהן.

און דאָ איז קלאָר געוואָרען, אַז דעם גרוזינ'ס לאַגע איז ערגער פון אַלעמענס, דער גרוזין האָט עס אונז אַזוי דערקלערט. אַלע פאָהרען מיר צו זיך אהיים, און דער גרוזין פון גרוזיע, וואוהין פאָהרט? כאָטש ער איז לכתחילה ניט געפאָהרען צו פאַרבלייבען, ער וואָלט דאָרטען אָפּגעוועזן אַ וואָך, צוויי און וואָלט זיך אומגעקערט צוריק. אָבער דאָרטען, פאַרשטענדליך, וואָלט יעווגעניאַס. געקראָגען פאַר איהם ביי דער פּוילישער מאַכט די נויטיגע פּאַפּירען אויף צוריק צו פאָהרען, און אָהן אַזעלכע פּאַפּירען, פאַרשטעהט זיך, שטעלט ער דאָס לעבען זיינס אין געפאַהר. אַנדערש וואָלט ער זיך אפילו ניט פאַרטראַכט און וואָלט זיך אומגעקערט צוריק.

— גאַליטיאַן נעסטראָוויטש! פאַרוואָס האָט איהר אויפ'ן אָרט ניט באַטראַכט, ווען איהר האָט זיך אָפּגעזאָגט מיטצופאָהרען און געדאַנקט?!

דער גרוזין האָט געשמייכעלט: ער האָט שוין דוקא עס אין זינען געהאַט. ער האָט אָבער ניט געקאָנט האַנדלען ווי די רוסישע באַרינעס. ער האָט עס ניט געקאָנט פאַרשטעהן אַנדערש. וואָס הייסט? צוזאַמען געפאָהרען, ווערט מען צוזאַמען אַריבער. אָבער אונז לאָזען, דאָס ניט! אַזוי האַנדלען קאָנען נאָר רוסישע דברים־אחרים.

ניט לאַנג געוואַרט און דער סטאַראָסטאַ איז געקומען. אַ ריין פּויערעל, מיט אַן אָפּגעשווירענע בלאָנדע בערדעל, מיט גרויסע

אָרענטליכע אויגען, ווי ביי א שאָף. מיר האָבען געהייסען אויפ־שטעלען דעם סאמאָוואר און די פרוי מיינע האט איהם צום ער־שטען אָנגעגאָסען א שעהנע גלאָז טיי און אריינגעוואָרפען דריי קלעצלאך צוקער אין גלאָז אריין. דער סטאראָסטא האָט, אויף זיין שטייגער, זעהר איידעל געטרונקען און אונז אויסגעהערט. פון צייט צו צייט האט זיך לייבא אריינגעכאפט, האט אויך צו־געשמאָלצען עטליכע ווערטער און אלע מאָל פארענדיגט:

— עטאָ טשעסטניע ליודי, פאני סטאראָסטא. — און דער לעצטער האָט שוין גאָר נאָך אלעמען מיט פוירעשער תמימות א פרעג געטאָן:

— אי זאשטאָ איך ארעסטאָוואטי?

מיר האָבען זיך אלע צושמייכעלט און איוואן וואסיליטש האָט איהם אין א ריינעם אוקראאיניש קלאָר געמאכט וועגען וואָס דאָ האנדעלט זיך און איז אָנגעפאלען אויפ'ן קרעמעניצער, וואס יענער קריכט איהם אריין אין די רייד:

— מיטיא! טי ווסי אָראָוונאָ טשטאָ באבא, — און איהם געלייענט א גאנצע נאָטאציע, אז ער, מיטיא, האָט ליב א סך צו באלאקען:

— אין אזא צייט איז געזינטער, אז מען רעדט וואָס ווייניגער.

— קעפסקאָ! — האָט דער סטאראָסטא געזאָגט און אויס־געטרונקען דריי גוט־פארצוקערטע גלעזער טיי. ער האָט מיט'ן ארבעל פון דער „פאראדנער" סערמיגע אָפגעווישט דעם שווייס פונ'ם שטערען, איידעל באדאנקט דער פרוי מיינער פאר דעם טיי און געזאָגט:

— באלד פאָהרט א פוהר קיין אָליעווסק, זעצט ער זיך אויף דער פוהר און פאָהרט קיין אָליעווסק.

אין א פאָר שעה ארום איז דער סטאראָסטא צוריק געקומען, געקומען מיט גאָרנים.

מ'האָט דאָרטען געפרעגט ביי איהם, צי מיר האָבען דאָקו־מענטען, האָט ער געזאָגט, אז יאָ; מ'האָט געפרעגט, ציר מיר

זיינען אָרענטליכע מענשען, האָט ער געזאָגט, אַז מיר זיינען זעהר אָרענטליכע מענשען, נו, קאָן מען אונז ניט ארעסטירען.

און דער קלוגער שליח אונזערער איז שוין גאָר געווען צו־פרידען:

— טאָש יאַ טאָ סאַמאָ קאַזאָו זאַשטאָ וואַם ארעסטאָוואַטי?

— און לייבאַ האָט מיט איראָניע צוגעגעבען:

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט: פעסער האָט איהר, דאָקור־מענטען האָט איהר, האָט איהר ניט וואָס מורא צו האָבען.

און שוין פאַר'ן סטאַראָסטאַ'ס וועגען אונטערגעשטראָכען:

— אָרענטליכע מענשען איז אַלע מאָל ערגער.

ווען דער סטאַראָסטאַ איז אַוועק, האָט דער קרעמעניצער געזאָגט:

— פערווי פוזיר לאָפּנול!

— אַ טי וטאָרים בודיעש!—האָט איוואַן וואַסיליטש געזאָגט.

ביי לייבאַ'ן אין שטוב האָט זיך געפונען אַן אָליעווסקער בחור'ל, אַ יאָהר פופצעהן. אַ סימפּאַטיש בחור'ל, מיט גרויסע, שווארצע מיידעלשע אויגען. דאָס בחור'ל האָט געלערענט מיט לייבאַ'ס קינדער דריי שפּראַכען: רוסיש, העברעאיש און אידיש. איך האָב איהם אריינגעבעטען צו זיך, אַט דעם דריי־שפּראַכיגען לעהרער:

— איהר זייט אַן אָליעווסקער?

— יאָ, פון אָליעווסק.

— קענט איהר אַלעמען אין אָליעווסק?

— יאָ, איך בין אַ געבוירענער אַן אָליעווסקער.

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, צי זיינען דאָרטען פאַראַן בחורים, וואָס לייענען ביכער?

ס'איז אריינגעקומען און זיך אוועקגעשטעלט ווי אַ סטויפּ לייבאַ'ס אַ קרובה, אַ הויכע, דאַרע מויד, מיט אַ קליין צעפּעלע און מיט גרויסע שטיוועל אויף די פיס. איך האָב ביי איהר גאָרניט געפרעגט, נאָר איהר האָט זיך פאַרגלוסט אַנטייל צו נעמען אין אונזער שמועס:

— איך בין אויך אַן אַליעווסקער און מיך וויל מען ניט קיין אַליעווסק אַריינלאָזען.

— איהר קענט אימיצען אין אַליעווסק?

— וועמען באַדאַרפט איהר?

איך האָב מיך ווידער געווענדעט צום בחור'ל:

— איז וואָס זשע זאָגט איהר, איז דאַרטען פאַראַן יונגעלייט, וואָס לייענען ביכער?

לייבאַ איז אַריינגעלאָפען מיט אַ פּאַליש:

— וואָן פון דאַנען! — און ביי מיר אַ פרעג געטאָן: — איהר באַדאַרפט זיי דאָ?

— הערט, ר' לייב, איך וויל שרייבען אַ בריף קיין אַליעווסק.

— איהר האָט דאַרטען אימיצען?

איך האָב איהם געענטפערט, אַז האָבען האָב איך דאַרטען קיינעם ניט, אָבער איך בין זיכער, אַז מיך קען מען דאַרטען:

— איך בין אַ שרייבער... איך שרייב אין די גאַזעטען...

דער קלוגער לייבאַ האָט זיך דאָ באַוויזען מיט זיין גאַנצער דאָרפישער גראָבקייט. מיין נאָמען איז איהם אינגאַנצען אומבאַקאַנט, און ער האָט מיר שוין גאָר גע'עצה'ט, אַז אויב שוין יאָ שרייבען קיין אַליעווסק, זאָל איך שרייבען צום רב; אָבער דאָס בחור'ל האָט זיך שוין פאַראינטערעסירט מיט מיר און איבערגעפרעגט מיין נאָמען און פאַמיליע, איז ער צוגעגאַנגען צום טיש, געעפענט אַ שופלאָד, לאַנג געבלעטערט אַ העברעאישע כרעסטאָמאַטיע, און איך האָב פאַר דער צייט זיך דורכגעשמועסט מיט דער קויטיגער מויד אין די שטיוועל, און צו מיין גרויס פאַרדרוס האָט זי מיר אויף קיין זאַך, וואָס מיך האָט אינטערעסירט, ניט געענטפערט. זי ווייסט ניט פון קיינע אידישע קהלה'ס, פון קיינע אָרגאַניזאַציעס — ניט פון קיין ציוניסטישע און ניט פון קיין סאָציאַליסטישע. ענדליך האָט זי זיך געכאַפּט:

— אַן אַמעריקאַנער קאָמיטעט איז דאַרטען דאָ.

געפרעגט וואָס דאָס איז אַזעלכעס דער אַמעריקאַנער קאָמיטעט, האָט זי מיר ערקלערט, אַז דאָס איז אַ קאָמיטעט, וואָס

צוטיילט די זאכען וואס קומען אָן פון אמעריקא פאר אָרימע אידען.

— וואָלטען זיי אפשר טאקע עפּעס געקענט טאָן?

זי ווייסט ניט, זי קען מיר וועגען דעם גאָרניט זאָגען; זי ווייסט נאָר אז:

— זיי זיינען גרויסע גנבים, די קאָמיטעטשיקעס.

דער בחור'ל האָט זיך אוועקגעשטעלט אַנטקעגען מיר און געזאָגט:

— מ. ראָזענפעלד האָט ער דאָרטען געפונען.

איך האָב מיך גערדעהט א דענערוויירטער פון די צוויי ווילדע חברה. ס'האָבעןביידע קריסטען אויף אונז דרייען געקוקט און ניט געוואוסט אין וואָס ס'האַנדעלט זיך; האָט דער גרוזין געפרעגט:

— אוו טשאָם דיעלאָ?

און דער סוף איז געווען, אז איך האָב טאָקע גענומען א פּאָר נעמען פון די „קאָמיטעטסקע גנבים" און אָנגעשריבען א פּאָר בריף, אלע מיט איין נוסח: איך בין דער און דער, פאָר מיט מיין פרוי פון קיעוו אהיים קיין קאָוועל און מ'לאָזט אונז ניט דורך... נעמט אָן מיטלען מ'זאָל אונז דורכלאָזען, אַנדערש איז אונזער לעבען אין געפאַר.

---

מיטוואָך, 27טען יאַנואַר.

— וואָס קען א שטייגער לייבא זאָגען דערצו, וואָס מ'הערט נאָך אַלץ פון גראַנאָווסקי'ן גאָרניט?

לייבא האָט זיך אָנגעבייזערט אויף אונז.

— יא וואס גאָווארױ שטאָ אָן פּרידיאָט!

— וואָט פּאָלאָזשעניע! — דער אוקראַאינעץ, ער קען עס גאָרניט מוחל זיין די פּאָליאַקען: — טאַקאָיע סאַמאָליוביע!

לייבא האָט צו אונז געזאָגט אויף אידיש:

— איהר זייט אידען און ווען איך וואָלט עפּעס געווען אין א צווייפעל וואָלט איך אייך ניט פארזיכערט, איך קען דעם גוי און איך זאָג אייך, אַז זיינס א וואָרט איז קודש־קדשים.

דער גרוזין האָט זיך צולאכט:

— טשטאָ עטאָ טאקאָיע קאטשע־קאטשע?

לייבאַ האָט אַוועקגעוואָרפען די אידען און צוגעלאָפען צום קריסט:

— עטאָ זנאטשיט טשטאָ סלאָווא טאָ סוויאטאָ — האָט לייבא ערקלערט.

— גראַנאָווסקי איז אַ פּאָליאַק? — האָט דער גרוזין געפרעגט.

לייבא האָט געענטפערט, אַז ס'איז אַלץ איינס... אַלע מענשען זיינען מענשען און אַלע מענשען זיינען פון גאָט פארשאַלטען... מענשען ווייסען דען וואָס זיי טוען איצט?

— בראַט בראַטאַ ביאָט!

— די פּאָליאַקען, — האָט לייבא שטיל געזאָגט, — זיינען אזוי ווי קעץ, זיי האָבען קיינע באשעפענישען ניט ליב און צווישען זיך דראַפּעט מען זיך אויך...

— לייבאַ מעטקאָ סקאזאַל, — האָט איוואַן וואסיליטש געזאָגט און ביי גאַליטיאַן נעסטראָוויטש'ן האָט זיך אַן אומעט אין די אָדלער־אויגען צוגאָסען.

ווען ער וואָלט געוואוסט, אַז מ'וועט איהם אויפ'ן וועג ניט הרג'ענען וואָלט ער דאָ אפילו קיין מינוט ניט געזעסען.

— זאַווערנולסיא בי ליצאָם אוק יוגו אי פּאָשאָל־בי...

אין אָוועגט האָבען מיר געהאַ טאַ גאסט, אַ זעלנער. געהייסען זיך ווייזען די פּעסער, האָט ער אריינגעקוקט אין זיי, ווי אַ האָן אין בני־אָדם און האָט שוין אויף אונז מעהר געקוקט, ווי אין די פּעסער אריין.

מיר האָבען איהם באַזעצט ביים טיש און געבעטען לייבא'ן אויפשטעלען דעם סאַמאָוואר. מיר האָבען צוזאמען געטרונקען טיי און צוגעביסען. דער פּאַרשוין, פּיהלענדיג אונזער הילפּסלאָזיגקייט, האָט ניט געקענט אוועקשטעלען קיין געהעריגען טאָן, קענטיג דערפאר ווייל ער איז ביי אונזער טיש געזעסען. אָט

האָט ער גערעדט צו אַלעמען ווי צו זיין גלייכען און פּלוצלינג געביטען דעם טאָן און גערעדט ווי אַ נאַטשאַלניק. דער בעל־דברן איז געווען דער קרעמעניצער, ער האָט געקענט ריידען פּויליש, ער האָט פאַר אונז אַלעמען גערעדט, און דער זעלנער האָט מיט פאַרדרוס געקוקט אויף די שווייגענדיגע און איינמאַל און אַ צווייטעל מאָל געפּרעגט פאַרוואָס מיר שווייגען, און מיר האָבען זיך איינמאָל און אַ צווייטען מאָל פאַרענטפערט, אַז מיר קענען קיין פּויליש ניט ריידען, דערפאַר שווייגען מיר, און דעם פּאָליאַק האָט עס שטאַרק פאַרדראָסען, וואָס מיר קענען ניט קיין פּויליש ריידען.

ער עסט און טרינקט, און ס'איז געווען צו זעהן, אַז ווען ער האָט געגעסען האָט ער זיך ניט אַזוי שטאַרק היימליך געפיהלט, און האָט ער אויפגעהערט צו עסען האָט ער זיך גאָר אַנדערש געשפּירט. אָבער די פרוי מיינע האָט איהם רוהען ניט געלאָזט:

— פּראָשע פּאַנאַ.

ער זאָל עסען.

און דער קרעמעניצער האַלט אין איין פּלאַפּלען. מיר האָבען שוין אַלע באַמערקט, אַז ער רעדט צופיל, אַז ער פאַרקריכט אָפּט אין זייטיגע שמועסען. האָט זיך אַריינגעמישט די פרוי מיינע מיט אַ צוקאַליעטשעטען רוסיש, מיינענדיג, אַז דאָס איז פּויליש. דער זעלנער קוקט זי אָן, קענטיג פאַרשטעהט ניט אַלעס וואָס זי רעדט, אָבער ער הערט זי דאָך אויס. זי לעגט איהם אַריין יעדעס וואָרט אין מויל אַריין. זי גיסט פאַר איהם אויס דאָס גאַנצע האַרץ איהרס... צובראַכען זיך... געבליבען הויל, נאַקעט, און איצט לאָזט מען ניט דורך... ס'וועט אויסקומען צו שטאַרבען דאָ. דער פּאַן זעהט, אַז זי איז אַ שוואַכע פרוי...

און אַלע גערירהט פון איהרע ווערטער:

— פּראָשע פּאַנאַ, פּראָשע פּאַנאַ!!

פּלוצלינג האָט זיך דער סאָלדאַט אַ הייב געטאָן, אויגען און פּנים מיט בלוט פאַרגאָסען, אַראָפּגעטאָן די ביקס אין די הענט און אַ געשריי געטאָן צום קרעמעניצער:

— אידזש זאמנאָי...

אריינגעיאָגט זיך לייבא מיט'ן גאַנצען הויז־געזינד און פויערים א פולע שטוב און אלע האָבען ארומגערינגעלט דעם זעלנער פון אלע זייטען, און דער סאָלדאַט האָט אלעמען געוואָרפען און געשטויסען פון זיך, און ס'האָט קיינער ניט געוואוסט, וואָס מיט דעם סאָלדאַט איז פּלוצלינג געשעהן, און ביי איהם געפרעגט און איינס ביי דאָס אנדערע געפרעגט.

א כאָאָס, א טומעל, געשרייען און גוואַלדען. דער זעלנער איז רויט. די אויגען גלאַנצען, דער קרעמעניצער איז טויט־בלאָס און שטאַמעלט עפּעס און לייבא איז נעבען יעדען און צוויישען אלעמען און בייזערט זיך אויף יעדען און אויף אלעמען, עס זאָל זיין שטיל און רעדט דערביי: ער קען דעם פּאַן, דער פּאַן איז א וואוילער, דער פּאַן איז א גוטער, און, גאָר אומגעריכט, פאַלט לייבא אָן אויפ'ן קרעמעניצער. ער זידעלט און טופּעט מיט די פיס ער זאָל איהם גלייך זאָגען, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, אניט שלאָגט ער איהם, אניט פּאַטשט ער איהם, אניט טרייבט ער איהם פון שטוב ארויס. ער קען דעם פּאַן פאַר א לייטישען מענשען, דער פּאַן וועט אומזיסט ניט אָנפאַלען...

און אָנגעכאַפּט דעם קרעמעניצער פאַר די לאַצען, פּעסט מיט ביידע הענט איהם א טרייסעל געטאָן און נעמיטליך א פרעג געטאָן ביים סאָלדאַט:

— פּאַני, זאָג מיר, וואָס האָט ער דיר אזעלכעס געזאָגט?

דער זעלנער ענטפערט ניט, ער שפּרינגט פון דער הויט ארויס, ער האַלט די ביקס אין איין האַנט און מיט דער צווייטער שלעפּט ער דעם קרעמעניצער ער זאָל מיט איהם געהן. לייבא האַלט איהם פּעסט ביי די לאַצען און האַלט מיט איהם אין איין מאָרדעווען מיט'ן קרעמעניצער, ער זאָל איהם נאָר זאָגען, וואָס איז דאָ אזעלכעס געשעהן, און לויבט דעם גוי, דעם פּאַן ביז'ן הימעל אריין. און דאָ גיט ער אזאָג אויף אידיש, ער זאָל דעם פריץ פאַלען צו די פיס. דער קרעמעניצער טוט עס גלייך, אָבער יענער ווערט נאָך אויפגערעגטער, צושרייט זיך שוין אויף איהם

ליבא, ער זאָל די מינוט אויפשטעהן. און הויבט איהם אליין אויף און לאָזט איהם אלץ ניט אָפּ און ווידער שטיל געמיטליך א פרעג געטאָן ביים סאָלדאט:

— זאָג מיר, פאַני, וואָס האָט ער דיר אזעלכעס געזאָגט?

דער זעלנער האָט ענדליך געענטפערט ליבא'ן, אז ער, דער קרעמעניצער, האָט צו אימיצען פון אונזעריגע א פינטעל געטאָן מיט אן אויג. דער קרעמעניצער האָט אויסגעשאָסען מיט א געוויין:

— זאָל ער שטארבען, זאָל ער הענט און פיס ברעכען, אויב ער וויים פון וואָס צו זאָגען.

ליבא האָט ווידער אָנגעטופּעט אויף איהם מיט די פיס:

— שווייג, קרעמעניצער! — און געבראָכען שטיל געזאָגט צום סאָלדאט:

— ער שווערט זיך דאָך, אז ער ווייסט פון גאָר ניט.

דער זעלנער האָט זיך ווידער אָנגעצונדען. דער קרעמעניצער האָט זיך ווידער געגומען פאַרענטפערען און ליבא טראַכט ניט פיל, און טראָך דעם קרעמעניצער אין באַק אריין.

די פרוי מיינע האָט אָנגעהויבען ספּאַזמירען, קולות מיט געלעכטער צוזאַמענגעמישט. אייניגע פויערים האָבען זיך אוי־בערגע'צלם'ט, און דער היציגער זעלנער איז געבליבען שטעהן ווי מ'וואָלט איהם מיט א קאַלטען עמער וואַסער אָפּגעגאָסען. אראָפּגעלאָזט די האַנט מיט'ן ביקס, איז דער העלד געבליבען שטעהן פאַרלאָזט פון אַלעמען, איינזאַם און דערשראָקען. די העלדין איז געוואָרען די פרוי מיינע, אלע ארום איהר און אלעס פאַר איהר. דער זעלנער האָט עפּעס שטיל געמורמעלט און קענ־טיג איז געוועזן, אז ער וואָלט ערגעץ געוואָלט אַנטרונען ווערען מיט דער ביקס צוזאַמען.

איך האָב אראָפּגענומען דאָס דאָפּעלטע פענסטער, געעפענט דאָס צווייטע, און א גאַנצער שטראָם פרישע, קאַלטע לופט האָט זיך א יאָג געטאָן אין שטוב אריין. די פויערים האָבען מיט רעליגיעזען פאַנאַטיזם זיך איינגעהערט אין די קולות און פון מיט

אונרוהיגקייט און אַבערגלויבען געקוקט אויף דעם אָפּענעם פענס־טער, ווי ס'וואָלט געעפענט געוואָרען ניט צוליב דעם, וואָס ס'איז געעפענט געוואָרען, נאָר צוליב עפּעס אַ טיף פאַרבאָרגע־נע זאַך. דער זעלנער איז געשטאַנען אין מיטען שטוב, פאַר־לאָזט און פון אַלעמען פאַרגעסען, געהאַלטען ביידע הענט אָנ־געלענט אויף אייזען און לעבעל פון דער ביקס. ער האָט אַרי־בערגעקוקט איבער מענשען און קעפּ און שולדיג און נאַריש גע־שמייכעלט.

מיר, אייגענע שטעטיגע, האָבען זיך אַרום דער שטעטיגער פרוי מיט שטאָדטישער קרענק געפּאָרעט, און דער דאָרף מיט פויערים האָבען אויף אונז אַלעמען געקוקט מיט דאָרפישען און פויערש־פינסטערען אַבערגלויבען און צווישען זיך אין דער שטיל עפּעס געבאַליאַקעט; און פון אָפענעם פענסטער האָט שוין אָנ־געיאָגט אַזוי פיל קעלט, אַז מ'האָט שוין אָנגעזעהן די פאַרע פון נעז און מיילער.

ענדליך האָט לייבא אַריינגעשלעפּט דעם סאָלדאַט צו זיך אין אַלקיר אַריין, אין עטליכע מינוט אַרום האָט ער זיך באַוויזען און אַ וואונק געטאָן צום קרעמעניצער:

— קרעמעניצער!

געשטאַנען אַ פּאָר מינוט ביי דער טיר און מיט איהם איינ־גע'טענה'ט. ער האָט איהם געקלאַפּט אין שטערען אַריין און גע־זאָגט, אַז ער האָט קיין שכל ניט דער קרעמעניצער, און אויף לעצט באַפעהלעריש געזאָגט:

— געהט אַריין און בעט איהם איבער, און גוטמוטיג צוגע־געבען: באַלוואַן!

דער קרעמעניצער האָט דאָרטען זעהר לאַנג פאַרבראַכט ביים סאָלדאַט, און לייבא איז פאַר דער צייט עטליכע מאָל צוגעגאַנגען צו מיין פרוי און זי באַרוהיגט. ענדליך האָט זיך דער קרעמעניצער געוויזען מיט אַ שמייכעלע, נאָך איהם דער זעלנער. דער לעצטער איז געבליבען שטעהן אין דער טיר און קיין דרייסט ניט געהאַט ווייטער צו געהן און גלייך געפרעגט אויף מיין פרוי ווי זי פיהלט

זיך. די פרוי האָט געבעטען מ׳זאָל איהם, דעם סאָלדאַט, צורופען צו איהר. יענער איז גלייך צוגעגאנגען, צוגעגאנגען און זיך אוועק־געשטעלט ווי א קינד אַנטקעגען א מוטער וואָס פיהלט זיין שולד געגען איהר. ער האָט זיך גלייך גענומען פאַר איהר פּאַרענטפערען און די פרוי מיינע האָט גליקזעליג א שמייכעל געטאָן. דאָס איז געווען איינער פון יענע שמייכלען, וואָס ווייזען זיך ביי יחידים אין געוויסע מאָמענטען נאָך א קאַטאַסטראָפישער איבערלעבונג, ווען די נשמה קומט צוריק צום גוף מיט דורכגעלייטערטער ליכ־טיגקייט פון גרויס ליבשאַפט און ניי־געבוירענער באַהעפטונג צווי־שען קערפער און נשמה...

זי האָט קוים גערעדט, קיינער האָט ניט געהערט וואָס זי רעדט, אָבער דער זעלנער איז געווען גוואַלדיג געווירקט. יעדע מינע, יע־דער שטילער טאָן, וואָס זי האָט ארויסגעלאָזט, האָט ביים זעלנער אַרויסגערופען א נייע מינע, א נייעם אויסדרוק אויפ׳ן פּנים. און פּלוצים האָט ער געטאָן א שלעפּ צו זיך און צו מיין פרוי דעם קרעמעניצער און איהם א שטעק געטאָן די האַנט:

— מוחל!

און אויגענבליקליך האָבען זיךביידע צוקושט.

פון גרויס גדולה האָט זיך די פרוי מיינע אויפגעזעצט און מיט גלאַנציגע אויגען געבעטען דעם זעלנער ער זאָל זיך צוריקזעצען ביים טיש. ער האָט געדאַנקט און זיך אָפּגעזאָגט, האָבען מיר איהם אַלע געבעטען, האָט ער אַלעמען געדאַנקט און אַלעמען אָפּ־געזאָגט און פאַרוואָרפען די ביקס אויפ׳ן אַקסעל האָט ער זיך מיט יעדען איינציגען געזעגענט און גלייך נאָך זיין אוועקגעהן האָט דער קרעמעניצער ענטוזיאַסטיש אויסגערופען:

— פינף אזייגער פאַרטאָג קומט ער נאָך אונז!

---

די פרוי מיינע איז א גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפען. זי האָט געקרעכצט, אויפ׳ן געלעגער זיך געוואָרפען און די שטרוי האָבען אָהן אויפהער געשורשעט אונטער איהר. עס האָט זיך געקאָנט דאַכ־טען, אז הונדערטער שדים שושקען זיך צווישען זיך וואָס נאָך

פאַר אַ שלעכטס אונז אָפּצוטאָן. ביי אונזערע בעלי־בתים איז מען אויך ניט געשלאָפען. אַ גאַנצע נאַכט האָט זייערס אַ מיידעלע געוויינט און טאַטע־מאַמע זיינען אַלע מאָל צום קינד געלאָפען מיט ברענענדיגע ליכט. די מוטער פון קינד האָט אויף אַ גאַנץ הויך קול גערעדט, אַז זי האָט דעם גאַנצען טאַראַראַם געדאַרפט אויף כּפּרות, אַז זי האָט לכתחילה געזאָגט דעם מאַן איהרען, ער זאָל אונז אין שטוב ניט אריינלאָזען. די באָבע איז אויך אַ פּאָר מאָל פון בעט אַראָפּגעקראָכען צו די קינדער אין אַלקיר אַריין, דאָרטען זיך באַוויזען אין ווייסען און אויסגעזעהן ווי זי וואָלט צו חלום געקומען פון „יענער וועלט“ צו קינדער און אייניקלאַך. פון העמד אַפּיר האָט אַרויסגעשטעקט אַ געשווירענער קאָפּ און נאַקעטע פיס. זי איז פּאַמעליך אַריינגעקראָכען אין אַלקיר אַריין מיט באַרוועסער שטילקייט און ביי ליכט און פייער דאָס קינד געשפּראָכען. נעבען דער אַלטער איז אַמאָל דער זון, אַמאָל די שנור, אַמאָל ביידע, גע־געשטאַנען מיט ליכט און פייער צווישען זיי, און גערעדט האָט מען צווישען זיך עפּעס ווילדע רייד, גערעדט מיט „אַניט דאָ געדאַכט“, „ניט פאַר אונז געדאַכט“. זיי האָבען גערעדט וועגען מיין פרוי ווי וועגען עפּעס אַן אַבסטראַקט באַשעפעניש, מיט רמזים וועגען איהר לאַכען און וויינען גערעדט... מיט פייער און ליכט און שאָ־טען, אין אייגענער און אין זייטיגער שטילקייט, געהילט אין שרעק פון פּאַרצייטיג אַבערגלויבען, איז מען געשטאַנען אין צווייען און דרייען ביים קינדער־בעטעל אין אימה׳דיגער שטילקייט פון דאַר־פישער שטוב און פון דאָרפישען דרויסען. דאָס קינד האָט גע־שלוכצעט און דאָס שלוכצען איז עהנליך געווען אויף דעם ווי אַ הוהן לערנט זיך קרעהען... און פּלוצים דערהערט זיך אַ ריס, און געוואוסט פון דער „סגולה“ האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט מען דעם סטאָן פון העמדעל אויפ׳ן קינד צוריסען... אַזוי איז מען זיך עס טעטליכע מאָל דורך דער גרויקייט פון נאַכט צונויפגעקו־מען און אין צווייען און דרייען מיט ליכט און פייער זיך צונויפ־געגאָסען און געשפּראָכען און געשפּיגען, מיט אַ מעסער אין אַהן אַ מעסער, און איך בין געלעגען אויף מיין טירעל און אין פינסטער־

דער אומרוהיגקייט געטראַכט פון מיין פרוי, געטראַכט וועגן דער גרויסער פאַראַנטוואָרטליכקייט, וואָס איך האָב אויף זיך גענומען... מיין לאַגע איז געווען גלייך צו אַ שווימער, וואָס נעהמט אויף זיינע אַקסלען אַ קינד אַ געפעהרליך אָרט איבערצושווימען און דער שווימער הויבט זיך אָן צו טרינקען מיט'ן קינד... איך האָב שוין געזעהן, אַז מיר זיינען זעהר מיאוס אריינגעפאַלען, און דאָ האָט מען באַדאַרפט אָננעהמען אַ באַשלוס, צי זאָלען מיר מיטפאָהרען מיט'ן זעלנער צי ניט, ווייל נאָך דער גאַנצער איבערבעטעניש און קושעניש איז מיר דאָך געבליבען עפּעס אַ פאַרדאַכט וועגען דעם פּאַרשוין, און בכלל האָט זיך מיר ניט געגלויבט, אַז דאָס זאָל גלאַט קענען צוגעהן אויף אַזאַ איינפאַכען אופן. אַ פּראָסטער סאָלדאַט זאָל קענען נעהמען און איבערשוואַרצען מיט פינף מענשען אַ גרענעץ...

— הייסט עס פינף אַזייגער! — האָב איך שטיל אַ רעד געטאָן צו מיין פרוי.

זי האָט ניט געענטפערט:

— מיר קענען ניט פאָהרען אויך.

זי האָט אָבער פאַר'ן ניט פאָהרען פונקט אַזוי געציטערט ווי פאַר'ן יאָ פאָהרען.

איך האָב איהר געגעבען צו פאַרשטעהן, אַז ס'איז רעכט, אַז איך מיט איהר זאָלען ניט מיטפאָהרען און דעם סאָלדאַט וועט גאָר ניט איינפאַלען, ווייל ער האָט דאָך געזעהן אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד ער האָט זי געלאָזט.

די פראַגע איז געבליבען הענגען אין דער לופטען. פאַרלאָזט זיך אויפ'ן גורל, ווי אַזוי עס וועט אויסקומען, אַזוי וועט מען טאָן.

איך בין אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפען, געלעגען אויפ'ן שטרוי און אויפ'ן טירעל מיט אַ פאַלטאָ צוקאָפּענס, אָנגעטאָן אין פיר פּאָר גאַטקעס און צוויי פּאָר הויזען, געלעגען, ניט געשלאָפען און געטראַכט וועגען דער ציפער 5, וואָס האָט זיך איינגעוועבט אין נאַכט-גרויקייט און נאַכט-פינסטערניש. אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך מיר געדאַכט איז פינף אַזייגער און אַ גאַנצע נאַכט האָב איך

זיך איינגעהערט צום פענסטער, צום שטילען פינסטערען דר׳ייסען און אַ מאָל צוואַנציג, האָט זיך מיר אויסגעדוכט, הער איך ביי דער שטוב, ביי וואַנט און פענסטער די טריט פונ׳ם זעלנער... פון גאַנץ נאָהענט, אַמאָל פון ווייט, האָט זיך מיר געדאכט הער איך זיינע טריט.

ס׳איז געווען היים אין שטוב, געפיהלט די היץ וואָס האָט געזעצט פון דער הרובע. פון אייגען לייב און וועש געשפּירט אַ ניט־פרישקייט, און ניט ווייט פון מיר איז געלעגען די אַלטע און געהוסט און געכראַקעט און נאָך איבעלדיגע זאכען האָט די אַלטע געטאָן... און די נאַכט האָט זיך אומ׳ברחמנות׳דיג לאַנג געצויגען, מיר האָט זיך צומאָל געדאכט, אַז איך האָב זיך מיט אייביגער פינסטערניש פאַרבונדען, מיט פינסטערניש פון פאַרגאַנגענהייט און מיט פינסטערניש פון אַן אומקלאָרער צוקונפט — — — —

— — — — — — — — — — —

מיר האָט זיך געדאכט, אַז איך געפין זיך אין אַ שטוב מיט פיל פענסטער און מיט אַ סך טירען און אַלע פענסטער און אַלע טירען זיינען אָפען און פון אַלע זייטען בלאָזען ווינטען, וואַרימע און קאַלטע ווינטען, און איך האָב זיך ניט וואו צו באַהאַלטען... און פּלוצלינג... אַראָפּגעפאַלען אין אַ טיפען, טיפען אָפּגרונט, וואו ס׳איז שוין ניט געווען קיין איין טיר, קיין איין פענסטער און ס׳שטיקט מיך און ס׳ווערגט מיך ענגשאַפט און פינסטערניש... געזוכט וואוהין פון דאָרט צו אַנטלויפען און דערזעהן, אַז מיינע פיס געפינען זיך אויף אַ גלעזערנעם באָדען, אויף דין גלאָז שטעה איך... דאָס גלאָז איז דורכזיכטיג, טיילט זיך אוים מיט בלאַסקייט וואָס בלייכט זיך אוים פון אונטען טיף, טיף אונטער׳ן גלאָז... איך שטעה אין פאַרגליווערונג, האָב מורא דאָס גלאָז זאָל זיך ניט אונטערברעכען אונטער מיר... און אָט ווייזט זיך דאָרטען אימיצער אונטער׳ן גלאָז און קלאַפּט מיט פינגער אונטער מיינע פיס — — —

זיך אויפגעכאַפּט און דערזעהן קאָפּ און אַקסעל ביי אַ פענסטער און אַ האַנט מיט פינגער אויף אַ שויב.

6

דאָנערשטאָג, 29טען יאַנואַר.

גאַנץ פריה האָט זיך לייבא אַריינגעיאָגט, אַ פּאַטש געבענ־דיג איין האַנט אין דער צווייטער פון דרויסענדיגער קעלט:

— האָב איך עס פון אייערט־וועגען אַן אַלקעריל, אַ צאַצקע.

און אין אַ האַלבע שעה אַרום זיינען שוין די פּעקלאַך אונ־זערע געלעגען אויף אַ שליטעלע, וואָס ס'האָבען געשלעפּט דער דריי־שפּראַכיגער לעהרער מיט זיין תלמיד, און איך און די פרוי מיינע זיינען נאָך דעם שליטעלע נאָכגעגאַנגען און איבערגעגאַנ־גען אַ שטיק דאָרף, אַ שטיק גאַס, אַ צעהנדליג הייזער. האָבען זיך די אינגעלשע פּערדלאַך אָפּגעשטעלט נעבען אַ אידישער שטוב, וואָס מ'האָט דערקענט, אַז זי איז אַ אידישע, ווייל זי האָט אויסגעזעהן אַנדערש ווי די גוי'אישע...

אין דער נייער דירה האָבען מיר געטראָפען אַן אַלטע פּאָר פאָלק, אַן אַלטע מיידעל, און אַלע דריי צוזאַמען האָבען אונז אין אַלקיר אַריינגעפיהרט, וואו עס איז געשטאַנען אַ רויט גע־פאַרבט בעט, אַ קאַנאַפּע און אַ טיש מיט אַ פּאָר בענקלאַך. אויף איין וואַנט זיינען געהאַנגען עטליכע אַמעריקאַנער פאָטאָ־גראַפיעס, משה רבינו און אהרן הכהן, עהנליך אויף קריסטליכע גייסטליכע.

אויסגעפּאַקט אונזער בעטגעוואַנד, געבעטען אַרויסנעמען זיי־ערס, האָט די פרוי מיינע אונזער בעטגעוואַנד אין פרעמדען בעט אַריינגעוואָרפען. טאַטע־מאַמע און טאָכטער זיינען געשטאַנען און גערעדט צו אונז. זיי האָבען אַלע דריי געוואוסט וועגען אונז, אונזער נעכטיגע געשיכטע, און אַלע דריי האָבען געזאָגט, אַז מיר האָבען זעהר גוט געטאָן, וואָס מיר זיינען מיט דעם „דעזערטיר" ניט מיטגעפאָהרען. דער פרוי מיינער האָט שוין אָבער זעהר באַנג געטאָן וואָס מיר זיינען ניט געפאָהרען:

— און וואָס וועט זיין, אַז ער וועט זיי טאַקע אַריבערפיהרען?

— אלץ מן השמים, — האָט דער אַלטער געזאָגט, און די אַל־טע האָט צוגעבאַמקעט:

— מסתמא איז אייך אַזוי באַשערט. און דאָס מיידעל האָט אויך עפּעס עהנליכעס אויף דעם געזאָגט. זיי האָבען דריי כמעט איינס און דאָס זעלבע גערעדט, אַלע דריי האָבען עפּעס געוואָלט טאָן פאַר אונז און ניט געהאַט וואָס צו טאָן, געקוקט אונז אין די הענט אַריין ווי מיר פּאַקען אוים די זאַכען. איך האָב געשלונגען יעדעס וואָרט וואָס די אַלטע פּאָר פאָלק האָט גערעדט, און די גאַנצע שטוב מיט די פרומע מענשען האָט מיר פיל עראינערט אין לאַנג־פאַרגאַנגענער, אין אַלט־באַקאַנטער היימישקייט און אביסעל באַרוהיגט די נערוועז מיינע. אין די פשטות פון זייערע ווערטער האָט זיך ביי מיר אויסגעפּלאָכטען פילאָזאָפיש־מיסטישע געדאַנ־קען, אַז אייגענטליך זיינען זיי דאָך גערעכט דאָס אַלטע פּאָר פאָלק, מענשען זיינען דאָך ווירקליך ניט ביי זיך אין די הענט, און אפשר זיינען זיי טאַקע גערעכט: „מן השמים".

זיך איינגעאָרדענט אין דער נייער דירה, בין איך געזעסען און געשטאַנען ביי זיך אין אַלקיר, ביי די בעלי־בתים אין שטוב; צוגעגאַנגען פון איין פענסטער צום צווייטען, געקוקט אין דרויסען, געזעהן דאָרף און הייזער, געזעהן פויערים געהן, פויערים פאָהרען, דאָ אַ גויע, דאָרט אַ שיקסע מיט לעדיגע און פולע עמער וואַסער, וואָס האָבען זיך אַריבערגעגאָסען פון פולקייט און באַוועגונג, און אַזוי שטעהענדיג האָב איך מיר געטראַכט, אַז אייגענטליך האָט אומגליק גאָר קיין גרענעץ ניט, אַז וויפיל ס'איז ניט שלעכט קען זיין נאָך ערגער... אומגליק האָט טיפע, טיפע אָפּגרונטען, און אין די אָפּגרונטען ווערען געשפּענסטער געשאַפען, וואָס באַגלייטען דיך אויף יעדען שריט און טריט און וואַרפען די נשמה פון איין אָפּ־גרונט אין צווייטען. גליק איז באַגרענעצט, פון גרויס גליק ווערט מען טעמפּ און פון גרויס אומגליק קומט פאַר אַן אונאויפהערליכע שלייפעריי פון געדאַנקען. גליק ווערט באַשיינט מיט בריליאַנ־טען, אומגליק מיט טויזענטער אויגען, וואָס קוקען דיר נאָך און זעהן יעדען נערוו דיינעם און האַלטען אין שטענדיגער אומרוהיג־

קייט דאָס האַרץ דיינס און די נשמה צאַפּעלט... יאָ, אויב איך האָב ביז נעכטיגען צופאַל ניט ערוואַרט, אַז ס'קען זיין ערגער, האָב איך זיך נעכטען אַוועקגעזעצט אין דעם איבערצייגט, און ווער ווייס וואָס מאָרגען קען געשעהן...

אין אַ פּאָר שעה אַרום האָבען זיך די דריי חברה געוויזען מיט די פּעקלאַך אויף די פּלייצעס.

זיי האָבען זיך גלייך געלאָזט אַריינגעהן צו לייבא'ן אין שטוב אַריין און ניט באַוויזען צו עפענען די טיר, איז זיי לייבא אנטקעגען געקומען פון שטוב אַרויס. איך האָב געזעהן, אַז זיי רעדען עפּעס צווישען זיך און געזעהן ווי ער ווייזט זיי מיט אַ פינגער אהערצו אין שטוב אַריין. איך האָב געזאָגט צו מיינע בעלי־בתים:

— קאָנטיג, אַז לייב ווייזט זיי אָן זיי זאָלען געהן אהערצו.

אַלע דריי זיינען צוגעגאַנגען צו די פענסטער און גערעדט לשון הרע אויף לייבא'ן, מיט קנאה פון זיין חיונה גערעדט, און שוין דערפאַר אַליין, וואָס לייבא האָט יענע דריי חברה טראַנספּאָרטירט אהער צו זיי, האָבען שוין דערפאַר אַליין די בעלי־בתים אונזערע באַשלאָסען יענע ניט אַריינצולאָזען, און די מאַמע מיט דער טאָכטער האָבען אַרויסגעשיקט דעם אַלטען אנטקעגען זיי, ער, דער אַלטער, זאָל זיי געהן זאָגען, אַז דאָ איז ניטאָ קיין אָרט פאַר זייערטוועגען.

אין דרויסען זיינען זיי אין פירען געשטאַנען, דער אַלטער מיט אַ פּעקעלדיגער פּלייצע פון יאָהרען, און דריי יונגע חברה מיט וואַנדער־פּעקלאַך אויף די פּלייצעס אונטערגעבונדען מיט שטריקלאַך אונטער אָרעם און איבער אַקסעל. זיי האָבען עפּעס גערעדט צווישען זיך. איך האָב געזעהן ווערטער אין פאַרע געטיילט... זיי זיינען געשטאַנען די דריי מיט זייער גאַנץ האָב־און־גוטס אויף די פּלייצעס און איינגע'טענה'ט מיט דעם אַלטען וואָס איז נעבען זיי געשטאַנען און וואָס האָט מיר אויסגעזעהן גליקליכער פון זיי... מיט פאַרצווייפעלטע בליקען האָבען זיי באַטראַכט דאָרף און הייזער און איינס ביים צווייטען האָט אַ ציגאַר גענומען, און איינער

ביים אַנדערען האָט פאַררויכערט און אַרויסגעלאָזט פון מויל און נאָזלעכער רויך מיט פאַרע צוזאַמען.

איך האָב געזאָגט צו דער מוטער און טאָכטער:

— זאָלען זיי אַ טראַכט טאָן, אפשר וועט זיך פאַר זייערט־וועגען אויך געפינען פּלאַץ דאָ!

נאָך אַ קורצען ישוב הדעת האָט די אַלטע אַרויסגעשיקט דער יונגער זי זאָל זאָגען דעם אַלטען, אַז מ׳קאָן נאָך איינעם אריינלאָזען אין שטוב אריין. די איבריגע צוויי, האָט די אַלטע געזאָגט, זאָל די יונגע טאָכטער אוועקפיהרען צו דער עלטערער טאָכטער.

דער אַלטער איז אריינגעקומען מיט׳ן קרעמעניצער, און אַ קוק געגעבען אויפ׳ן קרעמעניצער׳ס פּנים, האָט מען שוין ביי איהם גאָר ניט געדאַרפט פרעגען. ער האָט שווייגענדיג אראָפּגעוואָרפען פון זיך דעם קלומעק, זיך אויסגעדרעהט מיט׳ן פּנים צום פענסטער, אַרויסגעשלעפּט אַ טיכעלע פון קעשענע און זיך צעוויינט שטיל, שטיל פאַר זיך, מיט אויגען און טרעהרען אין טיכעלע אריין, מיט׳ן פּנים צו פענסטער און גאַס און מיט פּלייצע צו פרעמדער שטוב און פרעמדע מענשען...

איך בין אריינגעגאַנגען אין אַלקיר, געטראָפען מיין פרוי ליגען אין בעט אויפן נאַכטיגען שטייגער מיט אַ פאַרבונדענעם קאָפּ און געזאָגט צו איהר:

— דער קרעמעניצער וויינט...

---

אין אַ פּאָר שעה אַרום זיינען געקומען צו אונז צו גאַסט גאַליטיאַן נעסטאָראָוויטש און איוואַן וואַסיליטש. דער לעצטער ווי ער איז נאָר אריינגעקומען, האָט מיט אַ זיפץ געזאָגט:

— וואָט פּאַלאָזשעניע!

און ער מיט׳ן קרעמעניצער האָבען דערצעהלט ווי דער סאָלדאַט האָט זיי געהייסען וואַרטען אויף זיך אין דער „באַינע" (אַזוי האָט געהייסען דאָס שטיבעלע וואו דער פּוהרמאַן האָט אונז אראָפּגעוואָרפען, ווייל דאָרט איז אַמאָל אַ שעכט־הויז געווען). אַליין גענומען ביי זיי די הונדערטער איז ער אַוועקגעפאָהרען, ווי ער

האָט זיי געזאָגט, איבערערעדען מיט וועמען מ׳באַדאַרף און דער־נאָך וועט ער קומען נאָך זיי און וועט זיי אַריבערפיהרען. זיי האָ־בען געוואַרט און געוואַרט און זיך ניט דערוואַרט אויף איהם...

דער גרוזין האָט געשוויגען. די אויגען האָבען ביי איהם געגלאַנצט ווי ביי אַן אָדלער ווען מ׳פּאַקט איהם אַריין אין שטייג אַריין. ער איז מיט מאַסיווער שווערקייט געזעסען אין אַ ווינקעל סאָפע און איין מאָל און אַ צווייטען מאָל אַ גלעט געטאָן מיט דער גרויסער האַנט די לאַנגע געדיכטע שטייפע האָר אויף זיין גרויסען קאָפּ האָט ער געזאָגט:

— משטאָ נאָם דיעלאַט?

איוואַן וואַסיליטש האָט אַרומגעשפּאַנט און שוין גאָרניט ווי אַ קריסט געאויקעט און געקרעכצט, און פּלוצים איז ער שטעהן געבליבען און זיך פאַרטראַכט אויפ׳ן קרעמעניצער.

— מיטיאַ, טי פּלאַקאַל?

און נאָכדעם האָט דער זעלבער איוואַן וואַסיליטש מיר דער־צעהלט, אַז מ׳האָט זיי דאָרטען אין באַינע איבערגעגעבען, אַז אין אַ האַלבע שעה אַרום נאָך אונזער אָפּפאָהרען פון דער באַינע איז געקומען איינע אַ הויכע טונקעלע דאַמע נאָך אונז.

— עטאָ נאַווערנאָ יעווגעניאַ סעמיאָנאָוונאַ! — האָט דער קרעמעניצער געזאָגט און אַ באַדייטענדען קוק געוואָרפען אויפ׳ן גרוזין און דער לעצטער האָט פּלוצים ביי מיר אַ פרעג געטאָן אויף כאַיאַ לאַזאַראָוונאַ, ווי אַזוי פיהלט זיך כאַיאַ לאַזאַראָוונאַ? און נאָך איהם האָבען שוין געפרעגט אויף איהר דער קרעמעניצער און איוואַן וואַסיליטש און באַקומען פון מיר אַן ענטפער, אַז זי ליגט אין בעט. האָט דער ערשטער אויסגעדריקט דעם פאַר־לאַנג אַריינצוגעהן זי באַזוכען. איך בין אַריינגעגאַנגען אין אַל־קיר און געפרעגט ביי מיין פרוי, צי זי ערלויבט אַריינצוגעהן מאַרק גריגאָראָוויטש׳ען. זי האָט איהם גלייך אַ רוף געטאָן:

— מאַרק גריגאָראָוויטש!

איך האָב פאַרבעטען די קריסטען, אַז אויב זיי ווילען קענען זיי אַריינגעהן.

זי האָט אַלעמען געבעטען זיצען, און די דריי געזונטע מענער האָבען זיך קינדעריש געפיהלט אין דער געגענוואַרט פון דער שוואַ־כער פרוי. איך האָב שוין לאַנג באַמערקט ווי די דריי מענער זיינען באַאיינפלוסט פון איהר טאַקטיש האַלטען זיך, פון איהר צאַרטליכקייט, וואָס זי האָט צו יעדען פון זיי באַוויזען, צו זייער מאַנסבילשער הילפלאָזיגקייט, און די דריי הילפלאָזע גבורים האָבען עס קענטיג געשפירט און זיך פאַרהאַלטען צו איהר מיט'ן גרעסטען רעספּעקט און שטאַרק זיך געקימערט פון איהר שוואַכען געזונד־צושטאַנד.

— מיר האָבען באַשלאָסען זיך אומקעהרען צוריק, — האָט דער גרוזין געזאָגט צו מיין פרוי, און אין אַ ווײַלע צוגעגעבען:

— אוביוט! קאַק סאָבאַקו אוביוט!

און איוואַן וואַסיליטש האָט געאויקעט און געקרעכצט:

— וואָס פּאַלאָזשעניע!

— יערונדאַ!—האָט דער קרעמעניצער פּלוצים אויסגערופען.

איוואַן וואַסיליטש האָט מיט פאַרדרוס געקוקט אויף מיטיען:

— דו, מיטיאַ, ביזט ווי אַ קינד אַקוראַט, אַט וויינסטו און אַט איז ביי דיר גאָר יערונדאַ! לאָמיר זעהן דו זאָלסט מיטגעהן מיט אונז?

— אָ, מיך ווערט מען זיכער הרג'ענען אויפ'ן וועג. אייך, אַלס קריסטען, ווערט מען לאָזען לעבען און מיך ווערט מען הרג'ענען.

און איז הארט צוגעגאַנגען צו איוואַן וואַסיליטש'ען און גע־זאָגט, אַז אייגענטליך האָט ער, איוואַן וואַסיליטש, שוין גאָר קיין רעכט ניט זיך צו בייזערען, ווייל אויף איהם, איוואַן וואַסיליטש'ן, ליגט די גאַנצע שולד פאַר אַלע צרות און יסורים וואָס מיר לעבען דאָ איבער:

— טי, איוואַן וואַסיליטש, ווינאָוואַט!

אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט און ביידע האָבען זיך צוקריגט, און דער גרוזין האָט זיי ביידען אָנגענומען פאַר די קעלנער און זיי אַרויסגעשטופּט פון אַלקיר אַרויס. איך בין אַרויסגעגאַנגען נאָך זיי, זעהענדיג, אַז די פרוי מיינע האַלט ביים אַנשלאָפען ווערען,

און הינטער זיך פאַרמאַכט דאָס האַלבע טירעל. געלאָזט זיי דרעהען זיך אין שטוב בין איך אַליין אַריינגעגאַנגען צו די בעלי־בתים אין אַלקיר אַריין.

אַ געמיטליכע רוהיגקייט פון עלטער און יאָהרען. איך האָב מקנא געווען דאָס אַלטע פּאָר פאָלק, וואָס זיי האָבען שוין זייערס אָפּגעלעבט, וואָס זייערע אָפּגעלעבטע יאָהרען קען שוין ביי זיי קיינער ניט צונעמען. איך האָב זיי מקנא געווען, וואָס זיי זיינען ביי זיך אין דער היים, ביי זיך אין שטוב, מקנא געווען וואָס זיי זיינען פון ערגעץ ניט געקומען און באַדאַרפען אין ערגעץ ניט פאָהרען.

דאָס אַלטע פּאָר פאָלק זיינען געזעסען אויף די בעטען איינס אַנטקעגען דאָס אַנדערע, און צווישען זיי און צווישען די בעטען איז געשטאַנען אַ טישעל ביים פענסטער, אויפ'ן טישעל אַ מאַשין און אויף דער מאַשין האָט די טאָכטער זייערע גענעהט „גוי'אישע אַרבייט".

אַלע דריי האָבען מיך געבעטען זיצען. אַלע דריי האָבען זיך געכאַפּט פאַר מיינטוועגען פּלאַץ צו מאַכען. אַוועקגעזעצט זיך נעבען אַלטען אויפ'ן בעט, געקוקט אויף איהם, הנאה געהאַט פון זיין אַלט אידיש פּנים מיט דער ווייסער גרויער באָרד און פאַר־פיהרט מיט איהם אַ שמועס:

— ביי אייך איז דאָ אַ בהמה?

יאָ, זיי האָבען געהאַט צוויי בהמות, האָבען איינע די פּאָ־ליאַקען ביי זיי אויפ'ן „פּאָדוואָר" געקוילעט און די איינע וואָס איז זיי געבליבען ,איז קעלביג...

זיי האָבען געהאַט — וואָס האָבען זיי ניט געהאַט? שעהנע־רע בעלי־בתים פון לייבאַ'ן געווען... דער אַלטער האָט מיט וואַלד געהאַנדעלט. ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכען, האָט ער גע־האַט אין וואַלד צוויי הונדערט קלאַפּטער האָלץ גרייט צום אַרויס־פיהרען. דאָס האָלץ איז פאַרבליבען אין וואַלד און די פּאָליאַקען און די גוים פיהרען אַלע טאָג דאָס האָלץ זיינס אין שטאָדט, אין דאָרף, ס'איז שוין מסתמא גאָרניט געבליבען.

— איהר זייט דאָך דורכגעפאָהרען דעם וואַלד, האָט איהר ניט זאַמעטיעט אויסגעלעגטע האָלץ אין קאסטרעס ליגען? דאָס איז מיין האָלץ! — האָט דער אַלטער מיט זאָרג און גרויסקייט פאַרענדיגט, און די טאָכטער האָט דערהענדיג די מאַשין ביי מיר אַ פרעג געטאָן:

— ס'וועט אַמאָל נעהמען אַ סוף צו דעם?

דאָס אַלטע פּאָר פאָלק האָט פאַר מיר געענטפערט:

— דאָס ווייסט נאָר „ער"... דער חי וקים! — און גאָר פּלוצים האָט מען זיך ווידער צורעדט פון לייבאַ'ן, פון לייבאַ'ס ווייב און פון זייער „מחיה".

— ער איז אַ פּראָסטער, אַ פּראָסטאַק, — האָט דער אַלטער מיט אַ דגש אַרויסגערעדט יעדעס וואָרט — און זי איז אַ פּאַראַסקאַ.

— אַלאַ וואָס, די מחיה זייערע?... די נשמות זייערע זיינען שטענדיג צו די גוים פאַרקויפט.

דער אַלטער האָט זיך געהאַלטען פאַר אַן איידעלען אידען, פאַר אַ למדן, און דערוויסט זיך, אַז ער איז אַ מנקר, האָב איך מיך צורעדט מיט איהם וועגען „גיד הנשה", וואו ער האָט באַקומען די מעגליכקייט צו באַווייזען פאַר מיר זיין גאַנצע בקיאות אין דער אַרבייט פון „זאַדקעס" טרייבערען... ער האָט אָדער איינצייטיג ניט געוואָלט, אַז איך זאָל מיינען, אַז ער האָט זיך ווען־עס־איז מיט דער אַרבייט פאַרנומען. ס'האָט איהם קיינמאָל ניט געאַרט, זאָלען די ערלים הנאה האָבען פונ'ם אחור, און איצט?

— איצט קושען אידען אין אחור...

ס'איז נאָך געווען גרויסער טאָג ווען דער אַלטער, ניט־האָבענדיג וואָס צו טאָן, האָט זיך געשטעלט מנחה דאַווענען. דערהערט דעם באַקאַנטען נוסח האָט אַ פיינליכע בענקשאַפט דורכגענומען דאָס גאַנצע וועזען מיינס... איך האָב ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס דאַווען איך אויך ניט... איך גלויב ניט?... און אַז ס'האָט ווער אַ שטימע און גיסט אויס די געפיהלען זיינע אין זינגען, גלויבט ער דען אין עפּעס?... ווען ס'שטאַרבט ביי אימיצען אַ נאָהענטער, און ער דערמאָנט טאָג־טעגליך זיין נאָמען, מיינט ער

דען דערמיט איהם פון קבר אויפהויבען? און אז ביי מיר איז דער גלויבען געשטאָרבען און פון גלויבען זיינען געבליבען ווער־טער, געבליבען אין די טיפסטע טיפענישען פון מיין נשמה איינ־געקריצט, טאָר איך זיי די ווערטער ניט זאָגען?

וידבר ה' אל משה לאמר...

מיין שטימע מיט'ן אַלטענם באהעפט... מיט איין נוסך, און אוועקגעטראָגען האָט עס מיך אין א גאַנצער וועלט פון מיר לאַנג פארשוואונדענער, איבערגעטראָגען צו צייט פון קינד און יוגענד, און געדאַכט האָט זיך מיר, אז מיין קערפער האָט ווינציגער וואָג באַקומען און מיין נשמה איז דורכזיכטיג געוואָרען, פונקט ווי א שטוב ווען מען צועפענט נאָכ'ן ווינטער טיר און פענסטער... מיט ליבע פון נאָהענטע ווערטער, פרייע געדאַנקען פארשלעפערט און הארץ איינגעהילט אין ווארימען גלויבען פון אומפארשטענד־ליכער געטליכער גרויסקייט...

אָפּגעדאַוונט, בין איך אריין אין שטוב, געטראָפען די דריי לייטע שפּילען „אין פינף הונדערט איינס". איך האָב געקוקט אויף זיי ווי אויף ווייטע פרעמדע פון מיר, דערנאָך בין איך אריינ־געגאַנגען צו מיין פרוי און ווי א טאַטע ארויפגעלייגט מיין האַנד אויף איהר הייסען קאָפּ:

— זאָרג ניט, חיה'לע, מיר וועלען אריבער, איך גלויב אז מיר וועלען אריבער...

ס'האָט געברענט אין הרובע, איך בין געזעסען אויף א שייט האָלץ און אין פייער געקוקט. נעבען מיר איז געזעסען די פרוי מיינע מיט א פארבונדענעם קאָפּ און האָט מיר א לאַנגען חלום איהרען דערציילט. איך האָב זי אויסגעהערט, און אַלעס צום גוטען פותר חלום געווען. זי האָט געוואָלט גלויבען און געגלויבט, אז ווען די מוטער איהרע קומט צו חלום, איז א סמן צום גוטען.

בין איך געזעסען אנטקעגען ווארעמקייט און ליכטיגקייט, מיט'ן פּלייצע צו פינסטערניש, מיט העלדישער באַשלאָסענקייט, אז וואָס עס זאָל ניט טרעפען מיט אונז זאָל רעכט זיין... איינ־מאָל לעבט מען און איינמאָל שטאַרבט מען.

ס'איז שוין געווען רעכט פינסטער און אין שטוב האָט מען נאָך אַלץ קיין פייער ניט אָנגעצונדען. עס האָט קיינער ניט גע־האַט וואָס צו טאָן און מען האָט זיך אין פייער ניט גענויטיגט. אַ שטיק פּאָדלאָגע איז געווען פון דער הרובע באַלויכטען און מען האָט געזעהן פיס פון די מענשען, וואָס האָבען זיך געדרעהט הין און צוריק אויף דער ליכטיגער שטיק פּאָדלאָגע. אויף אַ באַנק איז געזעסען דאָס מיידעל ניט ווייט פון אונז און געשיילט קאַרטאָפ־ליעס אויף וועטשערע, און דאָס אַלטע פּאָר פּאָלק זיינען איינס אַנטקעגען דאָס אַנדערע אויף די בעטען געזעסען און געוואַרקעט צווישען זיך. דער קרעמעניצער איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון שטוב אין אַלקיר און געשוויגען, און איך בין געווען צופרידען וואָס ער שווייגט.

מיט ווינט און קעלט האָט זיך די טיר פון גאַס געעפענט און אַראָפּגעשפּרונגען זיינען פון דער הויכער שוועל איינס, צוויי.

איינער אַ הויכער, מיט אַ ראַזירטער באָרד און וואָנצעס, דער צווייטער אַ יונג בחור'ל, קירצער מיט אַ קאָפּ פון דעם ערשטען. דער הויכער האָט אונז אַלע דריי די האַנט געגעבען, ווי ער וואָלט אונז שוין לאַנג געקאַנט, און דער קלייניקער האָט איהם נאָכגע־טאָן. מיר האָבען זיך גלייך דערוואוסט פון זיי, אַז די זעלבע צרה וואָס אונז האָט געטראָפען, האָט זיי אויך געטראָפען. ערשט אַ פּאָר שעה, אַז זיי זיינען געקומען פון דער „זאַסטאַווע“. דער גרויסער בחור איז אַ וואַרשעווער און פאָהרט קיין וואַרשאַ, דער קליינער איז אַ ראָוונער און פאָהרט קיין ראָוונע.

אָנגעצונדען דעם לאָמפּ האָבען מיר זיך מיט די נייע געסט באַזעצט ביים טיש. דער וואַרשעווער האָט אונז גלייך באַוויזען זיינעם אַ פּוילישען פּאַס, וואו עס שטעהט שוואַרץ אויף ווייס גע־שריבען, אַז ער איז אַ וואַרשעווער, אַז ער איז אַ פּוילישער אונ־טערטאַן, און פילע שטעמפּלען אויפ'ן פּאַס באַוויזען פון פאַר־שידענע קאָנסולס, פון פאַרשידענע מלוכות און מלוכה'לאַך.

— און מעך האָט מען עס ניט אַדורכגעלאָזט!

מיר האָבען איהם באַוויזען אונזערע פּאַפּירען, נאָר וואָס פּאַר

א פּאַפּירען איז עס געווען אין פאַרגלייך מיט זיין פּוילישען פּאַס, מיט די שטעמפּלען גרויס ווי לבנה'ס.

ער האָט געליאַרעמט אָט דער פּוילישער מיט זיין פּוילישען אקצענט, און ביי יעדער פראַזע באַנוצט דאָס וואָרט:

— פּאַנימאַיעטע?

געזעהן אונז אין דרייען, האָט ער געפרעגט, וואו זיינען נאָך צוויי אונזעריגע. נאָך איידער ער איז געקומען צו אונז האָט ער שוין געוואוסט, אז מיר זיינען אין פינפען.

— יענע צוויי זיינען קריסטען?

ער האָט זיך געפיהלט אין דער פרעמדער שטוב ווי ביי זיך אין דער היים, און מיט די נאַר וואָס באַקאַנטע מענשען ווי ער וואָלט זיי שוין יאָהרענלאַנג געקאָנט. ער האָט גלייך געקלאַפּט דעם קרעמעניצער אין אַקסעל אריין, ער זאָל ניט זאָרגען, דער קרעמעניצער, מיר וועלען אריבער, מיר וועלען אַלע אריבער.

ער האָט צו אַלעמען גערעדט און צו יעדען באַזונדער, געוואָלט אַלע זאָלען איהם אויסהערען. ער האָט זיך פאַר יעדען זיין שפּראַך געהאַט. ער האָט ביי אַלעמען געוואָלט אויסנעמען און זיך געפּלייסט אָפּצוגעבען כבוד דעם אַלטען פאַר־פאָלק, וואָס זיי־נען אויך ביים טיש געזעסען. ער האָט אַזוי געזאָגט:

— איך האָב דרך־ארץ פאַר עלטער!

און דאָס איז שוין ביי איהם א טעמע געוואָרען. ער האָט געזאָגט, אז עלטערע מענשען זיינען קליגער, און א ביישפּיל גע־בראַכט פון אן אַלטען דאָקטאָר מיט א יונגען; אַלע ווייסען, אז אן אַלטער דאָקטאָר ווייסט מעהר פון א יונגען, דערפאַר וואָס דער אַלטער דאָקטאָר האָט מעהר פּראַקטיקע, און פאַרענדיגט וועגען דעם האָט ער א פרעג געטאָן ביים אַלטען:

— ניט אַזוי, זיידע?

מיך האָט שוין זעהר אָנגעהויבען צו נודען פון דעם פּאַרשוין. אָפּגעגאַנגען פון טיש און פאַרקוקט אין הרובע אריין, האָב איך געזאָגט:

— דאָס פייער האָט אויסגעפּראַקטיקירט דאָס האָלץ, דאָס

האָלץ האָט אויסגעפּראַקטיקירט דאָס פייער, דאָס האָלץ האָט שוין אויסגעברענט און דאָס פייער געהט אויס.

איך האָב פּשוט געוואָלט מאַכען אַ פּאַראָדיע אויף זיין נוד־נער פילאָזאָפיע, אָבער דער וואַרשעווער האָט אין די ווערטער געפונען טיפע רמזים און ער האָט ווירקליך עפּעס אויסגעדרעהט דערפון, דאָן האָב איך מיך פאַרטראַכט און געמאַכט אַן ערנסט פּנים, האָב זיך אָוועקגעשטעלט אין אַ מעפּיסטאָפעלשער פּאָזע און געזאָגט :

— קוקט : ווענט, פענסטער... סטעליע, פון אויבען אַ דאַך... און דאָס הייסט אַ שטוב... איצט ערקלערט מיר, פּאַני וואַרשעווער, וואָס הייסט אַזעלכעס אַ בוידעם?... פון אויבען, ווייסען מיר, איז דאָ אַ דאַך מיט קראָקוועס, אַ קוימען אין דער לינקער זייט פון אונזער סטעליע ; אַיאַ, מעהר איז דאָרטען גאָר ניטאָ ? און דאָך זיינען מיר אַלע זיכער, אַז איבער אונז איז דאָ אַ בוידעם... עפּעס גאָר אַ באַזונדער זאַך... אַ בוידעם... אַז איהר טראַכט וועגען בוידעם, טראַכט איהר ניט וועגען דאַך און וועגען די קראָקוועס... בקיצור : וועגען בוידעם האָט איהר גאָר אַ באַ־זונדער באַגריף, ווי וועגען אַ גאַנץ באַזונדערער זעלבסטשטענדיגער זאַך... ריכטיג ? נו, טאָ ערקלערט־זשע מיר וואָס איז דאָס ?...

ער האָט געענטפערט, אַז ער פאַרשטעהט וואָס איך מיין, אַז איך מיין אייגענטליך ניט דעם בוידעם, אַז איך מיין דאָ גאָר עפּעס אַנדערש, אָבער ער וועט מיר איצט ניט זאָגען וואָס איך מיין, ווייל איצט איז שוין שפּעט און מ׳וואַרט דאָרטען, אויף דער סטאַנציע, אויף זיי מיט „קאָליאַציע”. ער וועט מיר שוין אַ צווייטען מאָל דערויף ענטפערען.

נאָך זייער אַוועקגעהן האָט דאָס מיידעל פאַרשפּרייט אַ האָל־בען טיש מיט אַ גראָבען טישטוך און דערלאַנגט דריי שיסעלאַך מיט קאַרטאָפליעס. אונזערע בעלי־בתּים האָבען באַזונדער געגע־סען ביי זיך אין אַלקיר און טיי האָבען מיר געטרונקען צוזאַמען. מיר האָבען געהאַט מיט זיך אַביסעלע וויסאָצקי׳ס טיי און בראָד־סקי׳ס צוקער, וואָס איז שוין אַ פּאָר יאָהר געלעגען ביי אונז.

געטיילט אַלעמען צו שטיקלאַך צוקער, האָבען די בעלי־הבתים גע־דאַנקט און דער קרעמעניצער, באַפּאַרבט פון עסען און טרינקען, האָט איין מאָל און אַ צווייטען מאָל באַטראַכט דאָס שעהנע פיר־קאַנטיגע שטיקעל צוקער און געזאָגט:

„טשאַי וויסאָצקאַהאָ, סאַכאַר בראָדסקאַהאָ, באָלשעוויזם טראָצקאַהאָ".

---

פרייטאָג, 30טען יאַנואַר.

אָנגעשריבען אַ פּאָר בריף קיין אָליעווסקי, נעמען געבאַפּט און געשריבען. אויף דער נייער דירה האָט מען אונז געראַטען שריי־בען צו איינעם פּרעהליכמאַן, ביי וועמען אין שטוב עס געפינט זיך די זשאַנדאַרמעריע. דאָס מיידעל האָט געזאָגט, אַז דאָרטען אין שטוב, ביי דעם ישראל פּרעהליכמאַן, איז פּאַראַן מיידלאַך און אַז די מיידלאַך קענען מיט דער חברה אַלעס מאַכען. מיר האָבען וועגען דעם איבערגעגעבען יענע צוויי בחורים און יענע האָבען אויך אָנגעשריבען צוויי בריף צו דעם זעלבען פּרעהליכמאַן און אַלע צוזאַמען האָבען מיר געדונגען אַ ספּעציעלען שליח און אַוועקגע־שיקט די בריף אונזערע צו ישראל פּרעהליכמאַן.

בייטאָג זיינען זיך אַלע צונויפגעקומען, די צוויי קריסטען און די צוויי נייע געסט. די ערשטע האָבען שוין גאָר ניט געטראַכט וועגען אַריבערגעהן די גרענעץ. זיי האָבען שוין דורכאויס גע־טראַכט וועגען אומקעהרען זיך צוריק קיין קיעוו. זיי האָבען, הייסט עס, געטראַכט וועגען אַזעלכעס פון וואָס מיר, אידען, האָ־בען ניט געקענט טראַכטען און דערפאַר אַליין האָבען מיר, אידען, געמוזט אָנשטרענגען די גאַנצע ענערגיע ווייטער צו פאָהרען. דאָס האָט געהייסען אַזוי: זיי, די קריסטען, האָבען געמוזט פאָהרען צוריק, ווייל מיר האָבען דאָך ווייטער ניט געקענט דערגרייכען, און מיר, אידען, האָבען געמוזט פאָהרען ווייטער, ווייל מיר האָבען ניט געקענט דענקען וועגען „צוריקצוג". האָבען מיר מקנא געווען די קריסטען און די קריסטען האָבען מקנא געווען אונז, די אידען.

מיר זיינען געווען זיכער, אז זיי, אלס קריסטען, וועלען זיך קענען בשלום דערשלאָגען צוריק קיין קיעוו, אין וואָס זיי אליין זיינען ניט זיכער געווען, און זיי זיינען געווען זיכער, אז מיר, אלס אידען, וועלען זיך מיט דער הילף פון די אידען פון שטעדטעל זיך קענען ווייטער דערשלאָגען אין וואָס מיר, אידען, זיינען ניט געווען גאנץ זיכער. אזוי צי אזוי, איז דער סך הכל געווען אזעלכער: די אי־דען קעהרען זיך ניט צוריק און די קריסטען זיינען זיכער, אז זיי וועלען זיך ווייטער דערשלאָגען, און די אידען זיינען געווען אי־בערצייגט, אז די קריסטען וועלען בשלום קומען צוריק אהין פון וואנען זיי זיינען געקומען.

ס'איז ניט געווען וואָס צו טאָן, האָט מען געשפּילט אין קאָר־טען. מ'האָט געשפּילט פאַרשידענע שפּילען אין קליינע געלד, אבי די צייט צו פאַרטרייבען, דערביי פיל גערעדט און פיל גע־רויכערט. נמאס געוואָרען איין שפּיל, געשפּילט א צווייטע. נמאס געוואָרען אלע אין איינעם, האָט מען געשפּילט אין פירען, האָט מען געשפּילט אין דרייען, אין צווייען, ביז ס'איז אלעמען מיט אלעמען און יעדען באזונדער מיט יעדען באזונדער נמאס געוואָ־רען צו שפּילען, נמאס געוואָרען די קאָרטען ביז זיי זיינען געבלי־בען ביים וואַרשעווער אין די הענט, און ער האָט אָנגעהויבען צו באַווייזען פאַרשידענע קונצען, וואָס האָט ביי אלעמען ארויסגערו־פען גרויס פאַרוואונדערונג און דער קרעמעניצער איז גאָר דער־פרישט געוואָרען נעבען וואַרשעווער. ער האָט דערצעהלט פילע אנעקדאָטען און עפּעס א לאנגע נודנע געשיכטע פון איינעם א „קלוגען” „דיאַדיאַ”, וואָס האָט אמאָל געגעבען א טעלעגראַמע צום פאָטער צו זיינעם אין קרעמעניץ.

— דער דיאַדיאַ דיינער — האָט איוואַן וואַסיליטש געזאָגט, — איז אזוי קלוג ווי דער פּלימעניק זיינער.

דער גרוזין האָט געזאָגט, אז די געשיכטע מיט זיין דיאַדיאַ האָט איהם דערמאָנט אָן א רעטעניש, וואָס אן ארמענער פרעגט: גרין געפאַרבט, ס'הענגט אויף א בוים און ס'קוויטשעט, וואָס איז

דאָס ? מיר האָבען אַלע געטראַכט און ניט געוואוסט וואָס דאָס איז.

— א הערינג !

— א הערינג הענגט אויף א בוים ?

— קען מען איהם אויפהענגען.

— א הערינג איז געפּארבט ?

— קען מען איהם אָפּפּארבען.

— א הערינג קוויטשעט ?

— עהע, דאָס איז דער גאַנצער קונץ, ניט טרעפען דאָס רעטעניש !

און סוף כל סוף איז דאָס אויך נמאס געוואָרען און מ׳האָט זיך אָנגעהויבען צו צוקריכען, דער אהער, דער אהין. איינער איז געשטאַנען, א צווייטער איז געזעסען, א דריטער — האָט זיך ארומגעדרעהט. דער ווארשעווער איז דאָרט צוגעגאַנגען צו מיר און געפרעגט וואָס איך שוויג. ער האָט באמערקט, אז איך בין א שוויגער און געוואָלט מיך אריינשלעפּען אין א געשפּרעך. האָט ער געזאָגט, אז ער קען מיר זאָגען, וואָס איך האָב נעכטען גע־מיינט מיט דער שטוב און מיט׳ן בוידעם, אָבער געזאָגט האָט ער מיר ניט, און געוואָלט האָט ער איך זאָל וויסען, אז ער מאַכט זיך נאָר נאריש פון לאַנגווייליגקייט און אויב איך האָב עפּעס צו זאָ־גען, בעט ער מיר איך זאָל זאָגען, ער וועט מיר פארשטעהן.

איך האָב געשוויגען און ער האָט זיך אַזוי פאמעליכקע אָפּ־גערוקט פון מיר, איז צוגעגאַנגען און זיך אוועקגעזעצט נעבען מיין פרוי אויף דער ברייטער באַנק, וואָס איז געשטאַנען מיט׳ן ברעג טיף איינגעשניטען אין דער הרובע. זיך אוועקגעזעצט, האָט ער פארפיהרט מיט איהר א געשפּרעך און ווידער אמאָל וועגען מיר — וואָס איך בין אזא שווייגער און צי בין איך תמיד אזא שווייגענדיגער.

פון די שטוב־מענשען האָט זיך נאָר דער אַלטער פון צייט צו צייט באוויזען. ביים אַלטען זיינען געווען רויט די באַקען פון דעם הייסען קאָרענעם פּלעצעל, וואָס ער האָט אויפגעגעסען. ער

איז אַמאָל צו איינעם, אַמאָל צום צווייטען פון אונזעריגע צו־געגאַנגען מיט אַ שטיקעל סיגאַר־פּאַפּיר, וואָס ער האָט געהאַלטען מיט די פינגער פוןביידע הענד און געבעטען מ'זאָל איהם אָנ־שיטען טאַבאַק, וואָס יעדער איינציגער האָט איהם גערן געגעבען, ווייל די מציאה איז אין דאָרף געווען איבער גענוג. אַזאַ טאַבאַק האָב איך דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען געראויכערט; גרינג צום פאַרציהען, ווי שטרוי, און אויף דער מראה האָט ער אויס־געזעהן ווי סיטשקע. אין דינעם ציגאַר־פּאַפּיר האָט מען איהם ניט געקענט איינוויקלען, ווייל וויקלענדיג האָט געמוזט ווערען עטליכע לעכלאַך פון די האַרטע, שטייפע שטיקלאַך און מ'האָט געמוזט וויקלען אין צוויי שטיקלאַך ציגאַר־פּאַפּיר, און צום גלייכ־סטען איז געווען גאָר אין אַ פּראָסט שטיקעל פּאַפּיר. דער מין טאַבאַק ווערט גערופען „בודיליע". דאָס ווערט געבראַקט פון די סטויפּעס, אויף וועלכע עס וואַקסט די מאַכאָרקע־בלעטער. און דערפאַר, ווייל ער איז לייכט געווען צום פאַרציהען, האָט עס ביי קיינעם ניט געזעטיגט דעם דורשט פון רויכערען און דערפאַר האָ־בען אַלע אָהן אויפהער געראויכערט.

דער גרוזין איז, קענטיג, קיינמאָל ניט געווען אין קיין אי־דישער שטוב און אין זיין לעבען מסתמא ניט געזעהן אַזעלכע אידען ווי דער אַלטער. ער האָט ניט אַראָפּגענומען קיין אויג פון איהם און האָט אַלע מאָל געזוכט צו פאַרפיהרען מיט איהם אַ שמועס, אויפמערקזאַם איהם אויסגעהערט און איינגעקוקט זיך אין איהם מיט אויסדרוק פון גוטמוטיגקייט און שמייכלענדיגע אויגען.

— דיעדושקאַ, יעסט באָך? — האָט ער איינמאָל ביי איהם אַ פרעג געטאָן.

דער אַלטער האָט ברוגז'דיג געענטפערט:

— ביי מיר איז דאָ, ביי דיר ווייס איך ניט.

— טאָ פאַרוואָס־זשע לאָזט ער מענשען אַזוי זיך מוטשען אויף דער וועלט?

— אַ קינד פאַרשטעהט קיינמאָל ניט דעם פאָטער פאַרוואָס ער שמייסט עס.

דער גאַנצער עולם איז אַזוי לאַנג געזעסען ביז דאָס מיידעל איז אַריינגעקומען מיט אַ בעזים און מיט אַ טאָפּ פאַרבלויטען קאַלך, פון וואַנען ס׳האָט אַרויסגעקוקט אַ בערשטעל, און גענומען שבת מאַכען אין שטוב: אויסגעקערט אַ גאַנצען באַרג מיסט מיט שטיקלאַך ציגאַרען, האָט זי „אונטערגעשמירט" איין וואַנט און אַ צווייטע, צוגעשמירט די הרובע, וואָס איז פאַר דער וואָך אָפּגע־ריבען געוואָרען פון הענט און פּלייצעס. דער אַלטער האָט אין דער צייט אויסגעשפּרייט אַ גראָבען טישטוך אויפ׳ן טיש און אוועקגעשטעלט פיר מעשענע לייכטער און אָנגעשטעקט ליכט. פאַר־נאַכט זיינען זיך צונויפגעקומען אַלע אידען פון דאָרף אין שבת׳־דיגע קאַפּאָטעס און מ׳האָט מיך מכבד געווען מיט „עמוד". ניט געטראַכט קיין סך, האָב איך אַרויפגעוואָרפען אויף די אַקסלען דעם טלית, וואָס איינער אַ איד האָט מיר אונטערגעטראָגען, צוגעגאַנגען צום טיש צו די לייכטער מיט די ליכט און מיט קנאַק אַ זאָג געטאָן:

— הודו לד׳ כי טוב כי לעולם חסדו!

אינגאַנצען זיך צונויפגעגאָסען מיט׳ן סידור, מיט באַקאַנטע, נאָהענטע, ליבע אותיות, מיט שבת, מיט לייכטער, מיט ליכט, מיט אידען, מיט מיינס, מיט אייגענס. איך האָב געדאַווענט פאַר זיך און פאַר׳ן עמוד...

דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען געזעהן קידוש מאַכען אויף ברויט, דאָס האָט מיך שטאַרק געקרענקט, אָבער דעם אַלטען האָט עס, זעהט אויס, שוין ניט געאַרט. ער האָט מיט גרויס כונה און התלהבות געזאָגט יעדעס וואָרט און פּונקט ווי אַמאָל פון אַל ה׳ געטיילט המוציא׳ס פון ברויט, פריהער דער טאָכטער, נאָכדעם אונז, מיין פרוי און דעם קרעמעניצער המוציא...

שבת, 31טען יאַנואַר.

נאָך האַלבען טאָג האָט ביי מיר די שבת׳דיגע שטימונג אָנגעהויבען צו פאַלען, אַ גרויס אומעט האָט מיך באַהערשט... ווי אַ נשמה וואָס מ׳טרייבט שבת פאַרנאַכט פון גן־עדן אַרויס

צוריק אין גיהנם אריין אויף פיין און יסורים, אזא מין אומעט האָט מיין נשמה דורכגענומען שבת נאָך האַלבען טאָג... אין מיר האָט זיך אַ טיפער אָפּגרונט געעפענט, ווי פון וועלטען חרוב־געוואָרענע, אַן אָפּגרונט פון ליידען און נשמה־יסורים. אין דער ברייטקייט און טיפקייט פון אָפּגרונט האָב איך געטאַפּט אייביג־קייט און אונזין, צונויפגעגאָסען זיך מיט דער ווייטער פאַרגאַנ־גענהייט און מיט דער אונענדליכער צוקונפט. ס'האָט מיך גע־פיבערט. פון זיך אַליין איז די קעלט געגאַנגען טיף ערגעץ פון מיין נשמה, און האָט זיך איבער'ן לייב צוגאָסען. קאַלט. ניט געקענט זיך ביים הייסען אויוועז דערוואַרימען. ס'האָט מיר מיינע פיס געטרייסעלט ווי די נשמה וואָלט מיך פאַרלאָזט און ווי ס'וואָלטען זיך אין מיר ניט־גוטע אריינגעכאַפּט. ס'האָט מיט מיר געוואָרפען.

איינער אליין אין אַ שטוב מיט נאָך האַלב־טאָגיגען שבת. קאַלטע לייכטער אויפ'ן טיש. ס'איז שטיל. אַלע שלאָפען און מיך אַליין מיט'ן פאַרנאַכטיגען שבת געלאָזט. איינער אַליין אין אַ שטוב, איינער אין אַ דאָרף, איינער איבער אַ גאַנצער געגענט...

און ס'איז קיינער ניט געקומען, ווייל ס'איז שבת, ווייל שבת קען מען ניט רויכערען און ניט שפּילען אין קאָרטען, ווייל ס'איז שבת זיינען די קריסטען ניט געקומען און דער קרעמע־ניצער איז אוועק צו זיי.

אין שבת'דיגען שלעפעריגען אומעט אין שטוב איז דער שבת געוועז פאַרזונקען און האָט מיך אין דער אומעט געפאַנגען, האָט מיין נשמה אין שווערע קייטען געבונדען. מיר האָט זיך געלגוסט אַ פּאַפּיראָס צו רויכערען, אָבער איך האָב מיך דערפון אָפּגעהאַלטען. ווי פריינגעזאָגענע האַלטען זיך איין ניט צו ריידען הויך געפינענדיג זיך נעבען אַ טויטען, און ווייסען ניט פאַרוואָס זיי טוען עס, אזוי האָב איך מיך ניט געקענט אָפּגעבען קיין רע־כענונג, וואָס מיך האַלט אָפּ פון ניט צו רויכערען.

### זונטאָג, 1טען פעברואַר.

אַ גאַנצען טאָג האָבען זיך איבער'ן דאָרף ארומגעדרעהט פּוילישע זעלנער, ארומגעדרעהט זיך ווי ביי זיך אין דער היים, געגאַנגען פון שטוב צו שטוב און גענאַסען וואָס ערגעץ האָט זיך געלאָזט געניסען. אייניגע פון זיי האָבען אויך אין אונזער שטוב פאַרבלאָנדזשעט און יעדער פון זיי האָט געפונען פאַר אַ היי ליגען חוב זיך אויסצופרעגען ביי אונז ווער מיר זיינען, פון וואַנען מיר פאָהרען און וואוהין מיר פאָהרען. מיר האָבען געוויזען אונ־זערע פּאַספּאָרטען און פּאַפּירלאַך, און דער וואַרשעווער, וואָס איז ביי אונז מעהר געזעסען ווי ביי זיך, האָט מיט זיי אויף פּויליש גערעדט, פאַר זיך גערעדט און פאַר יענע, וואָס האָבען ניט געקענט רעדען פּויליש, באַוויזען זיי זיין פּוילישען פּאַס מיט די לבנה'ס און גערעדט דרייסט מיט זיי אויף זייער שפּראַך, זיינען אייניגע פון זיי מבולבל געוואָרען און שווייגענדיג ארויס־געגאַנגען.

ס'איז געווען זעהר אַ שעהנער טאָג. די זון האָט געשיינט און האָט שוין געוואַרימט. ס'האָט גערונען פון די שטרויענע דעכער, ס'זיינען געפאַלען די „צאָפּליאַקעס" פון די סטריכעס און מיט גלעזערנעם קלאַנג צובראָכען און צושאָטען געוואָרען און זיך געשמאָלצען, און אייניגע בוימער זיינען געווען פול באַשאָטען מיט פויגעלאַך און ס'האָט געמאַכט אַן איינדרוק, אַזוי ווי די שוואַרצע, טויטע בוימער זיינען באַשאָטען מיט לעבעדיגע, באַ־וועגליכע, פּישטשענדיגע פּירות.

אין דאָרף איז געווען אַ פּאָר חתונות און נאָך פון פאַרטאָג אָן האָט מען געהערט פון דרויסען אַן איינטאָניג האַליאַקעריי, דאָס סקריפּען איין מאָטיוו אויף כריפּענדיגע פידלען און דאָס באַראַבאַנעווען אין די פּייקלאַך געמישט מיט'ן צוקלאַנג פון די מעשענע טעצלאַך.

מחותנים און מחותנת'טעס זיינען געפאָהרען הין און צוריק אויף שליטענס, געזעסען אָדער געשטאַנען אין שליטען געפלאָכטען

איינס אין דאָס אַנדערע מיט די הענט אויף די אַקסלען. די שליטענס זיינען אַם מייסטען געווען געשפּאַנט מיט אָקסען. אַלעס, אָנהויבענדיג פון די אָקסען, איז געווען באַצירט און באַפּוצט מיט פאַרשיידען־פאַרביגע פּאַפּירלאַך, בלומרשט אויסגעאַרבייט ווי קוויטען. יונגע גויקעס און שיקסעס באַהאַנגען און באַקלאַנגען מיט פאַרשיידענע פּאַצערקעס און קאָרעלען פון פאַרשיידענע פאַרבען און קאַלירען און הינטען איז נאָכגעהאַנגען פיל־פאַרביגע סטיינגעס, וואָס האָבען זיך ווי שלענג געוואָרפען אין דער לופט.

זיי זיינען געפאָהרען הין און צוריק מיט זייער דאָרפיש פאָהרעכטס, דאָרפיש זינגען און דאָרפיש שפּילען, געזונגען און געשפּילט איין מאָטיוו, צונויפגעגאָסען פידעל־קול מיט מענשען־קול, כריפּענדיגע, הייזעריגע, צוגעקיהלטע, שכור'ע. נאָך די שליטענס, נאָך דער חתונה זיינען נאָכגעלאָפען גרעסערע און קלענערע שקצים'לאַך וואָס האָבען אויסגעזעהן ווי קליינע גוים־לאַך און אין זייערע פּנים'ער איז געווען צו דערקענען, אַז זיי ווילען גאָר ניט פון יענע, וואָס זיצען און שטעהען אין די שלי־טענס, אַז זיי ווילען נאָר נאָכלויפען.

אַ פּאָר פּוילישע אורחים האָבען זיך צוגעשאַרט צו איינער און אַ צווייטער חתונה און אין דרויסען געטאַנצט מיט די שיקסעס. די פּויערים, סיי די יונגע, סיי די עלטערע, האָבען זיך געהאַלטען פון ווייטען פון די אומגעבעטענע געסט, האָבען זיי נאָכגעגעבען וואָס זיי האָבען געוואָלט און זיך געהאַלטען פון ווייטען, ווי פּילאָזאָפיש באַטראַכט די פּוילישע הוליאַקעס, וואָס זיינען געקומען זיך אָנזויפען און אָנטרינקען און כאַפּען אַ „האַצ־קע "מיט אַ „דיוּוקאַ", דערביי זייענדיג נאָכגעביג און גלייכגילטיג צו דער אייגענער שפּראַך און זיך געבראָכען די צינגער צו רעדען מיט דער שפּראַך וואָס די אורחים רעדען און ס'האָט זיך באַקומען אַ געמיש פון אוקראַיניש, פּויליש און רוסיש. איך האָב רחמנות געהאַט אויף די פּויערים וואָס זיי זיינען געבליבען אָהן אַ פיהרער, געבליבען פריי אָהן אַ פיהרער און דאָך די זעלבע קנעכט.

מיר זיינען אַלע געווען אין דרויסען, צוגעגאַנגען פון איין שטוב צו דער צווייטער און געקוקט ווי מ׳פּראַוועט די חתונות אונטער׳ן פרייען הימעל, ביי זיך אויפ׳ן „פּאָדווער“ (ווייל די שטיבלאַך זיינען קליין, מוז מען די חתונה פּראַווען אין דרויסען). דער גרוזין האָט אָנגעקוואָלען און געשטוינט. ער האָט געזאָגט, אַז ס׳דאַכט זיך איהם, אַז ער געפינט זיך ערגעץ ביי אַן אינדיאַנישען שבט אין דאָרף און אַלץ וואָס ער האָט געזעהן האָט ער ניט געוואוסט וואָס דאָס איז און אויף יעדעם ברעקעל געפרעגט ביי איוואַן וואַסיליטש׳ן. איוואַן וואַסיליטש, פיהלענדיג זיך אין דאָרף ווי ביי זיך אין דער היים, האָט איהם אַלעם דערקלערט, דערקלערט אַלס אַזעלכער, וואָס איז שוין אַליין אוועק דערפון, אָבער מיט דער אַכטונג צו זיין פאָלק... אַליין שוין אַ שטאָדטיגער, מיט אַ שטאָדטישער קולטור מיט קולטור פון מיטעלער אינטעליגענץ און מיטעל־קלאַס, ענג נאַציאָנאַליסטיש פאַר דער שפּראַך פון פאָלק און פאַר׳ן פאָלק (נאָך זיין רעדען איז געווען צו זעהן אין איהם, אַז ער איז אַ הייסער אָנהענגער פון באַטקאַ פּעטלורא). איך האָב געזעהן ווי ביי דעם קריסט גליהען די אויגען צוקוקענדיג ווי זיינע „נאַשי ליודי“ באַלאַקען מיט די פּוילישע סאָלדאַטען אויף פּויליש און ווי „זיינע“ „דיוושאַטעס“ האָפּקען זיך מיט זיי, מיט די פּאָליאַקען, און קענטיג, אַז אונטער דעם איינדרוק האָט איוואַן וואַסיליטש אָנגעוויזען אויף דער געוואַלדיג פאַרפאָלאָנטערטער לאַגע, וואָס הערשט אין דאָרף אין באַצוג צו דער פּוילישער הערשאַפט. ער האָט אָנגעוויזען אויף דעם דאָרף און נאָך אויף פיל דערפער, וואָס געהערען כלומרשט צו די באָלשעוויקעס, און פאַקטיש געפינען זיי זיך אונטער׳ן פּוילישען יאָך. די דערפער ווערען טעגליך באַזוכט פון פּאָליאַקען און ווערען באַהאַנדעלט אויפ׳ן ערגסטען אופן, ד. ה. ווי באָלשעוויסטישע דערפער. טאָג־טעגליך ווערט פון די דערפער אַרויסגעשלעפּט צעהנדליגע פוהרען היי, האָלץ און תבואה, נעהמען צו וואו ערגעץ אַ חזיר, וואו ערגעץ עס געפינט זיך אַן עוף און קלאָגען זיך איז ניטאָ פאַר וועמען. פאַר דער פּוילישער מאַכט

קען מען זיך ניט קלאָגנען דערפאַר, וואָס די דערפער וואָס ווערען טאָג־טעגליך סיסטעמאַטיש בארויבט, געהערען דאָך כלומרשט צו די באָלשעוויקעס. צעהנדליגער דערפער זיינען געבליבען אָהן א וועלכער עס איז מאכט. די פוילישע ממשלה האָט איבער געוויסע סטראַטעגישע טעמים ניט געפונען פאַר נויטיג די דערפער צו פאַרנעמען און דערפאַר אליין, הייסט עס, זיינען די דערפער געבליבען באָלשעוויסטישע, די פויערים באָלשעוויקעס און מ׳באַהאַנדעלט זיי ווי באָלשעוויקעס.

און איוואַן וואסיליטש, אין גאַנצען א צוקאַכטער, האָט ברייט אָנגעוויזען אויפ׳ן דאָרף מיט א האַנט:

— אָט זאָל נאָר גאַליטיאַן נעסטאַראָוויטש א קוק וואַרפען איבער׳ן דאָרף. מ׳זעהט דאָך קיין איין חזיר ניט, קיין עוף... הערסט דאָך אפילו פאַרטאָג קיין איין קרעה ניט טאָן... ביי א פויער אין דאָרף א האָן אין שטוב איז פונקט ווי א זייגער ביי א שטאָדטיגען. א פויער אָהן א האָן איז בלינד, א פויער האָט פאַרגעניגען ווען ס׳קרעהט איהם א האָן אין שטוב... אַלץ איז געוואָרען אויסגעכאַפּט און אויפגעגעסען...

מיר האָבען געשפּאַצירט אין דער לענג פון דאָרף פאַרלאַכ־וויז. פאַראויס זיינען געגאַנגען גאַליטיאַן נעסטאַראָוויטש און איוואַן וואסיליטש. הינטער זיי איך מיט מיין פרוי, און הינטער אונז דער קרעמעניצער מיט׳ן וואַרשעווער (דעם ראָוונער האָט מען ניט געזעהן אויף דער ליכטיגער שיין). אַלע זיינען געווען אין א גוטער שטימונג, באַווירקט פון דער זון און פון די חתונות, נאָר איוואַן וואסיליטש האָט זיך געקאָכט:

— אפילו קיין הונט ניט געבליבען!

און ער האָט זיך שוין גאָר צולאָזט אין פּאָעזיע, אָט דער איוואַן וואסיליטש.

ער האָט שטאַרק ליב געהאַט אמאָל, אין דער יוגענט, צו הערען אין א דאָרף אין א פינסטערער נאַכט ווי א הונט צוואַוואָיעט זיך. די כודאָבע שלאָפּט, עופות שלאָפען, אַלע די באַשעפענישען, וואָס רינגלען ארום די כאַטע א גאַנצען טאָג און

שפּאַרען זיך אין שטוב אריין — דער חזיר מיט דער מאָרדע אין טיר, עופות פליהען אין די פענסטער און קאַטשקעס און גענז, — די אַלע באַשעפענישען שלאָפען, פאַררינגעלט אין קאַמאָרקעס, און דער הונט, ער שלאָפט קיינמאָל ניט, תמיד ביי דער שטוב, ביי דער טיר, און פלוצים — אַ וואַיערייי!

געענדיגט פאַנטאַזירען, האָט ער פלוצים מיט אַ פרעהליך און מונטער טאָן פאַרבעטען גאַליטיאַן נעסטאַראָוויטש'ן אריינ־צוכאַפּען זיך אויף אַ חתונה און אַ הוליע טאָן. דער גרוזין האָט זיך אָפּגעזאָגט און איוואַן וואַסיליטש האָט דאָס זעלבע גלייך פאַרגעלעגט דעם קרעמעניצער:

— מיטקאַ, אידיאָם!

מיטקאַ האָט זיך ניט געלאָזט לאַנג בעטען. יענער האָט איהם אָנגענומען אונטער דער האַנט און האַסטיג האָבען זיך ביידע אריינגעשניטען צווישען פויערשען עולם און פייערליך אויפגענומען געוואָרען. באַזעצט דאָס פּאָרעל ביים טישעל, וואָס איז געווען איבערגעדעקט מיט אַ טישטוך מיט אַ רויטען, איינ־געוועבטען פאַס אין דער מיט, האָט מען זיי געגאָסען איין גלעזעל בראַנפען נאָכ'ן צווייטען און יונגע גוי'עס און שיקסעס האָבען געטראָגען פון שטוב גאַנצע שיסלען מיט פאַרבייסאַכץ און גע־שטאַנען ארום זיי און געקוואַלען און געלאַכט פו יעדען וואָרט, וואָס אמאָל איינער, אמאָל אַ צווייטער האָט אַ זאָג געטאָן צו זיי און וועגען זיי; געכאַפּט איינער און אַ צווייטער ביים האַנט און סטאָן און שכור פון בראַנפען און פון תאוה אַ פרעג געטאָן אויף דער כלה — „זים צי ביטער?“ און גאָר פלוצים זיך צו־קושט מיט'ן חתן און לאַנג געסמאָקעט זיך מיט דער כלה, ביידע, דער איד און דער קריסט, דער אין איין באַק און יענער אין דער צווייטער, און די כלה האָט געלאַכט, און דער חתן האָט געלאַכט, און אַלע האָבען געקוקט און געלאַכט. און נאָכדעם זיינען אַלע געגאַנגען אַ ראָד. פאַרשיידען־פאַרביגע סטיינגעס זיינען געפלוי־גען אין דער לופטען און פאַצערקעס און קאַרעלען האָבען זיך געוואָרפען אויף העלזער און אויף ברוסטען, זיך געהויבען מיט

ברוסטען צוזאַמען אין דער לופטען, און איין שנירעל גלאָז פון איין פאַרב האָט אין אַ צווייטען פון אַן אַנדער פאַרב געקלאַפּט און געקלונגען מיט אַ גלעזערנעם קלאַנג און אַ פידעל האָט צוגע־ריפּעט און אַ פּייקעל האָט צוגעקלאַפּט און פון צייט צו צייט האָט זיך פון דרעהענדיגען מענשען־ראַד געלאָזט הערען: האָפּ! האָפּ!

צוזאַמען האָט עס געדויערט אַ דריי־פערטעל שעה.ביידע זיינען צו אונז ארויסגעלאָפען פאַרפלאַמטע, מיט פאַרגאַסענע אויגען, רויטע ליפּען און גלאַנציגע מאָרדעס. וואסילי איוואַ־נאָוויטש האָט צושפּרייט די הענט צו אונז, ווי ער וואָלט געוואָלט אונז אַלעמען ארומנעמען, האָט מיט עקסטאַז אויסגערופען:

— וואָט טשטאָ זנאטשיט סוואַי! — ארומגעכאַפּט מאַרק גריגאָריעוויטש'ען ביים האַלז און נאַקען און איהם געגעבען אַ שטיק צו זיך: — פּראַוודאַ, מיטיאַ?

— פּראַוודאַ, וואַסילי!

מאָנטאָג, 2טען פעברואַר.

אַ גאַנצען טאָג איז דער גרוזין געלעגען ביי אונז. ער איז געלעגען אויף דער סאָפע, איבערגעדעקט מיט דער שאַל, וואָס איהם האָט געלאָזט יעווגעניאַ ס., און איוואַן וואסיליטש האָט איהם ניט געלאָזט רוהען:

— טשטאָ בודיעט?

זיי האָבען שוין פעסט באַשלאָסען זיך אומקערען צוריק, צופּוס זיך אומקערען צוריק, ווייל קיין פּויער האָט זיך ניט גע־וואָלט אונטערנעמען פאָהרען אין יענעם וועג אריין, און איז עס טאַקע דערמיט שלעכט געווען, וואָס זיי האָבען דעם וועג ניט געוואוסט.

ס'איז געווען אַ גרויסער צער צו קוקען אויף די צוויי קריס־טען, באַזונדערס אויפ'ן גרוזין. ער האָט געהאַלטען אין איין מורמלען:

— אוביוט! קאַק סאָבאַקו אוביוט!

אפילו אין מאָמענט פון פאַרצווייפלונג איז ער אויך געווען ניט אויפגערעגט, ניט דענערווירט, נאָר איז זיך שטיל געלעגן און רוהיג גערעדט און סאַטיריש אונטערגעשמייכעלט ביי יעדעס מאָל וואָס ער האָט געזאָגט „קאַק סאָבאַקו אוביוט!“

און דער צווייטער, אפשר שוין טאַקע דערפאַר, וואָס ער איז פיל מעהר נעווען זיכער אין זיין גאַנצקייט, האָט איהם אויף קיין מינוט ניט אָפּגעלאָזט, אַלע מאָס איינס און דאָסזעלבע:

— טשטאָ מי זדיעס בודיעם טאַרטשאַט?

גאַליטיאַן נעסטאַראָוויטש איז געלעגען מיט דער גאַנצער לענג אויסגעצויגען אויף דער האַרטער רויט־געפאַרבטער סאָפקע, צוקאָפּענס אונטערגעלעגט דעם בעקעש זיינעם. ער האָט זיך פון צייט צו צייט אויפגעזעצט, פאַרוויקעלט אַ ציגאַר, פאַררויכערט און ווידער זיך געלעגט, און ליגענדיג גערויכערט. ענדליך האָט ער זיך איינגאַנצען אויפגעהויבען און אָנגעשריבען אַ בריף, איבער־געגעבען דעם קרעמעניצער, אַז דער קרעמעניצער וועט קומען קיין קרעמעניץ זאָל ער איבערגעבען דעם בריף צו יעווגעניע ס.

פאַר דער צייט, וואָס דער גרוזין האָט דעם בריף געשריבען, איז איוואַן וואַסיליטש, דער פיהרער אונזערער, ארויס אויפ׳ן דאָרף זוכען אַ פיהרער פאַר זיי און געקומען צוריק מיט אַ האַלבען פוד זאַלץ אויף די פּלייצעס.

— ניטאָ קיין בעלנים!

אין אָוונט איז געקומען אַ יונגער שייגעץ און זיך אָנגע־באָטען, אַז ער קען זיי דורכפיהרען ביז אַ געוויסען אָרט, צעהן וויאָרסט פון דאָרף, און ניט ווייטער, און שכר הליכה דערפאַר זיך אָנגעבאָטען דריי הונדערט קאַרבאָווינצעס, צאַרסקע.

דער אָוונט איז געווען אַן אומעטיגער. מיר האָבען איבער־געלעבט דאָס זעלבע, וואָס מענשען אין אַ תפיסה לעבען איבער ווען מ׳שלעפּט איינעם און אַ צווייטען פון זייער קאָמפּאַניע ארויס און די ארויסגעשלעפּטע ווייזען זיך ניט מעהר, און זיי, די איבער־געבליבענע, ווייסען ניט וואָס מיט יענע איז געשעהן און ווייסען ניט, וואָס מיט זיי וועט געשעהן. מיט די בעלי־בתים מיט אונ־

זערע זיינען מיר געווען צעהן פּערזאָן אין איין שטוב און אַלע צעהן האָבען כמעט ווי ניט גערעדט. ס'האָט שוין קענטיג אויף אַלעמען געמאַכט אַ שווערען איינדרוק אָט דאָס מאַסיוו, אונ־באַוועגליך זיצען פונ'ם גרוזין. ער האָט ביי אַלעמען נושא חן געווען און קיינער איז ניט געווען זיכער אין דער טאָלעראַנץ פון די פּוילישע ראַזוועדקעס, אַז זיי וועלען איהם לאָזען אַ לעבע־דיגען, אויב ער וועט נאָר אויף אַזעלכע אָנטרעפען. ס'איז געווען שטיל. ס'איז קענטיג געווען, אַז אַלע טראַכטען וועגען איין זאַך — וועגען אונבאַוואוסטען גורל פון אַ מענשען, וואָס איצט איז ער דאָ, און מאָרגען אין דער צייט וועט שוין קיינער ניט וויסען וואו ער איז. ס'האָבען איהם אַלע ליב געהאַט, דערפאַר האָט עס אַלעמען געקרענקט.

אונזער זקן האָט גערעדט מיט'ן שייגעץ, זיך אויסגעפרעגט ביי איהם דורך וואַנען ער וויל זיי פיהרען. איינער האָט דעם צווייטען פאַרשיידענע, פאַר אונז אונבאַקאַנטע, ערטער אָנגע־רופען, און דער אַלטער האָט דעם יונגען שייגעץ צוגערעדט ער זאָל זיי פיהרען ווייטער, אָבער דער לעצטער האָט זיך אָפּגע־וואָרפען.

צום טייוועל! צו וואָס נוצט עס איהם געהן ריזיקירען מיט'ן לעבען?

און באין ברירה, האָבען די צוויי קריסטען איינגעשטימט אויף די צעהן וויאָרסט, וואָס ער וויל זיי פיהרען, און באַקומענדיג אַן אויפגאַב האָט דער שייגעץ געזאָגט „אַ גוטע נאַכט“ און איז זיך אַוועק.

מיר, אידען, האָבען צווישען זיך אויף אידיש גערעדט, אַז ער איז אַ גרויסער דבר־אחר, אָט דער איוואַן וואַסיליטש, אַז ער וואָלט איהם, דעם גרוזין, ניט באַדאַרפט אַזוי יאָגען אין קאַרק און צוזוואַרטען נאָך אַ פּאָר טעג, אָבער דער כיטראַק האָט זיך קענטיג געהאַט זיין חשבון ביי זיך. ער האָט מיט גאָרניט ריזיקירט. די גאַנצע נסיעה האָט ער דורכגעמאַכט אויף אונ־זערע קעשענעס, אַ העלפט געלט פאַר זיין „פיהרען“ האָט ער ביי

אונז אָפּגענומען, און די גאַנצע צייט, ווי אַן אמת'ער קאָמוניסט, אויפ'ן גרוזין'ס מיטלען. דערשפּירט, אַז ביים גרוזין טאָגט שוין, האָט ער שוין דאָ ניט געהאַט וואָס צו טאָן. ער אַליין, פון יענער זייט גרענעץ, האָט דאָך ניט געדאַרפט האָבען דאָס אַריבערכאַפּען זיך. פון יענער זייט וואָלט פאַר איהם פערזענליך געווען גינסטיג אויף אַזוי פיל אויף וויפיל דאָס וואָלט געקענט פאַרגרינגערען זיין אומקערען זיך צוריק, און אויב ס'לאָזט זיך ניט, איז אַזוי אויך רעכט. אַזוי האָבען מיר עס אַלע פאַרשטאַנען, און בייז געווען אויף איהם דערפאַר. דער עיקר, הייסט עס, פאַר דעם, וואָס ער שלעפּט דעם גרוזין מיט זיך. דער וואַרשעווער, וואָס איז דורכאויס געווען אָפּטימיסטיש און זיכער, אַז אונז וועט זיך איינגעבען אַריבערגעהן די גרענעץ, איז צוגעגאַנגען צום גרוזין, זיך אַוועקגעזעצט נעבען איהם און אינטים געזאָגט:

— אפשר וואָלט ער, גאַליטיאַן נעסטעראָוויטש, נאָך צוגעוואַרט א טאָג אָדער צוויי?

אויף איהם איז אָנגעפאַלען איוואַן וואַסיליטש:

— נו, טשטאָ מי בודיעם זשדאַט? קאַזשיט טשעוואָ?

אויפ'ן טיש האָט געברענט דער לאָמפּ און אויף די ווענט האָבען זיך באַוועגט שאָטענס פון מענשען, וואָס האָבען שאָטענדיג איבערגעגעבען דעם כאַראַקטער פון יעדען איינציגען אָריגינאַל, איבערגעגעבען באַוועגונגען און שטימונגען. די הינטערשטע העלפטען פענסטער זיינען געווען פאַרשאַרט מיט די פאָרהאַנגלאַך און פון די אויבערשטע העלפטען האָט אַריינגעקוקט די נאַכט, אויף דער לאָמפּ און דער שטוביגער ליכטיגקייט געקוקט און די מענשען באַטראַכט, און געדאַכט האָט זיך מיר, אַז הינטער די פענסטער, פון יענער זייט, אין פינסטערניש און אין שטילקייט איז שוין פאַראַן אַ קלאָרע באַשטימטקייט וועגען אַ פאַרטאָג און דעם גורל פון צוויי מענשען, וואָס וועלען זיך אין דעם פאַרטאָג אַוועקלאָזען אין פרעמדקייט פון אָרט און געגענט.

און שוין גאָר שפּעטער האָט איוואַן וואַסיליטש אייפערזיכטיג א זאָג געטאָן:

— אויב גאַליטיאַן נעסטאַראָוויטש וויל בלייבען, קען ער בלייבען.

דער גרוזין האָט די נאַכט ביי אונז גענעכטיגט. מיר האָבען איהם אַלע געבעטען ער זאָל ביי אונז נעכטיגען, און ליגענדיג אין צווייטען אַלקיר האָב איך געהערט ווי ער האָט זיך אַ גאַנצע נאַכט געוואָרפען מיט זיין מאַסיווער פיגור און אַ פּאָר מאָל דורך דער נאַכט אָנגעצונדען פייער. דורכ'ן אָפענעם טירעל האָב איך איהם געזעהן און דעם שאָטען זיינעם אויף דער וואַנט, ביידע אומבאַוועגליך — דער אָריגינאַל פּאַרזונקען אין שטילקייט, דער שאָטען אין שוואַרצקייט. דאָס סאָפּקעלע האָט פון צייט צו צייט אַ טרעשטשע געטאָן און געמאַכט אַן איינדרוק, אַז ס'טרעשטשעט אונטער'ן שאָטען. ער האָט געדרויכערט, דער גרוזין, אָהן אויפהער געדרויכערט, געשריבען, געשריבען און געריסען און ווידער געשריבען. איך האָב דייטליך געהערט דאָס סקריפּען פון דער פּען אויפ'ן פּאַפּיר און מאָמענטענווייז, אין אַ צושטאַנד פון דרעמעל, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אַ וואָרים זיצט ערגעץ און טאָטשעט און טאָטשעט די שטילקייט. דורכ'ן שלאָף האָב איך געהערט ווי ס'איז אריינגעקומען איין מענש און אַ צווייטער... האָבען שטיל מיט שטיוועל אויפ'ן פּאָדלאָגע געטראָטען און שטיל גערעדט צווישען זיך... דורכ'ן שלאָף האָט מיך באַהערשט די אונרוהיגקייט פון די מענשען, וואָס האָבען זיך געקליבען אין וועג אריין. ווען די טיר האָט זיך צוגעמאַכט האָב איך זיך אויפגעכאַפּט, דערזעהן אַ געדיכטע פינסטערניש ארום זיך און אַ געדיכטע שטילקייט — יענע שטילקייט, וואָס מענשען לאָזען נאָך זיך אין אַ פרעמדער שטוב, אוועקלאָזענדיג זיך אין אַ פרעמדער, אונבאַקאַנטער סביבה מיט ניט זיכערהייט פון צו פאַרגעהן אַהין, וואוהין מ'האָט זיך אוועקגעלאָזט.

דינסטאָג, 3טער פעברואַר.

גאַנץ פריה איז געקומען פון אַליעווסק אַ אידיש זעלנערעל און געפרעגט ביי מיר :

— דאָס זייט איהר ה' ראָזענפעלד?

ער האָט דאָרטען אין אליעוווסק שוין געהערט, אַז איך בין דאָ אין דעם דאָרף און האָט זיך שטאַרק געוואונדערט, וואָס מ'לאָזט מיך דאָ אַזוי לאַנג זיצען. דאָס ערשטע מאָל האָב איך געזעהן אַ אידען אין דער פאַרמע פון אַ פּוילישען זעלנער, וואָס האָט גערערט מיט מיר אידיש. אָט די פאָרמע, וועלכע האָט דאָס גאַנצע וועזען מיינע מיט אַזוי פיל שרעק אָנגעפילט און דאָ שטעהט פאַר מיר אַזעלכער און קימערט זיך גאָר פון מיין פאַרצווייפעלטער לאַגע... יאָ, ער האָט צוגעזאָגט אַלעס צו טאָן פאַר מיר, וואָס ער וועט נאָר קענען. איך האָב אָנגעשריבען נאָך אַ פּאָר בריף קיין אליעוווסק צו נעמען פון אומבאַקאַנטע מענשען, וואָס דאָס גוטע זעלנערעל האָט מיר אָנגעגעבען. איין בריף האָב איך אָנגעשריבען קיין סאַר־נע, ניט אַדרעסירט צו קיינעם, קיין סאַרנע, צו וועמען דאָרטען דער בריף וועט אריינפאַלען וועט זיין גוט. ער האָט מיך פאַרזי־כערט, אַז דער בריף וועט צוגעשטעלט ווערען אין אויבענדערמאָנ־טען שטעדטעל און אַלע בריף אריינגעלייגט אין היטעל אריין, הערצליך זיך געזעגענט און איז אַוועק. איך האָב איהם אַרויסגע־באַגלייט ווי אַן אַלטען באַקאַנטען גוטען פריינד, געשטאַנען אין דרויסען אַזוי לאַנג ביז ער האָט זיך דאָרטען נעבען לייבא'ס שטוב אַרויפגעזעצט אויף אַ הויכער פוהר היי, וואו עס זיינען געזעסען נאָך צוויי סאָלדאַטען און איז מיט זיי אַוועקגעפאָהרען.

אריינגעכאַפּט זיך אין שטוב אריין אַ דורכגעפרוירענער. דער קרעמעניצער איז געלעגען אויף דער זאָפע און איך האָב איהם מקנא געווען וואָס ער קען שוין פון גאַנץ פריה אָן ליגען. ער איז געלע־גען, דער קרעמעניצער, און עפּעס אַ בריף געלייענט און איך האָב מיך אַרויפגעכאַפּט מיט די פיס אויף דער באַנק און זיך געוואַרימט ביי דער הרובע ווי גרויס איך בין. שטעהענדיג מיט דער קאָפּ אונטער דער סטעליע האָב איך געשפּירט דעם גרויסען אונטער־שייד פון דער טעמפּעראַטור פון אויבען ביז אונטען און געזעהן וואָס ס'טוט זיך אויבען אויף דער שאַפע. ווי אַ טונקעלער גרויער, פוכקער שניי איז אַ געדיכטער שטויב געלעגען און באַדעקט אַלעס

וואָס דאָרטען אויף דער שאַפּע האָט זיך געפונען. שמות, שטיקלאַך רצועה, אַ פּסול'ע ציצה, אַ פאַרטריקענטע הושענה, אַ לולב און וואָס איז דאָרט ניט געווען, און אַלעס צוזאַמען האָט דערצעהלט פון אידישקייט, פון אידישער אָרימקייט און פון אָרימער אומ־ריינקייט, געקוקט און געטראַכט, אַז אַזוי זעהט אויס דאָס אידישע לעבען די לעצטע פאַר יאָהר — פּסול... פּסול פאַר זיך, פּסול פאַר אַנדערע... און פּסול'ערהייט — הייליג... אברים צוריסענע, אברים צוואוואָרפענע פון הייליגקייט און הייליגער גאַנצקייט.

דער קרעמעניצער איז נאָך אַלץ געווען פאַרטיפט אין לייענען. איך האָב פון ווייטענס געקוקט אויף איהם און באַוואונדערט די גרויסע פאַרענדערונג, וואָס איז אויף דעם בחור געקומען פון דער צייט, וואָס איך קען איהם. די באַקען איינגעפאַלען, פון דער ראָ־זער פאַרב זיינען בלויז געבליבען בלויליכע אָדערלאַך. די אויגען זיינע, וואָס האָבען געגלאַנצט מיט פרישקייט און יוגענד, האָבען אויסגעזעהן ווי צוגעלעגערטע קאַרשען.

— גאַליטיאַן נעסטאָראָוויטש האָט איבערגעלאָזט צוויי בריף אויף איבערצוגעבען יעווגעניאַ סעמיאָנאָוונאַ ווען איך וועל קומען קיין קרעמעניץ, אַ גליק וואָס איך האָב זיי איבערגעלייענט.

ער האָט זיך אויפגעזעצט און איבערגעלייענט פאַר אונז די בריף און פון צייט צו צייט אַ קוק געוואָרפען הינטער זיך צום פענסטער און ווירקליך איז טאַקע געווען אַ גליק וואָס ער האָט די בריף איבערגעלייענט... יענער האָט דאָרטען געוואַלדיג באַ־ליידיגט די פּאָליאַקען און בתוכם ניט געשאַנעוועט די רוסישע דאַ־מען. ער וואַרפט זיי דאָרטען אַלעמען פאַר ווי שפּל'דיג זיי האָ־בען געהאַנדעלט נעגען אונז, באַזונדערס זיין דאַמע, צו איהר האָט ער מעהר טענות, יענע, וואָס געהען איהם יענע דאַמען אָן? אויף איהר, אויף זיינער, פאַרדריסט איהם. „רוסקאַיאַ דאַמאַ", רופט ער זי אין די בריף איטליכם מאָל אָן, ווען זי וואָלט געוואָלט, וואָלט זי געקענט „איינבייסען" אָט־דעם היציגען „באַראָן" און מען וואָלט אַלעמען געווען אדורכגעלאָזט... יאָ, זי וואָלט עס אפשר געווען געטאָן, ווען זי וואָלט פון איהם געווען ערוואַרטעט דאָס,

וואָס ער האָט אָפּגעטאָן... און זאָל זי ניט מיינען, אַז ער האָט עס געטאָן מיט אַ גרינג האַרץ, אָבער דאָס געפיהל פון מענשליכקייט האָט איהם דיקטירט, אַז ער מוז אַזוי טאָן און ניט אַנדערש... ער האָט ניט אויסגערעכענט און געוואוסט, וואָס איהם ערוואַר־טעט... מעגליך, אַז ביז דער בריף וועט אָנקומען צו איהר וועט ער שוין ערגעץ ליגען מיט אויסגעפּיקטע אויגען אין וואַלד.

ווייטער האָט ער דאָרטען געשריבען, אַז די פּלאַש אָדעקאָלאָן לאָזט ער איבער דער קליינינקער און צאַרטער כאַיאַ לאַזאַראָווגאַ און דאָס וועט שוין דער רוסישער דאַמע דאָפּעלט פּאַרדריסען. ער וואָלט איהר אָט דער צאַרטער פרוי איבערגעלאָזט די שאַל אויך, וואָס זי האָט איהם אַרויפגעוואָרפען אויפ׳ן שליטען, אָבער צום באַדויערען קען ער עס ניט טאָן, ווייל ער האָט פאַר זיך אַזאַ ווענ... נאָר זאָגען זאָגט ער איהר צו, אַז ווי נאָר ער קומט בשלום קיין קיעוו, וועט ער דעם שאַל איהרען אָוועקגעבען דער ערשטער קאָ־מוניסטקע, וואָס ער וועט באַגעגענען אין גאַס און דעם גענעראַל׳ס בעקעש וועט ער אָוועקגעבען דעם ערשטען, בעסטען קאָמוניסט.

גע׳חתמ׳עט זיינען געווען די בריף „וואַש אָפּראַוויליאַיושטשי״ אין גענזען־פּיסלאַך.

מיר זיינען ביידע, איך און דער קרעמעניצער, אַריינגעגאַנגען אין קיך און הינטער׳ן קוימען אונטערגעצונדען די צוויי בריף און באַלויכטען פון פלאַם פּאַפּיר און שריפט, האָב איך באַמערקט אַ פּאָר אויסגעמעקטע שורות, געדיכט פאַרשטראָכען, און איך וויים ניט פאַרוואָס איך בין געווען אַזוי זיכער, אַז די פּאָר אויסגעמעקטע שורות זיינען די שפּאַנענדסטע פון גאַנצען בריף.

צוריקגעהענדיג האָבען מיר זיך אָפּגעשטעלט ביי אונזערע בעלי־בתים אין אַלקיר. דער קרעמעניצער האָט זיך מיט בענק־שאַפט צורעדט פון זיין היים, פון זיינע עלטערען און פון זיינער אַ שוועסטערל, וואָס שפּילט זעהר גוט קלאַוויר. פאַר זיי, פאַר די דאָרפס־לייט, דערצעהלט, וואָס ער האָט געפיהלט ווען ער האָט זי געהערט שפּילען. ער האָט זעהר פיל גערעדט וועגען די גאַ־רענפעלד׳ס (זיינע קרובים), וואָס זיינען באַוואוסט איבער גאַנץ

וואָהלין, וואָס האָבען ביז דער מלחמה זעהר א גרויס אָרט פאַר־נומען מיט זייער פילאַנטראָפּישער ארבייט, מיט זייער צדקה און מיט נאָך פיל מעשים טובים. ער האָט מיט טרעהרען אין די אויגען דערצעהלט פון זיינעם א דיאַדיאַ (ניט פונ'ם חכם), וואָס האָט א יאָהר פאַר דער מלחמה ערגעץ נעבען קרעמענעץ אָפּגע־קויפט א גרויסען שלאָס ביי א גראַף און דער דיאַדיאַ זיצט עס נע־באַך אין קיעוו און הונגערט; ווי אזוי די באָלשעוויקעס שלעפּען איהם אַלע טאָג אויף אַרבייט און דער „טיאָטיע" זיינער, וואָס האָט זיך אויף איהר לעבען קיין שטיקעל ברויט ניט אָפּגעשניטען, האָט מען איינמאָל ביינאַכט ארויסגעשלעפּט פון בעט און זי אוועקגע־שלעפּט ערגעץ אין א קאַזאַרמע אריין די פּאָדלאָגעס וואַשען.

אַלע דריי האָבען איהם אויפמערקזאַם אויסגעהערט. דער אַלטער האָט געקרעכצט, די אַלטע האָט געזיפצט און דאָס מיידעל האָט אויפגעהערט צו נייהען און געקוקט אָט־דעם גרויס־שטעדטי־גען בחור אין די אויגען אריין און קענטיג מיט איהם גרויס מיט־לייד געהאַט, און נאָר פּלוצים איהם געפרעגט צי איז ער אַמאָל געוועז אין אדעס, קענטיג געפרעגט צוליב דעם כדי צו באַקומען א מעגליכקייט איהם צו דערצעהלען, אַז זי איז אין אדעס געוועזן און זעהר אָפט באַזוכט קאָוועל און ראָוונע.

זי איז געשטאַנען אין קורצען מולטענעם אונטער־ראָק און גרויסע שטיקער פיס האָבען פון דעם אונטער־קלייד ארויסגעקוקט וויטליך אָפּגעטיילט איין פוס פונ'ם אַנדערען... זי איז שוין מיט איהר גאַנצער פעדערשטקייט געשטאַנען צו איהם, צום קרע־מעניצער, און דער האָט זיך פּלוצים אריינגעשפּאַרט צווישען די בעטען און צווישען די דריי מענשען, האָט א דרעה געטאָן די מאַשין און געבעטען ביים מיידעל זי זאָל איהם עפּעס אָן ארבייט געבען און פון זיין נאָהענטקייט צו איהר און פון איהר נאָהענט־קייט צו איהם האָבען זיך ביי ביידען די פּנים'ער אָנגעצונדען און דאָס מיידעל האָט איהם ווידער און נאָר פּלוצים דערצעהלט פון צוויי אידען, וואָס האָבען געפיהרט פון א נאָהענטען דאָרף א מת מקבר צו זיין, האָט מען זיי ניט אריינגעלאָזט, האָבען זיי זיך

אויסגעדרעהט דורך אַן אַנדער זייט, מסתמא ערגעץ דאָרטען וואו זיי האָבען אונטערגעקויפט די סטראַזשע און זיינען אריין אין שטאָדט, האָט מען זיי געכאַפּט און מ׳האָט זיי מיט׳ן מאַן ערגעץ אוועקגעפיהרט און מ׳ווייסט עד היום ניט וואו זייער געביין איז אהינגעקומען.

און צוגעגעבען, אַז די גאַנצע שטאָדט ווייסט עס אויף זי־כער ,אַז מ׳האָט די לעבעדיגע ערגעץ אויפ׳ן פעלד מיט׳ן מת באַ־גראָבען...

אָבער דאָס איז פאַר איהר קענטיג ווינציג געווען. זי האָט נאָך מיט עפּעס געוואָלט איבערראַשען דעם בחור:

— באַהיט זאָל מען ווערען היינט צו שטאַרבען!

און דערצעהלט פּאַרוואָס זי וויל אַזוי באַהיט ווערען, ווייל מ׳מוז היינט באַהאַלטען אונטער׳ן פענסטער. געשטאָרבען ביי אַ דאָרפס־איד די ווייב, האָט ער זי אויפ׳ן גאָרטען אונטער׳ן פענ־סטער מקבר געווען.

— מאַרק גרינגאָרעוויטש! — האָב איך צום קרעמעניצער געזאָגט — אויב איהר זוכט ווירקליך עפּעס אַן ארבייט פאַר זיך, קענט איהר אַרויסגעהן אויפ׳ן „פאַדרוער" און אָנהאַקען אַביסעל האָלץ...

נאָכמיטאָג איז געקומען צו אונז אַ קריסט, אַ פּאָליאַק פון אליעווסק. ער האָט געוואָלט עפּעס פּאַרדינען ביי אונז און גע־וואָלט עפּעס טאָן פאַר אונז, איז ער געזעסען און געדרויכערט איין גראָבען ציגאַר נאָכ׳ן צווייטען, געוויקעלט דעם טאַבאַק אין צוויי שטיקלאַך ציגאַר־פּאַפּיר, וויטער געדרויכערט און האָט זיך דער־טראַכט.

— מאַלענקאַיע אָבוויניעניע...

ווארפען אויף אונז אַ חשד, אַז מיר זיינען ניט מעהר און ניט ווייניגער פאַרדעכטיגט אין שפּיאָנאַזש און מ׳ועט אונז אַרעסטירען און אוועקפיהרען קיין סאַרנע אין הויפּט־שטאַב...

מיר האָבען זיך מיט שרעק אָפּגעוואָרפען פון אַזאַ אָריגינעל

מיטעל צו „באפרייט" ווערען און דער קריסט האָט גלייך אַליין צוריקגעצויגען דעם אויפגעגעבענעם פּלאַן:

— אמת, ס'טויג ניט... מיר זיינען אידען...

פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט, אַז מיר, אַלס אידען, וואָלטען פון אזא קונץ שוין ניט ארויס קיין ריין־געוואשענע און דאַך האָבען מיר דעם קריסט ניט געוואָלט אָפּלאָזען, דערקענט אָן איהם, אַז ער האָט דערביי ניט געהאַט קיין שלעכטע כונה. אין דרייען געראווירערט, אין פירען גערעדט, זיינען מיר צוגעקומען צו א גאַנץ איינפאַכען באשלוס, אַז מיר זאָלען אָנשרייבען בריף און ער זאָל די בריף אונזערע אַליין אוועקפיהרען צו די אדרעסאַטען און דער־פאַר באַקומט ער פון יעדער פערזאָן פינף הונדערט רובעל ניקאָ־לאַיעווסקע.

מיר האָבען איהם מיטגעגעבען דריי בריף: איך, דער קרע־מעניצער און דאָס ראָוונער בחור'ל. איך קיין קאָוועל, דער קרע־מעניצער קיין קרעמעניץ און דאָס ראָוונער בחור'ל קיין ראָוונע.

---

מיטוואָך, 4טער פעברואַר.

די היימישע אַלט־באַקאַנטע זון האָט פון גאַנץ פריה אָן גע־שיינט אויפ'ן דאָרף, צוגאָסען אין ווינטערדיגען אויר וואַרימקייט און ליכטיגקייט. איך האָב געקוקט אויף דער זון ווי א קינד אויף דער מוטער, וואָס איז פון ערגעץ געקומען צו איהם אין געפענג־ניש... געזעסען אונטער ווענט און פענסטער אין א שטוב, אין א דאָרף אָפּגעריסען פון שטאָדט און וועלט איז מיר אַלעס פרעמד געווען און פאַרדריסיג. איך בין גאַנצע טעג אין שטוב געזעסען, גאָר ניט געטאָן, איין ארבייט געהאַט: קוקען אין פענסטער און אויפ'ן זייגער, אָדער געשפּילט אין קאָרטען. און אָנגעשפּילט זיך, איז עס נמאס געוואָרען, האָבען מיר זיך צוואָרפען איבער דער שטוב, דער אהין, דער אהער, פון דערוויטענס איינס אויף דאָס אַנדערע געקוקט; פון דערוויטענס עפּעס גערעדט און געגענעצט און זיך געצויגען פון צובראָכענקייט, שווער־געמיטליכקייט און

פוילקייט... אין איין שטוב איינער דעם צווייטען האָט שוין זעהר גוט געקענט און שוין וועגען אַלעם אָפּגערעדט.

און עסען איז שוין אויך געוואָרען אַן ארבייט. עסען און טרינקען איז אויך געוואָרען אַ מיטעל צייט צו פאַרטרייבען. וואָס מ'האָט געגעסען, וואָס מ'האָט געטרונקען איז שוין ניט אזוי וויכ־טיג געווען. וויכטיג איז געווען דאָס, וואָס מ'האָט מיט דער אר־בייט צייט פאַרטריבען. צוועלף אַזייגער האָבען מיר שוין מיטאָג געגעסען, אַלע טאָג קארטאָפּלעס מיט פאַסאָלעס און אַלע טאָג איז עס געווען זויער, ווייל ס'איז געשטאַנען אַן איבריגע פּאָר שעה אין אויוועז, וואָס איז פאַרטאָג איינגעהייצט געוואָרען. אָפּגעגעסען דעם טשאָלענט איז די פרוי מיינע געגאַנגען אין בעט אריין, דער קרעמעניצער האָט זיך אויסגעצויגען אויף דער זאָפע און איך אויף דער באַנק ביי דער הרובע. צוואַוואָרפען געלעגען אין ביי־טאָגיגער דאָרפישער רוהיגקייט און שטילקייט. באַזונדער גע־דרעמעלט, געשלאָפען און אזוי זיך געלעגען, און גרויס זיינען געווען די טעג. ווי גרויס ס'איז פאַר דעם, וואָס טרינקט זיך דאָס וואַ־סער אין וועלכען ער טרינקט זיך... באַזונדערס איז גרויס געווען דער טאָג, וואָס ווערט איצט באַשריבען, ווייל אַ גאַנצען טאָג איז געשטאַנען די זון, אַוועק פון איין פענסטער האָט זי אריינגעשיינט אין אַ צווייטען און אין שטוב איז אַלץ די זון געווען און וויפיל מאָל איך האָב זיך איבערגעוואָרפען פון איין זייט אויף דער צווייטער, האָב איך געזעהן, אַז דער טאָג איז נאָך אַלץ גרויס און ליכטיג. די זייטען האָבען מיר אָנגעהויבען וועה צו טאָן פון ליגען, האָב איך זיך ארומגעדרעהט איבער דער שטוב, האָט זיך מיר דער קאָפּ פארדרעהט פון ארומדרעהען זיך, האָב אך זיך אוועקגע־זעצט און געקוקט, ווי דרויסען מיט שטוב האָבען זיך צונויפגע־גאָסען מיט זון און ליכטיגקייט, מיט ווינטערדיגער דאָרפישער שטילקייט, ווי אַן אומעטיגער וואָכעדיגער שבת און פון דאָרטען, פון אַלקיר, האָט זיך אָהן אויפהער געלאָזט הערען מאשין און נאָדעל און געדאכט האָט זיך מיר, אַז וואָכעדיגע שטילקייט, וואָ־כעדיגער אומעט און בייזע הארטע לאַנגווייליגקייט האָבען זיך אי־

בערגערעדט מיט איין שפּראַך, זיך איבערגערעדט וועגן דעם, וואָס די אַלע דריי צוזאַמען זיינען געווען און אַזוי גאָר פּלוצים האָט זיך די טיר אין שטוב אריין אָן עפּען געטאָן און אריבערגעוואָרפען אַ פוס איבער דער הויכער שוועל איז גראַנאָווסקי אריינגעפאַלען.

— פאַן גראַנאָווסקי!

אין איין מאָמענט זיינען מיר אַלע דריי געשטאַנען נעבען איהם און זעקס הענט האָבען איהם געגלעט און זעקס הענט האָבען איהם אריינגעשלעפּט צו אונז אין אַלקיר און באַזעצט.

— וואָס־זשע הערט זיך, פאַן גראַנאָווסקי?!

ער שמייכעלט. וואָס זאָל זיך הערען? ס'וועט אַלעס רעכט זיין... אַלעס איז אין אָרדנונג... פרייטאָג... פרייטאָג ווערען מיר געהאָלפען.. אַלעס איז שוין אָפּגערעדט און אָפּגעפּאַרטיגט... פרייטאָג. פרייטאָג זאָלען מיר צופאָהרען צו דער „באָינע״ און ער וועט שוין דאָרטען וואַרטען אויף אונז און ער וועט אונז שוין פון דאָרטען אריבערפיהרען.

ער איז געזעסען און מיר דריי זיינען געשטאַנען ארום איהם ווי קליינע קינדער ארום זייער פאָטער, וואָס איז אַ לאַנגע צייט אין דער היים ניט געווען און איז ענדליך געקומען צו זיינע קינ־דערלאַך. מיר האָבען איהם געגלעט און געקלאַפּט אין די אַקסלען:

— ליבער און טייערער פאַן גראַנאָווסקי!

ער האָט גוטמוטיג געשמייכעלט. דער קרעמעניצער האָט זיך פון גרויס פרייד צוכליפּעט. די פרוי מיינע האָט די גאַנצע צייט, וואָס גראַנאָווסקי איז ביי אונז געזעסען, ניט אראָפּגענומען די האַנד פון זיין אַקסעל און די גאַנצע צייט גע'טענה'עט, אַז זי האָט טיף אין הארצען געגלויבט, אַז ער וועט קומען.

געלאָזט אונז זיך „אָנליובקען״ מיט איהם וויפיל אונז האָט זיך געגלוסט, איז גראַנאָווסקי צוגעטראָטען צו דער פּראַקטישער זייט פון זיין אונטערנעהמונג: די זשאַנדאַרמעריע באַקומט דער־פאַר פופצעהן הונדערט רובעל, פינף הונדערט פאַר אַ פאַרשוין (פאַרשטענדליך צאַרסקע). די סומע געלט מוזען מיר איהם שוין געבען... פאַר זיין טרחה פאַרלאָזט ער זיך אויף אונזער יושר.

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די סומע איז געווען אַ קאָלאָ־סאַלע, האָבען מיר זיך קיין מינוט ניט פאַרטראַכט און איהם גלייך אָפּגעצאָהלט דריי ת"ק'ערס „קנאַק". באַקומען דאָס געלט, האָט גראַנאָווסקי אונז איבערגעגעבען דעם ווייטערדיגען פּלאַן, וואָס אונז איז נאָך פאַרגעשטאַנען דורכצומאַכען דאָרטען, אַז מיר וועלען שוין זיין אין אַליעווסק. מיר האָבען געמיינט, אַז באַלד, ווי מיר וועלען קומען אַהין, וועלען מיר גלייך קענען ווייטער פאָהרען און מיר האָבען זיך זעהר פיל אַנטוישט הערענדיג פון איהם, אַז מיר וועלען דאָרטען מוזען זיצען אַ פּאָר וואָכען (פאַרשטעהט זיך, אונ־לעגאַל), אַז דאָרט וועלען מיר מוזען פאַר זיך שאַפען נייע פּעסער, פּעסער, אַז מיר זיינען אַליעווסקער תושבים און אויף די פּעסער וועלען מיר ערשט באַקומען פּראָפּוסקען וואוהין יעדער פון אונז באַדאַרף און מיט די פּראָפּוסקען וועלען מיר ערשט קענען ווייטער פאָהרען.

פאַרשטאַנען מיט וואָס פאַר אַ הוצאה דאָס שמעקט איז די שטימונג ביי אונז געוואָרען זעהר אַ געדריקטע. ביי אונז איז נאָך געבליבען אַ פּאָר הונדערט רובעל. גראַנאָווסקי האָט ניט פאַרשטאַנען די סיבה פון אונזער פּלוצלונדיגען אומעט און אונז פאַרזיכערט, אַז פאַר דעם אומלעגאַלען זיין אין אַליעווסק האָבען מיר זיך ניט וואָס צו שרעקען. די זשאַנדאַרמעריע וועט דאָך ווי־סען פון אונז, און מיט דעם אַליין זיינען מיר שוין געזיכערט. מיר וועלען קענען ארומגעהן פראַנק און פריי אין גאַס און אפילו אין טעאַטער אריין. איך מיט מיין פרוי וועלען ביי איינעם פון די זשאַנדאַרען האָבען סטאַנציע, דעם קרעמעניצער נעהמט ער, גראַנאָווסקי, צו זיך. אין קורצען:

— באָיאַטסיאַ וואָס ניעטשעוואָ!

באַגלייט איהם ביז דער טיר, געדריקט איהם די האַנט פאַר'ן אָוועקגעהן, איז ער אָוועקגעגאַנגען אַ צופרידענער און מיר זיינען געבליבען מיט אַ נייער זאָרג:

— וואו וועלען מיר נעמען אַזוי פיל געלט?

פיל וועגען דעם ניט געטראַכט: מיר האָבען געהאַט מיט זיך

אביסעל בעל־הבית׳ישקייט: צוויי קישענס, אַן איבערבעט, אַ זילבערנעם רידיקול און נאָך קליינינקייטען, אַפילו גאַנץ נויטיגע זאַכען, אָבער וואָס מ׳קען אין אַ שווערער נויט פאַרקויפען...

---

דאָנערשטאָג, 5טער פעברואַר.

אין אבענד איז צו אונז געקומען לייבא. ער איז גלייך פון דעם פוהר, וואָס איז געקומען פון אליעווסק, געקומען צו אונז מיט אַ פרעהליכער בשורה, אַז מאָרגען קומען נאָך אונז צוויי זשאַנ־דאַרען. ער איז געווען ביי פּרעהליכמאַנ׳ען. ער איז אומיסטען געגאַנגען אהין, צו פרעהליכמאַנ׳ען, הערען וואָס ס׳הערט זיך, און דאָרטען האָט מען איהם געזאָגט, אַז מאָרגען קומען נאָך אונז צוויי זשאַנדאַרען.

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט...

יאָ, די בשורה איז געווען זעהר אַ גוטע. אָבער איינצייטיג זיינען מיר געבליבען שטעהן ווי הינטער אַ בלינדער וואַנט: וואָס איז דאָס? צי וועלען עס יענע קומען בהסכם מיט גראַנאָווסקי׳ן? און אויב איינער פונ׳ם אַנדערען ווייס ניט, קען זיך דאָ פאַר־פּלאָנטערען אַ געשיכטע מיט גאָרניט קיין ליכטיגע פּערספּעקטיווען פאַר אונז.

מיר האָבען דערצעהלט לייבא׳ן, אַז גראַנאָווסקי איז דאָ געווען און וואָס מיר האָבען מיט איהם געמאַכט, און געפרעגט ביי לייבא׳ן, וואָס ער דענקט וועגען דעם. לייבא האָט אונז פאַר־זיכערט, אַז גראַנאָווסקי איז אַן אָרענטליכער מאַן, אַז ער איז ניט געקומען ביי אונז אויסנאַרען דאָס געלט. יאָ, ער פאַרשטעהט אליין אויך, אַז דאָ איז עפּעס ניט גלאַטיג, אָבער ער קען אַזוי קלוג ניט זיין...

— מויד! — האָט ער פּלוצים אַ זאָג געטאָן צום מיידעל, — וואָס מאַכסטו עפּעס?

ס׳איז אָנגעקומען דער וואַרשעווער מיט׳ן ראָוונער. זיי צווייען זיינען שוין פיל גליקליכער געווען פון אונז דרייען, ווייל

זיי האָבען געהאַט איין וועג און מיר צוויי און ניט געוואוסט אויף וועלכען צו געהן.

און ס'איז שוין טאַקע אויסגעקומען, אז קלוג איז דער וואַר־שעווער. ער האָט זיך ניט צואוואָרפען אויף עטליכע וועגען. אויף עטליכע וועגען מוז מען בלאָנדזשען, און ער האָט זיך באַריהמט, אַז ער האָט געוואוסט פון אונזערע אונטערהאַנדלונגען מיט גראַ־נאָווסקי'ן. דער ראָוונער יאַט האָט זיך געריסען צו אונז געהן, נאָר ער, דער וואַרשעווער, האָט איהם אָפּגעהאַלטען:

— בעסער איין שלעכטער וועג, איידער צעהן גוטע... — און ער האָט שוין זעהר פיל געשמייכעלט, געוויזען די פאָדערשטע צוויי גילדערנע ציין.

א גאַנצען אָוונט האָט מען גערעדט וועגען דעם און מען איז צו גאָרניט געקומען. איינער האָט געזאָגט, מיר זאָלען וואַר־טען אויף די זשאַנדאַרען. א צווייטער האָט געזאָגט, אַז מיר זאָלען ניט וואַרטען און פאָהרען צו דער באַנע, ווי מיר האָבען אָפּגערעדט מיט גראַנאָווסקי'ן. דערפאַר איז באַזונדערס לייבע געשטאַנען:

— איך הייס אייך פאָהרען!

— און וואָס וועט זיין, אַז די צוויי זשאַנדאַרען וועלען קומען אהער און אונז דאָ ניט טרעפען, וואו זיינען מיר אהינ־געקומען?

ס'איז שלעכט! אַלע האָבען פאַרשטאַנען, אַז ס'איז שלעכט, אַז אונז דרייען איז שלעכט...

— נו גוט; גראַנאָווסקי האָט ניט געמיינט אויסצונאַרען ביי אונז דאָס געלט. אָבער אַז מיר וועלען מיט איהם ניט פאָהרען, וועט דאָך זיין אַ כשר'ע לעפעל און אַ כשר'ער טאָפּ. ער וועט האָבען אַ טענה, פאַר וואָס זיינען מיר ניט געקומען, און מען וועט איהם מוזען גלויבען, ווען ער וועט זאָגען, אַז דאָס געלט האָט ער שוין אוועקגעגעבען. אַנדערש וואָלט געווען, ווען מיר קומען און איהם גיט זיך ניט איין אונז אַריבערצופיהרען.

— קומט אויס, אַז מיר דאַרפֿען טאַקע יאָ פאָהרען צו דער באַיניע?

און די לייט וואָס וועלען קומען נאָך אונז וועלען עס אויך ניט טאָן צוליב עולם הבא...

דאָ זיינען די בעלי־בתים אונזערע ארויס מיט אַ סך לשון וועגען דעם פרעהליכמאַנ׳ען; ער איז אַ הויט־שינדער, אַט דער פרעהליכמאַן. ער איז אַמאָל פאַר ניקאָלאַיען געווען אַ סטאַ־ראָסטאַ, אַט דער פרעהליכמאַן, קענען זיי איהם פאַר אַ באַרייסער. פאַר אַ ליאַדע שטיקעל פּאַפּיר, וואָס מען האָט ביי איהם באַ־דאַרפט באַקומען, האָט ער די הויט געשונדען.

— פרעהליכמאַן מיט די טעכטער!...

ער האָט זיך שוין פון אַזעלכע געשעפטען אַ גרויסע שטוב אויסגעבויט, מיט פיל צימערען און קאָרידאָרען.

לייבע, דער ניט־שטאַרק פרומער לייבע, האָט זיי צוויי מאָל, בנשימה אחת, געזאָגט:

— מ׳טאָר ניט ריידען, מ׳טאָר ניט ריידען...

איך האָב שוין באַמערקט, אַז אונזערע שטוב־לייט האָבען אַ שוואַכקייט אויף יעדען מלשין צו זיין און אין די אויגען צו חנפה׳נען. זיי האָבען גע׳חנפ׳עט לייבא׳ן:

— לייבוניו!

ער האָט געבראַכט מיט זיך פון שטאָדט אַ זאָדיק אין אַ זעקעל, געבראַכט צום אַלטען אויסצוטרייבערען. לייבא איז גע־ווען שטאַרק צופרידען, וואָס ער איז געפאָהרען און האָט עס גע־בראַכט, אַניט וואָלט דאָ קיין איד ניט געהאַט קיין פלייש אויף שבת.

— מאָהלט אייך, אַז איך וועל שוין אין דעם גאָרניט פאַר־דינען!

ער האָט ארויסגעשלעפט דעם זאָדיק פלייש פון זעקעל און דערצעהלט, אַז די סטראַזשע האָט עס געוואָלט צונעמען ביי איהם, האָט ער איהם אויסגעקויפט דעם זאָדעק מיט אַ פונט צוקער און אַ האַלב צעהנדליג הערינג.

— דאָס נאַט אייך, און דאָס לאָזט פאַר מיר.

מ׳האָט שוין וועגן אַנדערע זאַכען גערעדט, און אָן אונז דריי האָבען שוין אַלע פאַרגעסען.

מיר האָבען אַלע איהם דאָך געדאַנקט פאַר׳ן אוועקגעהן פאַר דער גוטער בשורה זיינער, און ווי ער האָט נאָר הינטער זיך צוגעמאַכט די טיר, האָט די אַלטע געזאָגט:

— אַניט איז דאָס אמת, אַז מ׳האָט איהם דעם זאָדעק פלייש געוואָלט צונעמען. דאָס זאָגט ער שוין אומיסטען, כדי ער זאָל קענען שינדען די הויט.

— ס׳איז שוין איינמאָל אַ לייבעלע! — האָט דער אַלטער געזאָגט.

— אַזוי פיל מכות זאָל זיך איהם זעצען וויפיל פינפער רובלען ער וועט אינ׳ם זאָדעק פאַרדינען, — האָט דאָס מיידעל געזאָגט.

דער אַלטער האָט איבערגעקערט די דעק פון טיש אויף דער לינקער זייט, ארויפגעלעגט דעם זאָדעק, אָנגעטאָן די ברילען, און ווי אַן אָפּעראַטאָר צוגעגאַנגען מיט׳ן מעסער און זיך פאַרטיפט אין דער ארבייט, אַ שניט דאָ, אַ שניט דאָרטען, און געשלעפּט איין אָדער נאָכ׳ן אַנדערען. מיר זיינען אַלע געזעסען ארום טיש און געקוקט דעם אַלטען אָפּעראַטאָר אין די הענט אריין.

פרייטאָג, 6טער פעברואַר.

דער קרעמעניצער האָט גאַנץ פריה אויפ׳ן ניכטערען הארצען געזאָגט:

— קאַק נאַם ניע ועזיאָט!

ביי אונז איז נאָך אַלץ ניט געווען באַשלאָסען וואָס צו טאָן, און ניט באַשלאָסענערהייד האָבען מיר פאַרפּאַקט דאָס וואַרימע געלעגער און זיך אוועקגעשטעלט קוקען אין די פענסטער. אַלע דריי האָבען מיר געקוקט. די צייט האָט זיך אומ׳רחמנות׳דיג לאַנג געצויגען. מיר האָבען געקוקט אין די פענסטער אַ שעה, צוויי און דריי. ס׳איז צוועלף, ס׳איז איינס. די זשאַנדאַרען

קומען ניט, און מיר־האָבען ניט געוואוסט וואָס פאר א שעה זיי דארפען קומען. ס'איז שוין צוויי אזייגער.

— מ'מוז פאָהרען, — האָב איך געזאָגט.

איך האָב די לאגע ערקלערט פארוואָס מיר מוזען פאָהרען. די זשאנדארען קענען ניט קומען אויך. מיט גראנאָווסקי'ן אָבער איז א זיכערע זאך. גראנאָווסקי וועט דאָרטען אין דער באָינע וואַרטען אויף אונז. קומען מיר ניט, איז דאָס געלט אונזערס פארפאלען, און אָהן געלט וועלען מיר דאך מיט יענע, אפילו ווען זיי וועלען קומען, אויך ניט קענען פאָהרען, און מיר וועלען דאָ ווייטער זיצען אבי געזונט...

ווייטער אָפציהען איז אונמעגליך געווען. מיר האָבען גע־כאַפּט א פוהר און אוועקגעפאָהרען. געקומען אין באָינע, האָבען מיר געטראָפען דעם אלטען קריסט און די ווייב זיינע, וואָס איז געלעגען קראנק אויף טיפוס. דער אלטער האָט אונז גלייך אי־בערגעגעבען, אז גראנאָווסקי איז דאָ געווען און געוואַרט אויף אונז, געוואַרט און אוועקגעגאנגען, און פאר'ן אוועקגעהן אָנגע־זאָגט, מיר זאָלען וואַרטען אויף איהם.

מיר זיינען אלע דריי געשטאנען, מורא געהאַט צו שטעהן און מורא געהאַט זיך אוועקצוזעצען. די קראנקע האָט אָהן אויפ־הער גערעדט פון היץ. אונז פרעמדע האָט זי אָנגענומען פאר איהרע נאָהענטע פריינד, האָט אונז גערופען מיט די נעמען וואָס איהרע פריינד הייסען. דער אלטער האָט זיך געקלאָגט פאר אונז, אז ער האָט איהר ניט מיט וואָס דאָס לעבען צו דערהאלטען, אז ער האָט איהר מעהר ניט צו געבען ווי הייסע וואסער און שווארץ ברויט. מיר האָבען איהם געגעבען פינף און צוואנציג רובעל. ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט אונז פון גרויס גדולה און דאנקבארקייט, און האָט שוין זעהר פיל שלעכטס גע־רעדט אויף זיינע גלויבענס־גענאָסען, אויף די פּאָליאַקען. דאָס איז איהם אזוי שלעכט זינט די פּאָליאַקען האָבען זיך דאָ אונטער זיין נאָז באַזעצט... ער איז ביי זיי פארדעכטיגט. זיינע צוויי טעכטער זיינען ארעסטירט. ער האָט אַזש געלאַכט פון וועהטאָג,

דער רוסיפיצירטער פּאָליאַק: די קלענערע זיינע איז אין גאַנצען זעכצעהן יאָהר אַלט, אַ קינד, און ווייסט אזוי פון באָלשעוויזם פונקט ווי ער ווייסט אין בוכהאַלטעריע... זיצען זיי אין סאַרנע אַרעסטירט, די צוויי טעכטער, און ער הערט ניט פון זיי און ווייסט ניט פון זיי.

דערצעהלענדיג זיין ביטערע לאַנגע האָט ער דאָך אָן אונז ניט פאַרגעסען און האָט פון צייט צו צייט אַ קוק אין פענסטער געוואָרפען, און דערזעהן גראַנאָווסקי׳ן האָט ער אין זיינע אייגענע צרות פאַרגעסען און מיט שמחה אויסגערופען:

— אָט געהט גראַנאָווסקי!

אין זיין אריינגעהן איז שוין געווען צו דערקענען, אַז ס׳איז עפּעס ניט פרעהליך. אַוועקגעזעצט זיך, אָנגעשפּאַרט ביידע עלענבויגענס אויף די קני, מיט ביידע הענט אַ ריב געטאָן דאָס פּנים און נאָך אַ לאַנגער פּויזע האָט ער געזאָגט:

— ניטשעוואָ!

און דערצעהלט, אַז דער נאַטשאַלניק פון דער סטראַזשע האָט געזאָגט, אַז ער קען פּאַר אַזאַ זאַך, ווי דורכלאָזען מענשען אונ־לעגאַל די גרענעץ, ריזיקירען מיט זיין קאָפּ. ער האָט שווייגענדיג אַרויסגענומען דאָס בייטעל און אונז אומגעקערט דאָס געלט מיט אַ חיסור פון צוויי הונדערט רובעל. ער האָט זיך פאַרענטפערט, אַז די סומע וואָס פעהלט האָט ער גע׳פּטר׳ט אויף משקה, וואָס ער האָט מכבד געווען די זשאַנדאַרען. נאָכדעם האָט גראַנאָווסקי אַרויסגערופען אין דרויסען דעם קרעמעניצער און דאָרטען מיט איהם אַ לאַנגע צייט געשמועסט. אַריינגעגאַנגען צוריק איז שוין גראַנאָווסקי נאָר צו געזעגענען זיך. ער האָט זעהר שטאַרק באַ־דויערט וואָס פון זיין אונטערנעמונג איז גאָרניט געוואָרען און האָט זעהר מיטלייד געהאַט מיט אונז. ער האָט געזאָגט מיט אַ שמייכעלע:

— וסיאָ פּראַטיוו וואַס.

נאָך מיין אַוועקגעהן האָט דער קרעמעניצער אונז דערצעהלט, אַז גראַנאָווסקי האָט איהם פאָרגעשלאָגען אַריינצוטרעטען אין

דער געהיים־פּאָליציי, און אויף אַזאַ אופן, הייסט עס, וואָלט ער איהם געקענט אריבערנעמען אין שטאָדט אריין. דער קרעמע־ניצער, פארשטעהט זיך, האָט זיך פון אזא מיטעל אָפּגעוואָרפען.

זיינען מיר געשטאַנען אין ענגען שמוציגען שטיבעל, וואו עס איז געלעגען אויף ברודיגע קישענס א טיפוס־קראַנקער און האָט געזרעדט פון היץ. מיר זיינען געשטאַנען מיט מורא צו שטעהן דאָרטען און ניט געהאַט קיין פוהר צוריקצופאָהרען. ענדליך האָבען מיר זיך דערוואַרט אויף א פּאָר אָקסען געשפּאַנט אין א שליטען, ארויפגעוואָרפען אונזערע זאַכען און השיבנו!...

די זאַכען זיינען געלעגען אין שליטען און מיר זיינען נאָכ־געגאַנגען, נאָכגעגאַנגען ווי אבלים נאָכ'ן קאַטאַפאַלק... דעם גאַנ־צען וועג קיין וואָרט ניט גערעדט. צווישען שטילקייט פון א וואלד און סאָסנע־בוימער, וואָס האָבען מיט זייער גרויקייט דער־מאָנט א ווייט, וועיט פארגאַנגען שטיק לעבען, א זומער... מיט בוימער... מיט דיר און פאַר דיר... איצט איז עפּעס אזוי ווי דער וואלד וואָלט קיין וואלד ניט געווען און די בוימער וואָלטען קיין בוימער ניט געוועזן, און דו ניט דו... פארפרעמדט איינס פון דאָס אנדערע פון לאַנג־יעהריגער אָפּגעריסענקייט... וואלד און בוימער, וואָס שטעהען מיט גרויסקייט, טיפקייט און ברייטקייט, זיינען ברוגז אויף מיר, און איך געה מיט רוגז, געה פארביי מיט א מורא צו געהן וואו איך געה און מיט נאָך מעהר שרעק אראָפּצוקריכען פון וועג... זיין גרויסקייט און ברייטקייט איז — ענג פאַר מיר. מיט שרינט אָפּגעטיילט בוימער פון בוימער, וואלד פון וואלד, מיט א שליאך אויף ארומצודרעהען זיך הין און צוריק און ערגעץ ניט צו קומען... וואו ניט וואו האָט זיך א פויגעל־געזאַנג געלאָזט הערען, א געזאַנג פון גרויסער פרייהייט, פון פרייהייט אין וואלד און איבער'ן וואלד, פון ברייטער מעגליכקייט אריבערצופליהען פון איין אָרט אויפ'ן אַנדערען.

מיר זיינען געגאַנגען צוריק, נאָכגעגאַנגען שליטען און זאַכען, צוריק אין דאָרף אריין, פון וואַנען מיר זיינען ארויסגעפאָהרען מיט דער זיכערקייט שוין צוריק זיך ניט אומקערען... צוריק אין

דער זעלבער שטוב אריין, מיט די ווערעמדיגע מענשען, וואָס האָ־בען אונז אזוי אומ׳ברחמנות׳דיג באַריסען.

מיט׳ן זעלבען געפיהל ווי עס קומט אריין אַז אָבל אין שטוב אריין נאָך דער לויה, אזוי זיינען מיר אריין אין שטוב, ניט גע־ענטפערט אויף דער נייגעריגקייט פון מענשען, און אויף אַלעס וואָס זיי האָבען געפרעגט האָבען מיר געשוויגען.

ס׳איז שוין געווען נאָך ליכט־בענשען. אַ פּאָר אידען פון דאָרף זיינען שוין געקומען דאַווענען, געזעסען מיט קויטיגע העל־זער און אין שבת׳דיגע קאַפּאָטעס, און אויך צווישען די שבת׳דיגע אידען האָב איך זיך דערפיהלט ווי אַ גוי, וואָס ווייס אַ סך פון אידישקייט און פיהלט זיך נאָך אַלץ פרעמדליך מיט שבת און אידען צוזאַמען; האָב מיך אָפּגעטיילט פון דער שבת׳דיגער שטוב און פון די שבת׳דיגע אידען, בין מיר אריין אין האַלב־פינסטערען און ווארעמדיגען אַלקיר און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.

שבת, 7טער פעברואַר.

אַ גאַסט געקומען מיט שמייכעל און יוגענד־גלאַנץ. אויסער־געוועהנליך שעהן, הויך און ברייט, מיט אַ גרויסען, שעהנעם קאָפּ, מיט גרויסע, הערליך־שעהנע און קינדערש־מילדע אויגען. אריינגעקומען צו אונז, ווי צו זיינע, און געזאָגט „דזשען דאָברי״, און אויבערפלעכליך אַ פרעג געטאָן עפּעס ביי אונז וועגען אונז, און עס איז שוין קענטיג געווען אין זיין פרעגען, אַז ער האָט פריהער פאַר׳ן ענטפער געוואוסט וואָס מיר וועלען ענטפערען. מיר האָבען איהם געבעטען זיצען, און ער האָט זיך ניט לאַנג געלאָזט בעטען און ווי אַ גבור־ציד אראָפּגעוואָרפען פון זיך די שווערד און דאָס היטעל און זיך געזעצט ביים טיש ברייטליך און פריינדליך, ווי ער וואָלט שוין ביי זיך געוואוסט אַז ער וועט ביי אונז אַן אָנגעלעגטער גאַסט זיין. מיר האָבען זיך אויך געזעצט און זיך צורעדט מיט איהם, און ער מיט אונז, ווי פון יאָהרען־לאַנג באַקאַנטע. אַ פּאָר שעה איז ער ביי אונז געזעסען און די גאַנצע צייט ניט אויפגעהערט פון זיך מעשיות צו דערצעהלען,

פון זיך און פון אַנדערע, פאַר די גאַנצע זעקס יאָהר מלחמה, פון דער גאַנצער צייט פון דעם וועלט־קריג, פון דעם בירגער־קריג און פון דער לעצטער מלחמה צווישען פוילען און רוסלאַנד.

ער האָט ביי אונז טיי געטרונקען און צוגעביסען. מיר זיינען שטאַרק צופרידען געווען, וואָס ער טרינקט און עסט ביי אונז, צופ־ידען געווען ווי מיט אַן אַלט־באַקאַנטען פריינד. ער האָט גאָר, זעהט אויס, איינגאַנצען פאַרגעסען, אַז ער איז אַ פּאָ־ליאַק און מיר זיינען אידען, און שוין גאַרניט ווי קיין פּאָליאַק אָפּענהערציג גערעדט... אַן אויסערגעוועהנליכער בחור'עץ!

פאַר'ן אוועקגעהן זיך הערצליך געזעגענט, האַנט אין האַנט געדריקט, און איז ווי אַ פריינד פון פריינד אוועקגעגאַנגען.

זונטאָג, 8טער פעברואַר.

ארום דריי אַזייגער בייטאָג האָט זיך דער זעלבער זשאַנדאַר מיט נאָך איינעם באַוויזען; דער צווייטער, אַ הויכער, אַ דאַרער, האָט זיך געהאַלטען שטרענג, זיך אויסגעפרעגט ביי אונז דאָס, וואָס ער האָט שוין זיכער פון יענעם וועגען אונז געוואוסט און דאָס וואָס אַזאַ אָפיציעלע פּערזאָן מוז אין אַזאַ פאַל פרעגען. דער קרעמעניצער האָט מיט איהם פויליש גערעדט, און דער זשאַנדאַר האָט ביי איהם פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן: ווען ער איז געווען אין וואַרשאַ. דער קרעמעניצער האָט געענטפערט, אַז ער איז קיינמאָל אין וואַרשאַ ניט געווען.

— ביזט קיינמאָל ניט געווען אין וואַרשאַ? — האָט דער זשאַנדאַר אַ פרעג געטאָן מיט אַ טשיקאַווע, ביטרע שמייכעלע.

דער קרעמעניצער האָט דאָס זעלבע געענטפערט אַז ער איז נאָך אויף זיין לעבען אין וואַרשאַ ניט געווען און יענער האָט שוין מיט ביטול און חוצפה נאָך אַמאָל איבערגעפרעגט:

— ביזטו, הייסט עס, גאָר אין דיין לעבען אין וואַרשאַ ניט געווען?

דער קרעמעניצער האָט זיך ענדליך געכאַפּט, אַז דאָס מוז דער זשאַנדאַר אודאי מיינען, אַז ער איז דער וואַרשעווער.

— דאָ איז דאָ איינער וואָס איז געווען אין וואַרשאַ. אַ וואַרשעווער.

באַלד געגעבען צו וויסען דעם וואַרשעווער און יענער איז באַלד געקומען און איהם אָנגעקוקט און באַטראַכט, געפרעגט אויף זיין פּאַס, האָט ער באַוויזען. האָבען זיי אַריינגעקוקט ווי אין אַ באַקאַנט ביכעל אַריין און אַריינגעוואַליעט זיך צו אונז אין אַלקיר אַריין, וואו די פרוי מיינע איז געלעגען אַ פאַרטשאַדעטע פון סאַמאָוואַר, וואָס מען האָט אויפגעשטעלט מיט דעמבענע קויהלען, און געזאָגט האָט דער נעכטיגער זשאַנדאַר, אַז מיר פאָהרען מיט זיי, האָט אַ קוק געטאָן אויף אונזערע זאַכען, זיך בייז־מוטיג פאַרקרימט און געפרעגט וועמענס זאַכען דאָס זיינען. און באַקומענדיג אָן ענטפער, האָט ער עפּעס אַ טראַכט געטאָן און עפּעס ווי מיט זיך אַליין אַ ישוב געכאַפּט, אַ זאָג געטאָן צו זיין קאָלעגע, אַז אונז צווייען איז נאָך פריהצייטיג צו נעמען, ווייל מיר זיינען מיט פיל פּעקלאַך און ווער ווייס, אפשר וועט נאָך אויסקומען צוריק צו פאָהרען.

און טענה׳ען איז ניט געווען צו וועמען, פאַרפאַלען. ס׳פאָהרען נאָר זיי צווייען, דער קרעמעניצער און דער וואַרשעווער.

דער קרעמעניצער האָט אָנגעטאָן איין פּאַלטאָ אויפ׳ן אַנדערען, האָט זיך מיט אונז געזעגענט און געוויינט ווי אַ קליין קינד און צוגעזאָגט אַלעס צו טאָן וואָס ער וועט קענען, מ׳זאָל וואָס גיכער נאָך אונז קומען. דער וואַרשעווער האָט אויך דאָס זעלבע מבטיח געווען.

ווידער געבליבען אויף צרות און אויף אומבאַשטימטער וואַרטעניש, פאַר׳יתומ׳ט איז מיט אונז געבליבען דאָס ראָוונער בחור׳ל. ער איז געזעסען און אומעטיג געשוויגען. ער האָט נאָר איינמאָל אַ שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ און געזאָגט:

— מיר זיינען געבליבען...

וועגען בחור׳ל האָבען מיר נאָר איין זאַך געוואוסט: אַז ער האָט אין ראָוונע אַ כלה און פאָהרט צו דער כלה און צו דער כלה האָט ער עס אַ בריף אָוועקגעשיקט.

פרעהליכער איז מיט איהם ניט געווען מיט דעם בחור'ל. זיין אנוועזענהייט האָט נאָך גערדיכטער און האַרטער דעם אומעט געמאכט. ער איז געזעסען ווי אַ יונג מעלאַנכאָלישער האָנטשיק צווישען טאָג און נאכט, וואָס האָט נאָך זיין פּלאַץ און אָרט ניט געפונען. דאָס אַלטע פּאָר פּאָלק האָבען אַזוי פיל אַלטע זאַכען גערעדט, אום אונז צו באַרוהיגען. די אַלטע איז שוין עפּעס אין גאַנצען ווי אַ נאָכקרימענעניש פונ'ם אַלטען געווען... זיינס אַ שטיק אַלטקייט אָנגעטאָן אין אַנדערע בגדים... ביי איהר האָט שוין אפילו אַ באָרד אָנגעהויבען וואַקסען. זי האָט זיך איהם נאָכגעשלעפּט פּוס־טריט און גערעדט כמעט דאָס, וואָס ער האָט גערעדט. און גלייך ווי דער קרעמעניצער איז אַוועקגעפאָהרען, האָט זי איהם געגומען באַרעדען. עפּעס האָט זי געוואָלט ביי איהם קויפען און ער האָט איהר ניט געוואָלט פאַרקויפען און באַטראַכט אונזערע פּעקלאַך האָט זי געזאָגט, אַז ווען מיר האָבען זיך פאַרפּאַקט, האָט זי באַמערקט צווישען אונזערע זאַכען אַזעלכעס, וואָס נאָך איהר „דעה" נאָך דאַרפען מיר עס ניט, איז אפשר וואָלטען מיר עס איהר פאַרקויפט... חלילה ניט אומזיסט... זי וויל ניט אומזיסט. ווען מענשען געפינען זיך אין אַזאַ עת־צרה און זעהען ווי אַנדערע מענשען ווילען דיך אויסנוצען, פאַרדריסט עס זעהר און ס'באַליידיגט... אין אַזאַ צייט ווילט זיך האָבען אַרום זיך, אויב ניט קיין פריינד, איז כאָטש מענשען, וואָס זאָלען דיך מיטפיהלען. ס'ווילט זיך הערען אַ געטריי וואָרט... מענשען וואָס געפינען זיך אין אַן עת־צרה ווערען קינדעריש, זיי נויטיגען זיך אין אַ וואַרימער אַטמאָספערע און ווערען פיהלענד ווי קינדער, דערשפּירען גלייך ווער עס איז זיי געטריי און ווער ניט. עס איז שוין געווען זעהר פאַרדראָסיג און באַליידיגענד צו הערען ווי די דריי ליט האָבען אָפּט צווישען זיך גערעדט וועגען אונז, זיך אינטערעסירט מיט אונזער מאַטעריעלען מצב, ניט פון פריינדשאַפט צו אונז, נאָר צוליב זייערע אינטערעסען.

אין אָוועגד איז לייבאַ געקומען צו אונז. ער איז גלייך אַריינגעקומען מיט די ווערטער :

— איהר וועט פאָהרען! איהר וועט פאָהרען! איז נאָך א טאָג, נאָך צוויי, וואָס איז דאָ דער גנאייל?

געפרעגט ביי מיין פרוי אפשר דאַרף זי עפּעס, אפשר פעהלט איהר עפּעס אזעלכעס וואָס זיי, אונזערע שטוב־מענשען, קענען ניט קריגען.

— עסט און טרינקט!

מיר האָבען גערעדט מיט לייבא'ן, צוזאַמען גערעדט וועגען נייעם קלאַפּ, וואָס אונז האָט געטראָפען. און לייבא האָט זיך אויס־געלאַכט. ער האָט געזאָגט, אז די זשאַנדאַרען זיינען לכתחילה נאָך זיי געקומען און ניט נאָך אונז, ווייל ער האָט דאָרטען ביי פרעה־ליכטמאַנ'ען געהערט, אז די צוויי חברה־לייט האָבען א סך געלט צוגעזאָגט... ער האָט אונז אויך קלאָר געמאַכט, פאַרוואָס מיט גראַ־נאָווסקי'ן איז גאָרניט געוואָרען:

— וואָס באַדאַרפען זיי גראַנאָווסקי'ן נאָך וואָס, אז זיי קע־נען דאָס מאַכען אָהן גראַנאָווסקי'ן.

פאַר'ן אוועקגעהן האָט ער געזאָגט:

— א גוטען טאָג, א גוטע נאַכט. זייט געזונד, עסט און טרינקט, ערגערט זיך ניט, איהר וועט אויך פאָהרען.

ס'איז איבערגעגאַנגען איין טאָג און א צווייטער. מיט פיינ־ליכער אָנשטרענגונג געשטאַנען גאַנצע טעג ביים פענסטער און ארויסגעקוקט אויף יענע, וואָס דאַרפען קומען נאָך אונז... פאַר־גלייכט אונזער לאַגע מיט איינעם, וואָס איז יאָהרען־לאַנג מיט נאָך חברים אין תפיסה געזעסען און די חברים האָט מען ענדליך באַ־פרייט און ער איז געבליבען איינער וואַרטען מיט אומבאַשטימט־קייט, מיט ניט וויסען אויף וואָס צו וואַרטען. דאָס איז דאָס פיינ־ליכסטע וואָס א מענשליכע פאַנטאַזיע קען זיך פאָרשטעלען; דאָס איז אזעלכע ענוים קשים, פיל ערגערע ווי איינער לעבט איבער באַקומענדיג דעם טויט־אורטייל און ערוואַרטעט יעדע מינוט מ'זאָל קומען נאָך איהם און דעם טויט־אורטייל איבער איהם אויספיה־רען... אין דעם פאַל האָט דער גייסטיגער אַפּאַראַט צו טאָן מיט

באשטימטקייט; די געפיהלען האקען זיך אָן אין וואנט און בלייבען פארטעמפט אפילו ביי אזעלכע. ווען עס רעדט זיך פון אזעלכע, קומט אמאָל דער אורטייל מיט זיין שוידערהאפטער באַ־שטימטקייט און פארלייכטערט די שווערע ליידען פון אומבאַ־שטימטקייט... מ'קען שוין פיל אזעלכע ביישפילען ברענגען אויף וויפיל אומבאשטימטקייט איז פיינליך פאר דער מענשליכער נשמה... איינער ערווארט פון זיינעם א נאָהענטען און ליבען מענשען עפעס א פינסטערע בשורה צו הערען. די ארומיגע באהאלטען עס פאר איהם און די פאראינטערעסירטע פערזאָן זוכט און שנאָרט און וויל דוקא דערגעהן דעם אמת. ער וויל דוקא זיך דערוויסען דאָס, וואָס איהם איז שרעקליך. דאָס איז פשוט דער באַגעהר פטור צו ווערען פון דער אומבאשטימטקייט. די אומבאשטימטקייט, ווענען וואָס עס זאָל זיך ניט האנדלען, איז א צרעת אויף דעם מענשליכען גייסט. דאָס איז אזא מין לאסט, וואָס די נשמה קען ניט איבערטראָגען... דאָס איז אזא מין צרה, וואָס מ'קען זיך דערצו ניט צוגעוואוינען.

די לעצטע טעג פון ווארטעניש זיינען געווען שוין גאָר ניט אין פארגלייך ערגער פון דער גאנצער צייט, וואָס מיר האָבען אין דאָרף איבערגעלעבט... יעדע מינוט גרויס ווי א שעה, יעדע שעה ווי א טאָג, און יעדער טאָג — אָן אייביגקייט. צייטענווייז האָט זיך מיר געדאכט, אז די צייט האָט זיך אָפגעשטעלט. איך האָב אלע ווײלע געקוקט אויפ'ן זייגער און פיל מאָל האָט זיך מיר געדאכט, אז דער זייגער איז שטעהן געבליבען, ווייל איך האָב די ווייזערס אויפ'ן זעלבען אָרט געטראָפען.

איבערגעגאנגען א טאָג מיט אָן אייביגקייט. צופרידען געווען, וואָס דער טאָג איז אוועק. איבערגעגאנגען א נאכט, צופרידען געוועו וואָס א נאכט איז אוועק. אויסגעמישט טאָג מיט נאכט, מיט דרעמעל און שלאָף. פריה נאכט געמאכט. מיד און צובראָכען פון בייטאָגדיגען גאָר־ניט טאָן, פון ווארטען און בייטאָגדיגען לי־גען מיט אָפענע אויגען און פארמאכטע אויגען און חלומות, וואָס האָבען זיך מיט א וואכעדיגער ווירקליכקייט אויסגעמישט. היינ־

טער פארמאכטע אויגען געזעהן און די גענדאנקען האָבען זיך אין נעבלען געהילט.

און די צייט, וואָס האָט זיך געדאכט — זי שטעהט — איז דאָך איבערגעגאַנגען, און, דאַנקען גאָט, מיטוואָך דערלעבט. אָבער דער מיטוואָכדיגער טאָג איז אומבאמערקט אוועק, ווייל אין דאָרף איז עפּעס אַ שרעקליכע זאַך געשעהן. נאָך גאַנץ פריה ווי מיר זיינען אויפגעשטאַנען, האָבען מיר דערהערט, אַז דאָס דאָרף רו־דערט, און גלייך האָבען מיר זיך פון אונזערע שטוב־מענשען, וואָס זיינען אויפגעשטאַנען פריהער פאַר אונז, דערוואוסט, אַז ביינאַכט איז ביי צוויי פּויערים גנבות געשעהן: ביי איינעם און אַ צווייטען האָט מען גאַנצע קאָרצען תבואה ארויסגענומען, און דער עיקר איז געוועזן דאָס, וואָס מ'האָט די גנבים געכאַפּט. זיי ליגען ערגעץ געבונדען און ביי לייבא'ן אין שטוב קומט שוין פאַר דאָס געריכט מיט דעם סטאַראָסטאַ אַן דער שפּיץ, און דאָס דאָרף ווארט אומ־געדולדיג אויפ'ן משפּט, וואָס וועט פון דאָרטען ארויסגעטראָגען ווערען.

אַז ס'זיינען שוין אַזעלכע גנבות פאָרגעקומענן אין דאָרף, האָב איך שוין ניט איינמאָל געהערט. די גנבות האָבען אָנגענומען אַן עפּידעמישען כאַראַקטער, אַ דאַנק דעם וואָס דאָס דאָרף איז אָפּ־געריסען געוואָרען פון שטאָדט און די פּויערים, וואָס האָבען באַ־זעסען וויינציג ערד און פלעגען ווינטער האָבען ארבייט אין שטאָדט, זיינען אָהן ארבייט געבליבען. פיל פּויערים האָבען אַמאָל געהאַט פּרנסה פון „וואָזקע", דאָס הייסט, פון דעם וואָס זיי האָבען ארויס־געפיהרט געהילץ פון וואַלד, וואָס אַלע ווינטער האָבען אידישע סוחרים געהאַקט; און אַט אַ דאַנק דער מלחמה איז די ארבייט אונטערגעגאַנגען, און נאָך ערגער איז געוואָרען די לאַגע פון דער פאַרפּלאָנטערטער, פאַרקריפּעלטער מלחמה צווישען די באָלשעווי־קעס און פּאָליאַקען; געבליבען ארומגעשניטען פון אַלע זייטען אָהן ברויט און אָהן ארבייט, האָבען זיך די, וואָס האָבען זיך אין דעם און אין יענעם גענויטיגט, זיך געמוזט לאָזען אויף אַזעלכע קרימינעלע מיטלען. דערצו נאָך איז די ארבייט פון גנב'ענען

פארלייכטערט געוואָרען אַ דאנק דעם, וואָס די פּויערים, מורא האָ־בענדיג פאר די רעקוויזיציעס פון די פּאָליאַקען, האָבען די תבואות באהאלטען אויף אזעלכע פּלעצער, וואו עס איז ווירקליך אַ פרעמדען שווער געווען צו געפינען, אָבער אַ היימישען גאַנץ לייכט. עס פאַר־שטעהט זיך, אַז ביי אַזאַ פּרימיטיווער באַפעלקערונג איז איין באַ־העלטער ניט ווייט אוועק פונ'ם צווייטען מיט זיין באהעלטעני־שער ערפינדונג, און ס'האָט איינער פונ'ם צווייטען אומגעפעהר געוואוסט, וואו ביי וועמען די תבואה ליגט באהאלטען, און דער־מיט האָבען זיך באנוצט אָט־די היימישע „גנבים" און זעלטען ווען ס'איז אוועק אַ וואָך אָהן אַ גנבה, אָבער כאַפּען די גנבים האָט זיך עס ערשט דאָס ערשטע מאָל איינגעגעבען.

דאָס דאָרף האָט געקאָכט: דאָ און דאָרטען האָט זיך באַ־וויזען אַ יונגער שייגעץ, אַ יונג שיקסעל, אַ יונגע גויקע מיט אַ „ספּאָדניצע" אויף זיך, אין אַ לייוועגטענער אויסגענייהטער העמד מיט אַרבעל. איינע איז אריבערגעלאָפען צו דער צווייטער און עס קלייבט זיך צונויף אַ רעדעל און מען שטעהט איינינע באַרוועס אויפ'ן שניי און אויף אייז און אַלע כמעט נאַקעט, און גרויס און קליין, אַלע אויף איין מאַניער האַלטען די הענט פאַרלעגט אויף די בריסטען און וואַרימען זיך די פינגער אונטער די פּאַכוועס, און לייבא'ס שטוב איז באַלאַגערט מיט דאָרף, מיט גרויס און קליין, מיט יונג און אַלט און די פענסטער זיינען פון אינווייניג שוואַרץ פון פּלייצעס, אַקסלען, קעפּ, מענשען, און ס'הערט זיך פון דאָרטען אַ ליאַרעם און געפּילדער ווי פון אַ באָד אַרויס און דאָ אין דרויסען וואַרט מען אומגעדולדיג אויפ'ן פּסק־דין, וואָס די „גראָמאַדע" מיט'ן סטאַראָסטאַ אַן דער שפּיץ וועלען אַרויסטראָגען.

אַרום צוועלף אַזייגער האָט זיך פון לייבא'ס שטוב אַ דאָרף אַרויסגעשאָטען, אַ צוגליהט דאָרף, אַ פאַרשוויצט דאָרף, אַן אויפ־גערעגט דאָרף, און צונויפגעגאָסען זיך מיט'ן דאָרף וואָס איז אין דרויסען געשטאַנען, זיינען אַלע אוועק אַהין וואו די גנבים זיינען געלעגען געבונדען.

פון אַ שטעלכעל האָט מען אַרויסגעפיהרט צוויי פּויערים מיט

פעסט־אַרונטערגעבונדענע הענט אויף הינטען. איינעם פון זיי האָט מען גלייך די הענט פריי געמאַכט און גלייך האָט זיך אין זיין צו־דרעהטער, אָנגעשוואָלענער ארבייטער־האַנט א ביקס באַוויזען. דעם צווייטען האָט מען צוגעפיהרט צו א פּלויט און איהם צום פּלויט צוגעבונדען. ער איז געשטאַנען אומבאַוועגליך, טויט־בלאַס און די אויגען האָבען געבלאַנקט ווי שפּיגעלאַך. סאַמע אויף דער מיט קאָפּ איז ווי א בינטעל שטשעטינעס געשטאַנען אויפגעשטעלט א בינטעל האָר, וואָס האָבען אויסגעזעהן הארט און שטעכעדיג ווי שפּיזלאַך; אייניגע האָר זיינען געפאַלען, אַנדערע האָבען זיך אויפגעהויבען. און געקוקט האָט אָט־דער פאַראורטיילטער צום טויט מיט אויגען, אָבער געזעהן האָט ער שוין, דאַכט זיך, גאָר ניט... ס'האָט עפּעס אַרויסגעקוקט פון איהם, און דאָס וואָס האָט אַרויס־געקוקט איז געווען שוידערליך.

— א באַטשי, — האָט זיך געהערט א שושקעריי.

— באַטישטי! — האָט איינער דעם אַנדערען אויף איהם אָנגעוויזען.

און יענער „זלאָדי“, אויף וועמען ס'איז קענטיג אויסגעפאַלען דער גורל דעם צווייטען קאָלעגע צו שיסען, האָט זיך לאַנג גע־פּורקעט מיט דער ביקס מיט זיינע געשוואָלענע הענט, און דערהערט האָט זיך דאָס קול פון דעם צום טויט פאַר'משפּט'ען:

— נו, שטאָזש, סטרעלאַי!

און יענער האָט אויסגעשאָסען, און א דאַנק זיינע קראַנקע הענט ניט געטראָפען, ניט געטראָפען וואוהין מען דאַרף אויף צו טויטען און יענער איז נאָך אַלץ געשטאַנען א לעבעדיגער און קענטיג אַליין ניט געוואוסט צי לעבט ער נאָך, און אונזין האָט אַרויסגעקוקט פון זיינע לעבעדיגע אויגען, און נאָך א שאָס און א דריטער און אַראָפּגעלאָזט האָט יענער קאָפּ און אַקסעל, האָט זיך אָנגעבויגען צו דער ערד, ווי ער וואָלט שטיל, הכנעה'דיג געדאַנקט פאַר'ן טויט וואָס מ'האָט איהם געגעבען, און איז אַזוי פאַרגליווערט געבליבען.

אָפּבינדען דעם שטעהענדיגען טויטען האָט זיך שוין דווקא

קיינער ניט געכאפּט. ס'איז געווען שטיל, מיילער האָבען גע־שוויגען און איין מענש מיט דעם צווייטען האָבען זיך ווי בגנבה אָנגעהויבען אָנצוקוקען...

ביי אונז אין שטוב האָט מען א גאַנצען טאָג גערעדט וועגען דעם ענין. דער אַלטער האָט גערעדט וועגען דער תורה, וועגען אידען און שפיכת דמים און וועגען גוים גערעדט, אז —

ס'איז שוין גאָר קיין וואונדער ניט וואָס זיי מאכען אויף אידען פּאָגראָמען, אז מ'קען נעמען אַן אייגענעם גוי, וואס איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרען אין דאָרף און מ'קען נעמען בפני כל עם ועדה אין מיטען העלען טאָג און איהם שיסען פאר א פּאָר טעפּ תבואה, וואָס ער האָט ארויסגע'גנב'עט, איז עפּעס א חידוש?...

ער האָט א מאך געטאָן מיט דער האנט און איז אנשוויגען געוואָרען.

דער טאָג איז אוועק אומבאמערקט, די נאכט האָט אָנגעהויבען צופאַלען, און געדאכט האָט זיך מיר, אז דאָ געהט עפּעס א נייע נאכט, א נאכט אַן אומבאקאנטע, א פרעמדע, שרעקליך מיט איהר אומבאקאנטקייט און גרויזאם מיט איהר פרעמדקייט... פון מרחקים קומט זי, פול מיט געשפּענסטער, פון שטעדט און שטעדטלאך פאר־וויסטע, פון פעלדער און וועלדער, פון געגענטען אומבאקאנטע, און זי געהט די נאכט אויפ'ן דאָרף, הייזער און מענשען צו פארגיסען, צו פארדעקען פון טאָג און ליכטיגקייט... א סילועט פון א מענ־שען, וואָס האָט זיך איינגעשטעמפּעלט אין טאָג מיט טונקעלקייט און געדיכטקייט פון מענשען־פיגור און מענשען־געשטאַלט... זי געהט עס פון טאָג צונעמען און איינצושמעלצען אין זיך אין איי־ביגער נאכט און אייביגער פינסטערניש... א נאכט געהט אויף א דאָרף און אויף הייזער, וואו עס זיצען מענשען רוהיגע, גוטמוטיגע, מיט פינסטערע מוחות און באַגריפען... מענשען טויזענד מאָל בעסער פון שטאָדטיגע און צוויי טויזענד מאָל ערגער...

אין איין פענסטער, אין א צווייטען האָט זיך פייער און ליכ־טיגקייט באַוויזען און פאַנטאַסטיש האָבען אויסגעזעהן די פיגור־

רען, וואָס האָבען זיך אין די הייזער ארומגעדרעהט. אמאָל איז איין פענסטער, אמאָל א צווייטער פארגאָסען געוואָרען מיט א שאָטען פון א מענשען און פארשטעלט מיט זיך פייער און ליכטיגקייט און זיך אליין. און מ׳האָט ניט געקענט באמערקען ווי דער מענש שטעהט ,צי מיט׳ן פנים צום פענסטער, צי מיט׳ן פנים אין שטוב אריין... געדיכטע, מאסיווע נאכט־שאָטענס אין הייזער, שאָטענס ווי מענשען און מענשען ווי שאָטענס... מיר האָט זיך געדאכט, אז אין יעדער שטוב דרעהט זיך שטיל ארום די פיגור פונ׳ם געשאָסענעם. מיר האָט זיך געדאכט, אז ער האָט זיך אויף אייביג באזעצט אין יעדער שטוב און אז אייביג וועט ער זיך ווי א פינסטערער גייסט ארומדרעהען צווישען ליכט און שאָטען.

ניט געוואלט מעהר קוקען און פארשארט איין פארהאנגעל נאָכ׳ן צווייטען. געוואָלט זיך אָפּגרעניצען פון נאכט און דאָרף, מיט שטוב און ליכטיגקייט... איך האָב געקוקט אויפ׳ן אלטען אידען. געקוקט אויף איהם מיט ליבע דערפאר וואס ער איז א איד, דערפאר וואָס ער וואָלט ניט געקענט טאָן אזעלכעס וואס א גוי קען טאָן. ער האָט געדרויכערט א גרויסען ציגאר פון גודיליע, געוויקעלט אין פראָסטע גראבע פאפיר. ביי יעדען ציה וואס ער האָט געגעבען, האָט זיך ביי איהם אן אויג צוגעמאכט, און ס׳האָט א בלישץ געטאָן דאָס גליהענדע פייערל פונ׳ם ציגאר.

— איהר האָט שוין געדאווענט מעריב, ר׳ שלמה?

— מעריב?... וואָס קעהר זיך דאָס אָן מיט מיר?... איך האָב געוואלט איהם הערען דאוונען מעריב...

ביי דער הרובע זיינען געזעסען די אלטע מיט דער טאָכטער און צווישען זיי די פרוי מיינע.ביידע האָבען גערעדט צו איהר. זיי האָבען איהר געגעבען האָפענונגען, אז מיר וועלען גיך אָפּפאָהרען פון דאנען, און די פרוי מיינע האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ יאוש׳דיג און האָפנונגסלאָז.

* * *

א גאנצע נאכט, יאָ געשלאָפען, צי ניט געשלאָפען, האָט זיך מיר געדרעהט דאָס בילד פון געשאָסענעם און דוקא אין וואָכע־

דיגען צושטאנד האָב איך איהם געזעהן א לעבעדיגען... איין מאָל האָב איך מיט אָפענע אויגען געזעהן ווי ער טראָגט אויף זיינע פּלייצעס פיל־פיל קעסטעלאך מיט באלויכטענע פענסטערלאך און אין די פענסטערלאך דרעהען זיך שאָטענדלאך פון מענשען ארום.. ער שפאנט, ער געהט ערגעץ אין זיינע א וועג און טראָגט דאָס גאנצע דאָרף אויף זיינע פּלייצעס...

איך האָב געטראכט, אז מיינע נערוועז זיינען שוין זעהר קראנק, ווען איך קען מיט אָפענע אויגען אזעלכעס זעהן, און ס'האָט מיך געשווידערט פון דעם איינציגען געדאנק, איך זאָל נאָך דאָ פון זינען ניט אראָפּ...

ווייט אין טיפקייט פון נאכט, אין נאכטיגער גרויסקייט פון ניט שלאָפען און יאָ שלאָפען, האָט זיך פּלוצלינג דערהערט א טופּעריי אויפ'ן בריקעל און א קלאַפּ אין טיר מיט א פּויילישער פראזע ווענען עפענען. געווען זיכער, אז דאָס איז מען געקומען נאָך אונז. האָבען מיר ביידע געציטערט פאר דעם ביינאכטיגען וויזיט... אימיצער פון אונזערע שטוב־מענשען האָט זיך מיט באָרוועסקייט דורכגעטראָגען איבער דער שטוב און ערגעץ אין דער שטילקייט פארגליווערט געבליבען...

ס'איז שוין קיינער ניט געשלאָפען. פון אלע דריי צימערען האָבען זיך הויך שטימען אריבערגעדרעהט און אין יעדען קול האָט זיך געשפּירט אומרוהיגקייט און שרעק.

דער שרעק איז געווען אן אומזיסטער, דאָס האָבען שקצים וואָס זיינען ארומגעגאנגען אויף דער „װארטע" געוואָלט די אידען איבערשרעקען.

און נאָך שפּעטער, נאָך טיפער אין דער נאכט, ליגענדיג אין דרימעל, וואָס איך האָב מיט געוואלד אויף זיך אָנגעװאָרפען, האָט זיך פּלוצלינג ערגעץ אין מיר אין די טיפסטע טיפענישען פון מיין נשמה, האָט זיך א שפּאַלטונג פון א וואונד געעפענט. בליץ־שנעל האָט ערגעץ די נשמה מיינע א קראַץ געקראָגען, מיט שווארצען בליץ זיך דורכגעטראָגען און איך האָב מיך אויפגעכאפּט.

אין גאַנצען געפּיבערט פון אומבאַוואוסטען און אונבאַגרייפ־ליכען שרעק... עס האָט מיט מיר געוואָרפען אין מיר און מיט מיר... דער גאַנצער מח האָט געפלאַמט מיט שווארצע פלאַמען... געפלויגען אין טיפע אפּגרונטען, געפלויגען און אין ערגעץ ניט געפאַלען, ווייל די אפּגרונטען זיינען געווען אָהן א סוף, אָהן א גרענעץ...

און איך האָב געמיינט, אַז איך בין שוין פון זינען אַראָפּ, אָבער דאָס אַלעס איז ווידער געקומען פון דרויסען. ווי איך האָב מיך שפּעטער דערוואוסט, האָט איינער, ווידער אַמאָל פון דרוי־סען, א ראַץ געטאָן מיט א שטעקען איבער דער גאַנצער ברייט פון דער וואַנט, נעבען וועלכער דאָס בעט איז געשטאַנען...

דאָנערשטאג, 12טער פעברואר.

אָהן א קרעה פון א האָן האָט זיך אָנגעהויבען די נאַכט צו בלייבען און דער טאָג צו טאָגען... נאָך נאַכט אזוי ווי נאָך טאָג האָט זיך אין איין פענסטערל, אין א צווייטען פייער באַוויזען, ווי נאַכט וואָלט טאָג מיט פייער באַגעגענט...

אויפגעשטאַנען מיר און צובראָכען פון לאַנג ליגען, פון ניט שלאָפען און פון שלאָף מיט ווּיסטע חלומות; אויפגעשטאַנען מיט שאָטענס און מיר פון פלאָנטערנישען, וואָס האָבען זיך אויסגע־וועבט אין האַלב־וואַכעדיגען און האַלב־שלעפּערדיגען צושטאַנד; אויפגעשטאַנען מיט צוגעוואוינטקייט צום דאָרפישען פריהמאָרגען, וואָס קומט גלייך מיט זיין לעהרקייט און פוסטקייט, מיט'ן ניט האָבען וואָס צו טאָן, מיט'ן ניט האָבען וואוהין צו געהן... א פריהמאָרגען וואָס איז גרויס געווען פון פריה אויפשטעהן און וואָס האָט אונטער זיך געהאַט א טאָג נאָך פיל מאָל גרעסער, א טאָג מיט לעדיגקייט, א טאָג מיט פוסטקייט, מיט שטילקייט און געדיכטע, האַרטע רוהיגקייט.

אָפּגעטרונקען טיי, האָב איך מיך ארויסגעכאַפּט אויפ'ן פּאָדוועד און פלייסיג זיך פאַרנומען האַלץ צו האַקען; מיט האַק

און קלין איז ביי מיר געשפּאָלטען געוואָרען איין שטיק האַלץ נאָך דער אַנדערער. איך האָב מיך געפיהלט ווי די נשמה ווערט פון מינוט צו מינוט געלייטערט; וואָס מעהר געאַרבייט, וואָס מעהר פיזישע כחות אַוועקגעלעגט, האָב איך אַלץ געשפּירט ווי דער גייסט מיינער ווערט שטאַרקער און שטאַרקער... עס פאַר־שווינדט איין שוואַרצער שאָטען נאָכ'ן צווייטען און עס ווערט מיר וואַרים אויף דער נשמה און אַ ליבע וואַרימקייט, זיסקייט צוגיסט זיך איבער'ן קערפּער; אַלעס גיסט זיך צוזאַמען: נשמה־לייכטקייט, קערפּער־וואַרימקייט. און אַנטקעגען מיר שטעהט די מעוברת'ע בהמה און ערנסט, מיט מעוברת'ער פאַרטראַכטקייט מעלה־גרה'ט זי, אַט די בהמה מיט'ן פעסעלדיגען בויך, און פון צייט צו צייט פאַלט אַראָפּ פון איהר מויל אַ שטיקעל שוים. זי קוקט אויף מיר, אַט די כשר'ע בהמה. איך דערקען אין איהרע אויגען, אַז איך בין איהר אַ פרעמדער, אָבער עס מאַכט איהר ניט אויס וואָס איך בין דאָ נעבען איהר. איך לאָז זיך צוגעהן צו איהר, וויל זי אַ גלעט טאָן איבער'ן שטערען, גיט זי זיך אַ שפּאַן אָפּ איינמאָל און אַ צווייטען מאָל, אַ דריטען מאָל און אַ פערטען מאָל, מיט פיר פיס אוון שפּאַן, און מעלה־גרה'ט זיך ווייטער. גיט אַ שטעק ארויס די צונג אין איין נאָז־לאָך, אין צווייטען, און פון דער גאַנצער בהמה בלאָזט אויף מיר מיט אזוי פיל וואַרימקייט און היימליכקייט און צופרידענהייט, אַז ער דער־פרישט מיין קערפּער און מיין נשמה. מיט פרישע כחות האָב איך זיך אַ לאָז געטאָן די האָלץ שפּאַלטען. און ווען איך האָב שוין געהאַט אַ גאַנצען באַרג מיט אָנגעשפּאָלטענע האָלץ, בין איך אין שטוב אריין און געטראָפען דאָס ראָוונער בחור'ל.

ער איז זיך געזעסען אין זיין שטילקייט און יונג־בערדעל־דיגער געוויקסענקייט. מיר האָבען זיך איינע די אַנדערע גוט־מאָרגען אָפּגעגעבען.

געפרעגט ביי איהם, ביי דעם אינגעלשען בחור'ל, פאַרוואָס מען זעהט איהם ניט. ער האָט קרענקליך געשמייכעלט:

— ער ווייסט אַליין ניט.

אונזערע שטוב־לייט האָבען עס אויך פארשטאַנען, אַז ער וואָלט דאָ מיט אונז געדאַרפט זיצען.

ער איז געזעסען און געשוויגען, און זעהט אויס, אַז דאָס, וואָס ער האָט באַדאַרפט האָט ער שוין געוואוסט, און זיך פּלוצלונג אַ זאָג געטאָן, ווי ער וואָלט פאַרטגעזעצט אַן איבערגעריסענעם שמועס אָדער אַ געדאַנק:

— אזוי ווי פון יענער וועלט!...

פארשטאַנען, אַז דאָס מיינט ער, וואָס מען הערט גאָרניט פון אונזערע לייט, וואָס זיינען אוועקגעפאָהרען.

געזעסען, און נאָכ'ן זיצען אביסעל געשטאַנען שטיל און אומעטיג, האָט ער געזאָגט „אַ גוטען טאָג" און איז אוועק.

אונזערע שטוב־לייט האָבען אויף דעם בחור'ל געזאָגט:

— אָט אויף וועמען עס איז אַ רחמנות!

מיר האָבען פריה געגעסען מיטאָג, פריה געגעסען ווייל אונזער אידענע האָט פריה צוגעשטעלט און עס איז פריה פאַרטיג געוואָרען. און אָפּגעגעסען פריה, האָט דער טאָג אָנגעהויבען צו וואַקסען. אמאָל צעהן האָב איך זיך צוגעלעגט אויף דער באַנק ביי דער גליהענדער הרובע און אזויפיל מאָל זיך אויפגעהויבען. עס איז געווען שטיל אין שטוב ווי שבת נאָכמיטאָג, און אזוי אומעטיג פון צייט צו צייט האָט זיך דער אַלטער באוויזען, האָט געעפענט אַ טירעל פון דער רויטער שאַפע, האָט זיך דאָרטען אַ ציגאַר פארוויקעלט, פאררויכערט און איז מיט דעם ציגאַר און רויך, מיט אַלטקייט און ווייסקייט צוריק אוועקגעגאַנגען אין צימער אריין, וואו עס זיינען געזעסען ווייב און טאָכטער און אַלע צוזאמען האָבען זיך אמאָל אַ רעד געטאָן צווישען זיך פון שטוב, פון דער בהמה וואָס באַדאַרף זיך קעלבען, פון אַ פוהר האָלץ און וועגען זאַלץ וואָס זיי האָבען געהאַט ביי אימיצען צו קויפען אויף צו פאַרקויפען, און נאָך עפּעס האָט מען גערעדט וועגען אַ גויע און וועגען אַ גוי, וואָס דער לעצטער דאַרף זיי עפּעס געבען און ביי דער לעצטער דאַרפען זיי עפּעס נעמען, און פון זייער געשפּרעך האָט געשלאָגען מיט אזוי פיל באַקאַנטען

שווידערליכען אומעט. איך בין אריינגעגאַנגען צו מיין פרוי אין צימער און געזאָגט:

— חוה'לע, מיך באפאלט שוין ווידער דער אומעט...

זי האָט מיך לאַנג באטראכט, און געזעהן האָב איך ווי די אויגען, וואָס באטראכטען מיך, ווערען אָנגעגאָסען פולער און פולער און אַ טרער פון איין אויג און אַ צווייטער פון צווייטען לויפען ארוים זיך קייקלענדיג געשווינד איבער איהר בלאָסען, אויסגעמאָגערטען קינדערשען געזיכט, איבערלאָזענדיג נאָך זיך צוויי נאַסע גלאַנציגע שנירעלאך...

---

צוויי זיינען אריינגעקומען, ביידע מיט ביקסען, איינער אין דער פאָרמע פון אַ זשאנדאר, דער צווייטער ציוויל אָנגעטאָן. דער ציווילער האָט גלייך ווי ער איז אריינגעקומען אַ פרעג געטאָן, צי עס געפינען זיך דאָ אזעלכע און אזעלכע, און אָנגערופען אונזערע נעמען, די נעמען פון די טאַטעס, די פאַמיליעס און מיט אַ דגוש צוגעגעבען:

— ליטעראַט?

גלייך נאָכדעם, ווי דער ציווילער האָט נאָך אונזערע פאַפירען פעסטגעשטעלט, אַז דאָס זיינען די זעלביגע, אויף וועלכע ער פרעגט זיינען זיי ביידע אריין צו אונז אין אַלקיר און אַ פרעג געטאָן וועגען עפּייעס אַ פעקעל פאַפירען מיט ביכער, וואָס איך פיהר מיט זיך. באוויזען איהם דאָס פעקעל, האָט ער לאַנג גענישטערט, געזוכט, געקוקט אויף די אידישע שריפט מיט'ן קאָפּ אַראָפּ און געפונען אַן אַלבאָם מיט פאָטאָגראפיעס פון אידישע שריפטשטעלער. האָט ער איהם באטראכט, געפרעגט אויף די פאָטאָגראפיעס ווער זיי זיינען און צי בין איך אויך דאָ צווישען זיי. און באוויזען איהם מיין פאָטאָגראפיע, האָט ער זיך געהייסען ווייזען טראָצקי'ן. איך האָב איהם געזאָגט, אַז טראָצקי איז אין דעם אַלבאָם ניטאָ, האָט ער מיר ניט געגלויבט און ווייטער געבלעטערט דעם אַלבאָם, זיך לאַנג צוגעקוקט צו יעדען בילד און דערביי פרעך געשמייכעלט. אָפּגעענדיגט מיט'ן אַל־

באָם, האָט ער דערזעהן אויף דער וואַנט „משה רבנו" און אויף דעם בילד געפרעגט, ווער דאָס איז, און ער האָט שוין געמאַכט אַ צוזאַמענשמעלץ:

— אַ, אַ, יאָינע מאָישע טראַצקי!

געזעהן דאָס האַלטען זיך פון די צוויי לייט, האָב איך גע־טראַכט, אַז מיט אונז איז שוין ווידער עפּעס ניט פרעהליך. ס'האָט מיך געעגבערט אַ פראַגע: פאַר וואָס זיינען נאָך אונז ניט געקומען די זעלבע וואָס זיינען געקומען נאָך יענע צוויי? און אַז שוין יאָ אַנדערע, איז עס דאָך זיכער ניט אָהן דעם וויסען פון יענע; ווייסען זיי דאָך ווער מיר זיינען, טאָ פאַרוואָס־זשע אַזאַ באַהאַנדלונג?

ס'האָט זיך אָנגעהויבען אַ זוכעניש (ביי יענע איז דאָס ניט פאָרגעקומען). מ'האָט געזוכט אין די בעטען און אונטער די בעטען, געשאָקעלט דאָס בעטגעוואַנט, געהייסען צופּאַקען די פּעק־לאַך, נאָכדעם האָט מען אונז באַזוכט און באַטאַפּט. ביי מיר האָט מען אפילו אין די קעשענעס געטרייסעלט, און די גאַנצע ארבייט איז באַגלייט געוואָרען מיט חוזק מאַכען. דער ציווילער פאַרשוין האָט ניט אויפגעהערט צו קייען דעם נאָמען. ער האָט איהם אַזוי לאַנג געקייט ביז ס'איז שוין גאָר ארויסגעקומען:

— זשאָוונע!

נאָכ'ן זוכען, נאָכ'ן טאַפּען, נאָכ'ן נישטערען, האָט ער זיך ערשט אָוועקגעשטעלט אַנטקעגען מיר, געקוקט אויף מיר ציניש, געשמייכעלט מיט חוזק און אַ פרעג געטאָן:

פּאַנסקע נאַזוויסקאָ?

און ער האָט געלאַכט, און לאַכענדיג באַפוילען מיר זאָלען זיך אָנטאָן און געהייסען זיך נאָכגעהן, און די פּעקלאַך ניט גע־לאָזט נעמען. די פרוי מיינע האָט עפּעס געפּראָוווט זאָגען וועגען דעם, האָט דער ציווילער פאַרשוין געזאָגט, אַז אויב מ'וועט אונז ניט מאַכען „כיק" (ווייזענדיג אויף זיין האַלז), וועט מען אונז געבען די מעגליכקייט קומען נאָך די פּעקלאַך, אָבער דערווייל באַפעלט ער אונז צו פאָהרען אָהן די זאַכען.

אין דרויסען איז זייטיג געשטאַנען א שליטען מיט א פּאָר פערד געשפּאַנט. באַפוילען אונז זיך אויסצוזעצען און אַליין מיט ביקסען אויף די אַקסלען האָבען זיי זיך געלאָזט נאָכגעהן נאָך אונז.

מ'איז געפאָהרען פאַמעלאַך, געפאָהרען ווי זיי הינטען זיינען געגאַנגען. און זיי זיינען הינטען אַזוי געגאַנגען, ווי מיר פון פאָרענט זיינען געפאָהרען.

געלאָזט דאָרף און שטיבער, זיינען מיר אריינגעפאָהרען אין וואַלד אריין און דאָ האָב איך ערשט דערפיהלט ווי איינזאַם און שטערבליך מיר זיינען... קיין איין מאָל זיך ניט אומגעקוקט אהינטער, געשפּירט אונטער זיך די צוויי לייט מיט די ביקסען און אָהן אויפהער געפיהלט א ווארים רערעלע אויף דער פּלייצע... געקוקט פאָראויס, האָב איך געזעהן די אָרימע פיגור פון פויער און די פּאָר פערד וואָס זיינען געגאַנגען טריט ביי טריט.

איך מיט מיין פרוי האָבען צווישען זיך גאַרניט גערעדט. געזעסען איינס נעבען דאָס אַנדערע אין פארגליווערט שווייגען, און געטראַכט האָב איך, אַז איך מיט איהר זיינען אין דעם מאָ־מענט אַזוי הילפלאָז, ווי א פּאָר עופות, א הון מיט א האָן, וואָס מ'קען צו יעדער צייט טאָן מיט זיי וואָס מ'וויל, אָהן דער מינדעסטער מעגליכקייט איינס דאָס צווייטע צו באַשיצען...

מיר זיינען געפאָהרען פאַמעליך. די צוויי לייט זיינען אונז נאָכגעגאַנגען פון הינטען און האָבען זיך געוויצעלט איבער אונז און געלאַכט.

פארהעלטניסמעסיג האָב איך זיך געהאַלטען רוהיג. ס'טרעפט זעהר אָפט, אַז מ'כאַפּט א שטאַרקען קלאַפּ, און דער איבר וואָס האָט דעם שטאַרקען קלאַפּ געכאַפּט ווערט פארטעמפּט און פיהלט שוין גאָר קיין וועהטאָג ניט. איך דענק, אַז מענשען וואָס זיינען ווייט פון טויט איז זיי דער טויט שרעקליכער ווי יענע, וואָס געפינען זיך נאָהענט נעבען איהם... איך גלויב, אַז אין אַזעלכע מאָמענטען (מיט גאַנץ מעגליכע אויסנאַמען) ווערען די געפיהלען פארטעמפּט, אָדער מען פאַלט אריין אין אַזאַ מין כאַאָס, אַז מען פארגעסט גאָר אין גאַנצען וואו מ'איז אין

דער וועלט... פאַראַן אין מענשליכען גייסט טיפע, פאַר'ן מענ־שען אַליין פאַרבאָרגענע ערטער, וואס נאָר אין געוויסע מאָ־מענטען אנטפּלעקט עס פאַר איהם, עפּיזאָדען רייכע, גע־פיהלען הויכע און געדאנקען ערפינדערישע... צומאָל, אפּהענגיג פון דעם אין וואס פאַר א נסיון איינער געפינט זיך, וואקסט דער אינדיווידיאום זיך אַליין אַריבער, הויבט זיך אויף העכער פון אַלטעגליכקייט. און באַלויכטען פון א נייער אינערליכער שיין שמייכעלט ער שוין גאָר אַריין דעם הענקער אין פּנים אַריין...

און אַט האָב איך מיך אזוי געטראַכט: ס'געהען אונז נאָך הינטער די פּלייצעס צוויי מלאך־המות'ען... זיי געהען נאָך און טוען דערווייל גאָרניט... צוויי געהען זיי נאָך אונז מיט פיס און טריט... מעגליך, אַז זיי וועלען גאָרניט טאָן, ניט אויסגע־שלאָסען אַז יאָ... ס'איז אָפּהענגיג פון א קאַפּריז... מענשען זיינען דורשטיג נאָך שטאַרקע איבערלעבונגען... זיי, די צוויי לייט, קען זיך פאַרגלוסטען צו זעהן, ווי אזוי צוויי, וואָס זיצען אין שליטען וועלען זיך פּלוצים אומגעריכט א וואַרף טאָן, א קאָרטשע טאָן... זיי וועלען דאָס ניט טאָן. לאָגיש קאָנען זיי דאָס ניט טאָן, ווייל באַקומען א באַפעהל אונז צו אַרעסטירען, מוזען זיי אונז צושטעלען לעבעדיגע, ניט קיין טויטע. אָבער לאָגיק קען זיך בלייבען לאָגיק און זיי קאָנען טאָן ניט לאָגיש. קומען וועט זיי דערפאַר גאָרנישט... נו, רעכט... פאַר וואָס־זשע טוען זיי דאָס ניט? אויף ווען וואַרטען זיי? ...

טויט... וואָס איז דאָס אַזעלכעס טויט? ... א לעבעדיגער קען דאָך קיינמאָל טויט ניט זיין. אזוי לאַנג ווי ער לעבט — לעבט ער דאָך. און א טויטער קען דאָך ווידער טויט ניט זיין. טויט איז ער נאָר פאַר די לעבעדיגע... אימיצער האָט אויסגע־טראַכט אַזעלכעס וואָס איז גאָר אין גאַנצען ניטאָ... אָט זיץ איך און לעב און וועל לעבען אַזוי לאַנג ביז איינער אָדער ביידע וועלען מיך שיסען, און וועל לעבען ביז'ן לעצטען מאָמענט... ס'הייסט אזוי לאַנג ביז וואַנען איך וועל לעבען וועל איך לע־

בען, וועל איך טויט ניט זיין... און טויט וועט זיין פארשטענד־ליך ניט איך... איך" בין געווען „איך" אזוי לאנג ביז וואנען איך האָב געלעבט. נאָכ'ן לעבען, איז אויס איך... האָט, הייסט עס, איינער געלעבט ? ... ניין... ס'האָט גאָר קיינער ניט געלעבט און קיינער ניט געשטאָרבען... גאָר ניט... נאָר פאר די לעבעדיגע האָב איך געלעבט און פאר די לעבעדיגע געשטאָרבען.

איך האָך מיך גאנץ געמיטליך געפיהלט. מיר דאכט, אז אזוי געמטליך קען זיך אמאָל פיהלען א מייזעל, ווען די קאץ שפילט זיך מיט דעם... אָפּגעלאָזט לעבעדיג איין מאָל און א צווייטען מאָל, געכאפט אין די ציין און ווידער געלאָזט פריי... נאָר דעם ערשטען מאָל, ווען ס'איז געכאפט געוואָרען אין די נעגעל, איז דער שרעק געווען גרויס.. נאָכדעם א שפּיל, צווישען נעגעל, ציין און פרייהייט...

דערהערט ווי א ביקס האָט א „שטשאָלקע" געטאָן. איך האָב זיך אינסטינקטיוו הארט צוגערוקט צו מיין פרוי. אין דעם מאָמענט האָט אַ שאָס מיינע אויערען פארטויבט...

— דו האָסט זיך דערשראָקען ? — האָב איך גאנץ שטיל און געמיטליך אַ פרעג געטאָן ביי איהר.

געלאָזט דעם וואלד הינטער זיך און דערנעהענטערט זיך צו שטאָדט, האָט איינער פון די צוויי באגלייטער ארייגעשטרכעט די ביקס זיינע צווישען אונז ביידע. ער האָט עס געטאָן ווי אַ קיילער וואָס פיהרט חזרים צום קוילען, לייגט אַוועק צווישען זיי דאָס מעסער.

דאָס זעלבע אָרט מיט סטויפעקלאך, און דאכט זיך דער זעלבער סאָלדאט. פארבייגעפאהרען די סטראזשע, האָט דאָרט־איינער אין פעלץ און מיט דער ביקס פארוואָרפען אויפ'ן אקסעל, געפרעגט, ווען מ'פיהרט. באקומען אן ענטפער: „ארעסטירטע", און ווייטער געפאָהרען. און זיי, די צוויי זיינען ווייטער געגאַנגען. ענדליך האָט זיך איין אידישע שטוב נאָך דער צווייטער אָנגעהויבען צו באווייזען, די זעלבע שטיבער וואָס איך האָב געזעהן דאָס ערשטע מאָל, ווען מ'האָט אונז פון

דער שטאָדט צוריק משלח געווען. די שויבען האָבען געגלאַנצט מיט פאַרנאַכטיגען זון־אונטערגאַנג, געגלאַנצט מיט דאָפעלקייט פון שויבען, מיט אומעט פון ווינטער, און אונטערגאַנג פון טאָג... באַגעגנט דאָ א אידענע, דאָרט אַ אידען, מיט פרעמד־קייט ביי זיך אין שטאָדט געהילט איד און אידענע, פאַר ווינטער, פאַר קעלט און פאַר שונאים... זיי האָבען געקוקט אויף אונז מיט אידישע אויגען און אידיש שווייגען, אונז באַגלייט מיט געהן אין אייגענעם וועג, און אַהין וואוהין זיי האָבען באַדאַרפט, מיט אומרוהיגקייט פאַר אונז אין אייגענער שטומער הילפלאָזיגקייט. דורכגעפאהרען הייזער, בריק און שטאָדט און זיך אָפגעשטעלט נעבען א גרויסער שטוב, וואו מיר האָבען באַקומען א באַפעהל ארויסצוקריכען פון שליטען. אריינגעפיהרט אונז אין אַ קאָרי־דאָר, א גרויסען, א לאַנגען, פול מיט פינסטערניש, פול מיט קעלט און געעפענט פאַר אונז א טיר, אריינגעלאָזט אונז אין א געוואַלדיג הויך אָנגעהייצטען צימער, וואו ס'איז געלעגען אויפ'ן בעט א בלאַס געזיכט מיט איידעלע צאַרטע געזיכטסציגע, און דערמאָנט האָט ער מיר די אמאָליגע ריטערס, אָדער נאָר פאַר־צייטיגע געטער, וואָס איך האָב געזעהן אין פאַרשידענע מוזעאומס.

דער ציווילער פאַרשוין מיט דער ביקס האָט איהם עפּעס געזאָגט און איבערגעגעבען דאָס „געפעהרליכע" פעקעל, אויף וועלכען דער זעלנער האָט זיך גלייך געפרעגט, גלייך ער איז נאָר צו אונז אין שטוב אריינגעקומען. ארויסגעפיהרט אונז פון צימער און ווידער אין קאָרידאָר, און ווידער אין דרויסען, הקפות געמאַכט ארום דער שטוב, פון אַ צווייטער זייט אריינ־געפיהרט אונז אין אַ גרויסער קיך און דאָרטען האָט אַלץ דער־זעלבער ציווילער פאַרשוין אויפגעהויבען אַן אייזערנעם גאָר־טעל פון א זייטיגער גלעזערנער טיר מיט גראַטעס, אריינגע־לאָזט אונז אין א ברעקעל צימערל און צוריק אראָפגעלאָזט דעם אייזערנעם גאָרטעל אויף דער טיר, און ער איז אוועק.

אין קיך זיינען אַלע מינוט אריינגעגאַנגען און ארויסגע־

גאַנגען הויכע זכרים אין זשאַנדאַרסקע פאָרמעס. יעדער איינ־ציגער איז זיך אַדורכגעגאַנגען מיט פיס און שטיוועל מיט זיכערהייט פון אייגענער גבורה און געוועהר און זייטיג פאַרקוקט צו די אַרעסטאַנטען. אין אַ צעהן מינוט אַרום האָט זיך צו אונז באַוויזען אונזער באַקענטער, שעהנער, גוטער זשאַנדאַר. צוגעגאַנגען, אַנגעבויגען הויכקייט צו שויבען און גראַטעס, פאַרקוקט צו אונז און אָפּגעגעבען „דזיען דאָברי", אונז באַ־רוהיגט, אַז אונז וועט דאָ קיין שלעכטס ניט געשעהן און אונז איבערגעגעבען אַ גרוס פון אונזערע צוויי לייט וואָס זיינען פון איהם פון דאָרף פאַרנומען געוואָרען, און געזאָגט, אַז יענע זיינען שוין אין סאַרנע, אַז מ׳האָט זיי אין דעם זעלבען אָוועגט, וואָס מ׳האָט זיי געבראַכט קיין אָליעווסק, אַוועקגעפיהרט קיין סאַרנע.

גלייך נאָך זיין אַוועקגעהן האָט זיך באַוויזען אַ פּאָר דינע מיידעלשע פיסלאַך ווי אָהן וואָג, ווי אָהן קערפּער זיינען די פיסלאַך צוגעלאָפען צו אונזער טיר און צוגעלעגט איהר קליין פנים צו אַ שויב. אַ פרעג געטאָן אויף אידיש ווער ס׳געפינט זיך דאָרט. באַקומען אַן ענטפער, האָט זי אַ בראָך געטאָן מיט די הענט מיט׳ן אויסרוף „אַ בראָך צו מיר!" און אַ וואָרף גע־טאָן קעפּעל און פנים אין איין זייט קיך, אין אַ צווייטער און האָט מיט גרויס ציטערניש אונזער גורל אונז געזאָגט, אַז מיר זאָלען דאָ גאָר ניט דערמאָנען וועגען יענע אונזעריגע צוויי, מיר זאָלען זאָגען, אַז מיר ווייסען פון זיי גאָר ניט, און, דרך־אגב, האָבען מיר זיך דערוואוסט פון איהר, אַז ס׳איז ניט אמת, וואָס דער זשאַנדאַר האָט געזאָגט, אַז יענע זיינען שוין אין סאַרנע, אַז זיי זיצען נאָך גאָר אין אָליעווסק ערגעץ פאַרשטעקט.

אָפּגערעדט גיך און פלינק מיט וואַרפען פנים און קאָפּ אין אַלע זייטען, איז זי אַוועק אָט דאָס טונקעלע גרינג־וואָגיג מייד־דעלע, אַוועק, ווי געטריבען פון אומרוהיגקייט פאַר אונזער גורל. און פון דעם איז שוין געוועזן צו זעהן, אַז דאָ אין שטוב (פאַר־שטאַנען פרעהליכמאַנ׳ס שטוב) ווייס מען גאָר ניט פון אונזער

ארעסט, אַז אונזער אַרעסט איז פאַרגעקומען אָהן דעם וויסען פון די פרעהליכמאנס און אָהן דעם וויסען פון די זשאַנדאַרען, וואָס געפינען זיך ביי זיי אין שטוב...

זיינען מיר געזעסען אין שרעקליכער אומבאוואוסטזיין, וואָס מיט אונז קומט פאָר, אין אַרעסטירטער איינזאמקייט, געזעסען אונטער א טיר מיט גראַטעס און מיט א שטיק אייזען איבערלעגייגט.

און גרויסע זכרים אין זשאַנדארסקען אַנטאָן האָבען זיך אַלע מאָל אין קיך באַוויזען, אריין און ארויס, און איך בין פאַרשפארט מיט מיין פרוי געזעסען מיט אונזער קליין וואוקסינגקייט און שוצלאָזיגקייט... ענג איז געווען אונזער תפיסה, און אומגעהויער גרויס די קיך. מיט דורכגאַנג פון גרויסע זכרים און מיט די גרויסע שאָטענס וואָס האָבען זיך זיי נאָכגעשלעפט אויף דער פאָדלאָגע און אויף די ווענט. ביים נאַקעטען קיך־טיש איז געזעסען דער פויער וואָס האָט אונז אַהער געבראַכט. ער איז געזעסען געדולדיג, אָט דער פויער, און א ליולקע געדויכערט. יעדער ציה וואָס ער האָט געגעבען איז באגלייט געווארען מיט א שטילען צוקלאַפּ פון די ליפען און פון צייט צו צייט האָט ער ארויסגעצויגען דעם ציביק פון מויל און רחבות'דיג אפגעשפיגען.

אָפּגעזעסען א פאָר שעה אונטער א פארשלאָסענער טיר, האָט אונזער גוטער שעהנער זשאַנדאַר אונז ארויסגעלאָזט פון דאָרטען און אַריינגעפיהרט אונז אין א גרויס צימער, וואו עס זיינען געשטאַנען עטליכע בעטלאך פארשפרייט מיט שווארצע האָריגע דיקע קאָלדרעס און אויף דער פאָדלאָגע איז געלעגען אָנגעוואָרפען א גאַנצע הורבע מיט ביקסען און שווערדען. ער האָט אונז אַריינגעפיהרט מיט א שטיקעל ליכט און דאָס אָנגעשמעלצט אויפ'ן פענסטער־ברעט, איז ער א ווײַלע געשטאַנען, געקאָלופּעט פון די פינגער דעם סטעאַרין וואָס האָט איהם אָנגעטריפט, און אָנגעוויזען אונז אויף דאָס געוועהר, האָט ער אונז מיטגעטיילט, אַז דאָס קלייבט זיך עס אָן טעג־טעגליך

אזעלכע הורבעס, אז דאָס נעמען זיי אָפּ ביי „כלאָפּעס" אין די ארומיגע דערפער.

דורך דעם צימער האָט מען זיך פיל מעהר געדרעהט ווי דורך דער קיך. עפּעס איז דאָרטען געווען א טיר וואס האָט זיך געהאלטען אין איין עפענען און פארמאכען... אלע ווײַלע איז פון דאָרטען ארויס א פּארשוין און אריין א פּארשוין, פיל פון זיי ציוויליע אין פּאלטאָס און שטיוועל מיט פינסטערע פּנים׳ער... אריין מיט וויכטיג שוויינען און ארויס מיט וויכטיג שוויינען, אלץ פון יענער טיר הינטער וועלכער ס׳זיינען קענטיג גע־זעסען וויכטיגע לייט... מ׳איז געגאנגען אויף און אָפּ, און אין יעדען׳ס געהן איז קענטיג געווען (באזונדערס אין גאנג פון די ציוויליע) אין זיך באהאלטענע מאכט פון וועלכער נאָר זיי און יענע וואָס זיצען דאָרטען אין צימער ווייסען פון איהר...

דאָס שטיקעל ליכט האָט אפּגעברענט א צעהן־פופצעהן מינוט און אָנגעהויבען גסיסה צו פּראווען, א שפּיל פון ליכ־טיגקייט מיט פינסטערניש... איינס פאר דאָס צווייטע זיך באַ־האלטען און איינס אויף דאָס אנדערע ארויפגעשפּרונגען, אזוי לאנג, ביז ס׳איז פינסטער געוואָרען.

מיר זיינען געזעסען אויף צוויי בענקלאך איינס נעבען דאָס אנדערע און דאָך אָפּגעזונדערט. און איך האָב מיך ווידער דער־מאָנט אָן א הון מיט א האָן... ערב יום־כפור וואָס ליגען גע־בונדענע אין פינסטערניש און אין דרימעל... ווי דער האָן וואָס קאָן זיך אליין אויך ניט העלפען, אזוי הילפלאָז האָב איך זיך געפיהלט און ווי א מענש געשפּירט אן אומבאגרענעצטע באַ־ליידיגונג, וואָס מיין פרוי זיצט דאָ צווישען אזוי פיל בעטען... מאנסבילשע בעטען... ביידע שטומע, ביידע ווי פרעמדע... נאכטיגע שעה׳ן אָפּגעריסען איינס פון דאָס אנדערע מיט זיצען און בענקען אין גרויזאמער פרעמדקייט.

און ס׳איז אלע מאָל ליכטיג געוואָרען פון יענער טיר וואָס האָט זיך געעפענט, און פינסטער געוואָרען פון דער זעל־בער טיר וואָס האָט זיך פארמאכט. מיט געדיכטע פינסטע

ניט פון קערפּער און פינסטערער לופט איז פאַר אונז פאַרביי־געגאַנגען אַ פיגור אהער, אַ פיגור אהין, מיט האַרטע פרעמדע און בייזע שטיוועל־טריט... מענשען אַזעלכע זיינען דורכגעגאַנ־גען ווייט ניט באַקאַנטע, אָבער וואָס ווייסען זיכער פון אונז און פון אונזער גורל. איז זיך איינער פון אַזעלכע אַריינגעגאַנגען, געשטאַנען אַ ווײַלע און געעפענט די קיך־טיר, איז ער ווייטער געשטאַנען און עפּעס געטאָן דאָרטען אַרום זיך, האָט ער זיך מיט לענג און גרויס, מיט אָנטאָן און שטיוועל אויסגעצויגען אויף אַ בעטעל.

מיר האָבען במילא צווישען זיך גאַרניט גערעדט, אָבער מיר איז איינגעפאַלען, אַז דער פּאַרשוין האָט זיך דאָ אינמיסטען גע־לייגט, אַז ער האָט זיך געלייגט ניט אויף צו שלאָפען, און האָט שוין דערפאַר אַליין גלייך אָנגעהויבען צו כראָפּען.

איך האָב ניט געוואוסט וויפיל דער זייגער איז, און ס'האָט מיר ניט געאַרט וואָס איך ווייס עס ניט, ווייל איך האָב ניט געהאַט נויטיג צוליב וואָס צו ווּיסען. איך האָב נאָר געוואוסט, אַז דאָס איז עפּעס אַ סוף, אַ גוטער צי אַ שלעכטער, ווידער ניט געוואוסט, און אויף לעצט ניט געוואוסט, וועלכע שעה עס דאַרף עס מיט זיך דאָס גוטע אָדער שלעכטע סוף ברענגען...

אין שווערקייט און אָנגעפּעלצטקייט און פון אומבאַוועגליכ־קייט אַנדרעמעלט געוואָרען, און דורכ'ן דרעמעל דערהערט ווי די פרוי מיינע רעדט עפּעס. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט און נאָכ'ן אויפכאַפּען זיך איז מיר קלאָר געוואָרען, אַז דאָס האָט זי פון שלאָף גערעדט און איך האָב זי אויפגעוועקט, און נאָכדעם, זעהט אויס, בין איך אַנשלאָפען געוואָרען און איך האָב גערעדט פון שלאָף — האָט זי מיך אויפגעוועקט...

פּלוצלינג דערהערט שרעקליכע קוויטשען פון אַ פרוי, באַגלייט מיט קלעשטשעריי און זידלערייען פון ניט אַנשטענדיגע ווערטער. געקוקט אין קיך אַריין, האָב דערזעהן, אַז די טיר אונטער וועל־כער מיר זיינען געזעסען פאַרשפּאַרט, אַז די טיר איז אָפען און געהערט, אַז פון יענעם חדר'ל געהען די קולות... אונזער פאַר־

שוין וואס איז געלעגען און געכראָפּעט האָט זיך אויפגעהויבען מיט א „פּשאַקרעוו" און איז אריין אין יענעם חדר'ל. און געהערט האָב איך, אַז ער האָט דאָרטען ביי אימיצען געבעטען מען זאָל איהם געבען דעם קאַנטשיק, און די געשרייען האָבען זיך גע־שטאַרקט...

פיל פון די לייט זיינען, קענטיג, שוין געשלאָפען, און די יעניגע וואס זיינען געבליבען וואך, זיינען, קענטיג, געבליבען אויס־צופיהרען „וויכטיגע" זאַכען... פון דעם חדר'ל האָבען זיך אינ־גאַנצען ארויסגעשאָטען א דריי־פיר זשאַנדאַרען מיט א פּאָר ציווילע פאַרשוינען און זיך צוקראָכען אין פאַרשידענע טירען. דער פויער איז דאָרטען נאָך אַלץ געזעסען ביים טיש, געדרויכערט די ליולקע און געשפּיגען. פון אונטער יענער טיר, פאַרלייגט מיט דער שטיק אייזען, האָט זיך געהערט אַן אומאויפהערליך כליפּען...

איך בין שוין עטליכע שעה אין דרויסען ניט געווען און איך האָב זעהר נויטיג געדאַרפט זיין, און האָב מורא געהאַט ארויפצור־געהן... און איך האָב אָנגעהויבען צו ליידען שרעקליכע יסורים. איך האָב געוואָלט ארויסגעהן, אָבער אָהן אַן ערלויבניש מורא געהאַט צו געהן. און מורא געהאַט זיך איינצושטעלען אזא ערלויבניש צו בעטען.

ענדליך האָט זיך א זשאַנדאַר געוויזען און איך האָב ביי איהם געבעטען אַן ערלויבניש אויף א ווייַלע ארויסצוגעהן. ער האָט עס מיר ערלויבט.

צוריקגעהענדיג האָב איך באַמערקט עפּעס ווי א באַקאַנט פּנים פון אונטער גלאָז מיט גראַטעס. איין מאָל און צוויי מאָל א קוק געטאָן, און דערקענט.. דאָס אָרבאָווער מיידעל... — — —

שפּעט ביינאַכט זיינען מיר אין דרייען געגאַנגען איבער אַלעוואָסס, איך מיט מיין פרוי און דערזעלבער פאַרשוין, וואָס איז אויפ'ן בעט געלעגען. אונטער'ן אָרעם האָט ער געטראָגען מיין פּעקעל פאַרפּאַקט, ארומגעבונדען און פאַר'חתמה'ט מיט טריפּ־וואַקס. ער האָט אונז געפיהרט דורך געסלאַך, פאַרבייגעגאַנגען

שטיבער מיט פארמאכטע טיר און לאָדען. געגאנגען אין פרעמ־דער פינסטערניש, טריט ביי טריט נאָכגעגאנגען דער פערזאָן, וואָס איז געגאנגען פאָראויס, דעם פארשוין וואס האָט אונז געפיהרט; נאָכגעגאנגען איהם און נאָכ'ן פעקעל וואָס ער האָט זונטער'ן אָרעם געטראגען און מיר האָבען ניט געוואוסט וואוהין זור טראָגט דאָס פעקעל און וואוהין ער פיהרט אונז...

מיר האָבען אלע דריי געשוויגען, און געהערט האָבען זיך זונזערע טריט אויף דער הארטער, ווייסער, ווינטער ערד. ס'איז געגאנגען איינער און געפיהרט צוויי; דער איינער האָט געוואוסט וואוהין ער געהט און וואוהין ער פיהרט, און צוויי האָבען ניט געוואוסט וואוהין זיי געהען און וואוהין זיי ווערען געפיהרט. זין דער פינסטער זיינען מיר געגאנגען אויף אומבאקאנטע געס־זאך, הילפלאָזע, שוצלאָזע, אין אָפּגעריסענקייט פון דער גאנצער וועלט, פון אלע מענשען, אין וויסענלאָזער אומבאשטימטקייט פון געהן און פון קומען...

געבראכט אונז צו פיהרען אויף א קליין וואקזאלכעל מיט לאָמפען, מיט מענשען, מיט רויך... שוין גאָר ווי א ניי לעבען... פראָווינציעלע נאכטיגע אומרוהיגקייט... אידישע פאסאזשירען אין שווייגען געקלעמערט מיט קענען זיך און דערקענען זיך; יעדער איד פאר זיך, ווי גערן צו באהאלטען זיך פאר איד און גוי... צו באהאלטען זיך מיט פעקעל און זעקעל פאר בייזע אויגען, וואָס זוכען און שנאָרען... ניט צו זיצען, ניט צו שטעהן, ניט צו ריידען — נאָר א בילעט צו כאפען און ארויסלויפען מיט בילעט און מיט פעקעל אויף יענער זייט וואו עס שטעהט אין פינסטערניש געהילט עטליכע וואגאָנעס און עס סאָפּעט א לאָקאָמאָטיוו מיט אויגען.

אונזער „עמוד ענן" איז צוגעגאנגען צו דער קאסע, האָט עפּעס געוויזען א פאפירעל און באקומען דאָרטען דאָס, וואָס ער האָט באדארפט פאר זיך און פאר אונז. איהם נאָכגעגאנגען, ארויסגעגאנגען און צוגעגאנגען צום צוג, וואָס איז באשטאנען

פון זיבען־אכט פערטע־קלאַסיגע וואַגאָנעס מיט פינסטערער ליכ־טיגקייט פיר־שויבענדיגע פענסטער באַלויכטען.

אריינגעפיהרט אונז אין א לײדיגען וואַגאָן און באַזעצט אונז אויף א לײדיגער באַנק. און קאַלט איז געווען אין וואַגאָן, און קאַלט איז געווען די באַנק מיט באַלויכטעניש און פינסטערניש פון א ליכט, פון וועלכע ס'איז נאָר געווען ליכטיג אין לאַמטערן, וואו די ליכט האָט געברענט, און באַזעצט זיך אין דרייען, צוויי אנטקעגען איינעם; און איינער אנטקעגען צוויי געזעסען מיט ויצען און שווייגען... און איינגעקוקט זיך אין איהם האָב איך דערזעהן א פּאָר אויגעלאך קלײנינקע, און די אויבערשטע ליפּ א פּארקאַשערטע. באַזיצענדיג עפּעס א פארבאָרגענע מאַכט אונטער דער מאסקע פון ציווילע קליידער האָט דער פּארשוין קיינעם אין וואַגאָן ניט אריינגעלאָזט און געזעסען א צוואַנ־ציג מינוט אין דרייען מיט ווארטעניש דער צוג זאָל זיך ריהרען און מיר זאָלען שוין פאָהרען אין דרייען, איז אריין א קאָנדוקטאָר מיט א לאַמטערנדעל און געזאגט דעם באַגלייטער אונזערען, אז אימיצער זוכט איהם דאָרטען אויף דער פּלאַטפאָרמע. ער האָט אַזוי א קוק געוואָרפען אויף אונז, ווי געשלאָגען זיך מיט דער דעה, צי קען ער אונז לאָזען אָהן א שמירה צי ניט, איז ער פלינק אַראָפּ און איז פארפאלען געווארען... און צוויי זיינען געבליבען זיצען אין א געבונדענער פרייהייט. מיר האָבען געהערט איין קלונג, דעם צווייטען, און נאָך אלץ ניט וויסענדיג וואו מיר זיינען אין דער וועלט, האָב איך געקלערט, אז אָהן איהם וועט נאָך ערגער זיין ווי מיט איהם... ביים דריטען קלונג איז ער ארויף און צוזאמען נאָך איינער, וואָס האָט גלייך ביים ארויפגעהן מיט אן אויסגעשריי פון פרייד, אָנגערופען מיך ביים נאָמען... ניט דערקענט איהם פון ערשטען מאָמענט, בין איך געווען זיכער, אז דאָס איז עפּעס א שפּיצעל פון א נייעם שפּיאָן, אָבער אין זעלבען אויגענבליק האָב איך איהם **דערקענט:**

דאָס איז געווען אונזער באַקענטער און פריינד, י. זיסקינד, פון קאָוועל.

צוקושט זיך מיט מיר און מיט מיין פרוי, האָט ער אונז גלייך געלאָזט וויסען, אז מיר זיינען פריי, אז ער איז געקומען מיט פאַפּירען פון קאָוועל אונז צו ברענגען קיין קאָוועל.

אונזער „עמוד ענן" האָט מיט אונז אָנגעהויבען צו ריידען. ער האָט עס אויך באַשטעטיגט, אז מיר זיינען שוין פריי, אָבער ער מוז שוין אונז ברענגען קיין סארנא, ווייל ער האָט פאַפּירען, אז ער דארף אונז צושטעלען קיין סארנע, וואָס מען קען שוין ניט איבערמאכען. אָבער נאָכאמאָל באַשטעטיגט, אז מיר זיינען שוין פריי.

1920

# איד.

איך האָב געהערט, אז עס זיינען פאַראַן שרייבער, וואָס טראָגען זיך תמיד אַרום מיט אַ בליישטיפט און מיט אַ נאָטיץ־ביכעל, און פאַרצייכענען געוויסע איינדריקע און טעמעס, וואָס זיי פאַלט איין, געהענדיג, פאָהרענדיג אָדער זיצענדיג ערגעץ אין אַ שטוב; איך טו דאָס ניט. איך האַלט ניט דערפון. איך זאָג, אז איינדריקע דאַרף מען ניט פאַרצייכענען, און אויב ס'טרעפט אז אַ געוויסער איינדרוק ווערט אַמאָל פאַרגעסען, דאַרף מען איהם ניט באַדויערען, ווייל דערמיט אַליין וואָס ער ווערט פאַרגעסען, באַווייזט עס, אז דער איינדרוק איז פאַר'ן קינסטלער ניט אַזוי פיל אינטערעסאַנט, ער זאָל זיך לאָזען געדענקען, און אויב ער איז ניט אינטערעסאַנט, צו וואָס איהם פאַרצייכענען?

אנטקעגען וואָס דאָס איז צורייד געקומען? אָט איז מיר שוין פון אַ לענגערער צייט אַרויסגעשוואומען אַ שטיק לעבען מיינס, מיינס אן אייגען שטיק לעבען, וואָס האָט שוין הינטער זיך אַ פאַרגאַנגענהייט פון העכער צוואַנציג יאָהר, און עס שווימען אַרוים אַזעלכע איינצעלהייטען, ווי אָט ערשט נעכטען וואָלט דאָס אַלעס פאָרגעקומען, און די איינצעלהייטען זיינען גראָד אַזעלכע, וואָס ווען איך וואָלט געהאַלטען פון דער מעטאָדע צו פאַרצייכענען (כאָטש איך בין נאָך דעמאָלט קיין שרייבער ניט געווען), וואָלט איך קיינמאָל אַזעלכע קליינינקייטען ניט פאַרצייכענט. און דערפון אַליין דרינג איך, אז אויפ'ן אָרט ווען מיר זעהען עפּעס, לעבען עפּעס דורך, ווייסען מיר באמת ניט, וואָס פאַר דעם קינסטלער איז אונז איז וויכטיג און וואָס ניט. וואָס מיר נעמען אויפ'ן

אָרט אָן פאַר ניט וויכטיג, איז טרעפט אמאָל (און אָפט) אז ווער אין אונז (דער קינסטלער ?) פארצייכענט עס דאָרטען ביי זיך און מיר ווייסען גאָר ניט דערפון, אין דער צייט ווען מיר פארצייכענען מיט'ן בלײשטיפט דוקא אזעלכעס, וואָס דעם „ווער" ווילט זיך דוקא פארגעסען...

איך האָב מיך נאָר א געוויסע צייט אָפּגעהאלטען פון דאָס אָנשרייבען. ווייל דאָס האָט צו טאָן מיט מיין אייגענער פערזאָן, און איך האָב מורא געהאַט זיך צו פארטרויען, און ווען איך זאָג „זיך", ווייס איך אייגענטליך ניט וועלכען זיך איך מיין, צי „זיך" דעם קינסטלער, צי „זיך" דעם געוועהנליכען בשר ודם. און אויב ס'זיינען טאקע דאָ אין מיר צוויי, האָב איך טאקע מורא געהאַט פארביידע... איך האָב מורא געהאַט פאר'ן קינסטלער, ער זאָל ניט דערצעהלען אזעלכע זאכען, וואָס דעם צווייטען, דעם פשוט'ען מענשען אין מיר, ווילט זיך ניט, דער עולם זאָל וויסען. און ווידער פאר'ן פּראָסטען מענשען אין מיר האָב איך מורא גע־האַט, ער זאָל ניט וועלען צופיל באַהאלטען... אזוי ווי אָבער איך האָב גענומען די פען אין האנט אריין, האָב איך מיך איבער־צייגט, אז מיין מורא איז געווען אן אומזיסטע און בין גרינדליך דערגאַנגען, אז קונסט ווערט בכלל ניט געבויט אויף שלעכטסקייט, אָדער אויף גוטסקייט. ס'האָט ניט צו טאָן, ניט מיט'ן ערשטען און ניט מיט'ן לעצטען. ס'איז אינגאנצען א באַזונדער זאַך.

דאָ וועט זיך אימיצען וועלען א שטעל טאָן א פראגע: ווי קען איך דיר, שרייבער לעבען, גלויבען, אז דאָס ביזטו? אויב דו ערלויבסט זיך לשם קונסט צו פארבויגען פיל שלעכטע זייטען פון זיך, קען דאָך אויך געמאָלט זיין, אז לשם דער זעלבער קונסט, זאָלסטו זיך ערלויבען צוצוטראכטען פיל גוטע זאכען, און אויב אזוי וועט עס דאָך שוין ניט זיין דו, וועט עס דאָך שוין זיין אן אנדערער. דאָס מיינט אייגפאך, אז דאָס וועט זיין פונקט אזא אויסגעטראכטער „איך", ווי איך טראכט אויס אנדערע טיפּען העלדען און פארשוינען? גוט, זאָל זיין אזוי. אָבער אָט אויף וויפיל איהר ווייסט, אז די אלע פארשוינען וואָס איך

טראַכט אוים, זיינען אויסגעטראַכטע, און פונדעסטוועגען גלויבט איהר אין זייער קינסטלערישען אמת, ס'הייסט, אַז קינסטלעריש לעבען זיי, טאַ גלויבט עס אויף מיין פּערזאָן אויף אַזוי פיל, אַז... טאקע... אַז אין לעבען בין איך טאקע ניטאָ, אָבער אין דער קונסט לעב איך יאָ... מילא, בין איך אַזאַ אויסגעטראַכטער, ווי אַלע מיינע העלדען, און איך זאָג אייך צו, אַז באשרייבענדיג זיך, וועל איך אסור ניט ווערען ווינציגער „איך", ווי איך בין עס דעמאָלט, ווען איך שרייב וועגען אנדערע, און אויב מיין „איך" איז פאראן דעמאָלס, ווען איך מאָל אנדערע, פאר וואָס מיינט איהר, וועל איך ניט זיין איך דעמאָלט, ווען איך וועל זיך אליין מאָלען?...

---

שטעלט זיך פאָר די לאַגע פון אַ מענשען, וואָס קומט פון אַ ווייטען וועג צו פאָהרען, און וואַלגערט זיך אריין אין אַ שטוב, ניט נאָר וואו מען האָט זיך ניט געריכט אויף איהם, נאָר מ'ווייסט אפילו ניט, אַז אַזאַ מענש עקזיסטירט גאָר אויף דער וועלט, און דאַרף זיך פאָרשטעלען. ער דאַרף זיך פאָרשטעלען ניט ווער ער איז, (ווייל מ'ווייסט דאָך ניט, צי עס עקזיסטירט אַזעלכער), נאָר ווען ער איז... דאָס איז פאָרגעקומען מיט מיר, ווען איך בין אראָפּגעפאַלען אין דעם שטעדטעל וולאַדימירעץ, וואו איך האָב זיך באַדאַרפט שטעלען צום פּריזיוו און איך בין אריין, אָדער בעסער געזאָגט, דער בעל־עגלה האָט מיך אריינגעפיהרט צו אליה־דוד'ן אין שטוב אריין, לאָזענדיג דאָס קעסטעל מיינס ביי זיך אויפ'ן וואָגען, און אַזוי גלייך ווי ער איז נאָר אריין מיט מיר, האָט ער מיך אַזוי פאָרגעשטעלט פאר דער בעל־הבית'טע פון שטוב:

— איהר האָט עפּעס ערגעץ אַזאַ קרוב?

איך בין גלייך געקומען צו הילף, כאָטש איך האָב ניט גע־וואוסט ווענען, צי דער בעל־הבית'טע, וואָס האָט אַ קנייטש גע־טאָן מיט די אַקסעל, צי דעם בעל־העגלה, וואָס האָט אריינגע־

פיהרט א פרעמד פארשוין אין א פרעמדער שטוב אריין, צי איך האָב זיך אליין געוואָלט העלפען:

— איך בין יונה, משה יאנקעל׳ס א זוהן....

אז זי ווייסט פון משה יאנקלען איז זיכער, דאָס האָב איך נאָך פריהער געוואוסט אז זי ווייס. ווייל אלע מיינע ברידער וואָס זיינען פריהער פאר מיר געשטאַנען צום פריזיוו (איך בין דער סאמע אינגסטער) האָבען אין דער שטוב זייער סטאַנציע געהאט. אָבער וועגען מיר, אז משה יאנקעל, הייסט עס, האָט (משה יאנקעל האָט שוין ניט געהאט, ווייל ער איז שוין לאנג געווען טויט) נאָך א זוהן וואָס איז נאָך ניט געשטאַנען צום פריזיוו, דערפון האָט זי ניט געוואוסט, און פונקט ווי זי האָט ניט געוואוסט, אזוי האָט ניט געוואוסט פון מיין עקזיסטענץ דער מאַן איהרער, אליה־דוד, וואָס איז, פונקט אין דער צייט ווען איך און דער בעל העגלה זיינען ביי דער טיר געשטאַנען אָנגעקומען פון מעריב און דערוויסענדיג, אז אזעלכער, וואָס ער האָט ניט געוואוסט, אז ס׳איז דאָ, איז יאָ דאָ, האָט ער מיר אָפּגעגעבען שלום. און א פרעג געטאָן ביים האלב טוץ קינדער, וואָס האָבען מיך ארומגערינגעלט, אויף עטלען. עטעל איז דאָס געווען די יעניגע, א דאנק וועלכער איך האָב מיך געהייסען צו דער שטוב צופיהרען, און אלע קינדער האָבען זיך א לאָז געטאָן מיט געשרייען און קולות זי רופען און זוכען. און אין דעם אליין איז געווען צו דערקענען, אז חברה קליינוואַרג און גרויסוואַרג פארשטעהען אז איך בין ניט זייער גאַסט, אז איך בין געקומען אין זייער שטוב אינ׳ם זכות פון זייער שטיעף־שוועסטער עטעל... און איידער מיר וועלען לאָזען די קינדער אריינברענגען אָט די עטעל, וואָס זיי האָבען געזוכט און גערופען, וועלען מיר דערציילע דערצעהלען, וואָס פאר א שמעלקע איך בין דאָס מיט דער שטוב געווען, איך מיין עס מיט די בעלי־הבתים פון שטוב, וואָרהין איך האָב מיך אונגעבעטען אריינגעוואָרפען פיר וואָכען פאר א פריזיוו, און דאָס מיינט, צו עסען און צו שלאָפען דאָרטען די גאנצע פיר וואָכען.

דער בעל־הבית פון שטוב, אליה־דוד, האָט אַמאָל געהאַט דאָס גליק (אָדער דאָס אומגליק) צו זיין פאַרהייראַט פאַר מיינער אַ קוזינע. די קוזינע איז שוין אָבער לאַנג, לאַנג געווען טויט, אַי־בערלאָזענדיג נאָך זיך אַן איין־איינציג קינד (אָט די עטעל, וואָס איז נאָך קיין פולע פיר יאָהר ניט אַלט געווען). פאַרשטעהט זיך, אַז ער, אליה־דוד, האָט זיך ניט געלאָזט לאַנג בעטען און האָט חתונה געהאַט מיט אַ צווייטער ווייב, און ניט קוקענדיג, וואָס ער איז דאָך שוין געבליבען אַ ווילד־פרעמדער צו אונז, זיינען דאָך אַלע ברידער מיינע דאָרטען ביי איהם אין שטוב איינגעשטאַנען, ווען זיי זיינען געקומען זיך שטעלען צום פריזיוו. דער ערשטער ברודער, ווען ער האָט זיך געשטעלט, האָט נאָך די קוזינע געלעבט, און אַזוי אַרום איז דאָס שוין עפּעס געוואָרען ווי אַ טראַדיציע, איינצושטעהן ביי אליה־דוד'ן. קורץ, דאָס איז עס אינגאַנצען.

מיין קוזינע האָט זיך אַריינגעיאָגט מיט אַ שאַל איבערגע־דעקט איבער'ן קאָפּ, און איהר קליין־געוויקסיגקייט אַליין האָט מיר גלייך געגעבען צו פיהלען, אַז דאָס איז מיינע אַן אייגענע. און גלייך אַזוי ווי זי איז אַריינגעלאָפען אין דער שאַל, אַזוי גלייך האָט זי איהר פון זיך אַראָפּגעוואָרפען און ס'האָט זיך באַוויזען אַ קליין קיילעכיג קעפּעל, מיט אַ אינגעלשען שטערען, און קורצע, בלאָנדע האָר, וואָס זיינען געווען צואַוואָרפען און צושפּרייט, ווי ביי אַ פאַרשייטען אינגעל, ועמען מ'האָט נאָר וואָס אָפּגעריסען פון אַ פאַרשייטער שפּיל... יאָ, דאָס איז טאַקע געווען דער ערש־טער איינדרוק אַזעלכער. זי האָט אויסגעזעהן ווי אַ אינגעל, וואָס זעהט אוים ווי אַ מיידעל...

זי האָט זיך מיט מיר צוקושט, און מיר איז שוין געוואָרען היימליכער. דאָס קושען האָט מיר געגעבען צו פיהלען, אַז איך בין כאָטש ביי איין מענש אין שטוב ניט קיין פרעמדער מענש...

און גלייך האָט זי געוואָרפען אַרום מיר אַ קוק און אַ פרעג געטאָן אויף מיינע „זאַכען”. דער בעל־עגלה האָט געזאָגט, אַז די זאַכען מיינע שטעהען נאָך אויפ'ן וואָגען, און איז גלייך פון שטוב אַרוים; און פאַר'עסק'ט איז מיין קוזינע פאַרשוואונדען

אין א צווייטען חדר און האָט זיך אין א מינוט אַרום באַוויזען מיט אַ ברענענדיגע ליכט אין האַנט. און איך האָב באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס ליכט איז אָנגעצונדען געוואָרען פון מיינעטוועגען, אַז ערגעץ קלייבט זי זיך מיך אריינצופיהרען אין איינעם ערגעץ אַ חדר אין שטוב, וואו ס'ברענט קיין פייער ניט. און אַזוי גלייך ווי זי איז צו מיר צוגעקומען מיט'ן ליכט, האָט זי מיר א וואונק געטאָן, מיט אַזוי פיל היימישקייט, ווי זי וואָלט מיך שוין לאַנג געקענט, און מיר א ווייז געטאָן, איך זאָל עפענען די טיר, ס'הייסט, די זעלבע טיר דורך וועלכער איך בין צוריק מיט א צעהן מינוט אריינגעקומען, און ביי וועלכער איך בין נאָך אַלץ געשטאַנען כעני בפתח. און מאָדנע: כאָטש איך האָב געוואוסט, אַז זי פיהרט מיך ערגעץ, צו געבען מיר אַ מקום מנוחה, פון דעסטוועגען האָב איך געפיהלט עפּעס א מין ניט־אַנגענעמליכקייט אין דעם, וואָס איך באַדאַרף ארויסגעהן פון דער טיר דורך וועלכער איך בין נאָר וואָס אריין...

מיר זיינען אריינגעפאַלען אין א גרויסען קאָרידאָר. דעם קאָרידאָר בין איך אויך פריהער דורכגעגאַנגען. נאָר פריהער, אין דער פינסטער, האָב איך ניט באַמערקט ווי גרויס ער איז, און דערזעהן אַנטקעגען אַ טיר: ס'הייסט אַנטקעגען דער טיר, וואו איך בין ערשט ניט לאַנג אריין און נאָר וואָס ארויס, האָב איך פּונקט אַנטקעגען אַ צווייטע טיר דערזעהן. און דאָס האָט מיך אָריענטירט אין דעם, אַז די שטוב איז א צוויי זייטיגע, וואָס איז געווען צוטיילט אין מיטען מיט א קאַלטען פינסטערען קאָרידאָר, וואו א קורצע טיר איז געהאַנגען, וואָס האָט זיך פון זיך צוגעמאַכט און צועפענט פונ'ם קאַלטען אַסיענדיגען ווינטעל וואָס האָט אריינגעבלאָזען פון הינטען, אפילו ווען די טיר איז געווען פאַרמאַכט. פאַר דער צייט ביז די קוזינע האָט מיט'ן שליסעל די טיר געעפענט, האָט די קאָרידאָר־טיר זיך א פּאָר מאָל פאַרמאַכט און געעפענט, און דאָס פייער'ל פונ'ם שנויץ האָט זיך געריסען און געקעמפט מיט אַלע קליין פייערדיגע כוחות אָנצוהאַלטען די פייערדיגע עקזיסטענץ אויפ'ן ליכט און פון מיינע

און פון מיין קוזינעס נאָז־לעכער האָט געשלאָגן א פּאַרע, און דאָס האָט מיך זיך היימיש געמאכט צו פיהלען, פּונקט ווי א קנעכט דערפיהלט זיך היימיש מיט זיין האר, ווען זיי זיינען אָפּ־געריסען פון מענשען און ביידע פיהלען זיך צוגלייך אונטערגע־וואָרפען די געזעצען פון דער נאַטור...

זי האָט מיך אריינגעפיהרט אין א גרויסען זאַל, וואו ס'איז געווען פּונקט אזוי קאַלט ווי אין קאָרידאָר, און וואו עס האָט אויך געזעצט א פּאַרע (ניט אזא געדיכטע) פון אונזערע נאָז־לעכער, ווי ווען מיר זיינען אין קאָרידאָר געשטאַנען. אין דער קעלט, וואָס ס'איז דאָרטען געווען און אין דער אָרדנונג, וואס די זאַל האָט זיך געפונען, איז גלייך געווען צו דערקענען, אז אהינצו קומט קיינער ניט אריין... די גרויסע קאַנאַפּע און די גרויסע שטוהלען זיינען געשטאַנען איבערגעצויגען מיט „טשעכאָלען". פּונקט אזוי ווי ס'וואָלט תמוז געווען, און ווי אין דרויסען וואָלט די זון געברענט... די פּאָדלאָגע איז געווען באשאָטען מיט געלען זאמד, און ס'האָט געמאכט אויף מיר אן איינדרוק, אז דאָרטען איז עפּעס איינער א יום־טוב פון די אידישע יום־טובים פארגלי־ווערט געבליבען, א יום־טוב וואס דאָס הויז־געזינט האָט אין מיטען דערינען פארלאָזט און וויל איהם מעהר ניט האָבען, און דערפאַר איז דאָרטען אזוי קאַלט און אומעטיג...

אָט דעם יום־טוב'דיגען, קאַלטען זאַל, האָט עס מיר מיין קוזינע (מסתמא האָט איהר די בעל־הבית'טע געהייסען) אָנגעוויזען פאר מיין מקום־מנוחה און איך האָב אויף קיין פאַל זיך ניט געקענט פונאנדערנעמען אין מיינע געפיהלען, צי איז דאָס געווען פאר מיר א כבוד (ווי ס'קומט א גאַסט), אָדער אן אום־כבוד, אָט דאָס וואָס מ'האָט מיך אָפּגעטיילט מיט דער אָפּגעטייל־טער העלפט שטוב און אוועקגעגעבען אין מיין רשות אָט דעם גרויסען יום־טוב'דיג־אויסגעפּוצטען זאַל... די קוזינע האָט אריינ־געשטעקט די ליכט אין א לייכטער, וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן ברייטען ראַנד פון דער הרובע (וואָס מ'האָט, קענטיג, קיינמאָל ניט באהייצט) און אליין איז זי אוועק, מיר זאָגענדיג פאר'ן אוועק־

געהן, איך זאָל דאָ טאָן וואָס איך באַדאַרף, וואָס איינער וואָס קומט פון אַ ווייטען וועג האָט אַרום זיך צו טאָן, און ווען איך וועל פאַרטיג ווערען, זאָל איך אַריינקומען אַהין, הייסט עס, צו זיי אין שטוב וואו אַלע זיינען. שפּעטער אַ ווײַלע האָט דאָס שטוב־מיידעל מיר אַריינגעטראָגען אַ גרויסע שיסעל וואַסער, מיט אַ שטיק זייף, וואָס איז געלעגען אינוועניג, און אַזוי גלייך ווי איך האָב מיר איינצייטיג מיט'ן קאָפּ און מיט'ן פּנים גענומען וואַשען דעם האַלז און נאַקען, אַזוי גלייך איז די וואַסער אינגאַנצען שוואַרץ געוואָרען, ווי מ'וואָלט אַריינגעגאָסען אַהינצו אַ טינטער טינט... אַ רוק געטאָן די נאַסע האַנט אַ ביסעל טיפער צו דער פּלייצע צו, האָב איך אַרויסגעשלעפּט אָפּגעפאַרבטע פינגער, און ס'איז מיר גלייך קלאָר געוואָרען, אַז דער פּאַלטאָ מיינער, וואָס איך האָב געגעבען פאַרבען פאַר מיין פאָהרען און איז דורכגענעצט געוואָרען פון דעם רעגען, וואָס האָט געגאָסען די גאַנצע צייט, וואָס איך בין געפאָהרען מיט דער אַקס פון דער באַהן, האָט דאָס מיר אָפּגע־פאַרבט דעם האַלז און נאַקען...

איך האָב גענומען רייבען און וואַשען מיט זייף און וואַסער. וויפיל אָבער איך האָב געריבען, איז אַלץ געוועזן שוואַרץ די זייף־שוים... איך האָב געזעהן, אַז ס'איז שלעכט, אַז די פאַרב פון האַלז קריכט ניט אַזוי לייכט אַראָפּ, ווי זי קריכט פון פּאַלטאָ. איך האָב געזעהן, אַז מיט קיין קאַלטע וואַסער וועט די פאַרב ניט אַראָפּגעהן... ס'איז מיר זעהר קלאָגעדיג געוואָרען אויפ'ן האַרצען... איך האָב ניט געקאָנט אַריינגעהן בעטען וואַסער. איך וואָלט זיך דאָך געמוזט באַווייזען מיט מיין שוואַרצען האַלז־און־נאַקען, און איך וואָלט געמוזט דערצעהלען פון וואַנען דאָס קומט. יאָ, אָבער ס'האָט מיר גאָר ניט געהאָלפען. איך האָב געמוזט. איך האָב אָנ־געקלאַפּט אין טיר, און מיין קוזינע, וואָס איז, קענטיג, געווען דאָרטען און אַרויסגעקוקט אויף מיין אַריינקומען, האָט מיר די טיר געעפענט, און איך האָב איהר געבעטען, זי זאָל מיר געבען אַ וואַרעמע קוואָרט וואַסער. איך בין געשטאַנען אַ היבשע צייט הינטער דער טיר אין דעם פינסטערען אָפּענעם און קאַלטען קאָ־

רידאָר און געוואַרט ביז די טיר האָט זיך געעפענט, און אַ קופּערנע קוואַרט מיט פּאַרע האָט זיך באַוויזען. איך האָב געוואָלט צונעמען פון איהר די קוואַרט. אָבער, ניין, מיין קוזינע וויל זי מיר ניט געבען, זי וועט מיר געהן אויפגיסען, און איך האָב גאָרניט געקאָנט מאַכען. ווען זי איז אַריין און דערזעהן די שווארצע זייפען־שוים אין שיסעל, וואָס האָט פּאַרדעקט דאָס וואַסער, איז זי געבליבען שטעהן אַ פאַרוואונדערטע. און באין ברירה, איידער זי זאָל מיינען, אַז איך האָב עס געהאַט אויף זיך אַזוי פיל שמוץ, האָב איך איהר שוין געמוזט דערצעהלען דעם גאַנצען אמת...

דאָס איז געווען דער ערשטער „אַריינ׳פאָהר״ מיינער. איצט וועלען מיר געהן ווייטער און אייך דערצעהלען, ווי ס׳איז ווייטער געגאַנגען, נאָר איך וועל מיר ערלויבען מאַכען אַ הפסקה...

צי איז מען צופרידען געווען מיט מיר, צי ניט, דאָס ווייס איך ניט. איך ווייס נאָר, אַז איך מיט זיי בין זעהר צופרידען געווען... נאָך אַלעמען איז דאָך ניט וויכטיג געווען, צי מ׳וואָלט אויך אַן אַנדערען, מעהר חשוב׳ען גאַסט, ווי איך בין געווען, אויך מכבד געווען מיט דעם קאַלטען זאַל, צי איז דאָס געווען בלויז פאַר מיין „כבוד״ וועגען. איך ווייס נאָר, אַז פאַר מיר איז דאָס געווען פיין, גאָר פיין, אפילו גרויסאַרטיג. אַי, וואָס דאָרטען איז געווען קאַלט? בין איך שוין געוואוינט געווען צו קעלטערע הייזער... יאָ, דערצו וויל איך צוגעבען, אַז די זאַל איז מיר נאָר אָנגעוויזען געוואָרען אויף צו שלאָפען. ווייטער איז מיר חלילה פון קיינעם ניט פאַרווערט געווען צו זיין וואו איך האָב געוואָלט... נאָר שלאָפען... און אויב איך האָב זיך מיט עפּעס באַנארישט דעם ערשטען אָוועגט, וואָס איך בין געקומען, איז דאָס געווען דאָס, וואָס איך האָב איבערגענומען ביי דער דינסט־מיידעל דעם פּאַק מיט בעט־געוואַנט, וואָס זי האָט דאָרט אַהינצו, אין קאַלטען זאַל אַריין, פון מיינעטוועגען געטראָגען... ווער האָט עס מיר געבעטען צו טאָן... איך האָב אָבער אויפ׳ן אָרט געמיינט, אַז איך באַדאַרף עס טאָן... ערשט אויף מאָרגען האָט מיר מיין קוזינע אַריינגע־

רוימט אין אויער אריין אויפ'ן איידעלען מאַניער: „ניט באַ־דאַרפט געווען".

דעם זעלבען טאָג האָב איך זיך דערוואוסט פון איהר, פון מיין קוזינע, אז מיין קוזינע איז שוין א כלה, און דאָס האָט מיר באמת זעהר הנאה געטאָן... ווען איך וואָלט עס נאָך נעכטען גע־וואוסט, ווען זי האָט מיר אויפגעגאָסען די ווארעמע וואסער אויף מיין געפארבטען האַלז־און־נאַקען, וואָלט איך מיר אזוי ניט גע־שעמט פאַר איהר... נעכטען איז זי דאָך פאַר מיר געווען ביידע זאַכען: אי א מיידעל און אי א קוזינע, און אויף מאָרגען איז זי שוין פאַר מיר בלויז א קוזינע געווען. חוץ דעם האָט מיך גלאַט געפרעהט: א קוזינע און א יתומה, טאַקע זעהר גוט... בעסער חתונה צו האָבען איידער מיט א שטיף־מוטער צו זיין... כאָטש וואָס האָב איך, אזא שלעפּער, געקאָנט ערווארטען, ווען זי וואָלט ניט קיין כלה געווען. און חוץ מיין אָרימקייט בין איך דאָך גלאַט געווען א ווילדער בחור, איך האָב דאָך אין מיין לעבען קיין ביכעל אין האַנט ניט געהאַלטען און פון איהר האָב איך נאָך פון מיינעם אַן עלטערען ברודער געהערט, אז זי איז א וואויל־קענענדע... יאָ, און דאָך, פונדעסטוועגען האָט עס מיך דערפרעהט, ווען זי האָט מיר דערצעהלט, אז זי איז שוין א כלה און זי האָט מיר באַוויזען דעם פאָרטרעט פון איהר חתן, א בחור מיט א באָרד, וואָס האָט געמאַכט אויף מיר אַן איינדרוק ווי א דרייסיג יעהריגער אַלמן... איך וויל זאָגען, און זאָג, אז ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס עס האָט מיך געפרעהט, וואָס די קוזינע איז א כלה, האָט מיך איינ־צייטיג געפרעהט, וואָס דער בחור איז אזא בחור, וואָס ער איז ניט אזעלכער, וואָס ס'האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט... איך האָב מיר פאָרגעשטעלט א מעהר געהויבענערען פון דעם, און א דאַנק דעם, וואָס זי האָט באַוויזען אָט דעם בחור־חתן מיט דער באָרד, האָב איך מיר אויף מאָרגען אָפּגעשקראָבעט די מאָרדע... באמת, איך האָב עס אפילו ניט אין זינען געהאַט צו טאָן, ס'הייסט צו ראַזירען זיך, ווייל דאַרטען, אין אזא „העק" און אין אזא שטוב האָט עס קיין פלאַץ ניט געהאַט... איך מיין ניט צו זאָגען, אז צו יענער

צייט האָבען נאָך דאָס שטעדטעל און דער איד, מיין קוזינע'ס טאַטע אליה־דוד, און מיין קוזינע'ס שטיף־מאַמע לאה קיינמאָל קיין גלות ניט געזעהן, אָבער דאָ מוזט איהר נעמען אין אכט די אומשטענדען, אין וועלכע איך האָב זיך געפונען. ווען אַ שטייגער איך וואָלט געווען אַ גרויסער פּאַרנעס, ווען אַ שטייגער איך וואָלט נעזעסען אויף אַ סטאַנציע און וואָלט געצאָהלט פאַר קעסט און פאַר דירה, איז וואָלט איך געהערט אַ אליה־דוד'ן מיט אַ לאה'ן, צי זיי ווילען דאָרטען ליידען, וואָס איך ראַזיר מיר די באָרד, צי זיי ווילען ניט ליידען? די גאַנצע זאַך איז אָבער באַשטאַנען אין דעם, וואָס איך בין געווען אַ ניט געבעטענער גאַסט, אָדער בעסער געזאָגט, אַזאַ גאַסט, וועמען קיינער האָט ניט געבעטען צו קומען, איז אַזעלכער דאָך מחויב צו טאָן וואָס די ברויט־געבער זיינע איז ניחא... נאָך מעהר: חברה־לייט, וואָס קומען פון גרויסע שטעדט צום פּריזיוו, וואָס קומען צו עלטערען, אָדער צו נאָהענטע קרובים, פאַרלאָזען זיך בערד, איין מאָל טאַקע צוליב די אייגענע, און, צווייטענס, זיי זאָלען אויסזעהן קלאָגעדיגער. איז פון וואָס פאַר אַ זייט מ'זאָל צו מיין באָרד־גאָלעניש ניט צוגעהן, איז דאָס געווען אַן איבעריגע זאַך...

דערזעהענדיג מיך אַ פרישׁ אָרומגעשקראָבעטען, האָט מיר דער קוזינע'ס פאָטער גאַנץ איידעל געזאָגט, אַז ווען משה יאַנקעל, דער טאַטע מיינער, וואָלט געלעבט, וואָלט איך מסתמא די מאָרדע ניט געשאָבען, און אַז קיינס פון מיינע ברידער האָבען זיך דאָ די בערד ניט געגאָלט.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך האָב געטאָן אַ נאַרישקייט און ס'איז ביי מיר געווען אַ באַשלאָסענע זאַך מעהר דאָס ניט צו טאָן. אָבער פונקט ווי פיל זאַכען ווערען געטאָן פון מענשען, וואָס זיי זיינען דאָס ניט געוון צו טאָן, אַזוי איז דאָס ביי מיר פאַר־געקומען.

דעם זעלבען טאָג, וואָס איך האָב זיך ריין געמאַכט די מאָרדע מיינע, אָדער אויף מאָרגען (איך געדענק ניט זיכער), האָט זיך די קוזינע מיינע פאַר מיר דאָס האַרץ איהר'ס געעפענט און מיר דער־

צעהלט, אז דער חתן איז איהר ניט צום הארצען, אז מ'האָט איהר געגען איהר ווילען דעם קאָפּ פארדרעהט... זי האָט מיר אגב דער־צעהלט, אז דער חתן איז ניט קיין גראָבער יונג, אז ער קען העב־רעאיש און קען רוסיש, נאָר דאָס מאכט ניט אויס, „קיין טאַנץ געהט ניט פאר קיין עסען". צום הארצען איז עס איהר ניט. און ס'האָט מיך באמת געפרעהט, וואָס איינער אזעלכער, וואָס קען אי העברעאיש און אי רוסיש, קאָן דאָך ניט געפעלען זיין א מיידעל. אויב אזוי, האלט עס דאָך מיט מיר שוין ניט אזוי געפערליך, וואָס איך קען ניט אָט די ביידע זאכען. און דערצו פארמאָג איך דאָך עפּעס אזא פּריווילעגיע, וואָס דער חתן פארמאָגט ניט... איך בין דאָך עפּעס געראַזירט... אמת, זי האָט מיר ניט געזאָגט, פאר־וואָס ער געפעלט איהר ניט, נאָר איך האָב מיר אזוי געטראכט: אויב דער (דער חתן), וואָס איהר געפעלט ניט, האָט א באָרד, קאָן דאָך זיין, אז דאָס איז איינע צווישען פילע אנדערע וויכטיגע סיבות, וואָס דער מיידעל איז ניט צום הארצען. און אויב אזוי, קאָן דאָך מעגליך זיין, אז מיין געראַזירטע באָרד זאָל זיין א סיבה פון יאָ איהר געפעלען צו זיין, און א דאנק דעם האָב איך מיר א צווייט מאָל אָפּגעשאָבען די מאָרדע, אין איין וואָך צוויי מאָל, געקומען בין איך זונטאָג אין אָווענט און דאָנערשטאָג האָב איך מיר דאָס צווייטע מאָל שוין ארומגעשקראָבעט און דערצו איז דער ראַזיר־מעסער ניט געוועזן אזא פויגעלדיגער, האָב איך מיר אין פיל ערטער צעטעבערט די מאָרדע און געמוזט ארומקלעפּען מיט שטיקלאך ציגאר־פּאפּיר, ס'זאָל קיין בלוט ניט געהן, און ס'האָט באמת אויסגעזעהן זעהר חלשות'דיג, און דער קוזינע'ס פאָטער האָט מיך שוין אנדערש גענומען אויפ'ן צימבעל:

— מילא, דאָרטען, אין דיין אָדעס, פארשטעה איך, האָסטו געמוזט גאָלען די באָרד צוליב דיינע געשעפטען (ער האָט שוין געוואוסט פון מיינע „געשעפטען"), האָסט זיך באגעגענט מיט „איסטאָקראטען", אָבער דאָ... וועסט זיין ביי אונז אזוי אויבעט אן אָנגעלעגטער גאסט...

פרייטאָג, סמוך לשקיעה, אזוי א שעה אָנדערהאלבען פאר־

נאכט, האָט מיך די קוזינע איבערגעבעטען און זיך אוועקגעזעצט בײם שבת־געגרייטען טיש שרייבען א בריף צום חתן. די זיל־בערנע לייכטער זיינען שוין אויפ׳ן טיש געשטאַנען אָנגעשטעקט מיט ליכט און פון הינטער׳ן געבלומטען סערוועט האָט בערגעלדיג די חלה ארויסגעשטאַרצט... זי האָט מיר דערצעהלט, די קוזינע, אז ס׳איז איינגעפיהרט ביי זיי, ביי איהר מיט איהר חתן, זיי זאָלען זיך צוויי מאָל אין וואָך בריף שרייבען. די וואָך אָבער האָט זי איהם נאָך קיין איין מאָל ניט געשריבען, א דאנק דעם גאסט וואס זי האָט, איז וויל זי איהם כאָטש איין מאָל שרייבען, אז ניט קען זי איהם זונטאָג־מאָנטאָג דאָ האָבען פאר א גאסט...

ס׳איז אויסגעקומען ווי זי וואָלט זיך פארענטפערט פאר מיר וואָס זי שרייבט צום חתן בריף, און צי האָט זי אזוי ווירקליך מורא געהאט פאר זיין קומען, צי איז דאָס געווען בלויז א מאניער אזעלכער, דאָס האָב איך ניט געוואוסט. איין זאך האָב איך יאָ געוואוסט, און טאקע געפיהלט, אז איך בין איהם מקנא דעם חתן איהרען... ס׳איז געווען א חיות צוצוקוקען, ווי דאָס שבת׳דיגע מיידעל האָט זיך באַזעצט מיט וואָכעדיגער ארבייט ביים שבת׳־דיגען טיש... די קורצע האָר איהרע האָבען געגלאַנצט און א דאנק דעם וואָס זיי זיינען געווען לכבוד שבת אָנגעקרויזט, האָבען זיי אויסגעזעהן נאָך קירצער און די גאָר קורצע האָר האָבען איהר פיל שעהנער געפּאַסט צום פּנים, ווי ווען זיי זיינען געווען ניט לאנג, ווי ביי א מיידעל דארף צו זיין, און ווידער ניט אזוי קורץ, ווי ס׳האָט באדארפט צו זיין ווען א מיידעל טראָגט קורצע האָר... אָנגעטאָן איז זי געווען ניט שטארק יום־טוב׳דיג אָבער... שבת׳־דיג... מ׳האָט דערקענט אויף איהר דעם שבת און ס׳איז געווען א רחבת צו קוקען אויף איהר, ווי זי, א שבת׳דיגע, זיצט ביים שבת׳דיגען טיש און טוט זיך די וואָכעדיגע ארבייט איהרע... כ׳האָט געמאכט אַן איינדרוק, אז זי זיצט און שרייבט אַ יחוס־בריף ווענען איהר אידישען יחוס... ס׳האָט אזא איינדרוק געמאכט דערפאר, ווייל, א פּראָסט מיידעל וואָלט זיך ניט אוועקגע־זעצט אין אזא שפּעטער צייט, נאָהענט צו ליכט־בענשען, א בריוועל

שרייבען... כאָטש געמעגט האָט מען נאָך, און וועגען דעם האַנדעלט זיך טאַקע, וואָס געמעגט שרייבען האָט מען נאָך טאַקע, אָבער א פּראָסט מיידעל וואָלט עס פאָרט ניט געטאָן. אַזאַ זאַך האָט נאָר געפּאַסט פאַר א וואויל־קענענדיגער און פאַר א אידיש־מיוחס׳דיגער מיידעל.

איך האָב זיך אַזוי שפּל׳דיג געפיהלט און דוקא מיט מיין געשקראָבעטער מאָרדע... איך קען נאָך עפּעס א חוץ דעם ? איהר חתן קאָן דאָך העברעאיש און רוסיש... מילא, דעם העברעאיש וואָלט איך איהם געקאָנט מוחל זיין, אַן „אָדעסער״ איז ניט מחויב צו קאָנען העברעאיש, אָבער רוסיש ? ...

פאַרענדיגט שרייבען, האָט זי זיך ברייט פאַנאַנדערגעשמיי־בעלט צו מיר און האָט מיך געפרעגט, צי וויל איך הערען דעם בריף איהרען, וואָס זי האָט אָנגעשריבען צום חתן...

— יאָ, מיט פאַרגעניגען. וואָס הייסט, ווי דען ?

אויסגעהערט דעם בריף, האָב איך שוין ניט געוואוסט צי זאָל איך מקנא זיין דעם חתן איהרען, צי ניט... אמת, ס׳איז געוועזען זעהר א פיינער בריף, אַזעלכער, וואָס לא כל אָדם זוכה אַזאַ בריף אָנצושרייבען. דאָרטען זיינען געוועזען אריינגעמישט לשון קודש׳דיגע ווערטער, רוסישע און דייטשע, אָבער דער בריף אַליין אַלס בריף, איז געוועזען א פאַרעוועך, עפּעס גאָר ניט ווי א מיידעל וואָלט געשריבען צו א בחור, און מיר איז איינגעפאַלען, אַז זי האָט איהם מיר דערפאַר געוואָלט איבערלייענען, כדי צו באַווייזען מיר איהרע פאַרעוועע געפיהלען וואָס זי פיהלט צום חתן. און אפשר גאָר האָט זי לכתחילה אָנגעשריבען אַזאַ פאַ־רעווען בריף כדי מיר איהם צו לייענען, און... וואָס האָב איך נאָך אַלעמען געקענט ווּיסען? און אפשר האָט זי גלאַט געוואָלט באַווייזען איהרע קענטעענישען, ווייל ווי אַנדערש ? ממה נפשך, האָט זי פיינט דעם חתן, דאַרף זי פיהלען, אַז זי האָט איהם פיינט. אלא וואָס, זי האָט איהם ניט פיינט געהאַט, נאָר ער איז איהר ניט מעהר ווי צום האַרצען (איהרע ווערטער). ניין, טויג

עס אויך ניט... אָבער וואָס ס'איז שוין דאַרטען ניט געווען, אויף מיר האָט דער בריף געמאַכט אַ... פאַרעווען איינדרוק און דאָס שטיקעל געפיהל, וואָס איך האָב געפיהלט צו איהר, דאָס געפיהל וואס איז געשאפען געוואָרען פון אַ ביסעל קנאה צום חתן און אַביסעל אייפערזוכט, איז אינגאַנצען פארשוואונדען גע־וואָרען...

אויף לעצט האָט זי מיר איבערגעלייענט ווי זי לאָזט וויסען דעם חתן איהרען, אז זי האָט זעהר אַ חשוב'ען און ליבען גאַסט, אַ קאָזין איהרער, וואָס איז געקומען פון אַרעם זיך שטעלען צום פריזיוו, און איינצייטיג האָט זי זיך פאַרענטפערט פאַר'ן חתן, אז דערפאַר ווייל זי האָט אַ גאַסט, דערפאַר האָט זי קיין צייט ניט געהאַט איהם צו שרייבען...

אין אַ פאָר טאָג אַרום איז אָנגעקומען פונ'ם חתן פון איה־רען אַן ענטפער אויפ'ן בריף, און צו מיר איז געווען צוגעלעגט באַזונדער אַ שטיקעל פאַפיר, וואָס פאַר אַ גרוס איז דאָס געווען צו גרוים און פאַר אַ בריף צו קליין. עס איז געווען אַ בריוועל־דיגער גרוס... אָבער דאָס איז ניט וויכטיג. די גאַנצע וויכטיג־קייט איז באַשטאַנען אין דעם, וואס דער בריוועלדיגער גרוס איז געווען געשריבען אין... רוסיש, און אזוי ווי מיין קוזינע האָט מיר אַ שטעק געטאָן אָט דעם אוצר, איז מיר פינסטער געוואָרען אין מיינע אויגען און וויסט אין אַלע מיינע רמ"ח אברים... איך האָב גלייך דערפיהלט, אז דאָס פנים מיינס האָט זיך מיר אונ־טערגעצונדען און די אויערען האָבען אָנגעהויבען צו פלאַמען... איך האָב געקוקט אַ מינוט און צוויי (ווער קען עס פינקטליך געדענקען פון אַזאַ מאָמענט, וויפיל צייט איך האָב געקוקט) ווי אַ האָן אין בני־אָדם און געטראַכט וועגען מיין געשאָבענע מאָרדע, און באַגראָבען האָט איך זי געוואָלט, אָט די מאָרדע, מיט זיך אינגאַנצען... איך, דער אדעסער „איסטאָקראַט" מיט דער געסקראָבעטער מאָרדע, קען עס קיין רוסיש בריוועל ניט איבערלייענען, און יענער איד, דאַרטען מיט דער באָרד... וואָלט ער כאָטש געשריבען אין העברעאיש, וואָלט איך איהם געהאַט

אין דר'ערד: אַז אַדרעסער איז ניט מחויב צו קענען העברעאיש, אָבער רוסיש!?...

— ס'איז זעהר אַ געדרעהטער כתב, פונקט ווי אויף מיין פּאַספּאָרט — האָב איך צולעצט געזאָגט צו מיין קוזינע — און ווייל דער כתב אויף מיין פּאַספּאָרט איז זעהר אַ געדרעהטער, ווייס איך נאָך ביז היינטיגען טאָג ניט, וואָס פאַר אויגען איך האָב און וואָס פאַר אַ האָר איך האָב... איך ווייס ניט, צי בין איך אַ בלאָנדין, צי בין איך אַ שאַטען...

מיין קוזינע האָט זיך שטורמדיג צולאַכט און מיט איהר קליי־נעם, ווייסען הענטעל, מיט'ן הענטעל, וואָס זי האָט נאָך קענטיג קיינמאָל קיין שווערע ארבייט ניט געטאָן, איז זי מיר פינגערדיג אריינגעפאָהרען אין מיינע געדיכטע קודלעס אריין און אָנגענו־מען די קודלעס, אַ טרייסעל געטאָן איינמאָל און אַ צווייטען מאָל, און עטליכע מאָל, און אויפגעהערט צו לאַכען און אויפגע־הערט צו טרייסלען האָט זי געזאָגט גוטמוטיג און שמייכלענדיג:

— אוי, וואָס פאַר אַ נאַאיווו קינד דו ביזט, דו ביזט דאָך נאָך גאָר אַ קינד!

---

און אַז ס'געהט ניט אַ מענשען, געהט עס ניט, אַ נייע צרה, אַ נייע אָנטשעפּעניש: איך עס צופיל! אמת, טאַקע, ס'איז שוין צייט געווען... צוויי וואָכען, די דריטע... אָבער... ניט אין דעם איז דאָס דער בעל־הבית'טע, מיין קוזינע'ס שטיף־מאַמע, געגאַנגען... זי האָט געמיינט מיין טובה, פאַר אַ פּריזיוו באַדאַרף מען ניט עסען אַזוי פיל... באמת, פאַר וואָס ניט, איך האָב איהר געקענט גלויבען, אַז זי וויל ניט איך זאָל זיין אַ סאָלדאַט (וואָס פאַר אַ איד אָדער אידענע וויל דאָס יאָ?) פונקט אַזוי ווי ער, דער פאָטער מיין קוזינע'ס, האָט געזעהן די גאַנצע גוי־אישקייט מיינע אין דעם, וואָס איך האָב מיר געשאָבען די מאָרדע מיינע, אַזוי האָט זי דאָס איינגענע געזעהן אין מיין עסען. זי האָט בפירוש אַזוי געזאָגט:

— דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען זעה איך, אז אַ אידיש קינד זאָל פאַר אַ פּריזיוו אזוי פיל שטופּען אין זיך...

אין מיין „שטופּען" האָט זי איינגעזעהן, אז מיך קימערט ניט צי איך וועל יאָ זיין אַ סאָלדאַט צי ניט, און דאָס איז ניט אי־דיש... זי האָט מיר געשטאָכען די אויגען מיט מיינע ברידער, אז מיינע ברידער פלעגען ניט עסען, אז אפילו דער האַרבעוואַטער ברודער מיינער, וואָס איז געווען זיבער, אז ער וועט „אריין און ארוים", אפילו ער האָט אויך ניט געגעסען אזוי פיל וויפיל איהם האָט זיך געגלוסט.

מ'האָט איהר געקענט געווען גלויבען, אז זי מיינט טאַקע מיין טובה און אויב אפילו ניט, איז עס דאָך געווען אַן אויסער־געוועהנליכע געלעגענהייט צו זאָגען אַ גאַסט, אז ער עסט צופיל... אָבער ניין, צו וואָס אזאַ פאַרדאַכט?... מיינע ברידער האָבען זעהר פיל גערעדט וועגען איהר, אז זי איז זעהר אַ לייטישע פרוי... גיכער פון אַלעס קען זיין אָט וואָס, אז לכתחילה האָט זי טאַקע געמיינט מיין טובה. מיט דער צייט אָבער, אזוי ווי איך האָב מיר נעטאָן מיין „עובדה" און זי האָט עס צוגעקוקט און געוואוסט, אז פאַר מיר וואָלט געווען בעסער איך זאָל ניט עסען, הייסט עס דאָך, אז די גוטע זאַך, וואָס זי טוט (דאָס עסען וואָס זי גיט מיר) איז שוין ניט קיין גוטע זאַך, ס'איז פּונקט אזוי גוט ווי זי וואָלט עס געוואָרפען אין דרויסען ארויס פאַר הינט און חזרים (אפשר פאַר זיי נאָך מעהר מצוה), און אזוי ווי אין דרויסען ארויסצוואַרפען עסען, איז דאָך אַן עבירה, האָט זי ווירקליך אזוי ארום געקענט צוקומען צו דעם, אָט די גוטע פרוי, אז זי זאָל טאקע מיר „זשאַלעווען" דאָס עסען... און כאָטש זי האָט אין מיר אריינגעפּיקעט, און וואָס האָט געדאַרפט קלאָר זיין, אז דאָס מיינט זי מיין טובה, האָט זי מיר דאָך פאָרט נעגעבען עסען... זי האָט מיר געגעבען עסען און ניט געהייסען עסען, און געבענדיג מיר דאָס עסען, האָט זי טאַקע געזאָגט, אז ווען זי וואָלט געווען אַ מאַמע מיינע, אָדער אַ שוועסטער, וואָלט זי מיר קיין עסען ניט געגעבען, און נאָר ווייל זי איז

א פרעמדע, גיט זי מיר, און דערצו נאָך מיר אריינגעטיילט פיינע פּאָרציעס. און איך בין קיין מאָל ניט געבליבען הינטער־שטעליג. איך האָב קיינמאָל ניט מקיים געווען דעם פסוק פון „שבעני והותרני", ווייל אן אפּעטיט האָב איך געהאט גאָר א פיינעם און האָב קיינמאָל אפילו אויף דרך־ארץ ניט איבערגעלאָזט.

וועט דאָך אימיצער וועלען א פרעג טאָן: היתכן? ווי איז מען דאָס טאַקע אזא דבר אחר, ווי פרעסט מען דאָס אזוי, ווען יענער רייסט ביי דיר דעם ביסען פון מויל? (ניט וויכטיג, מיט וואָס פאר א מאָטיוו) איז וועל איך ענטפּערען: זייט וויסען, מיין ליבער, אז ביז דעמאָלט, ביז מיין צוואנציג יאָהריגען לעבען, האָב איך נאָך קיינמאָל צו זאט ניט אָפּגעגעסען און קיינמאָל אזעלכע גוטע מאכלים ניט טועם געווען, און ניט געזעסען ביי אזא שעהן־געגרייטען טיש... אין דער היים, ביי מיין טאַטען, האָב איך געגעסען מיט א בלעכענע לעפעל, מיט פּאָרכעס און פון א צושפּאָלטענעם, צובראָכענעם טעלער, וואס איז געווען צונויפ־געדראָטעוועט... שפּעטער האָב איך פינף יאָהר צייט, וואס איך בין געווען אין דער לעהרע, האָב איך גאָר אין גאנצען פון קיין טיש ניט געוואוסט. איך האָב געגעסען ביים ווארשטאַט (אמת, שוין מיט א קופּערנעם לעפעל), און די איבעריגע פּאָר יאָהר ביז די צוואנציג, וואָס איך בין שוין געווען אן ארבייטער, האָב איך פאַרדינט דרייסיג־פערציג קאָפּיקעס א טאָג, איז קען מען זיך שוין פאָרשטעלען ביי וואָס פאר א טישען איך בין געזעסען און וואָס פאר א מיטאָגען איך האָב געקענט עסען פון אזעלכע פאָרדינסטען. איצט קענט איהר שוין פאָרשטעהן, אז איך האָב זיך ניט געקענט אפּזאָגען פון אזא טיש, וואו מ'האָט געגעסען מיט זילבערנע לעפעל און גאָפּעל... אי, וואָס א סאַלדאַט צו זיין? נו, וואָס איז מיר געשטאַנען אָנצואווערען, דאָס גוטע לע־בען מיינס? די באָרשטשעס, וואָס איך האָב געגעסען אין די טראַקטירען מיט די טאַראַקאַנעס (פּרוסאַקעס, קאַקערוטשעס, יע־דע מדינה האָט זיך איהר נאָמען אויף די ברואים'לאך) און וואָס האָט געשטונקען מיט חלב־פעטס...

איינמאָל פאַר'ן עסען, ווען מ'האָט זיך געקליבען געהן עסען, האָט מיר די קוזינע געזאָגט סודות'דיג און גוטמוטיג אויף אַזא מין דיפּלאָמאַטישען שטייגער, אַז איך זאָל ניט באַליידיגט ווערען און ס'זאָל אויך ניט הייסען אַז זי באַרעדט איהר שטיף־מוטער:

— יונה, זאָלסטו מיר אַזוי לעבען, טו איהר אמאָל צוליב און עס ווינציגער. זי איז אַ גרויסער טיפּוש... זי קען דיר ווערען דער גרעסטער שונא דערפאַר... מיט מיר און מיט איהרע אייגענע קינדער איז אויך אַזוי... ווען זי זאָגט מיר עפּעס אַ זאַך, וואָס זי מיינט אַז ס'איז גוט פאַר מיר, און איך פאָלג איהר ניט, ווערט זי מיר אַ דם שונא דערפאַר, וואָס איך פאָלג איהר ניט.

איך וואָלט אָט יענע צייט געקענט פאַרשרייבען פאַר איינע פון די אינטערעסאַנטסטע אין מיין לעבען, ווען ס'וואָלט ניט געווען דאָ אריינגעמישט אָט די געשיכטע מיט'ן עסען, פון וואָס איך האָב פיזיש און גייסטיג געליטען, ווען איך האָב אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָס איז ניט מעהר ווי אַ גוטער צופאַל פאַר דער בעל־הבית'טע, אָט דיזע געטריישאַפט איהרע, כדי מיך אַזוי ארומער צו דערוויטערען פון טיש...

יאָ, האָב איך טאַקע מעהר גייסטיג געליטען, ווייל צו יענער צייט איז עפּעס אַזוי גאָר אומגעריכט פאַרגעקומען אַ מאָמענטאַלע, געוואַלדיגע איבערקעהרעניש אין מיין גייסטיגען „איך". איך האָב פון צייט צו צייט זיך געלאָזט הערען מיט אַזעלכע דיבורים, וואָס איך אַליין האָב ניט געגלויבט מיינע אויערען אַז איך רעד זיי... צייטענווייז האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אין מיר האָט זיך עפּעס אַ גלגול אריינגעכאַפּט און רעדט פון מיר ארויס פרעמדע דיבורים, אַזעלכע ווערטער און געדאַנקען, וואָס איך האָב קיינמאָל פון קיינעם ניט געהערט רעדען. איך בין שעה'ן לאַנג אָפּגעזעסען מיט מיין קוזינע און פון יעדען נייעם וואָרט, וואָס איך האָב ארויסגערעדט, האָב איך אַזוי אַנגעקוואָלען ווי אמאָל קינדערווייז פון די נייע כלים וואָס מען האָט אריינגעטראָגען אין שטוב אויף פּסח.

ווי שוין געזאָגט, בין איך געזעסען מיט איהר שעה'ן לאַנג

און גערעדט, און דאָ איז געשעהן איינע פון די מערקווירדיגע זאַכען, וואָס האָט נאָך, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט געטראָפען. איך האָב געפיהלט, אַז איך פאַרליב זיך, נאָר איך האָב ניט געוואוסט אין וועמען, צי אין דעם מיידעל, צי אין זיך אַליין. און דאָס איז טאַקע די גאַנצע זאַך, וואָס אום כדי איך זאָל זיך קענען ליב האָבען (איך מיין ניט אָט די געוועהנליכע אייגען־ליבע, נאָר איך האָב ממש געפיהלט אַז די ליבע צו מיר וואַקסט אין מיר ווי צו אַ צווייטער מיידעלשער פערזאָן) האָב איך געמוזט האָבען די קוזינע נעבען זיך, ווייל נאָר דעמאָלט האָב איך געהאַט די געלעגענהייט צו לאָזען הערען מיינע אויערען אַזעלכע רייד, וואָס איך האָב פון קיינעם קיינמאָל ניט געהערט. אין איהר געגענוואַרט האָט מיין מוח ממש געבליצט. צייטענווייז האָב איך געפיהלט, אַז אין מיין גאַנצען וועזען האָבען זיך ווענטילאַציעס צועפענט און מיין מוח האָט אָנגעהויבען צו אַרבייטען אַלץ געשווינדער און פלינקער, ממש ווי אַ ווינט־מיהל, וואָס איז יאָהרען און יאָהרען געשטאַנען „פאַרשטעלט“, און פלוצים האָט דאָרט אימיצער אַראָפּגענומען די „זאַסטאַווע“ און די מיהל האָט אָנגעהויבען צו אַרבייטען... ס׳הייסט, אַלעס איז דאָרטען געווען גרייט צו דער אַרבייט, ביי מיר אין מוח, נאָר ס׳האָט געפעהלט איין קליינער שטויס, און דער שטויס איז געווען זי, די קוזינע מיינע... יאָ, איך וויל ניט זאָגען, אַז זי איז געווען אַן אויסערגעוועהנליכע חכמה, און זי האָט עס גאָר ניט באַדאַרפט זיין, פונקט ווי דאָרטען דער מילנער וואָס לאָזט די מיהל געהן, באַווייזט דאָרט קיין גבורות ניט, נאָר ער נעהמט אַרויס דעם קלין וואָס האָט געהאַלטען פאַרשטעלט די מיהל און אַלעס הויבט זיך אָן צו באַוועגען און צו דרעהען. אַזאַ ראָלע האָט דאָ ביי מיר מיין קוזינע געשפּילט. אָבער דערפאַר אַליין פאַרדינט זי אויך צו פאַרצייכענט ווערען אין ספר הזכרון, וואָס איך טו טאַקע. און זי האָט עס כשר פאַרדינט, פאַר איהרע צרות וואָס איך האָב איהר צוגעטיילט דירעקט און אומדירעקט. איך מיין צו זאָגען, וואָס איך בין יאָ געווען שולדיג און ניט שולדיג...

איך האָב מיך אַלץ אָפטער און אָפטער געוואָרפען צום שפּיגעל, און זיך זאַט ניט געקענט אָנקוקען אין דעם נייעם גלאַנץ אין מיינע אויגען, וואָס איך האָב ביז דאַמאָלס ניט באַמערקט. ס'איז געווען אַזאַ ליכטיגער העלער גלאַנץ, ווי עס טרעפט אַמאָל ביי אַ קינד, ווען ס'האַלט דער מוטער'ס ברוסט אין מויל און ס'קוקט אַרויף צו דער מוטער אין פּנים אַריין מיט אַזוי פיל חכמה, ווי ס'וואָלט געוואָלט זאָגען, אַז ס'באַדאַרף שוין ניט זויגען, נאָר ווייל ס'קען ניט ריידען, זויגט עס...

איין מאָל, ווען איך בין אַזוי ביים שפּיגעל געשטאַנען, איז אַנטקעגען אין שפּיגעל און הינטער מיר צוגעקומען די קוזינע מיינע און אַרויפגעלעגט אַ האַנט אויף מיין אַקסעל, ווי אַ שוועס־טער, ווי אַ ברודער און אַ גוטער פריינד אַ לאַנגאָנגעדיגער, און האָט צו מיר אין שפּיגעל אַריין, און צו מיר דעם אָריגינאַל וואָס איז אַנטקעגען שפּיגעל געשטאַנען, אַזוי געזאָגט:

— דו ביזט אַ קראַסאַוועץ!

און דאָ האָב איך זי אַ כאַפּ געטאָן, אַ נעם געטאָן, און זי געטאָן אַ פּרעס־צו צו זיך, ברוסט צו ברוסט און פּנים צו פּנים, און ביידע האָבען מיר זיך איינס דאָס אַנדערע אָנגעהויבען צו באַשיטען באַק און פּנים מיט קושען. איך האָב ניט געוואוסט, פון וועלכע קושען איך האָב מעהר הנאה, צי פון מיינע וואָס איך גיב איהר, צי פון איהרע וואָס זי גיט מיר... איך האָב ניט גע־וואוסט, צי קוש איך זיך מיט מיינע קושען וואָס איך קוש זי, צי קוש איך זיך מיט איהרע קושען, וואָס זי קושט מיך...

און עפּעס אַזוי איינצייטיג און אין דעם זעלבען מאָמענט ווען מיר האָבען זיך אָפּגעריסען איינס פון דאָס אַנדערע האָט זיך די טיר געעפענט און די שטיף־מוטער האָט דעם קאָפּ איהרען אַריינגעשטעקט און געזאָגט:

— מזל טוב!

— וואָסי?

זי האָט מיך עטליכע מאָל גערופען עסען און איך בין ניט געגאַנגען, איז אַ סימן אַז איך האָב מיך ענדליך באַטראַכט אויפ־

הערען צו עסען און זיך אָנהויבען צו פיינינען, איז דערפאר איז דאָס מיר געקומען:

— מזל טוב!

---

וואָס א טאָג נעהנטער צום פריזיוו איז אין שטעדטעל אלץ טומעלדיגער און רעש'יגער געוואָרען. אין שניי און אין בלאָטע האָבען זיך אָפּטער און אָפּטער וועגענער באוויזען, וועגענער אָנגע־זעצטע מיט יונגע שקצים, וואָס האָבען געהאלטען פיס אין פּאָס־טעלעס, פיס אין שטיוועל אריבערגעוואָרפען איבער די דראָ־בינעס. פלייצע צו פלייצע איז מען געזעסען און געזונגען און געהאליאָקעט. אָט די וועגענער אָנגעזעצטע מיט די זינגערס זיי־נען אויסגעפאָהרען און ארומגעפאָהרען דאָס גאנצע שטעדטעל, אזוי זיך צוליב'ן ארומפאָהרען און צוליב'ן זינגען... דאָס איז געווען די איינציגע ארבייט זייערע, פון די גוי'אישע פריזיוור־ניקעס, וואָס האָבען זיך אָנגעהויבען צונויפצופאָהרען פון די ארו־מיגע דערפער און שטעדטלאך. דער גרעסטער טייל פון זיי, וואָס זיינען דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבען אריינגעפאלען אין א פערמדען מקום און אָפּגעריסען פון זייערע היימען און פון זייערע געוואוינהייטען, האָבען זיי קענטיג אין ערגעץ קיין מקום מנוחה ניט געקענט געפינען, איז פאר זיי געווען דאָס בעסטע זיך ארומ־צודרעהען אין דרויסען מיט פערד און וואָגען און באזינגען און באהאליאָקען דאָס ארומדרעהען זיך זייערס.

אויך די נעכט האָבען אָנגעהויבען צו ווערען אומרוהיגע. פון צייט צו צייט איז געווען צו הערען ווי איינער קוואטשקעט מיט די פיס אין בלאָטע און באזינגט מיט א שכור'ן געזאנג אָט דעם גאנג זיינעם, וואָס ער באדארף ניט געהן, נאר וואָס ער געהט איהם יא, דערפאר וואָס ער איז שכור, און צוליב דעם כדי צו לאָזען הערען אָט די שכור'ע נגינה זיינע אין פינסטערניש און אין אומעט פון אָסיענדיגע נעכט, און ס'איז עפּעס ווי פרעה־ליכער געוואָרען אין שטעדטעל, און אי אומעטיגער... אומעטיג און שווער געמיטליך פון פרעמדען גוי'אישען צופלוס, פון פרעמדע

ערלים, וואָס האָבען זיך אין שטעדטעל אָפּט ערלויבט צו טאָן אַזעלכע זאַכען וואָס היימישע גויים האָבען זיך ניט ערלויבט צו טאָן...

די אידישע פּריזיוניקעס, אפילו די פרעמדע, וואָס זיינען פון דער פרעמד געקומען, האָבען באַלד זייער מקום מנוחה אין די בתי מדרשים געקראָגען; דאָרטען האָבען זיך פרעמדע מתים צו היימישע באהעפטט און צוזאמען ווי לאַנגע באקאנטע האָט מען דערצויגען די לעצטע תעניתים, און אַ קוק צו געבען אויף זיי האָבען זיי געמאַכט אַן איינדרוק, אַז איצט פאסטען זיי שוין, דערפאַר ווייל זיי האָבען שוין קיין כח ניט צו עסען. איך האָב זיי מקנא געווען. איך האָב ניט געהאַט צוליב וואָס און צוליב וועמען צו טאָן דאָס וואָס זיי טוען... און מיר האָט זיך אַזוי געוואָלט האָבען אַ נאָהענטען מענשען, וואָס זאָל דאָס פאָדערען פון מיר, און וואָס מיר זאָל ניחא זיין דאָס צו טאָן פאַר איהם...

איך האָב נאָך קיינמאָל, ביז יענער צייט, אַזאַ איינזאַמקייט ניט געשפּירט. איך האָב צו זיך אַליין געפיהלט גרויס רחמנות און ניט איינמאָל האָט זיך מיר געגלוסט וויינען אויף מיין פינ־סטערען מזל. וועמען וועט עס ארען, אַז מ'וועט מיך „אָפּגע־בען"? ווער וועט זיך פרעהען, אַז מ'וועט מיך באַפרייען? און פונקט ווי איך בין פון פריהער און די גאַנצע צייט גלייכגילטיג געווען, יאָ זיין אַ סאָלדאַט צי ניט, אַזוי האָט עס מיר די לעצטע טעג אָנגעהויבען צו אַרען. איך האָב עס אַזוי באַרעכענט: מה דאָך דו ביזט אַ פרייער מענש, איז דיר וויסטיג און קלאָגעדיג, וואָס דו ביזט אַן עלענדער, וועט דאָך אין סאָלדאַטען זיין טויזענט מאָל ערגער.

ארומטראָגענדיג זיך מיט אַזאַ געמיט, האָט זיך מיר ניט איינמאָל געוואָלט אריינגעהן אין אַ שענק אריין, זיך אָנ'שיכור'ן און דערנאָך ארומקוואַטשען אין בלאָטע און האַליאַקען. יאָ, מיר האָט זיך געוואָלט טאָן דאָס וואָס די שקצים טוען. ס'זיינען אָבער געווען מאָמענטען, וואָס איך האָב מיך געוואָלט פאַר־איינינגען מיט מיינע „איינענע" אין בית־המדרש, זיך איבער־

געבען צו די לייז און זאָלען זיי מיך פרעסען, און לאָמיר זיך פאַרצערען פון הונגער און פטור ווערען... יאָ, דאָס איז שוין אָבער שפּעט געווען, און אפילו ווען ניט שפּעט ווייס איך אויך ניט צי איך וואָלט עס געקענט טאָן. איטליכעס מאָל, ווען איך בין אריין אין בית־המדרש, בין איך אריין איך זאָל דאָרטען פאַר־בלייבען, אָבער איך האָב מיך געמוזט אומקעהרען צוריק אין „מיין היים" און כאַפּען דאָרט אַ גנבה'שען ביס און אַ נאַש, וואָס מיין קוזינע האָט מיר בגנבה אונטערגעטראָגען. ניין, איך האָב מיר נאָך קיינמאָל אזוי איינזאַם ניט געפיהלט, עפּעס ניט אַהין און ניט אַהער, אַ איד געווען און ניט געקענט טאָן וואָס אידען טוען, און אַ „גוי" געווען און ניט געקענט טאָן וואָס גוים טוען.

איך בין שעה'ן לאַנג געשטאַנען אין מיין קאַלטען זאַל אין פּאַלטאָ און אינ'ם היטעל, אראָפּגערוקט דעם לאַקירענעם דאַשעק ביז די אויגען, און האָב אין פענסטער געקוקט, געקוקט מיט אַזאַ מין קוקען ווי עס קוקט אמאָל ארוים אַ מחותן אויף אַ חתונה, וואָס ווערט געשפּילט אַנטקעגען זיינע פענסטער; ער אליין וואָלט אויך באַדאַרפט זיין אויף דער חתונה אַ מחותן גלייך מיט אַלע אַנדערע מחותנים, אָבער איבער זיינעם אַ קאַפּריז איז ער גע־בליבען אין שטוב זיצען, קוקט ער אין פענסטער, בלאָזט זיך און איז ברוגז, און ער ווייסט ניט אויף וועמען ער בלאָזט זיך און אויף וועמען ער איז ברוגז. אזוי איז דאָס געווען מיט מיר: אין שטעדטעל זיינען זיך צונויפגעפאָהרען מחותנים אויף אַ „חתונה", וואו איך דאַרף זיין אַ גלייכער מחותן מיט זיי. אָדער איך וואָלט ארומגעהן מיט די שקצים און האַליאָקען, אָדער איך וואָלט זיצען אין בית־המדרש מיט די אידישע בחורים, וואָס האָבען כמעט ווי מיט יציאת נשמה דערקלעוועט די לעצטע תעניתים זייערע. און דאָך בין איך געשטאַנען אָן אַ זייט און ניט געקענט ניט מיט די און ניט מיט יענע ווערען אַ „מחותן" אין אונזער אַלעמענס „חתונה"...

איך האָב דוקא געהאַט אַ שטיקעל חסרון. נאָר אזוי ווי ס'האָט מיך פריהער קנאַפּ־וואָס נעקימערט צי וועל איך יאָ זיין

א סאָלדאַט צי ניט, איז דערפאַר אַליין האָב איך ווינציג געטראַכט וועגען איהם און ניט צוגעגעבען איהם קיין באַדייטונג. די לעצ־טע טעג אָבער האָב איך שוין אָנגעהויבען אריינצוטראַכטען זיך און ס'האָט מיר אָנגעהויבען באַנג צו טאָן, וואָס איך האָב דעם חסרון מיינעם קיין אויפמערקזאַמקייט ניט געשענקט. פּונקט ווי מיט דעם, וואָס איך האָב איהם קיין אויפמערקזאַמקייט ניט גע־שענקט, וואָלט דער חסרון זיין באַדייטונג פאַרלוירען.

און ס'איז גאַנץ פאַרשטענדליך, אַז אויב איך אַליין האָב ניט געשענקט קיין אויפמערקזאַמקייט דעם חסרון מיינעם, און דערפאַר האָט ביי מיר קיינער ניט געוואוסט צי איך האָב עפּעס א חסרון. נו, יאָ, צוליב וואָס? ווען איך וואָלט זיך געפונען ביי א מומע, ביי א פעטער, אָדער אַזוי ביי אייגענע, איז וואָלט איך עס געוועזן דערצעהלען... זיי דערצעהלען, צו וואָס? איך האָב ניט באַמערקט, אַז ס'זאָל ווער פון זיי לאָזען פאַלען א קרעכץ פון מיינעטוועגען, אפילו די שטיף־מאַמע מיין קוזינע'ס, וואָס זי האָט אַזוי איינגעלעגט די וועלט איך זאָל אויפהערען צו עסען, אפילו זי אַליין האָב איך ניט געזעהן זי זאָל זיך מצער זיין וועגען מיין גורל... וואָס געהער מיין קוזינע, איז אויך די זעלבע מעשה: ממה נפשך, איז דער חסרון א חסרון, וועט מען מיך דאָך באַ־פרייען, און זי וועט זיך דערנאָך דערוויסען, אַז איך האָב א חסרון. און אויב ניט, טאָ צו וואָס איהר דערצעהלען א מעשה וועגען א חסרון, וואָס האָט קיין ממשות ניט. און נאָך א טעם, פאַר וואָס איך האָב איהר וועגען מיין חסרון ניט דערצעהלט: איך האָב באַמערקט, אַז דאָס מאָל איז זי צו מיר ניט גלייכגיל־טיג. אמת, ס'איז מיר געווען גאַנץ אַנגענעם, און איך האָב גע־טאָן אַלעס מעגליכעס (ווי א שטייגער וואָס איך האָב מיך די באָרד געראַזירט), אַז זי זאָל צו מיר גלייכגילטיג ניט זיין. איך האָב אָבער מורא געהאַט, אַז זי זאָל ניט אוועקגעהן צו ווייט, איז דאָס אַליין וואָס איך וועל אוועקגעהן פאַר א סאָלדאַט האָב איך געוואָלט האַלטען פאַר איהר אַלס א צוים. און ניט נאָר וואָס איך האָב איהר ניט דערצעהלט וועגען מיין חסרון, נאָר פאַר־

קעהרט: איך האָב נאָך די גאַנצע צייט אין איהר אריינגע־טענה'ט, אַז איך וועל זיין אַ סאָלדאַט. און איינציייטיג האָב איך געטאָן אַלעס מעגליכעס צוצוציהען דאָס מיידעל צו זיך. ציי זי אליין, דאָס מיידעל, איז מיר געפעלען געוועןץ מאָמענטענווייז יאָ, מאָמענטענווייז ניט, און ס'זיינען געוועןמאָמענטען פון אַב־סאָלוטער גלייכגילטיגקייט. פארגעסט ניט, אַז איך בין געוועןאַ 20־יאָהריגער בחור, און אויב ס'האָט געקענט זיין מאָמענטען פון אַבסאָלוטער גלייכגילטיגקייט, איז עס שוין מסתמא מיין שולד ניט געוועןץ אָבער הערט! הערט אַ כלב שבכלבים! (זיך אַליין מיין איך) אפילו דעמאָלט, ווען איך בין צו איהר גלייכגילטיג געוועןץ אפילו דאַמאָלסט האָב איך אויך ניט אָפּגעשטעלט די ארבייט מיינע פון צוציהען זי צו זיך. און אין מאָמענטען, ווען איך האָב דערשפּירט אַז איך ציה צו שטאַרק אָן, האָב איך גע־זוכט און געפונען מיטלען אויף אָפּהאַלטען זי. האָב איך גלייך דערמאָנט, אַז זי האָט אַ חתן און אַז איך געה זיין אַ סאָלדאַט און נאָך זאַכען, אַ שטייגער ווענען מיין אָרימקייט. (געוועהנליך, ניט איינגאַנצען ווי ס'איז געוועןץ. אָט, אַ שטייגער, האָב איך איהר איינמאָל דערצעהלט, ס'הייסט געוואָלט געבען איהר צו פיהלען ווי אָרים איך בין, וואָס איך האָב מיר געלאָזט אָפּפּארבען דעם פּאַלטאָ מיינעם פאר מיין אָפּפּאָהרען פון אָדעס. און מערק־ווירדיג, ווי דער קליגסטער מענש אין אַ קליין שטעדטעל קען אמאָל זיין נאַאיוו אָדער פשוט נאַריש — איהר איז גאָרניט איינ־געפאַלען, אַז דאָס איז פון אָרימקייט. פארקערט, זי האָט גאָר געמיינט, אַז דאָס באַלאַנגט צו איינער פון יענע פּריווילעגיעס, וואָס אַ גרויסע שטאָדט פארמאָגט...

בדרך משל ווילט זיך מיר זאָגען, אַז איך מיט מיין קוזינע האָב געהאַנדעלט ווי עס האַנדעלט אמאָל אַ גערטנער מיט אַ שוואַך בוימעלע, וואָס ער פארמאָגט ביי זיך אין גאָרטען. דאָס בוימעלע איז דאָס שוואַכסטע פון אַלע בוימער, און דוקא אָט דאָס בוימעל איז פרוכטבארער פון אַלע איבעריגע בוימער. פרעהט עס איהם, דעם גערטנער, אָבער איינציגווייז מוז ער שניי־

דען די צווייגען. אזוי האָב איך מיט מיין קוזינע געהאַנדעלט: דאָ געטאָן אַלעס ס'זאָל וואַקסען, און דאָ האָב איך געשניטען.

---

אין שטעדטעל איז אַלץ טומעלדיגער געוואָרען. וואָס אַ טאָג נעהנטער צום פּריזיוו זיינען אַלץ צוגעקומען נייע פּריזיוואָניקעס און נייע מענשען, וואָס זיינען געקומען און געבראַכט די פּריזיוואָניקעס (אָדער די פּריזיוואָניקעס האָבען זיי געבראַכט). איך בין גאַנצע טעג ביי די פענסטער געשטאַנען, ווי אַ פליג אין אָסיען, די לעצטע טעג פון איהר לעבען, וואָס איז פאַראורטיילט פון קעלט צו שטאַרבען, און טרעט דוקא ניט אָפּ פון די פענסטער, וואו ס'איז קעלטער ווי ערגעץ אַנדערש. יאָ, מיר איז אויך געווען ביים פענסטער ערגער. ווען איך וואָלט ביים פענסטער ניט געשטאַנען, וואָלט איך ניט געזעהן און דאָס האַרץ וואָלט מיר אזוי ניט געבלוטיגט צוקוקענדיג ווי יעדער פּריזיוואָניק איז געקומען אין דער באַגלייטונג פון אַ נאָהענטען מענשען. ווער ס'איז געקומען מיט אַ טאַטען, מיט אַ מאַמע, ווער מיט אַ פעטער אָדער מיט אַן עלטערען ברודער, מיט אַן עלטערע שוועסטער, און געווען אַזעלכע וואָס זיינען געקומען מיט אינגערע ברידער פון זיך. יעדער איינער איז מיט אימיצער געקומען, און וואָס ווייטער האָב איך זיך אַלץ מעהר ארומגעקוקט ווי טיף אין דער ערד איך ליג, אז ס'וועט אפילו ניט זיין ווער ס'זאָל איבער מיין קאָפּ אַ טרעהר לאָזען, ווען מ'וועט מיך אָפּגעבען פאַר אַ סאָלדאַט. וואָס אַ טאָג ס'איז אַוועק, האָט זיך מיר אַלץ שוואַרצער פאַרגעשטעלט דאָס סאָלדאַטסקע לעבען. איינצייטיג אָבער האָב איך פאַר די פּאָר וואָכען, וואָס איך בין דאָרט געווען, דערפיהלט דאָס לעבען, וואָס איך האָב געלעבט פריהער, עפּעס אויך פיל ערגער ווי איך האָב עס פריהער געפיהלט. יאָ, איך בין פאַר דער קורצער צייט עפּעס אַנדערש געוואָרען. טויזענדער אויגען האָבען זיך אין מיר מיט אמאָל צועפענט און מיר געמאַכט צו זעהן, אז ווייטער פאָרטזעצען אָט דאָס לעבען, וואָס איך האָב געלעבט ביז אהער, וועל איך ניט קענען. גאָט מיינער, ס'איז גענוג געווען איך זאָל

נאָר אַ דערמאָן טאָן זיך אָן די ווילדע יונגאַטשעס, מיט וועמען איך האָב טאָג ביי טאָג צו צוועלף און פופצעהן שעה אַ מעת־לעת פארבראכט, און אחרון, אחרון „חביב", אָט די פולברוסטיגע מויד ביי דעם לעצטען בעל־הבית וואו איך האָב געארבייט, וואָס אימי־צער האָט געוואָלט איך זאָל מיט איהר פאר'ן פריזיוו „אנט־לויפען" קיין אמעריקע. אימיצער האָט מן הסתם אָנגעשלאָגען אָט דעם פּלאַן, און דאָרטען האָט מען זיך ניט וויסענדיג געמאכט. מסתמא האָבען זיי נאָך קיין חשק ניט געהאט. און אַ מויד איז דאָס געווען, שטראָף מיך ניט גאָט... זי האָט אויסגעזעהן ווי אַ רומענישע פּויערטע, פון יענע וואָס שטעהען דאָרטען אויפ'ן מארק און פארקויפען ווייסען חזיר... יאָ, זעהר, זעהר טרויעריג. אָבער וואָס ערוואַרט מיך אין קאַזאַרמע? וועל איך דען דאָרטען האָבען בעסערע „קאמעראַדען"?

מיין לאַגע איז געווען געגליכען צו איינעם, וואָס טרינקט זיך אין מיטען ים, און ער האָט ניט קיין האָפנונגען ניצול צו ווערען. דאָ אָבער, אינמיטען ווי ער האַלט זיך אזוי אין טרינקען, קומט אָן אַ ים־מחבל און הויבט איהם אָן צו שלינגען. און כאָטש אי דאָ אי דאָרטען ערוואַרט איהם דער טויט, פונדעסטוועגען הויבט זיך אָט דעם צום טויט־פּאַראורטיילטען אָן צו דאַכטען, אַז ליגען אויפ'ן אָפּגרונט פון ים איז ווינציגער שרעקליך ווי אריינצופאַלען אין דער בויכיגער פינסטערניש פונ'ם פיש. אָט די בויכיגע פינסטערניש האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט דאָס סאָל־דאַטסקע לעבען, און ניט זעהענדיג פאַר זיך קיין אויסגאַנג, האָט זיך פשוט געגלוסט שלאָגען קאָפּ אָן וואַנט פון פאַרצווייפלונג.

אין איינעם אַ פריהמאָרגען (איך געדענק ניט וויפיל טעג ס'איז נאָך געווען צום פריזיוו) האָב איך אין אַזאַ מאָמענט פון אויפרעגונג געפרעגט ביי מיין קוזינע ווען זי שרייבט אַ בריף צום חתן. זי האָט מיך פאַרוואונדערט אָנגעקוקט און געפרעגט צוליב וואָס איך פרעג עס און איך האָב איהר גלייך געענטפערט:

— איך וויל איהם ענטפערען אויף זיין גרוס.

מיר אַליין איז ניט געווען קלאָר, וואָס איך וויל דאָ טאָן.

עפעס האָט מיר ארומגעכאַפּט אַ בלינד באַגעהר אויף אַ שטומען, שרייבענדיגען אופן אויסצוגיסען דאָס האַרץ מיינס. איך האָב געפיהלט, אַז מיט ווערטער קען איך עס ניט, און אַז ווערטער וועלען מיך ניט בארוהיגען. און איך האָב קיין אַנדער שליטה ניט געהאַט צו דער פּען, סיידען דורך אַזאַ געלעגענהייט. און אַזוי ווי מיין קוזינע איז ארוים מיר אריינצוברענגען אַ טינט און פּען, האָב איך דאָ פּאָר דער צייט ארויסגעכאַפּט פון מיין קעשענע דאָס שטיקעלע שפּיגעלע, וואָס איך האָב מיט זיך געבראַכט, און האָב עס אָנגעהויבען מיט די פאַדערשטע ציין צו בייסען... געביסען, ווי אַ ראַץ, וואָס פאַלט אריין אין אַ פּאַסטקע, בייסט די דראָטען פון דער פּאַסטקע, פון וואַנען ער ווייסט אַז ער וועט שוין ניט ארויס... פון מויל און ציין זיינען מיט בלאַנק און גלאַנץ געפלויגען שטיקלאַך, ברעקלאַך און פּיצלאַך שפּיגעל־גלאָז, וואָס האָבען אויסגעזעהן ווי קליינע פּיצלאַך און ברעקלאַך שטערענדלאַך...

די קוזינע מיינע האָט מיך געכאַפּט ביי דער ארבייט, און נאָך איידער זי האָט באַוויזען מיך עפּעס צו פרעגען, האָב איך ביי איהר אַ פרעג געטאָן:

— איז נאָך איצט ניט שפּעט צו מאַכען זיך אַ חסרון?

און מערקווירדיג איז, וואָס פילע חסרונות און פילע זאַכען, וואָס ווערען געטאָן כדי צו מאַכען זיך חסרונות, וואָס אין אַנדערע צייטען וואָלט עס ארויסגערופען אַן אומרוהיגקייט פאַר'ן לעבען, ווערט אין אַזאַ צייט ביי די וואָס טוען דאָס און ביי זייערע נאָהענטע איינגאַנצען באַזייטיגט די מורא פאַר אַ וועלכער עס איז געפאַהר. איך ווייס פון פאַקטען, וואָס פאָטערס און מוטערס האָבען געשטעלט זייערע שווינדזיכטיגע זיהן צום פּריזיוו, און די זאָרג וועגען נאָהענטע טויט פון זייערע זיהן איז פאַרשוואונדען, און ס'איז איינגאַנצען פון אויבען ארויסגעשוואומען די צופרידענהייט, וואָס זייערע זיהן זיינען „באַוואָרענט“... דאַכט זיך, וואָס איז שוין געפעהרליכער ווי עסען גלאָז (מיין קוזינע האָט דאָך געמיינט, אַז איך האָב דאָס גלאָז געגעסען). ס'איז דאָך אַ גרויסע

געפאַהר פאַר'ן לעבען, און דאָך האָט זי מיך אַ גלעט געטאָן איבער'ן פּנים און איבער'ן מויל, אָפּווישענדיג איינצייטיג די פּיצלאָך גלאָז, וואָס זיינען אויף מיינע ליפּען געלעגען, און מיט רחמנות און צופרידענהייט געקוקט אויף מיר...

איך האָב געכאַפּט די פּען אין האַנט, און מיט אַ האַרץ, וואָס איז געוועזן פול פאַרלאָפען מיט בלוט, מיט אַ האַרץ וואָס האָט שיער ניט געפּלאַצט פון וועהטאָג, האָב איך זיך אַוועקגע־זעצט שרייבען צו אַ ווילד־פרעמדען מענשען, צו אַ מענשען, וואָס איך האָב אויף מיין לעבען אין די אויגען ניט אָנגעקוקט, און ניט געוואוסט וואָס איך געה צו איהם שרייבען. און דאָ איז געשעהן עפּעס אויסערגעוועהנליכעס: די האַנט, וואָס האָט נאָך קיינמאָל צו קיינעם ניט געשריבען; די האַנט וואָס האָט פון צוועלף יאָהר אָן (פון חדר) קיין פּען ניט געהאַלטען, איז אַוועק אַ גאַנג... פאַרגעסען צו ווען, צוליב וואָס און צוליב ווען; ס'איז אַוועק אַ גאַנג, און איינצייטיג איז אין האַרצען געוואָרען אַ קאַלעטוכע... ס'איז מיר, דאַכט זיך, געוואָרען בעסער. מיט דער בעסערקייט איז מיר געוואָרען ערגער און ערגער, און מאָמענטענווייז האָב איך געפיהלט, אַז אָט־אָט פּלאַצט דאָס האַרץ, אַז אָט־אָט באַקום איך אַפּאָפּלעקסיע. איך האָב אָבער די פּען ניט אַוועקגעלעגט. ניין, איך האָב ניט געקענט און ניט געוואָלט וואַרפען זי. ס'איז ביי מיר פאָרגעקומען ווי ביי איינעם, וואָס טרינקט זיך און ער כאַפּט זיך אָן עפּעס אָן, און כאָטש ער זעהט אַז ער טרינקט זיך ווייטער, אַז קיין הילף ברענגט עס איהם ניט, אַז פון סעקונדע צו סעקונדע פאַרכלינעט ער זיך אַלץ מעהר מיט די וואַסער, איז פונדעסטוועגען לאָזט ער אַלץ ניט אָפּ אָט די זאַך, וואָס ער פּאַקט אין וואַסער.

ווען איך האָב פאַרשריבען איין בויגעלע פּאַפּיר און זיך גענומען צום צווייטען, האָט זיך די קוזינע מיינע פאַרנומען צו לייענען דאָס פאַרשריבענע בויגעלע, און שרייבענדיג האָב איך געהערט ווי זי לאָזט פון צייט צו צייט ארויס אַזעלכע מאָדנע אויסרופען, אָבער איך האָב ווייניג געלעגט אַכט אויף דעם.

איך האָב ביז יענער צייט ניט געוואוסט און קיין אהנונג ניט געהאט, אז ס'איז פאראן עפּעס א מין „שרייבאכץ“, וואָס איינער א מענש זאָל אָנשרייבען און ס'זאָל האָבען א ווערט פאר א סך מענשען... איך האָב געוואוסט פון אזא שרייבען, וואָס קען נאָר האָבען א ווערט, ווען ס'שרייבט ווער צו ווער צו ווען עמען א בריף... פון א שרייבען אין דער וועלט אריין, שרייבען צו קיינעם ניט, און דאָס זאָל האָבען א גרויסען ווערט, וועגען דעם האָב איך ביז דאַמאָלס ניט געהערט. אמת, איך האָב געוואוסט, אז עס זיינען פאראן ביכער אויף דער וועלט, אָבער ס'איז מיר קיינמאָל ניט איינגעפאלען, אז אָט די ביכער ווערען פריהער געשריבען...

איך געדענק א קליין שטיקעל פון דעם, וואָס איך האָב דעמאָלסט געשריבען. איך גיב עס אייך דאָ איבער:

„ס'איז מיר זעהר אומעטיג אויפ'ן הארצען און פינסטער איז מיין לעבען ווי די סוף חודש'דיגע נאכט. דרוג מיינער, פריינד מיינער („דרוג“ איז אויף רוסיש דאָסזעלבע, וואָס „פריינד“), וואָס זאָל איך טאָן? איך טרינק זיך און האָב ניט קיין נאדיעזשדע (האָפנונג) ארויסצוראטעווען זיך. מיין הארץ קאטשעט זיך אויף די ווילדע שווארצע כוואליעס און קיינער קומט מיר ניט צו הילף. איך פיהל, אז נאָך א סעקונדע און נאָך א סעקונדע און איך וועל געהן צום אָפּגרונט, און קיינער וועט אפילו ניט וויסען וואו מיין געביין איז אהינגעקומען. אָ, ווי איך וואָלט געוואָלט זעהן דעם הימעל. אָ, ווי איך וואָלט געוואָלט זעהן די לבנה און די שטערען. אָ, ווי איך וואָלט געוואָלט זעהן די זון שיינען אויפ'ן הימעל! אָ, ניין, איך וועל זיי שוין קיינמאָל, קיינמאָל ניט זעהן“.

— קענסט דאָך זיין א פּארפאסער! — האָט מיין קוזינע ענטוזיאסטיש אויסגערופען און ארויפגעלעגט די האנט איהרע אויף מיין קאָפּ, און געוויינט און געקוואָלען איינציייטיג לייענענדיג די און אנדערע עהנליכע ווערטער.

ווען איך האָב געענדיגט דאָס שרייבען און זי דאָס לעזען, האָט זי שטורעמדיג א דריק געטאָן דעם קאָפּ מיינעם צו איהר

ברוסט און מיך אריינגעקושט און אריינגעמורמעלט אין אויער אריין:

— מיין ליבער, מיין טייערער קאָזין!

און איך בין געבליבן שווייגנדיג און גלייכגילטיג...

---

די „מלאכי חבלה" זיינען שוין געווען... ביינאַכט האָב איך געהערט גלעקער קלינגען, און ניין אזייגער אין דער פריה האָט זיך באַדאַרפט אָנהויבען די „פּערעקליטשקע" (דאָס אויסרופען, צי אַלע, וואָס האָבען באַדאַרפט קומען, זיינען געקומען). מערק־ווירדיג, מיר האָט זיך אַלץ געבאָמבעלט אין קאָפּ, אַז מיך וועט מען ניט אויסרופען. די געפיהלען פון מיין איינזאַמקייט האָבען דערגרייכט צו אַזאַ מדרגה, אַז ס'האָט זיך מיר ניט געלאָזט גלויבען, אַז ערגעץ דאָרטען וואו זאָל זיין פאַרשריבען דער נאָמען מיינער, און אַז „אַ שרייבער", וואָס קען מיך ניט און וואָס ווייסט ניט, אַז אַזעלכער ווי איך איז דאָ אויף דער ווייסער וועלט, זאָל אויסרופען דעם נאָמען מיינעם.

איך האָב געצויגען אַ ווייטען נומער, און נאָכ'ן נומער נאָך האָב איך שוין געוואוסט, אַז אויפ'ן דריטען טאָג נאָך דער ער־עפענונג פון דער פּריסוטסטוויע וועט מיר אויסקומען צו שטעהן.

נאָך דעם ערשטען טאָג איז באַקאַנט געוואָרען, אַז די פּרי־סוטסטוויע איז אַ „שלעכטע". מ'האָט געשניטען ווי אין קרויט אריין; ווער ס'איז אריין, איז געווען „גאָדיען" (ער טויג). און דעם זעלבען טאָג האָט מען זיך דערוואוסט, אַז אַן אויער וואָס פייפט איז קיין חסרון ניט, אַז אויף דעם וואָס איין פינגער איז פאַרלעגט אויפ'ן צווייטען (פון פוס) קוקט מען זיך גאָרניט אום; אַז מ'האָט גאָר אפילו ניט געוואָלט אויסהערען איינעם אַ היקע־וואַטען, וואָס האָט געוואָלט רעדען און לאָזען הערען מיט זיין שטימע, ווי אַזוי ער פאַרהיקעוועט זיך; אַז מ'האָט צוגענומען איינעם, וואָס האָט כמעט ווי גאָרניט געזעהן אויפ'ן לינקען אויג; און יענע חסרונות, די „געבלאָזענע מעשיות", האָט מען פאַר־שריבען: זיי אריינצוּוואַרפען אין די האָספּיטעלער...

נאָך די אַלע חסרונות, וואָס דאָ איז אויסגערעכענט געוואָ־רען, האָב איך שוין גאָר אינגאַנצען פאַרלאָרען מיין האָפנונג אויף מיין שטיקעל חסרון. איך האָב פאַראויס געוואוסט, אַז איך בין אַ „געקוילעטער". ס'איז מיר אפילו צייטענווייז איינגעפאַלען אַ ספק, צי זאָל איך גאָר אינגאַנצען דערמאָנען וועגען אָט דעם חסרון; אַז „מ'שניידט" מיט אַזעלכע חסרונות, טאָ מעג איך זיך דאָך מיט מיין חסרון באַגראָבען. און איך האָב שוין ביי זיך געטראַכט, אַז זעהר גלייך האָב איך געטאָן, וואָס איך האָב קיי־נעם ניט דערצעהלט קיין מעשיות, אַז איך האָב עפּעס אַ שטיקעל חסרון, ווייל אין אמת'ן וואָס פאַר אַ ממשות האָט עס דאָרטען געקענט האָבען אַ שטיקעלע העכערע ריפּ אַנטקעגען אַזעלכע חסרונות ווי די וואָס מ'האָט „אָפּגעגעבען".

די קוזינע מיינע האָט מיר איינמאָל און אַ צווייטען מאָל געפּרעגט וואָס עס הערט זיך מיט'ן גלאָז, וואָס איך האָב גע־געסען. זי האָט געוואוסט, אַז דאָס גלאָז וואָס איך האָב געגעסען האָט מיר עפּעס געדאַרפט מאַכען אַ חסרון. זי האָט אָבער ניט געוואוסט און זעהר נייגעריג געווען צו וויסען וואָס פאַר אַ מין חסרון קען עס ברענגען, אַז מ'עסט גלאָז. און ווי ביטער מיר איז געווען אויפ'ן האַרצען, האָב איך געמוזט שמייכלען, און סוף כל סוף איהר געזאָגט, אַז איך האָב מיך קיינע חסרונות ניט גע־מאַכט און ניט געקלערט צו מאַכען.

איך ווייס ניט, צי זי האָט מיר געגלויבט, צי ניין. אַלענ־פאַלס האָט זי מיר געוואָלט באַווייזען, אַז זי גלויבט מיר, און זי האָט עס מיר ווירקליך באַוויזען מיט דעם וואָס זי האָט זיך פאַר־נומען מיין וועש „איבערצוקוקען". און גראָד דאָס וואָלט איך מוחל געווען במחילה גמורה... ס'איז מיר געווען אַזאַ חרפּה! שוין דערמאָלט האָב איך געהאַט דעם איידעלען חוש פאַר אַזעלכע זאַכען, אַז צוריסענע און ביליגע וועש איז עפּעס מעהר בזיון ווי דאָס אויבערשטע אָנטאָן וואָלט געווען צוריסען... און זי אַליין האָט זיך קענטיג אויך געשעמט און האָט זיך באַהאַלטען מיט דער אַרבייט בחדרי־חדרים.

זי האָט מיר מיין הארץ צובראָכען, און איך האָב געטראַכט, אַז ס'וואָלט אַ יושר געווען עפּעס אַ טראַכט צו טאָן... און אפשר האָב איך גאָר אינגאַנצען אַ טעות געהאַט; אפשר איז די גאַנצע האַנדלונג איהרע ניט מעהר ווי אַ לייטישע האַנדלונג... זי איז דאָך אַ קלוג מיידעל. זי ווייסט דאָך מיין לאַגע, און אַן אייגע־נער בין איך איהר, און אַליין איז זי דאָך, נאָך אַלעמען, אויך אַן איינזאַמע, און אַ חתן האָט זי, וואָס איז איהר ניט צום הארצען, איז קען זיין, אַז אָט די אַלע זאַכען צוזאַמען שאַפען ביי מיר אַ פאַלשע מיינונג וועגען איהרע באַציהונגען צו מיר...

דעם לעצטען טאָג, ס'הייסט דעם טאָג וואָס איך האָב גע־דאַרפט זיך שטעלען צום פּריזיוו, בין איך אויפגעשטאַנען ווען ס'האָט אָנגעהויבען צו שאַריען אויף טאָג. איך האָב געטראָפען אַ ווייסען שניי ליגען און ס'האָט נאָך געהאַלטען אין שיטען. ניט קוקענדיג אויף דער ווייסקייט, איז דאָך געווען אין דרויסען גרויליך־טונקעל און אומעטיג. אין מיטען, אין דער לענג פון גאַס, האָבען זיך געצויגען צוויי פּאַסען טיף איינגעשניטען אין שניי און אין בלאָטע.

איך בין אויפגעשטאַנען מיט אַ ציטער (פשוט פון קעלט) און זיך אָנגעטאָן מיט אַ ציטער און פאַרלאָזט דעם קאַלטען זאַל מיט אַ ציטער און אריין אין עס־שטוב, און כאָטש דאָרטען איז געווען וואַרים, איז אָבער דער גרויער אומעט דאָ געווען דער זעלבער וואָס דאָרטען. מיט אַ באַזונדערער פרעמדקייט און מיט אַ באַזונדערען קאַלטען אומעט האָט געגלאַנצט די געצאַצקעוועטע סאַראַטע אויפ'ן טיש, וואו עס איז געווען אָנגעשאָטען אין איין אָרט אַביסעל זאַמד־צוקער און ביי דעם ביסעל צוקער איז גע־שטאַנען אַן איין און איינציגע פליג און האָט „פּאַרזיסט" די לעצטע טעג (אפשר די לעצטע שעה'ן) פון איהר לעבען.

אין עטליכע מינוט ארום נאָך מיין אריינקומען האָט זיך פון קיך באַוויזען דאָס דינסט־מיידעל מיט אַ „ברעמניע" האָלץ אויף זיך און מיט פריהמאָרגענדיגער פאַרזיכטיגקייט און שטילקייט, וואָס אַ דינסט־מיידעל קען נאָר באַווייזען ווען ס'איז נויטיג און

מ׳באדארף עס פון רעספעקט צום הויז־געזינד ווען ס׳איז נויטיג און זי אפגעלעגט דאס האלץ און געעפענט דאס טירעל פון דער הרובע, און גלייך איז זי ארויס און גלייך צוריקגעקומען מיט א בעקען און אנגעהויבען ארויסצושארען פון דארטען די קוילען וואס זיינען פארבליבען פון נעכטיגען הייצען; צווישען די קאלטע קוילען האבען זיך דורכגעווארפען אויך „הייסע" קוילען, וואס האבען פארטגעזעצט דאס גליהען זייערס אינ׳ם בעקען. ארויס־געשארט וויפיל עס איז דארט געווען, איז זי אוועק איבערלאזענ־דיג דאס טירעל צועפענט מיט׳ן אפענעם פיר־עקיגען שווארצען חלל פון דער הרובע, און דאס האלץ איז געבליבען ליגען דא דערביי קאלט און נאסליך, און ס׳האט זיך געפיהלט אין דעם האלץ יענער אומעט וואס ס׳פיהלט זיך אלעמאל ווען האלץ ליגט נעבען אן אויווען אין דער צייט ווען ס׳וואלט באדארפט ליגען אין אויווען און ברענען.

איך האב געעפענט א סידור און געקוקט אויף די גרויסע אותיות פון „מה טובו". איך האב געוואלט דאווענען, און ס׳האט זיך מיר געגלוסט דאווענען, נאר כ׳האב ניט געוואלט דוקא דער־פאר, ווייל „זיי" ווילען דאס און פאדערען עס פון מיר. מיר האט זיך דוקא געוואלט אפדאווענען פרום און הארציג ביז מ׳וועט אויפשטעהן, אז עס זאל מיר גאר קיינער ניט זעהן ווי איך דא־ווען, און איך האב געוואלט אז זיי זאלען מיינען אז איך האב פאר׳ן „שטעלען זיך" ניט געדאווענט.

פינקטליך זאגען, וואס איך האב אין יענעם פריהמארגען געוואלט, איז ניט מעגליך. שטעלט זיך פאר, אז טוענדיג אפילו די זאך, וואס איך האב קלאר געוואוסט אז איך וויל דאס טאן, איך מיין דאס דאווענען, האב איך אויך טוענדיג דאס פון צייט צו צייט פארגעסען, אז איך טו דאס. איך געדענק שוין זעהר גוט ווי איך האב מיך א שעה אנדערהאלבען ווי א תם ארומגעצ־דרעהט אין די תפילין און זיך ניט געקענט אפגעבען קיין רעכע־נונג צי בין איך אזוי לאנג אין די תפילין ווייל איך דאווען ניט, צי דאווען איך ניט ווייל איך בין אזוי לאנג אין די תפילין.

פאַר דער צייט האָט זיך מיין קוזינע באַוויזען, און אין איהר אריינגעוויזען זיך איז קענטיג געווען, אַז דאָס פּריה־אויפשטעהן איהרם איז צוליב מיר. זי האָט זיך באַוויזען אַזאַ שיינענדיגע, אַזאַ ליכטיגע, ווי די נשמה איהרע וואָלט זיך נאָר־וואָס אומגע־קערט צו איהר פון הימעל, ווי זי, די נשמה אין איהר, וואָלט צופרידען געווען פון דעם דין וחשבון, וואָס זי האָט אָפּגעגעבען פון איהרע נעכטיגע מעשים. אַזוי, זאָג איך, האָט עס ארויסגע־שיינט פון איהר. זי איז גלייך צו צו מיר און גלייך אין מיר אריינגעזאָגט מיט אַ געהיימניספּולען קול:

— דו ווייסט, איך פאַסט היינט!... נאָר שאַ, קיינער זאָל ניט וויסען...

און דאָ אַזוי גלייך איז זי צוגעפאַלען צו מיר און זיך איינ־געגעסען אין מיר, זי מיט זיך איינגאַנצען, און מיך ארומגענומען ביי די לענדען און מיך געטאָן אַ דריק צו צו זיך און אָנגעהויבען צו באַנעצען דאָס גאַנצע פּנים מיינס מיט הייסע, מיט בריהענדיגע קושען. און נאָכדעם, ווי זי וואָלט אַליין געוואָלט אָפּשוואַכען דעם איינדרוק פון דעם וואָס זי האָט געטאָן, און ווי זי וואָלט פאַר מיר געוואָלט באַווייזען, אַז איך באַדאַרף עס ניט נעמען אַזוי ערנסט, האָט זי אָנגעכאַפּט מיט אַ האַנט דעם של־ראש און איהם געטאָן אַ ציה אַראָפּ צו זיך, האָט זי איין קוש און אַ צוויי־טען אין איהם געטאָן, און דערביי געלאַכט און געוויינט איינ־צייטיג. און איך אַליין האָב זיך אויך צעוויינט. און דאָ האָט עס מיר אַזוי אַ צונעם געטאָן, אַז איך האָב זי געגעבען מיט מיינע הענט אַ קלעם־איין און אַ שמיד־צו צו זיך און האָב זיך מיט פייער און פלאַם מיט מיינע ליפּען, מיט מיין מויל און מיט מיינע ציין איינגעגעסען אין איהרע ליפּען, אין איהר מויל, אין איהרע ציין. איך האָב זי געהאַלטען אין דער לופטען און ניט געפיהלט, אַז איך האַלט עפּעס. איך האָב נאָר געהאַט אַזאַ גע־פיהל, אַז מיר אַליין איז עפּעס וואָג צוגעקומען...

דאָ האָט זיך באַוויזען די שטיף־מוטער. פון ערשטען מאָ־מענט איז געווען צו זעהן, אַז זי איז שטאַרק איבערראַשט. גלייך

אָבער איז די איבערראשונג פארשוואונדען, און זי האָט זיך אָפּ־געזאָגט עטליכע געצעהלטע ווערטער:

— ניכאַי וואָלסטו כאָטש אויסגעטאָן די תפילין. וואָס באדאַרפסטו די תפילין פאַר עדות?...

---

די קוזינע האָט מיך באַגלייט אין פּריסוטססטוויע אריין. זי איז געגאַנגען אין אַ שאַל געהילט, מוטערליך, אָדער ווי אַן על־טערע „אויסגעגעבענע" שוועסטער, און איבער'ן פּנים איז שפּיציג און דעכעלדיג אָפּגעשטאַנען די שאַל. איך בין געווען גליקליך, וואָס איך בין ניט אַליין. געהענדיג האָב איך איהר דערצעהלט (אונטער'ן איינדרוק פון איהר פאַסטען וואָס זי פאַסט פאַר מיר, פאַר איהר ליבע צו מיר וואָס זי האָט ארויסגעצייגט אויפ'ן ניכ־טערען הארצען און פאַר דעם וואָס זי האָט מיך באַגלייט אין פּריסוטססטוויע אריין), אַז איך האָב אַ שטיקעל חסרון... ניט פון'ם גלאָז וואָס איך האָב געגעסען, נאָר טאַקע אַ געבוירענער חסרון. דאָס מיידעל האָט זיך אַזש אַ צאַפּעל געטאָן. איך גע־דענק ניט וואָס זי האָט מיר געזאָגט, אָבער פון איהר זאָגען האָט זיך באַקומען דער איינדרוק, אַז איך האָב דעם חסרון אָט נאָר־וואָס באַקומען, אין איהר זכות און אין זכות פון איהר תענית. נאָר וואָס האָט עס מיך געאַרט? זאָל זיין אַזוי. פאַרוואָס זאָל איך איהר ניט מאַכען גליקליך, ווען זי מאַכט מיך גליקליך... אַ קלייניגקייט, ניט געהן אַליין זיך שטעלען צום פּריזיוו, און פיהלען זייענדיג אין די ווענט פון פּריסוטססטוויע, אַז דאָרטען, אין דרויסען, שטעהט דיינער אַ נאָהענטער מענש, וואָס וועט ניט אָפּטרעטען ביז מיין „אריין" אָדער „ארויס". — — —

יאָ, איך בין באַפרייט געוואָרען. און אויף מאָרגען נאָכ'ן פּריזיוו, ארום איינס אַזייגער, אַזוי ווי מ'האָט נאָר־וואָס געהאַט אָפּגעגעסען מיטאָג, איז צום שטוב צוגעפאָהרען מיט זיין פערד און וואָגען דער זעלבער בעל־עגלה, וואָס האָט מיך געבראַכט צו פיהרען אַהערצו, און אַזוי ווי ער איז נאָר אריין אין שטוב האָט ער גלייך ביי מיר אַ פרעג געטאָן:

— נו, ביזט שוין פארפאקט?...

ער האָט עס געפרעגט מיט אזא טאָן, גלייך ווי איך וואָלט אָפּגערעדט ער זאָל קומען נאָך מיר. איך האָב גלייך פארשטאַ־נען, אז דאָס האָט מען פון שטוב באפוילען, דער בעל־עגלה זאָל קומען נאָך מיר. איך ווייס ניט, צי מיין קוזינע האָט עס אויך פארשטאַנען, אָבער אז זי איז געווען צוטומעלט, דאָס איז געווען צו זעהן אויף איהר. זי האָט מיר געקוקט אין די אויגען אריין, און ס'איז ממש געווען צו זעהן, ווי דאָס מיידעל בעט זיך נעבאך רחמים: גיב איין „פּיפּס", און איך פאָהר מיט דיר. כ'האָב אָבער דעם „פּיפּס" ניט געגעבען, ווייל כ'האָב איהם ניט געקענט געבען, און דאָך האָב איך מיר געפיהלט אזוי שולדיג אַנטקעגען איהר. איך האָב איהר איין מאָל און א צווייטען מאָל אריינגעקוקט אין די אויגען אריין און מיט מיינע שטומע בליקען האָב איך זיך געבעטען ביי איהר און געזאָגט צו איהר: איך וויל פּונקט אזוי ווי דו דאָס וואָס דו ווילסט, נאָר איך קען ניט. זי האָט אָבער קענטיג מיינע געבעט־געפיהלען ניט פארשטאַנען. זי האָט זיך געזעגענט מיט מיר קאַלט און ארויסגעוויזען צו מיר אזוי פיל פרעמדקייט!... און געפיהלט האָב איך, אז אויב ס'האָט מיך ווער אין מיין לעבען געהאסט, האָט מיר נאָך קיינער אזוי ניט געהאסט ווי זי.

איך בין נאָך פריהער פאר'ן בעל־עגלה אויפ'ן וואָגען גע־זעסען, און קיינער איז אפילו ניט ארויס אויפ'ן גאַניקעל מיך באַגלייטען. נאָר איידער די פוהר האָט זיך געריהרט פון אָרט, איז ארויסגעשפּרונגען דאָס פערצעהן־יאָהריגע מיידעלע, דאָס ערשטע קינד אליה־דוד'ס פון דער צווייטער ווייב, און זי האָט צו מיר א געשריי געטאָן:

— פאָהרט געזונט!

איך האָב אָפּגעדרעהט מיין פּנים און זיך צובליפּעט.

# די מגפה.

(עראינערונג.)

## 1

דאָס איז געווען אין טויזענט אַכט הונדערט דריי און נייני־צינטען יאָהר. אין יענער צייט, ווען איבער גאַנץ רוסלאַנד איז אַרומגעגאַנגען אַט די מגפה און מיט דעם אָנקומען פונ'ם זומער זיך געשטאַרקט, געוואַקסען צוזאַמען מיט די גרויסע טעג, צוזאַמען מיט דער וואַרעמקייט און מיט דער היץ זיך צושפּרייט איבער שטעדט, שטעדטלאַך און דערפער, און וואָס דער זומער איז זומער־דיגער געווארען איז די מגפה אַלץ מגפה'דיגער געווארען, און וואו זי איז נאָך ניט געווען האָט מען מיט שרעק און שוידער ערוואַר־טעט איהר אָנקומען. קלאַנגען האָבען זיך דערטראַגען פון ווייטע שטעדט און שטעדטלאַך, ווי עס פאַלען אין די טויזענטער און צעהנדליגער טויזענטער מענשען. די צאָהל קרבנות איז געוואַקסען פון מויל צו מויל און דערצעהלט האָט מען ווי די טויטע לאָזט מען ניט באַגראָבען ווי מ'באַגראָבט געוועהנליכע טויטע; אַז מ'באַשיט די טויטע מיט קאַלך און מ'וואַרפט זיי אַזוי אין די גריבער אַריין.

דאָס שטעדטעל טשאַרטאָריסק איז געווען איינע פון יענע מקומות, וואו די מגפה האָט זיך „פאַרשפּעטיגט", האָט געלאָזט לאַנג וואַרטען אויף זיך, און דאָ, אין דעם שטעדטעל, האָט מען, ווי אין אַלע אַנדערע שטעדטלאַך, גערעדט וועגען איהר און מיט שרעק און שוידער זי ערוואַרטעט. מ'האָט גערעדט ווי דאָ און דאָרטען ערגעץ, ניט ווייט, און נאָך נעהענטער איז „זי" שוין

דאָ, און אז דאָ און דאָרטען האָט שוין געטראָפען, אז מ'האָט איינעם און א צווייטען אידען ניט געלאָזט ברענגען צו קבר ישראל נאָכ'ן אידישען דין, אז מ'האָט ניט געלאָזט זיי „דאָס רעכט זייערס" צו טאָן; ווי אזוי מען האָט זיי אָהן טהרה און אָהן תכריכים, בלויז באשאָטען מיט קאַלך, אריינגעוואָרפען אין גרוב אריין און די גריבער פארשאָטען...

די געדריקטע שטימונג איז פון טאָג צו טאָג געוואקסען... ווי נאָר די אויגען האָבען זיך געעפענט אין פריהמאָרגענס און ווי נאָר צוויי מענשען האָבען זיך צוזאמענגעטראָפען איז באַלד געוואָרען א שמועס וועגען דער מגפה.

קופּקעלאך מענשען האָבען זיך צונויפגעקומען, אויסגעוואקסען פון זיך אמאָל דאָ נעבען א שטוב, אמאָל דאָרט, וואו ס'איז געשטאַנען צוויי איז צוגעקומען א דריטער און צום דריטען — א פערטער, עטליכע אידען און א גוי און אין מיטען און אלע צוזאמען האָבען גערעדט וועגען „איהר", וועגען דער מגפה, ווער ס'האָט געגלויבט אין דער צאָהל געפאלענע און ווער ניט, ווער כ'האָט גאָר געזאגט, אז אזעלכעס איז גאָר אין גאנצען ניטאָ, ניטאָ קיין כאָלערע!

— בבא מעשיות!

גוים ווידער, וואָס האָבען זיך אלע מאָל פארהאלטען מיט אומצוטרויען צו אלעם וואס קומט אָן פון גרויסע שטעדט, צו אלע די, וואָס פאָהרען מיט די באנען און ברענגען אראפּ אָט די אלע נייעסען, פון זייעריגע, האָט גאָר קיין איינציגער ניט געוואָלט גלויבען:

— בייקי, אָדני בייקי!

און פון דעסטוועגען האָבען זיך אָט די פּויערים'לאך ליב געהאט צוהערען צו די אלע „בייקעס". ניט געגלויבט און דאָך געזוכט צי דו אלע „בייקעס". ניט געגלויבט און דאָך געזוכט צו די בייקעס זיך צוצוהערען; געדרויבערט די ליולקעס און אויס-געהערט.

דאָס שטעדטעל האָט געצעהלט א פּאָר הונדערט איינוואוינער

(חוץ די פויערים), די חברה־קדישא זיינען געזעסען מיט פארלעגטע הענט, אין די אקסלען זייערע האָט עס געצויגען און זיך געבעטען אונטערצושטעלען אונטער א דרענגעל און געבענקט נאָך דער ליימענער שווערקייט פון א מת... אין דעם שטעדטעל איז מען זעהר זעלטען געשטאָרבען. צוויי מתים א יאָהר איז שוין געווען א סך, און יעדער איינער מת האָט איבערגעלאָזט און אומעט אין שטעדטעל אויף וואכען און חדשים... קינדער און אויך א גרויסע צאָהל דערוואקסענע מענשען האָבען וואכען לאנג מורא געהאט ארויסצוגעהן ביינאכט אין גאס...

* * *

ס'האָט זיך אָנגעהויבען פאַמעלאך און אומבאמערקט... ס'האָט „געכאפט” א גוי אין דער גוי'אישער גאס מיט אלע סמנים פון דער כאָלערע. פון די גוים האָבען א גרויסע טייל ניט גע־וואוסט, אז ברעכען און קרעמפען זיינען די סימפטאָמען פון דער מגפה; אידען אָבער האָבען יאָ געוואוסט, נאָר האָבען זיך און אנדערע געוואלט איינריידען, אז ס'איז ניט דאָס; זיי האָבען זיך אליין און די גוים געוואלט איינריידען אז יענער, דער גוי, וואָס איז קראנק געווארען, האָט זיך איבערגעפרעסען מיט גרינע, ניט־צייטיגע געוויקסען און אז דער פויער האָט זיך „אויסגעקיי־קעלט”. איז טאַקע געבליבען דער אמת ביי זיי, ווייל געמיינט האָבען אלע, אז מ'מוז אומבאדנינגט שטארבען ווען ס'פאקט אריין אָט די קרענק...

נאָכ'ן קראנקען און געזונט געווארענעם פויער איז אוועק נאָך א וואָך פון זומער און פאר דער וואָך צייט זיינען די פרוכטען אויף די בוימער און דאָס גרינוווארג אין די גערטנער רייפער און צייטיגער געווארען און דער עולם, דער אידישער ווי דער גוי'אי־שער, האָבען, ווי אלע יאָהר, און נאָך אביסעל מעהר, געגעסען די פרוכטען פון דער ערד און פון די בוימער, אביסעל מעהר ווי אלע יאָהר האָט מען געגעסען דערפאַר, ווייל ס'איז געווען אויסגעקלעפּט א געדרוקטער פארבאָט, אז מ'זאָל ניט עסען קיין גרינע, רויע

זאַכען, און דאָס פּאַפּיר קומט דאָך פון נאַטשאַלסטוואָ, און נאַ־טשאַלסטוואָ האָט מען ניט ליב געהאַט און צו זיי קיין צוטרוי ניט געהאַט.

פון די אַרומיגע דערפער האָט מען דאָס יאָהר, ווי אַלע יאָהרען, אָנגעהויבען אויף וועגען אַריינצופיהרען אָט די „פּאַרבאַ־טענע פּרוכט" און די שטאָדטישע פּאָליציי, וואָס איז באַשטאַנען פון אַן אורעדניק מיט אַ סאָטניק, האָבען אָנגעהויבען צו פאַר־קירעווען אָט די דישעלס פון די וועגענער, וואָס האָבען אין זיך געהאַט אָט די פאַרבאָטענע זאַכען צו פאַרקויפען, איינעם און אַ צווייטען וואגען, וואָס האָבען באַלאַנגט צו תקיפ׳דיגע פּויערים, וואָס האָבען ניט געוואָלט הערען דעם באַפעל פון נאַטשאַלניק, האָט אַמאָל דער סאָטניק און אַמאָל דער אוריאַדניק אַליין צוגע־שלעפּט מיט פערד ביי די צוימלאָך צום טייך און דאָרט געהייסען איבערקערען די וועגען אין טייך אריין.

ס׳איז געוואָרען עפּעס אומרוהיג, כאָטש די אומרוהיגקייט האָבען מענשען אָנגעמאַכט, און פון דעסטוועגען האָט זיך אָנגע־הויבען צושפּרייטען אַן אומעט אָט פון די אָפּטע טומלען וואָס אָט דאָס פּאָרעל, דער אוריאַדניק מיט׳ן סאָטניק האָבען אָנגעמאַכט אין שטעדטעל. ניט אַוועק אַ טאָג ס׳זאָל זיך וועגען עפּעס ניט טומלען; דאָ האָט זיך אַ פּויער מיט עפּעס פּאַרזינדיגט; דאָרט אַ איד וואָס האָט אָנגעוואָרפען מיסט פאַר דער טיר. יעדער טאָג האָט דער אורעדניק געשריבען פּראָטאָקאָלען און יעדען טאָג האָט מען וועמען געשלעפּט אין תפיסה אריין אָפּצוזיצען אָדער ער זאָל באַצאָלען שטראָף פאַר דעם ניט ריין האַלטען... פאַרשטעהט זיך, אַז ס׳האָבען זיך געפונען אַזעלכע וואָס האָבען זיך פאַר אַ פּאָר גילדען אויסגעקויפט פון דער שטראָף און אַ דאַנק דעם איז ביי פיל זייעריגע באַפעסטיגט געוואָרען דער גלויבען, אַז די גאַנצע מעשה האָט גאָרניט צו טאָן מיט קיינע כאָלערעס, אַז דאָס האָט דער אוריאַדניק צוגעטראַכט, כדי צו באַקומען כאַבאַר פון דעם און אויך פון אַנדערע זאַכען...

מענשען און פּאָליציי האָבען זיך געטאָן זייער אַרבייט און

די מגפה דערווייל האָט זיך ווידער אַ ווייז געטאָן אין דער גוי'אישער גאַס, אין אַ גוי'אישער שטוב. ס'האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ פויער און איינס און צוויי ואיננו...

מ'האָט איהם געמאַכט אַ לויה, ווי מען מאַכט געוועהנליך אַלע געוויינליכע גוי'אישע מתים. געלעגען זיך בהרחבה ביי דריי מעת לעת אויפ'ן טיש, ארומגעשטעקט און ארומגעפייערט מיט ליכט און ס'איז געווען דאָרטען אין דעם שטיבעל אַ שטיקעניש פון גוי'אישער ענגשאפט מיט שלעכטע ריחות פון די לעבעדיגע גוים און נאָך אַן ערגערען פון דעם טויטען גוי. ס'האָט זיך דאָרטען געליכטעלט און געפייערט בייטאָג און ביינאַכט ליכט מיט פייער מיט לעבעדיגע און ליכט מיט פייערלאָך ארום טויטען און אויף די ווענט האָבען געגלאַנצט און געבלאַנקט די „אַבראַזעס". אונטער דער סטעליע און באַלקענס אראפּגעקוקט מיט הייליגע פּנים'ער און פאַרדרעהטע קעפּ אין די זייטען, און גוים מיט גוי'אישקייט האָבען זיך געמאָליעט צו די הייליגע, וואָס קיינער פון זיי, פון די הייליגע, האָט ניט אויסגעזעהן ווי קיין גוי, זיך „געמאָליעט" אנטקעגען דעם פּגר, וואָס איז געלעגען מיט'ן פּנים ארויף און מיט'ן פּנים אָפּגעדעקט, אַ פאַרגעלטער, אַ פאַרשפּיצטער, מיט שווארצע גריבער אונטער די פאַרמאַכטע אויגען.

אָפּגעלעגען זיך זיין צייט, ווי אַלע געוועהנליכע גוי'אישע מתים, האָט מען איהם אריינגעלייגט אין אַ דעמבענער טרונע אריין און מ'האָט איהם געמאַכט אַ לויה מיט אַ גלח און מיט אַ דיאַק און מיט וועקסענע ליכט און מ'האָט געקלונגען אין קלויסטער... מ'האָט איהם ארויסבאַגלייט ווי אַלע גוי'אישע מתים, ווי תמיד, ווי שטענדיג, כאָטש מ'האָט געוואוסט, אַז דער גוי איז געשטאָרבען מיט אַן אנדער טויט און מ'וואָלט אָט די אַלע צערעמאָניעס ניט געדארפט מאַכען מיט איהם. און אפילו אידען זיינען פאַר'ן גוי'אישען מת געווען צופרידען, וואָס מ'באַגלייט איהם ארויס אויפ'ן געוועהנליכען שטייגער. דאָס האָט געזאָלט באַווייזען, אַז „זי" איז נאָך אַלץ ניטאָ, כאָטש אַלע האָבען געוואוסט מיט וואָס פאַר אַ טויט דער גוי איז געשטאָרבען,

אָבער אז מ׳טוט נאָך מיט איהם אַלע זאכען, ווי מיט אַלע זייערע גוי׳אישע „פּגרים״, איז אַ סימן...

— ווייס איך וואָס!

דערצו האָט עס דאָך ביידע מאָל געטראָפען אין דער גוי׳אישער גאַס מיט גוים, איז דאָס אַ סימן, אַז עס מיינט גוים און ניט קיין אידען. און אַז עס מיינט ניט קיין אידען, איז דאָס קיין כאָלערע ניט, ווייל ערגעץ דאָרטען, וואו די כאָלערע איז דאָ, שטאַרבען אידען אזוי ווי גוים.

— בכן?

— מ׳באַדאַרף קיין דבר אחר ניט זיין, און ווייטער גאָר נישט...

## 2

צווישען די אידען איז געווען איינער אַ איד יצחק־אהרן, און צווישען די אידישע הייזער איז געווען איינע אַ שטוב „יצחק אהרנ׳ס שטוב״. יצחק אהרן איז געווען ניט אַזאַ איד, ווי אַלע אידען, און די שטוב זיינע איז געווען אַ שטוב ניט גלייך מיט אַלע אידישע שטיבער. יצחק אהרן איז געווען איינער פון יענע סאָרטען ברואים, וואָס וואַקסען אַוועק און אריין אין די יאָהרען און אין דער עלטער מיט זייער אינגעלשקייט און בחור׳שאַפט. געווען אַ מזיק אַ אינגעל, אַ לץ אַ בחור און איז פאַרבליבען אַ מזיק און אַ לץ, ווען ער איז געוואָרען אַ מאַן פון אַ ווייב און אַ טאַטע פון קינדער. אַ פאַרשלעפּטע קרענק געווען. פון אַלעם און פון אַלעמען האָט ער אָפּגעשפּאָט און אָפּגעלאַכט, און ער אַליין און אלע האָבען איהם געהאַלטען פאַר׳ן קלינגסטען. אין דעם האָט אויך געשפּילט די שטוב זיינע אַ ראָליע. אַ שטוב אַ צוויי־זייטיגע, מיט צוויי פראָנטען, אַ שטוב אָהן אַ „הינטען״, וואָס האָט צו אַלע פיר עקען פון דער וועלט געהאַט פענסטער מיט טירען. אין איין פראָנט האָט ער אַליין געוואוינט מיט ווייב און קינדער און אין צווייטען פראָנט האָט געוואוינט אַ פעלדשער, וואָס האָט איינער אַליין פאַרנומען אזוי פיל חדרים ווי דער בעל הבית, יצחק אהרן, מיט ווייב און קינדער. ער

איז דערמיט אליין געווען א חכם, יצחק אהרן, וואס ער האט אזא שטוב אויסגעבויט און וואס ער האט ביי זיך אזא שכן געהאט, א שכן א פעלדשער, א קריסט, וואס פלעגט זיך גאנצע טעג ארומיאגען אויף די לאנקעס נאך ווילדע קאטשקעס. און א דאנק אט דעם שכן, דעם קריסט, דעם פעלדשער, ווייל ער האט געהאט א קריסט און א פעלדשער א שכן, האט מען געקוקט אויף איהם, אויף יצחק אהרנ'ען, מיט אן אנדער קוק ווי אויף אלע אידען פון שטעדטעל. פון שכנ'ס קריסטליכקייט און פון שכנ'ס פעלדשערישע „אינטעליגענץ" איז עפעס אזוי ווי געפאלען א שיין אויף דעם אידען, יצחק אהרן. עפעס האט ער זיך געפיהרט ריינער, ווי אלע אידען און אין הלכת אכילה ושתיה האט ער ארויסגעוויזען בקיאות וואס ס'איז גוט און ניט גוט, און האט שבת קיין טשאלענט ניט געגעסען, נאר קאלטע פיש און אן אויסגעבאקענעם קאלטען קוגעל מיט געגזען־שמאלץ.

פאר דער צווייטער העלפט דירה, פאר'ן צווייטען פראנט, האט יצחק אהרן גענומען פינף און זיבעציג רובעל א יאהר, דאס הייסט, אז יצחק אהרן איז געווען פארזיכערט יאהר ביי יאהר מיט א האלב יאהר פרנסה, און באהייצען די שטוב האט איהם אויך ניט געקאסט. ביז העט נאך פסח און אמאל ביז שבועות האט מען געפאליעוועט די הרובעס ביי זיך און ביים פעלדשער און יום־טובים־צייט האט מען שוין אנגעהויבען ווידער צו הייצען. „א קריסט האט ליב ווארימקייט", האט ער אויך ליב באקומען ווארימקייט.

צו יענער צייט, אין יענע יאהרען, איז יצחק אהרן געווען דער ערשטער איד מיט א בארד, וואס האט זיך באוויזען אין „א קורצען פערדיק", אין א קורץ רעקעל. ביז איהם האט מען נאך דארטען ניט געזעהן אזא אידען אין די פערציגער, א אידען מיט א בארד און מיט גרויע האר אין דער בארד, זאל זיך אנטאן א קורץ רעקעל. מ'האט אבער דערקענט, אז דאס איז דעם פעלדשער'ס רעקעל, אז ער איז, הייסט עס, ניט געגאנגען זיך באשטעלען אזעלכעס אויפצונייהען. און אזוי ווי נעמען פון א

קריסט, ווען דער קריסט גיט, מעג מען, און אַזוי ווי אַ קריסט טראָגט דאָך ניט קיין לאַנגע קאַפּאָטע, איז דעריבער... פאַרשטעהט זיך, אַז דאָס האָט ווידער נאָר געקענט יצחק אהרן נעמען און אָנטאָן אויף זיך פונ'ם קריסט'ס לייב... דער פעלדשער האָט זיך אָפּט, אין די העלע זונען־טעג, באַוויזען מיט טונקעל־בלויע ברילען, איז האָט מען יצחק אהרנ'ען אויך אַמאָל געקענט אָנטרעפען, ווי ער געהט אָנגעטאָן בלויע ברילען. ס'איז געווען דיזעלבע ברילען, וואָס דער פעלדשער האָט געטראַגען ,אָדער אפשר אַ צווייטע פּאָר, וואָס דער פעלדשער האָט געהאַט.

„יצחק אהרנ'ס שטוב" איז, ווידער, געווען אַנדערש, ווי אַלע אידישע שטיבער מיט דעם וואָס איין העלפט איהרע האָט פאַרנומען אַ קריסט מיט אַן אַפּטייק, וואָס די צווייטע העלפט שטוב האָט ניט געהאַט קיין מזוזות אויף די טירען און וואָס איז פאַרקריסטליכט, פאַרפעלדשערט און פאַרשפּיטאָלט און פאַר־גוי'אישט געוואָרען פון גוים, וואָס פלעגען קומען אַהין פון אָרט און פון אַרומיגע ערטער זיך צו היילען דאָרט און צו נעמען פלעשלאַך אויף צו טרינקען. ווען ס'איז געקומען דער זומער, האָבען זיך גויעס מיט קליינע „שרצים'לאַך" געטאַסקעט צום פעלדשער צו שטעלען פּאָקען דאָס קליינוואַרג און דורכ'ן גאַנצען יאָהר האָט מען אָפּט געקענט באַמערקען, ווי ס'איז צוגעפאָהרען מיט אַ וואָגען אָדער מיט אַ שליטען אַ גוי אָדער אַ גוי'ע, וואָס האָט געבראַכט מיט זיך אויפ'ן וואָגען אָדער שליטען צופיהרען די גוי'ע אַ גוי, אָדער דער גוי אַ גוי'ע. פון אויסגעבעטען שטרוי אַרויס האָט אַרויסגעקוקט אַ פּנים פון אַ „פּגר", אַ פּנים פון אַ לאַנג פאַר־לאָזטער קרענק, וואָס האָט שוין אויסגעזעהן מעהר טויט ווי לעבעדיג.

— יצחק אהרן, וואָס הערט זיך?

יצחק אהרן האָט עס געקענט דער ערשטער וויסען, צי עס איז שוין דאָ די כאָלערע, צי נייען. ער האָט עס געמוזט וויסען, ווייל דער שכן זיינער ווייסט עס דאָך. און אַזוי לאַנג ווי יצחק אהרן האָט עס ניט געוואוסט, איז געווען אַ סימן, אַז דער פעלדשער

האָט אויך ניט געוואוסט פון איהר. דער גוי, וואָס איז „גע'פּגר'ט", איז זיך גלאַט גע'פּגר'ט פון אַזאַ קרענק, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי די כאָלערע, אָבער די כאָלערע איז עס ניט. ווען דאָס וואָלט יאָ געווען פון דער כאָלערע, וואָלט יצחק אהרן זיוער געוואוסט דערפון.

— מ'באַדאַרף זיך אָפּהיטען! זיך היטען! — האָט יצחק אהרן געזאָגט מיט אַ טאָן וואס האָט ניט געפּאַסט פאַר איהם, און דערביי האָט זיך אַן אומעט צוגאָסען אויף זיין פּנים.

דאָ האָט זיך אַריינגעכאַפּט ראש חודש אלול און אין די שעה־נע ליכטיגע פריהמאָרקענס האָט זיך פון שוהליגער אָפּגעזונדערט־קייט געלאָזט הערען דאָס שופר בלאָזען און דער אידישער עולם איז אַביסעלע ביי זיך פעסטער און זיכערער געוואָרען, אַז דאָס שאַ־לען פון שופר, וואָס האָט זיך ווייט איבער'ן שטעדטעל געטראָגען, אַז די קול שופרות וועט ניט אַריינלאָזען דעם משחית אין שטאָדט אריין. צו דערזעלבער צייט איז מען געוואָרען פרומער אויך און אַפילו אין דער ווייבערשער שוהל, וואו אַ גאַנץ יאָהר איז אין מיטען וואָך קיין לעבעדיג ווייבערשער נפש ניט געווען, האָט אָנגעהויבען אין צייט פון דאַוונען איין אידענע און אַ צווייטע פאַרבלאָנדזשען. איין איינציגע אָדער צוויי אידענעס זיינען געשטאַנען אין דער ווייבערש־שוהל'ינער רחבות'דיגער פּוסטקייט מיט דעם מיטען־וואָכיגען שוהל־אומעט און געדאַוונעט דאָס וואָכעדיגע מאַנסבילשע דאַוונען מיט'ן נוסח פון ימים נוראים.

די זון האָט נאָך געטריי און ליב געוואַרימט און מ'איז גע־ווען צופרידען פון איהר ליבער וואַרימקייט, כאָטש געוואוסט האָ־בען פילע, אַז זיי דאַרפען ניט זיין צופרידען מיט דער וואַרימ־קייט, אַז, פאַרקעהרט, מ'באַדאַרף גאָט בעטען, אַז ס'זאָל וואָס גיכער צופאַלען די קעלט און אַז די קעלט וועט קומען איידער די כאָליערא קומט אָן, וועט „זי" שוין ניט קומען. דערווייל איז געווען וואַרים און בייטאָג אַפילו גאַנץ הייס, האָט מען עס אָנגע־נומען פאַר ליב און געהאָפט, אַז ס'וועט אַזוי אויך גאָרניט זיין פּונקט ווי ס'איז ניט געווען ביז אַהער. אָן די צופאַלען אין דער גוי'אישער גאַס האָט מען ווי פאַרגעסען און ס'איז ניט געווען וואָס

צו געדענקען, ווייל דאָס האָט דאָך געטראָפּען מיט גוים און ניט מיט אידען...

און אַזוי איז זיך נעזעסען און פאַרטנעזעצט זיין זומערדיג זיצען און וואַרימען זיך אויף דער „פריזבע״ אַנטקעגען דער זון דער פינף־און־זיבעציג־יעהריגער הערש, אַ גרויס־גופ׳יגער און ברייט־באָרדיגער איד, אַ ניקאָלאַיעווער סאָלדאַט, און ערגעץ אין אַ צווייטער געסעל האָט זיך געוואַלגערט גאַנצע טעג אַנטקעגען דער זון נאָמע הערשעל־לייב׳ס, אַ מענשעל נאָך גאָר אַ יונגער, אַ דאַרער, ביינער, וואָס האָבען זיך געהאַלטען אין די קליידער; ביינער אין הויזען און אין אַ קאַפּאָטע; מיט אַ באָרד אָהן אַ פּנים, מיט אַ נאָז און אייגען און גריבער אונטער די אויגען... אָט די צוויי מענשען האָט מען געוואוסט, דאַרפען און מוזען שטאַרבען: איינער פון עלטער און פון ניט האָבען מיט וואָס אונטערצוהאַלטען דאָס אַלטע לעבען זיינס, און דער צווייטער, דער יונגער, אָבער שווינדזיכטיגער, אויף וועמען מ׳האָט געקענט זעהן ווי דער טויט ליגט איהם אויף זיין פּנים...

האָבען זי די צוויי לייט מישב געוועזן און זיך אויסגעקליבען אַ קריינק אויף צו שטאַרבען, דוקא אָט־די קריינק, פאַר וועלכער יונגע און געזונטע האָבען אויך מורא געהאַט... ביידע אין איין וואָך. איינער פריהער מיט צוויי טעג פאַר׳ן צווייטען, נעמען און ווערען קראַנק אויף דער כאָליערע און שטאַרבען ביידע אין איין וואָך אָוועק... פאַרשטעהט זיך, אַז ס׳וואָלט גלייכער געוועזן, ווען זיי וואָלטען געשטאָרבען אין אַן אַנדער צייט און ניט פון דער קריינק, נאָר פון זייערער, דאָס מיינט — דער אַלטער פון זיין אַלטקייט און דער יונגער פון זיין אַלטער קראַנקהייט. אָבער דאָך האָט עס דעם עולם געמאַכט צו גלויבען, אַז דאָס מיינט אַלץ ניט זיי... פריהער האָט עס געטראָפען ביי גוים, האָט עס ניט געמיינט קיין אידען; איצט מיט אַן אַלטען און מיט אַ יונגען, אָבער אַ קראַנקען, מיינט עס, אַז ס׳האָט געטראָפען מיט ניט קיין יונגען און מיט ניט קיין געזונטען... ס׳איז נאָר געוועזן ניט אַנגענעם און אפילו מורא׳דיג, וואָס צוויי אין איין וואָך, וואָס דאָס האָט נאָך קיינמאָל ניט גע־

טראָפּען — צוויי מתים אין איין וואָך! מ'האָט אין דעם אַליין געזעהן עפּעס אויסערגעוועהנליכעס, אָבער ווידער די זעלבע מעשה: זוייל די צוויי זיינען געווען איינער אַן אַלטער און דער צווייטער אַ קראַנקער, האָט מען געוואָלט זיך איינריידען, אַז... און אַז ס'איז טאַקע אַוועק אַ טאָג צעהן און ס'איז געווען שטיל, האָט מען טאַקע איינגעזעהן, אַז מ'איז גערעכט געווען, וואָס מ'האָט זיך עס געוואָלט איינרעדען...

— אַ דאַנקען גאָט!...

אָבער דאָ אין מיטען דרינען איז „איינגעפאַלען" איינער אַ געזונטער, מיטעל־יעהריגער איד. אמת, ער האָט זיך „אויסגע־קייקעלט", אָבער דאָס האָט דאָך געגעבען שוין מעהר צו פּיהלען, אַז „זי" איז שוין טאַקע דאָ, אַז „זי" מיינט ניט זיך פאַרנאַנדער־קלייבען צווישען גוים און אידען, צווישען קראַנקע און אַלטע, נאָר אַז זי מיינט אַלעמען, ווי זי פיהרט זיך אומעטום דאָרט, וואו זי ווערט אַ תושב'טע, אַז דאָס איז נאָר דערווייל, הייסט עס, פון אָנ־הויב, אַלס גאַסט, באַנעהמט זי זיך אַזוי פיין... כאַפּט זי אַוועק אַ גוי, אַ יונגען, אַ קראַנקען און אַן אַלטען אידען, להבדיל, און דאָ האָט זי אַ פּרואוו געטאָן איהרע כוחות אויף אַ געזונטען, אויף אַ יונגען און אויף אַ אידען, און ס'האָט געהאַלטען גאַנץ שמאָל מיט איהם, מ'האָט איהם מיט געוואַלד ארויסגעריסען פון „איהרע" הענט. ווען ווייב און קינדער זאָלען ניט אריינפאַלען אין אָרון־קודש און ניט רייסען קיין קברים, וואָלט ער טאַקע... ווער ווייס, וואו ער וואָלט שוין אָנגעשפּארט... דאָ איינצייטיג מיט איהם איז ווידער אַ גוי „איינגעפאַלען" און דער גוי איז טאַקע „פאַרטיג גע־וואָרען" איינס און צוויי. האָט מען געמיינט, אַז דאָס האָט איהם, דעם אידען, אויך צוגעשפּילט, אַז דאָס איז געווען אַ כפּרה, און ווען ניט אָט־די אַלע זאַכען צוזאַמען...

מילא, ווי אַזוי ס'איז שוין, אַ דאַנקען און לויבען גאָט, וואָס ער האָט זיך אויסגעדרעהט.

דער קראַנקער איז געלעגען אין בעט און געהערט ווי „מ'שלעפּט" דעם גוי, די כפּרה זיינע, צו דער קבורה, געהערט

דאָס פּרעפּלען פון דיאק און גלח און געהערט ווי מ׳באַקלאָגט איהם אָט דעם זעלבען, וואס איז געווען קראנק אויף דער זעלביגער קרענק, וואָס ער, דער איד, וואָס איז פון דער זעלבער קרענק אַרויס א לעבעדיגער... ער האָט געשפּירט אַן אומעט אין הארצען פאר דעם „ערל", ער האָט אויף איהם רחמנות געהאט און איינצייטיג געווען צופרידען... ווען ניט יענער וואלט ער געגאנגען א גאנג...

און ער איז זיך אזוי אוועקגעלעגען אפילו נאָכדעם, ווי ער האָט שוין געקענט אויפשטעהן... געלעגען פאר מענשען, פאר א „גוט אויג" און ווידער צוליב „איהר", דער מגפה, געוואָלט אָפּנארען, אז ער וועט ליגען, כלומרשט קרענקען פון איהר טאקע, וועט זי שוין מעהר צו איהם קיין שליטה ניט האָבען.

און נאָך א וואָך איז אוועק און ס׳איז נאָך אַלץ געווען א גרויסע צאָהל מענשען, וואָס האָבען געצווייפעלט אין „איהר", „זי" אוועקגעמאכט מיט דער האנט, אוועקגעמאכט — איינס פון די ביידע: אָדער, הייסט עס, זי איז ניטאָ, אָדער זי איז יאָ דאָ און מ׳דארף זיך פאר איהר ניט שרעקען. ניט געפעהרליך, ווייל אויב „זי" איז טאקע דאָ אזוי לאנג ווי מ׳מיינט, אז „זי" איז דאָ און האָט פאר דער גאנצער צייט צוגענומען א פּאָר גוים, איינעם אַן אַלטען אידען און איינעם א קראנקען, נאָך איינער איז „איינגעפאלען" און איז געזונט געווארען; איז דאָך ניטאָ וואָס מורא צו האָבען פּאר „איהר".

— עיסעך!

* * *

אין א שעהנעם טאָג איז געוואָרען א טומעל, א גערודער און א רעש... פון ערגעץ פון א שטוב האָבען זיך געשרייען און געוואלדען דערהערט און ס׳איז געווארען א געלאף.

— וואָסי, וואָס האָט געטראפען?

— שיינע חיה איז „איינגעפאלען".

און דער שרעק פון די לויפענדיגע איז געווען ניט אזוי פּאר שיינע חיה׳ן ווי דאָס, וואָס די שיינע חיה איז גראד געווען א

יונגע, געזונטע פרוי. און דאָ איז אַלעמען קלאָר געוואָרען, אַז דאָ ערשט הויבט זיך עס טאָקע אָן.

דאָס קליינע שטיבעל, וואו די שיינע חיה האָט געוואוינט, איז אויגענבליקליך פון אינוויינינג און פון דרויסען באַשאָטען געוואָרען פון מענשען. צווישען דער מענשען־ענגשאַפט אין דרויסען האָט זיך אויך באַוויזען יצחק אהרן מיט די בלויע ברילען אויף די אויגען... ווי אַ פּרעמדער האָט ער זיך אַריינגעקליבען צווישען דער מענשען־געדיכטקייט און אַ טונקעל־בלויער ערנסט איז געלעגען אויף זיין פּנים צוגאָסען. ער האָט מיט די הענט, שווייגענדיג, פון אַ פענסטער אַנגעהויבען אָפּצואוואַרפען דעם עולם, וואָס האָט דאָס פענסטער באַלאַגערט און נאָכהער האָט ער גענומען מיט אַ שטיין אָפּקלאַפּען די ליים, וואָס האָט געהאַלטען די ראַם פון פענסטער. ער האָט געקלאַפּט מיט'ן שטיין אין די פּאַרטריקענטע ליים, וועלכע האָט זיך אין שטיקלאַך צוברעקעלט און צושאָטען אין שטויב. געעפענט דאָס פענסטער, האָט יצחק אהרן אריינגערוקט דעם קאָפּ אין שטוב אריין און זיך צושריען אויף די מענשען אינוויינינג:

— פראים! חמורים! וואָס זייט איהר זיך צונויפגעלאָפען ווי אויף אַ כלי־זמר שפּיל?! געהט ארויס פון דאַנען, אניט וועל איך אייערע קעפּ פראַוואַליען!...

ס'האָט איהם געשווידערט אָט דער רעש און געפּילדער, וואָס פרעמדע און זייטיגע מענשען האָבען אָנגעמאַכט ארום דער שטוב און אין שטוב. ער האָט געוואָלט, אַז ס'זאָל זיין ווייניגער רעש און טומעל, און געמיינט איינציייטיג, אַז דאָס וועט זיין בעסער פאַר דער „איינגעפאַלענער" שיינע חיה'ן...

איהר איז אָבער פון מינוט צו מינוט אַלץ ערגער און ערגער געוואָרען. ס'איז מיט איהר געפעהרליך געוואָרען גלייך ווי זי איז איינגעפאַלען. איינס און צוויי — און די שעהנע, בליהענדע ווייבעל איז ניט געוועזן צו דערקענען; עס איז באַלד געקומען אויף איהר אַ פינסטערע פאַרענדערונג... די אויגען האָבען זיך

ביי איהר גלייך פארמאכט און אונטער די אויגען איז איהר איינגעפלען און ס'איז געווארען צוויי שווארצע גריבער.

און אויף מאָרגען, אין דער זעלבער שעה, וואָס שיינע חיה איז מיט א טאָג פריהער איינגעפאלען, איז זי שוין אין בעט און אין שטוב ניט געווען... ס'איז שוין געווען נאָך איהר, און אויף איינעם פון די פענסטער איז שוין געשטאנען א גלאָז וואסער מיט א שמאטקעלע און א נשמה־לעמפעל, וואָס האָט געברענט אין טאָג אריין מיט א מין פינסטערניש, און פארנאכט האָבען זיך אָנגע־הויבען צונויפקלייבען אידען צום מנין.. איינציגווייז און ביחידות איז זיך יעדער מנינ'דיגער איד אהין אין שטיבעל אריינגעקראָכען מיט אזעלכע טריט, ווי ער וואָלט זיך זיין איינצעלהייט אפגע־צעהלט: „ניט איינס".

אין א פאָר טעג ארום, נאָך דעם פלוצלינגדיגען בראָך מיט דער געזונטער, יונגער שיינע חיה'ן, ווען דאָרט אין שטיבעל האָט זיך נאָכ גע'אבל'ט, ווען אין דער פריה און אויף דער נאכט זיינען אהין אריינגעקראָכען און ארויסגעקראָכען א מנין אידען, האָט פלוצלינג אין א שטוב, גאנץ ווייט פון דער, ווידער געטראפען דאָס זעלבע, וואָס דאָ, פונקט אזוי האמעטנע: נאָר־וואָס א־ומ־געגאנגען א געזונטע, פעסטע אידענע און גאָר פלוצלינג האָט מען דערהערט, אז די אידענע ליגט שוין און מ'ארבייט שוין מיט איהר מעשים... שוין, זי איז שוין האלב און דריי־פערטעל „ניט קיין היגע".

איינער פון איהר משפחה איז, אויף זיין אחריות, ניט אָנפרעגענדיג זיך ביים מאן און קינדער, אוועקגעלאָפען צו יאָקעל פאָטשטאָר און געהייסען שפאנען די פערד, און אין עטליכע מינוט איז ער, דער קרוב פון דער „איינגעפאלענער" אידענע, געזעסען פון אויבען אָן אין בריטשקעלע און איז אוועק אין דערבייאיגען שטעדטעל, וואו ס'איז געזעסען א דאָקטאָר, אָט דעם דאָקטאָר צו ברענגען. אוועקגעפאָהרען איז ער פארנאכט און ערשט אויף מאָרגען פארטאָג איז ער מיט'ן דאָקטאָר געקומען.. דער דאָקטאָר אָבער האָט שוין פון דער פוהר ניט באדארפט אראָפקריכען;

פערד און וואָגנן האָבען זיך שוין גענומען פארקירעווען צוריק מיט זייערע פערדישע קעפּ אהין, פון וואַנען זיי זיינען נאָר־וואָס אָנגעקומען... אָבער דאָ גלייך איז נעבען וואָגען און דאָקטאָר אויסגעוואקסען אַ איד, וואָס האָט געהייסען דעם שמייסער צופיהרען דעם דאָקטאָר צו זיך; זיי זיינען געווען אַלטע באַקאַנטע, אָט דער איד מיט'ן דאָקטאָר, שוין ביי צעהן יאָהר, אז זיי קענען זיך, שוין צעהן יאָהר ווי דער דאָקטאָר האָדעוועט אָט דעם אידענ'ס ווייב מיט פּראָשקעס און רפואות, און די ווייב פון דעם אידען לעבט נאָך אַלץ און איז נאָך אַלץ ניט געשטאָרבען. און ס'איז דעם גאַנצען שטעדטעל באוואוסט געווען, אז זי וועט קיינמאָל געזונט ניט ווערען און קיינמאָל ניט שטאַרבען... ספּעציעל האָט מען דעם דאָקטאָר שוין ניט גערופען צו איהר, דערפאר האָט מען איהם אַלע מאָל גערופען, ווען ער איז אראפּגעקומען צו אימיצען, און ס'האָט שוין קיינער ניט געשענקט קיין אויפ־מערקזאמקייט אויף דעם, וואָס אהינצו רופט מען דעם דאָקטאָר איצט... נאָר איין אידען איז אײנגעפאַלען אַ פרעג צו טאָן ביי דעם אידען פון דער קראנקער ווייב:

— עפּעס געכאַפּט, רב יצחק־לייב?...

ס'האָט איהר טאקע „געכאפּט" אָט דאָס נייע, אבער געפינענדיג זיך אזא רייהע מיט יאָהרען אין נאָהענטער חבר'שאפט מיט קראנקהייט און זייענדיג קראנק האָט עס זי גראד ניט געכאפּט אזוי ראפּטאָם... דער דאָקטאָר, באַטראכטענדיג זיין לאַנג־יאָהריגען פּאַציענט, האָט פון ערשטען קוק דערזעהן, אז ער באַטראַכט דעם פּאַציענט זיינעם דאָס לעצטע מאָל, און געהאט שבירת לב דערפון, און געזאָגט, אז ס'איז גאָרניט, ס'הייסט, ס'איז עפּעס, נאָר ס'איז דאָס, וואָס איז כסדר, און זי באדאַרף זיך ניט שרעקען פאַר דעם, וואָס זי מיינט, עס איז איהר עפּעס אַנדערש... עס איז דאָס זעלבע און פון דעסטוועגען געהייסען טאָן אזעלכעס, וואָס ער האָט פאַר דער גאַנצער צייט וואָס ער דאָקטאָרט איהר, ניט געהייסען טאָן... ער האָט געהייסען זי רייבען מיט שפּירט און לייגען הייסע פלעשער וואסער און וואַרימע זאמד. ער האָט הארציג

געזעגענט זיך מיט דער קראַנקער, פאַרגעסענדיג, אַז ער איז אַ דאָקטאָר, האָט ער, ווי יעדער געוועהנליכער בשר ודם, געזאָגט, אַז ער האָפט נאָך פיל מאָל מיט איהר זיך צו זעהן, און פאַרלאָזט די שטוב מיט אַ שווער געמיט פון אַ דאָקטאָר און פון אַן אָרנעט־ליכען מענשען, וואָס ווייס, אַז ער האָט נאַר־וואָס אַ ליגען געזאָגט, אַז ער האָט איהם געזאָגט, אָט דעם ליגען,צוליב אימיצענס נוצען, וואָס ער קען זיך ניט פאַרנאַנדערנעמען, צי פאַר פערזענליכע צוועקען, צי פאַר'ן קראַנקענ'ס וועגען...

אין דרויסען האָט דעם דאָקטאָר אָפּגעוואַרט דער פעלדשער, און אַזוי גלייך, ווי ביידע האָבען זיך צוזאַמענגעטראָפען, אַזוי איז פון ביידען, פון פעלדשער און פון דאָקטאָר, עפּעס ווי איינער געוואָרען, צוויי ווי איינער, אָדער איינער ווי צוויי, וואָס זיינען אַוועק ביחידות מיט אַ פאַרטראַכט און פאַרטיפט געהן וועגען אַ וויכטיגען פעלדשערישען און דאָקטאָרישען ענין, און פערד און וואָגען און אַ שייגעץ, אַ מענש, וואָס האָט באַלאַנגט צו פערד און וואָגען, זיינען געשטאַנען און געוואַרט, און ס'האָבען געקלונגען די גלעקער אויף די פערדישע העלזער מיט געלודיגען אומגעדולד פון פערדיש וואַרטען און שטעהן אויף איין אָרט. און דער קלאַנג פון די גלעקער האָט געגעבען אַן אָנצוהערעניש אין שטעדטעל, אַז עפּעס פרעמדס איז דאָ, און ס'איז עפּעס אומעטיג פון אָט דער פרעמדקייט, וואָס האָט זיך אין איילעניש און מיט קלאַנג און קלונג פון לויפעניש און יאָגעניש אריינגעכאַפּט אין שטעדטעל און האָט שוין ניט דערכאַפּט דאָס, צו וואָס דאָס געיעג איז געווען. צוריק איילט עס זיך ניט מיט אַזאַ איילעניש, ווי ס'איז געקומען אַהער. און זאָל איהם קיינער ניט דאַרפען. ס'וואָלט גוט געווען ער זאָל דאָ תמיד זיין, נאָר אַז ער האַלט ביי אוועקפאָהרען, וואָלט בעסער געווען ער זאָל וואָס גיכער אוועקפאָהרען און זאָלען ניט קלינגען די גלעקער, און וואָס מעהר אָט די גלעקער האָבען געקלונגען, אַלץ ברייטער האָט זיך איבער'ן שטעדטעל געשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דאָס קלייבען זיך פעלדשער און דאָקטאָר צו באַשיטען מיט קאַלך דעם פרישען בר־מנן...

אין שטוב דאָרטען, ארום בר־מנן, איז געווען אזעלכע געשרייען און געוואלדען, אז ס'האָט זיך גערעכט, אז דער דאך הויבט זיך פון די קולות און ס'איז געווען דאָרט א שוידערליכע יאָגעניש און איילעניש און איינס און צוויי לעבעדיגע, מיט לעבעדיגע געשרייען און שוידערליכע געוואלדען האָבען זיך מיט מת און מיט שטילקייט פון מת ארויסגעטראגען אין דרויסען ארויס... מיט גארניט, אזוי, ניט מתים'דיג, האָט מען דעם מת ארויסגעטאסקעט פון שטוב, ניט אָפּטאָענדיג איהם זיין רעכט און אָהן תכריכים, האָט מען איהם ארויסגעכאפּט אין דרויסען ארוים און ארויפגע־לעגט אויף ברעטלאך און אויף פלעקער און איינגעדעקט און ארומגעבונדען און אויפגעהויבען אויף אקסעל און צוגלייך מיט קעפּ האָט מען גענומען מיט לויפעניש און געיעג צו טאַסקען אָט דאָס לאנגע געוויקעלטע, וואָס איז אויבען אויף ברעטלאך געלעגען און ס'לויפט נאָך, און ס'לויפט פאָראויס פאר אלעמען, צווישען אלעמען און ארום אלעמען גבריאל דער שמש און שרייט איילענדיג און לויפענדיג און קלאַפּענדיג מיט א בלעכענע פּושקע:

„צדקה תציל ממות! צדקה תציל ממות!"

און דאָ, פארביי, איז דורכגעפאהרען דער דאָקטאָר מיט פאַטשטשאָווען קלאנג פון גלעקער, וואָס האָבען געלאָזט הערען און דערצעהלט, אז זיי פיהרען אוועק מיט זיך אזא מענשען, וואָס האָט קיין צייט ניט געהאט צו קומען און האָט קיין צייט ניט צוריק אוועקצופאָהרען... אז ס'איז זעהר א וויכטיגער פּארשוין אָט דער, וואָס איז געקומען און פאָהרט אוועק און אז נאָך וויכטיגער וואָלט געווען, מ'זאָל איהם דאָ קיינמאָל ניט אנקוקען, אָט דעם וויכטיגען פּארשוין... און ס'איז עפּעס גוט וואָס ער פאָהרט אוועק און איינצייטיג וואָס טאָמער חלילה ווען מ'דארף איהם האָבען איז ניט גוט, וואָס מ'באַדארף אזוי ווייט פאָהרען נאָך איהם...

ס'האָבען פון ווייט געלאָזט זיך הערען דאָס קלינגען פון די גלעקער, וואָס האָט זיך צונויפגעמישט מיט גבריאל'ס שרייען „צדקה תציל ממות!"

.3

אויף פּאַטשטאָווע פערד מיט רעש'דיג קלינגענדיגען קלאַנג איז אראָפּגעפאַלען אַ בינטעל אומבאַקאַנטע קריסטען מיט לייטישע פנים'ער, וואָס האָבען אויסגעזעהן ווי אידען, וואָס זעהען אויס ווי קריסטען. אויף זייערע קליידער איז ניט געווען צו דערקענען, אַז זיי זאָלען „עפּעס" זיין, און דאָך האָט מען דערקענט, אַז זיי זיינען ניט סתם זיך מענשען, אַז זיי זיינען ניט גלאַט אַזוי זיך געקומען, אַז זיי זיינען אראָפּגעשיקט געוואָרען אהער־צו מיט עפּעס אַ פּול־מאַכט, וואָס באַדאַרף דוקא נאָר זיין פאַרשטעלט הינטער געוויינ־וויינליכע קליידער, ווי געוויינליכע מענשען־קריסטען טראָגען. דאָס איינציגע, וואָס זיי האָבען יאָ געהאַט אויף זיך, וואָס ניט אַלע מענשען האָבען אויף זיך געהאַט, איז די היטלען זייערע מיט די טונקעל־ברוינע סאַמעטקעס און מיט „קנעפּלאַך" פון פּאַרענט. פינף „קנעפּלאַך" אויף פינף היטלען, וואָס זיינען געזעסען פעסט אָנגערוקט אויף פינף קעפּ.

צוגעפאָהרען און זיך אָפּגעשטעלט לעבען יצחק אהרנ'ס שטוב, לעבען דער צווייטער העלפט, וואָס דער פעלדשער האָט פאַרנומען. דאָרטען זיינען אַלע פינף פאַרשוין מיט פינף פּאָר פיס פון וואָגען אראָפּגעשפּרונגען, פון די הויכע מקומות, וואו זיי זיינען געזעסען און אָפּגעפאָהרען אַ וועג, און איינס נאָך דאָס אַנדערע זיינען זיי פאַרשוואונדען געוואָרען אין דעם פעלדשער'ס שטוב אריין. און אין עטלכיע מינוט ארום זיינען לויפענדיג געקומען דער אוריאַדניק מיט'ן סאָטניק. דער סאָטניק איז אומבאַמערקט אָהן־היטעלדיג געוואָרען און האָט זיך פאַרנומען צו העלפען דעם „יאַמשטשיק" אראָפּצושלעפּען די פעקלאַך, וואָס די פינף לייט האָבען מיט זיך געבראַכט. ער האָט יעדען פעקעל געשלעפּט און געטאַסקעט מיט אַזאַ יראת־הכבוד, ווי אינוועניג וואָלטען געלעגען הייליגע זאַכען, וואָס קאָנען נאָר באַלאַנגען צום קלויסטער.

געמיינט האָט מען יענע העלפט שטוב, דעם פעלדשער'ס און די פינף קריסטען, אָבער אָנגעהויבען צו קלייבען האָט מען זיך ארום יצחק אהרנ'ס העלפט, איינער און אַ צווייטער, און צו איינעם

און צו צווי איז צוגעוואקסען א דריטער און א פערטער, און גאר גיך איז אויסגעוואקסען א היבש רעדעל, און נאך איידער ס'האט ווער עפעס געוואוסט, ווער זיי זיינען, אט די פריש־אנגעקומענע לייט, האט מען שוין געוואוסט, צו וואס זיי זיינען געקומען, און דערפאר האט מען צו זיי געפיהלט עפעס ערגערעס און בעסערעס, ווי מ'פיהלט עס צו געוויינליכער און אפענער נאטשאלסטווא... זיכער, אז די לייט זיינען געקומען דא צו טאן עפעס פאר די לעבעדיגע און פאר די טויטע. וואס זיי ווילען טאן פאר די לעבעדיגע און וואס פאר א פעולה דאס טואכץ זייערס וועט האבען, האט נאך קיינער ניט געוואוסט. אבער דאס, וואס זיי וועלען טאן מיט די טויטע, דאס האט מען שוין לאנג בעפאר געהערט. אין סך הכל, הייסט עס, זיינען זיי געקומען גוטס און שלעכטס טאן, אפשר איז דאס שלעכטע אויך גוט פאר די לעבעדיגע, אבער ביז וואנען און וואס איז עס פארט שלעכט, וואס מ'נעמט א מת און מ'באשיט איהם מיט וואפנע... פון דעם שלעכטס, וואס מ'קלייבט זיך צו טאן מיט די מתים, כדי דערמיט גוטס צו טאן די לעבעדיגע, קאן נאך דערפון אליין די לעבעדיגע ערגער ווערען... א קליינינקייט, מבייש זיין א מת!...

דער אוריאדניק האט זיך פאר דער צייט א פאר מאל אין דרויסען באוויזען א צוטראגענער, און אין זיין צוטראגענקייט האט מען דערקענט, אז ער איז ניט צוגאסט געקומען צו די לייט, וואס זיינען געקומען צופאהרען, און אז ער איז ניט געקומען צום פעלד־שער מאכען א כוסה, נאר מ'האט געזעהן, אז ער האט די נעכבע, אז ער האט איינגאנצען פארגעסען, אז ער איז אויך עפעס א שטי־קעל נאטשאלניק. ער האט אויסגעזעהן ווי א האן, ווען ער פאלט אריין אין א פרעמדען גבול אריין און טרעפט זיך אן מיט הענער פון דעם גבול, מיט פיל גרעסערע און שטארקערע פון איהם. אידען האבען געקוקט אויף איהם און זיך געשמאלצען פון זיין ירידה און איינצייטיג עפעס געוואלט זיך דערוויסען ביי איהם.

— זדראוסטוואיטע, גאספאדין אוריאדניק!

פון יצחק אהרנ'ס שטוב, פון יצחק אהרנ'ס א פענסטער, האט

יצחק אהרן געקלאַפּט צו זיי, צו די פאַרזאַמעלטע אידען, זיי זאָלען אוועקגעהן... ער האָט פון זיך, פון זיין שטוב, אויסגעזעהן ווי א איד, וואָס געפינט זיך אין א שטוב פון א נאַטשאַלניק, אָדער ווי ווען א איד האָט זיך צו יענער צייט אַרויסגעכאַפּט פון פּריסוט־סטוויע״ אַרויס, פון א פּלאַץ, וואָס איז פול מיט נאַטשאַלסטוואָ און מיט אידען און וואָס פיהלט זיך היימיש און פרעמד איינ־צייטיג. אין דער יאַרמעלקע איז ער געוועזן, יצחק אהרן, און ער האָט ניט געהאַלטען ביי איהם ניט פאַר׳ן דאַוונען און ניט נאָכ׳ן דאַוונען. ס׳איז געוועזן ביי טאָג און ס׳איז ניט געוועזן קיין צייט פון דאַוונען און ס׳איז ניכר געוועזן, אַז דאָס געהט ער אַרום ביי זיך אין שטוב אין דער יאַרמעלקע א דאַנק אָט די געקומענע פריצים. ער האָט גערעדט צו זיי, געוואונקען צו זיי, צו די פאַר־זאַמעלטע אידען, אַז זיי זאָלען זיך צוגעהן, אַז עס פּאַסט ניט צו שטעהן און אַז ס׳איז בכלל בעסער אין אַזא צייט וואָס ווינציגער זיך צונויפקומען צוזאַמען און געזעהן, אַז ס׳העלפט ניט דאָס רעד־דען דורך גלאָז און שויבען, האָט ער דאָס פענסטער צופראַלט און געזאָגט און גערעדט צו זיי דאָס אַלעס, וואָס ער האָט פריהער גע־רעדט דורכ׳ן פאַרמאַכטען פענסטער.

— נו, וואָס האָט איהר דאָ ניט געזעהן, וואָס? מענשען ווי אַלע מענשען!

אידען האָבען איהם חושד געוועזן, יצחק אהרנ׳ען, אַז ער איז ניט איינגאַנצען זייערער, דאָס מיינט, אַז עפּעס א שטיקעל, א ברעקעל איז ער מיט זיי, מיט יענע, ווייל זיי געפינען זיך אונטער זיין דאַך. ס׳איז דאָך אין דעם אַליין געוועזן צו זעהן, אַז ס׳איז אַזוי, אַז ער האָט אַרויסגעזאָגט דאָס, וואָס די פינף קריסטען האָ־בען מיט זייער איינפאַכקייט געוואָלט מאַכען אַן איינדרוק, אַז זיי זיינען מענשען ווי אַלע מענשען, און ער, יצחק אהרן, האָט דאָס זעלבע אַרויסגעזאָגט.

— און מיר ווייסען שוין, אַז זיי זיינען שוין גראָד ניט קיין

מענשען, ווי אַלע מענשען, — האָט איינער בלשון „מיר" פאַר זיך און פאַר אַלע איבעריגע געזאָגט.

— מ'וועט „זאַלצען", — האָט אַ צווייטער אויסגערופען...

## 4

אויף מאָרגען האָט זיך דער קאַמף אָנגעהויבען. די פינף לייט זיינען געגאַנגען אין דער באַגלייטונג פון אוריאַדניק מיט'ן סאָטניק, געגאַנגען אין יענע הייזער, וואו ס'איז געווען צופאַלען פון דער מגפה, און מ'האָט אין יעדען הויז פון די הייזער געמאַכט דעזינפעקציעס, געשפּריצט מיט אַזעלכע שמעקעדיגע פליסיגקייטען אויף ווענט און סטעליע און אויף בעטען און טיש און דערנאָך צופּראַלט טיר און פענסטער און אַרויסגעטראָגען די אַלע זאַכען, וואָס האָבען זיך געפונען אין נאָהענטער באַריהרונג מיט'ן קראַנקען אויף דער מגפה־קרענק. אַרויסגעטראָגען אין דרויסען אַרויס, באַגאָסען מיט קעראָסין און אונטערגעצונדען. מ'האָט דאָ און דאָרט געברענט ליילאַכער און שטרוי פון בעטען. ס'האָבען געברענט און ניט געקאָנט ברענען, זיך געסמאַליעט קישענס און איבערבעטען, זיך געראויכערט און צוטראָגען אין דער לופט אַ שטינקענדיגען ריח פון סמאַליענדיגע פעדערען. אויף די שליאַכעס האָט מען צו־שטעלט שמירה'ס, ניט אַרויסצולאָזען און ניט אַריינצולאָזען אין שטעדטעל אַריין. יעדע שמירה האָט זיך געביטען צוויי שומרים: אויף בייטאָג און אויף ביינאַכט, און אומעטום זיינען געלעגען הורבעס שטרוי צוגעגרייט, וואָס טאָמער וועט זיך איינעם נאָר דוקא יאָ וועלען אַריינרייסען אָדער אַרויסרייסען פון שטאָדט אַרויס און וועט נאָך דערצו עפּעס וועלען אַרויספיהרען מיט זיך, זאָל מען איהם די זאַכען, וואָס ער פיהרט מיט זיך, פאַרברענען, און ער אַליין, דער מענש, וואָס האָט געמוזט אַרויספאָהרען, איז „אָפּגע־שווענצעלט" געוואָרען מיט אַזאַ דעזינפעקצירענדער פליסיגקייט פון קאָפּ ביז די פיס און נאָך דער „לאקתי" איז ער געווען פריי צו פאָהרען זיין וועג. איינצייטיג איז אויסגעקלעפּט געוואָרען נייע פאַראָרדנונגען וועגען ריינקייט, וואָס האָבען געסטראַשעט מיט גרוי־

סע געלט שטראָפען און מיט לאַנג טערמינענדיגער תפיסה יעדען איינעם, וואָס וועט אָט דעם באַפעל ניט געהאָרכזאַם זיין. אין אַ צווייטען אויפרוף איז געווען אויסגערעכענט אַ גאַנץ צעטעל וועגען עסען און טרינקען, וואָס מ׳מעג עסען און טרינקען און וואָס מ׳טאָר ניט. און ס׳איז שטרענג אָנגעזאָגט געוואָרען, אַז ווי נאָר עס וועט זיך ערגעץ טרעפען אַ כאָלערע־צופאַל, זאָל מען באַלד מעלדען אין סאַניטאַרען פונקט.

דעם זעלבען טאָג האָבען צוויי גויים אויסגעגראָבען אַ גרוב אין מיטען מאַרק און אַרויסגעגראָבען פון זיין לאַנג יעהריגער, איינגעמויערטער מקום־מנוחה דעם קעסעל פון באָד. האָט מען איהם געפיהרט, אָט דעם קעסעל, אַן אויסגעלייטערטען פון צענהד־ליגער יאָהרען זיך ברענען און קאָכען, און אַרויסגעפיהרט „איהם" מיט זיין קעסעלדיגען כבוד. אויפ׳ן מיטען מאַרק האָט מען איהם מכבד געווען מיט אָט דעם גרוב־לאָך, וואָס איז שוין געווען צוגע־גרייט פאַר איהם. זיין קייל־אַכדיגען פאַרנעם אַריינגעזעצט אין גרוב אַריין און מיט אָפענער קייל־אַכדיגער ליידיגקייט אַרויף צו הימעל און צו זון. דער אוריאַדניק מיט׳ן סאָטניק האָבען פון די הייזער אַרויסגעשלעפט עפּעס אַ צעהנדליג גויים מיט גויעס און מיט געוואַלד זיי אָנגעוואָרפען די קאָראָמיסלעס אויף די אַקסלען, האָט מען זיי באַפוילען דעם קעסעל פול מיט וואַסער אָנצופילען. און אַזוי ווי מ׳האָט „אַריינגעוואָרפען" אַהינצו עטליכע „מאָל" וואַסער, אַזוי האָט אונטער איהם אָנגעהויבען צו ברענען אַ פייער און זיך גיך צוברענט און איינצייטיג האָט זיך פון אונטען און פון אויבען גערויכערט און געפּאַרעט און פאַר דער צייט האָט דער אוריאַדניק מיט׳ן סאָטניק פון איין גוי׳אישער שטוב צו דער צוויי־טער, און ווי ביינאַכט צו אַ שרפה געקלאַפּט אין פענסטער און מיט קולות, ווי מ׳וואָלט זיי פון שלאָף געוועקט, האָט מען גערופען דעם פויערשען עולם, זיי זאָלען געהן זיך נעמען געקאָכטע וואַסער פון קעסעל. גויים, גויעס, שיקסעס און שקצים האָבען זיך אַ לאָז געטאָן פון אַלע זייטען מיט קריגלאַך, באַנקעס, מיט ליימנעע און טשוהונענע שוואַרצע טעפּ און מיט פאַרזשאַווערטע בלעכענע

קווערטלאך און ארומגערינגעלט דעם קעסעל אין א קײלאַכיגען רינג, מיט רעש און טומעל און פרעהליכע אויסגעשרייען און קוויטשערייען. און צווישען רעש און טומעל האט זיך שטיל גע־נעבעלט א פארע פון דעם גרויסען באד־קעסעל, וואס האט זיך געהויבען העכער פון די פארזאמעלטע קעפ, און עס האט זיך גע־דאכט, אז די צונויפגעלאפענע מענשען־מאסע אטעמט מיט איין אטעם און לאזט פון זיך פון אלעמען אט די געדיכטע פארע ארויס...

אט די אלע זאכען אינאיינעם האבען פארגרעסערט און פאר־שטארקט די אומרוהיגקייט און די שרעק אין שטעדטעל... אזוי לאנג ווי מ'האט ניט געזעהן אט די אלע זאכען, האבען זיך נאך אייניגע געקאנט איינרעדען, אז ס'איז נאך אלץ ניט דאס... אז ס'איז אין א פאר ערטער געווען צופאלען פון קראנק ווערען אויף דער קרענק און פון שטארבען אויף דער קרענק איז דאס נאך אלץ ניט געווען קיין ראיה, אז דאס וועט מוזען זיין איבער'ן גאנצען שטעדטעל און אומעטום. מיט דעם צוטריט אבער דאס גאנצע שטעדטעל פארהיטען, דאס האט שוין אליין פאר זיך געזאגט, אז די מגפה קאן זיך איבער'ן גאנצען שטעדטעל צושפרייטען, און עס האבען אפילו ניט קיין פחדנים אראפגעלאזט די נעזער זייערע... אוים חכמים געווארען און שאטענס פון אומעט, פון שרעק און פון פחד האט זיך אויף אלעמענס פנים'ער אויסגעשפרייט. דער עיקר קונץ פון זייער מענשליך דענקען איז באשטאנען אין דעם, וואס מיט די אלע זאכען, וואס די פינף לייט האבען אונטערגענומען אנ־צופיהרען א קאמף געגען דער מגפה, איז דערגרייכט געווארען דאס, וואס אין דער עקזיסטענץ פון דער מגפה האט יעדער אנגעהויבען צו גלויבען. ס'האבען אבער א קליינע צאהל געגלויבט, אז זיי, יענע, „די לייט", זאלען זי קאנען מנצח זיין, אט די מגפה, און ס'האט זיך שוין פון ערשטען טאג געלאזט שפירען די שלעכטע רעזולטאטען פון אט דעם קאמף, וואס מ'האט אנגעהויבען אנצו־פיהרען מיט דער מגפה. קיין ממשות'דיגע רעזולטאטען האט מען דעם ערשטען טאג ניט באמערקט און ניט געקאנט באמערקען.

אָבער, אַז אַלע האָבען זיך אָנגעהויבען צו שרעקען, דאָס האָט מען זעהר לייכט אויף יעדען איינעם געקאָנט באמערקען. מ׳האָט מורא געקראָגען פאַר זיך אַליין, זיך אַליין ניט געטרויט, געמיינט, אַז דאָס מיינט מען נאָר, אַז דאָס דאכט זיך נאָר, אַז מ׳איז געזונט, אַז אין אמת׳ן טוט זיך עפּעס אין זיך, וואָס דערווייל פיהלט מען עס נאָך ניט. נאָר אַ ליאַדע שעה, אַ ליאַדע מינוט וועט מען געבען אַ פאַל איין... מ׳האָט וועגען זיך אַזוי געטראַכט און וועגען איינס דאָס צווייטע... אָט זעהט ער איהם, אָט רעדט ער מיט איהם... יענער זעהט דערווייל אויס ווי אַ געזונטער מענש באַדאַרף אויס־זעהן. אָבער יענער ווייסט ניט, וואָס מיט איהם, מיט׳ן צווייטען, מיט וועמען ער שטעהט און רעדט, וואָס ס׳וועט מיט יענעם טרעפען שפּעטער מיט אַ שעה צוויי... אַזוי געטראַכט וועגען זיך און וועגען איינס דאָס אַנדערע, האָט מען זיך אויסגעהיט פון צו קוקען זיך אין די אויגען אריין... ס׳איז אָבער דאָך פאָרט אַנגענעמער געווען מורא צו האָבען פאַר׳ן צווייטענ׳ס נפש, ווי פאַר׳ן אייגענעם נפש, און מיט דער מורא פאַר׳ן צווייטען האָט מען שוין יוצא געווען פאַר זיך אויך...

ס׳האָט איינער פון צווייטען געכאַפּט אין רעדען עפּעס אַ פאַלשקייט אין טאָן, און אַמאָל האָט מען ניט געקאָנט אָפּגעבען קיין רעכנונג, אין וואָס אייגענטליך די פאַלשקייט באשטעהט... צי וויל מען פאַר זיך אַליין עפּעס פאַרלייקענען, צי וויל מען עפּעס פאַר׳ן צווייטען פאַרדעקען...

איינציייטיג מיט׳ן ציוויליזירטען קאַמף, וואָס די פינף ציווי־ליזירטע קריסטען האָבען אָנגעהויבען אָנצופיהרען געגען דער מגפה, האָבען די צוויי פעלקער, די אידען און די גויים, אָנגעהויבען איהם אָנצופיהרען אויף זייער אופן. אידען האָבען אָנגעהויבען איבעריגע שעה׳ן צו פאַרברענגען אין בית־המדרש, האָבען אויף הויכע טענער געזאָגט תהלים, און גויים האָבען גאָט געבעטען אויף זייער אופן און לויט זייער גלויבען. ס׳האָט זיך אָפּט דער גלח אין דער „ריאַסע״ באַוויזען מיט׳ן ספּאָדעק אוי׳פן קאָפּ, מיט אַ צלם, וואָס ער האָט געהאַלטען ביי דער ברוסט, און נאָך איהם איז נאָכגעגאַנגען און זיך

נאַכגעשלעפּט אַ פּויערש פאָלק מיט צלמים, מיט הייליגע בילדער, מיט „שמאַטעס" און מיט וועקסענע ליכט, פּונקט מיט אַזאַ אָרדנונג ווי „מ'שלעפּט אַ פּגר". און ס'איז טאַקע אויסגעקומען אַ ביסעל משונה, וואָס מ'זעהט אָט די צערעמאָניעס און ס'איז ניטאָ קיין „פּגר" אין דער מיט. דער גלח האָט געפּראַפּעלט און דער דיאַק, וואָס איז נאָכגעגנאַגען דעם גלח הינטער דער פּלייצע, האָט נאָכגעזאָגט פון אַ ביכעלע, וואָס האָט פון ווייטען אויסגעזעהן ווי אַ אידיש ספר'ל, און נאָכגעפּרעפּעלט דעם גלח אין טאָן אריין, אַמאָל איינער מיט אַ גראָבען קול און אַמאָל איינער מיט אַ דינערען קול, מיט קוויטשערלאַך דערביי, קוויטשערלאַך פון קליינע שקצים און שיקסעלאַך, וואָס האָבען זיך לכבוד אָט דער צערעמאָניע אָנגעטאָן פרישע פּאַסטעלקעס אויף די פיסלאַך אויף זייערע און ביז די קני זיינען זיי, די פיס, געווען פעסט איינגעוויקעלט אין ריינע, ווייסע שמאַטעס מיט נייע שטריקלאַך „ארומגעמאָטעט". די פּויערשע אָהן־היטעלדיגע קעפּ האָבען געגלאַנצט אנטקעגען דעם שיין פון דער זון מיט חזיר'שער פעטקייט. און אָט דער גלאַנץ פון זייערע האָר האָט פאַר זיך דערצעהלט פון אייגענאַרטיגער גוי'אישער פרומקייט. פרעמד און אָפּשטויסענד פאַר'ן אידישען אויג, און דאָך האָבען אידען דאָס מאָל גאָר אַנדערש פאַרדייעט אָט די פּראָצעסיע ווי־סענדיג צוליב וואָס דאָס ווערט געטאָן, געפיהלט די גויים פאַר אַ „אָח לצרה", האָט מען ניט אָפּגעשפּעט פון דעם גוי'אישען „פאַר־פיהרט" זיין, און געדולדיג אויסגעהערט דעם קלאַנג פון די קלויס־טער'ס גלעקער... גאָר פרומע אידען האָבען זיך ניט וויסענדיג געמאַכט וועגען דער גאַנצער זאַך, אַז עפּעס טוט זיך דאָרטען דרוי־סען אַזעלכעס, וואָס איז נאָך זייער פרומער אידישער איבערצייגונג, נאַריש... ס'טוט זיך דאָרטען עפּעס אַזעלכעס און ס'איז אַזוי גלייך ווי עס וואָלט זיך גאָרניט געטאָן... סאָ'יז אַזוי ווייט גאָרניט אָט דאָס, וואָס די גויים טוען דאָרט, אַז ס'קאָן גאָרניט קאַליע מאַכען... און דערפאַר, ווייל דער ווילען ביי די גויים איז דאָך אַ גוטער, אַז זיי מיינען דערמיט קיינעם קיין בייז ניט, אַז זיי מיינען דאָס זעלבע, וואָס אידען, להבדיל, איז דערפאַר זאָל אויף זיי אויך, אויף

די „פּאַרפיהרטע" משפיע זיין די אידישע תפילות און עס זאָל ביי זיי אין אידישען זכות אויפהערען צו אַרבייטען די מגפה...

די מגפה האָט זיך פון טאָג צו טאָג אַלץ ברייטער צוּוואָרפען און צושפּרייט איבער'ן שטעדטעל. פון טאָג צו טאָג איז געוואַקסען די צאָהל אבלים און יתומים און אויפ'ן בית־עולם איז איינס נאָכ'ן אנדערען פרישע בערגלאַך ערד אויסגעוואַקסען... און דער עולם, אפילו די יעניגע, וואָס האָבען פריהער געלעגט האָפענונגען אויף די סאַניטאַרען און אויף די מיטלען, וואָס די סאַניטאַרען האָבען אָנגענומען געגען דער מגפה, אפילו די האָבען אויך דאָס גלויבען אין זיי פאַרלאָרען. און כאָטש מ'האָט טאַקע געטאָן און נאָכגעפאָלגט איינציגע זאַכען, וואָס די סאַניטאַרען האָבען געהייסען, האָט מען דאָך איינצייטיג מיט אַלע מעגליכ־קייטען געזעהן אויסצובאַהאַלטען דעם יעניגען, וואָס האָט געהאַט דאָס אומגליק קראַנק צו ווערען אויף דער קרענק. כמעט אַלע זיינען זיכער געווען, אַז אויב עס איז וועמען באַשערט זיך „אויסצוקייקלען" פון דער קרענק און בלייבען לעבען, וועט עס אָהן זיי אויך געשעהן. און אויב ניט... צי זיי, די סאַניטאַרען, האָבען געטאָן פאַר'ן קראַנקען, וואָס מ'באַדאַרף (איינ־ציגע האָבען אפילו געזאָגט, אַז זיי טוען וואָס מ'דאַרף ניט אויך, אַז זיי טוען אַזעלכעס, וואָס ברענגט גיכער דעם טויט אויפ'ן אומגליקליכען, דאָס הייסט, אַז זיי ענדיגען וואָס גיכער אָפּ מיט דעם, וואָס דאַרף, נאָך זייער מיינונג נאָך, במילא שטאַרבען, און דאָס האָט יעדער איינער געגלויבט, אַז דאָס קען קיין מוטער־מענש ניט וויסען, נאָר גאָט אַליין, ער קען האַלטען א מינוט פאַר'ן טויט און אין דער לעצטער מינוט בלייבען לעבען) — האָבען זיי זיכער געטאָן וואָס מ'באַדאַרף ניט מיט דעם, וואָס זיי האָבען דעם קראַנקען אָפּגעשיידט און אָפּגעריסען פון אייגענע, און דאָס איז געטאָן געוואָרען ניט נאָר פאַר איהם, פאַר'ן קראַנקען, נאָר פאַר די געזונטע, כדי די געזונטע, וואָס האָבען זיך גערדרעהט ארום קראַנקען, זאָלען זיך ניט אָננעמען פון איהם.. יאָ, מ'האָט געגלויבט, אַז זיי טוען אַלעס צו פאַרהיטען, אַז די מגפה זאָל זיך

ניט פארשפרייטען. אבער אויפ'ן „איינגעפאלענעם" האָט מען שוין געקוקט מיט א זייטיג אויג, אָדער מ'האָט שוין אויף איהם גארניט געקוקט. א דאנק דעם האָבען זיי, די סאניטארען, געקראָגען גענוג זיך, פון טאָג צו טאָג, אלץ מעהר געגנער... פארשטעהט זיך, אז קיינער האָט ניט געהאט קיין דרייסטקייט אָפען ארויסצוטרעטען געגען זיי. נאָר ס'איז שוין דאָס אליין גענוג געווען, וואָס מ'האָט זיך אָנגעהויבען צו באהאלטען מיט אזעלכע חולאים און אליין געטאָן וואָס מ'האָט געדארפט טאָן און דערגרייכט צוויי זאכען: איינמאָל האָט מען געוואוסט, אז דער וואס איז געשטאָרבען האָט ניט געקענט בלייבען לעבען, און, צווייטענס, האָט מען „איהם" זיין מת'דיגען כבוד אויסגעהיט פון וואפנע. אזוי ווי „ער" האָט נאָר צוגעמאכט די אויגען האָט מען איהם בגנבה און דורך הינטער־געסלאך ארויסגעטאסקעט פון שטוב און אוועקגעטראגען אויפ'ן בית עולם, און דארטען, אין „אוהל", האָט מען איהם אפגעטאָן זיין רעכט נאָך אלע מנהגים און אידישע דינים. די יעניגע, וואס מ'האָט געפאקט אין מיטען וועג מיט דער „גנבה", איז גאָר ניט געווען וואָס מקנא צו זיין. מ'האָט פון זיי מיט געוואלד דעם בר מנן ארויסגעריסען, און זיי, די פרעמדע, גוי'אישע הענט, האָבען זיך שוין מיט „איהם" מתעסק געווען אויף זייער אופן. איינציגע העלדישע אידען זיינען ארויס־געטראטען אין אן אָפענעם קאמף. און אינמיטען, צווישען די קעמפענדע צדדים און אינמיטען שליאך איז דער מת געלעגען מיט טויטער גלייכגילטיגקייט צו זיינע און צו פרעמדע. ער האָט זיך אונטען, אויף דער ערד, צווישען פיס, וואס האָבען ארומגע־טאָפטשעט, אויך דאָ זיין מקום מנוחה געהאט און איז געלעגען מעשה לעבעדיגער און „לעבעדיג" אָנגעטאָן.

איינצייטיג ווי אידען האָבען געטאָן וואָס מעגליכעם כדי אויס־צומיידען אָט די „זאלץ" פון זייערע מתים, האָבען פויערים פאר־קערט געהאנדעלט. ווען ס'איז ווער קראנק געוואָרען ביי זיי אויף דער קרענק, איז שוין דער יעניגער פויער, אָדער פויערטע, וואָס האָט ביי זיך דעם קראנקען געהאט, שוין געלאָפען נאָך „לאפנע".

ווען יענער האָט נאָך געלעבט, איז מען שוין געלאָפען נאָך וואַפנע. זי צוגעגרייט פריהער, נאָך בעפאָר יענער איז געשטאָרבען און אי־בערוועלאָזט דאָרט אויף זיין „מאָהילע" א דיקען, הילצערנעם צלם. האָט זיך דאָ אין א פּאָר טעג ארום דאָס שטיבעל, וואָס יענער האָט פארלאָזט, אויסגעקאלכט פון אינווענינ און אויסענוועניג און ס'איז דאָרטען געוואָרען „חגא"־דיג און „לעבעדיג".

און נאָך דער צאָהל מתים נאָך איז געוואקסען די צאָהל אויס־געקאלכטע שטיבלאָך. און ביי אידען איז נאָך יעדען מת פאר־בליבען א נשמה־לעמפּעל אין שטוב און א פענסטער, וואָס האָט ארויסגעקוקט אין דרויסען ארוים מיט אומעט פון טויט. די פּויערים האָבען באין אופן ניט געקאָנט באַנעמען, וואָס די אידען ציטערען אזוי פאר דעם ביסעל וואַפנע, מיט וואָס מ'וויל זייערע מתים באַשיטען. זיי, די פּויערים, פארקערט, לויפען נאָך דעם גערן, גיבען אוועק דעם טויטען זיין פּאָרציע און לאָזען פאר זיך איבער אויף די הייזער צו קאלכען.

---

ס'איז צווישען אנדערע אויך אוועקגעשטאָרבען יענע אידענע, וואָס איז צעהן יאָהר קראנק געווען. די קראנקע האָט דוקא עטליכע טעג געקעמפּט מיט דער נייער קרענק. און דערפאר, ווייל אָט די נייע קרענק האָט זיך פארצויגען, האָט מען געדרעבענט, אז זי געהט שוין אוועקלעבען און ארייַנציהען אין יאָהרען מיט א שפּאָגעל נייע חולאת, וואָס אנדערע, דוקא געזונטע און יונגע, שטארבען פון איהר... ס'האָבען זיך מאַן און קינדער ניט איבעריגס גענומען צום הארצען דעם טויט איהרען, נאָר פרעמדע, זייטיגע, האָט עס גאָר פארדראָסען אויף איהר, וואָס זי האָט זיך אויך „אויסגעמראַכעט" אין דער צייט צו שטארבען ווען אלע שטארבען, ווען זי האָט עס געקאָנט אויספיהרען צו טאָן פאר א רייהע מיט יאָהרען, און ניט ארייַנציהען אין אזא צייט אריין, ווען עס איז אָהן איהר אויך געווען איבער גענוג.

זי איז שטיל געשטאָרבען, און שטיל האָט מען זי ארויס־געטראָגען פון שטוב און זי געבראכט אויפ'ן בית־עולם, זי אוועק־

געלעגט אין „אוהל“ און גענומען מאַכען הכנות צו טאָן איהר דאָס „רעכט“ איהרס. דאָ דערביי ביים אוהל האָט מען צולעגט אַ פייער און אוועקגעשטעלט גרויסע ליימענע נייע טעפּ מיט וואַסער. ס'איז געווען דאָרטען אַ פּאָר שמשים, אַ פּאָר שמש'טעס, מאַן און קינדער, און אינוועניג אין אוהל, ביי בלינדע ווענט און ביי צוויי אָפענע לעכער, אָהן טירען, איינס אנטקעגען דאָס אַנדערע, איז געזעסען אויף שייטלאַך האָלץ שמענדריק דער שניידער מיט זיין מיידעל און געפּאַרטיגט תכריכים פאַר איהר. ס'האָבען אַלע זיך גערדרעהט דאָרטען און ס'האָט יעדער עפּעס געטאָן פאַר איהרט־וועגען. און דאָרט ערגעץ, צווישען צוימען און מצבות, צווישען בוימער, בוימלאַך און פאַרפּלאָנטערטע צווייגלאַך האָבען צוויי בערדיגע אידען אַ קבר געגראָבען און דער מאַן האָט אכטונג געגעבען אויפ'ן פייער דאָס פייער זאָל ברענען און די טעפּ מיט וואַסער זאָלען זיך דערוואַרימען. די קינדער, מיידלאַך און בחורים האָבען זיך ארומגעדרעהט, געפּלאָנטערט זייערע פיס צווישען הויכען גראָז וואָס וואַקסט פון זיך און ווערט פון זיך פאַרדאַרט און פאַרטריקענט, זיך ארומגעדרעהט מיט שוויינעניש און מיט שטילקייט און ניט געקוקט איינס אויף דאָס צווייטע, ווי זיי וואָלטען ברוגז געווען איינס מיט דאָס אנדערע, פון צייט צו צייט געוואָרפען אַן אויג, אַ בליק אין פינסטערען אוהל אריין, וואָס האָט ארויסגעקוקט מיט אָפענקייט פון שווערליבען אומעט און מיט שטילקייט פון אַ מת אַ מאַמע, און דערביי זיצען און טוען זייער שניידערשע ארבייט שמענדריק דער שניידער מיט זיין מיידעל. גלאַנציגע נאָדעל־שטעך לויפען אין דער ווייסער מאַטעריע, שטאָך אהער, שטאָך אהין, און גאָר פּלוצים האָבען זיך די ביידע, דער שניידער מיט דער מיידעל, זיך געגעבען אַ יאָג ארויס פון דאָרטען ניט טויט און ניט לעבעדיג.

— שמע ישראל! — האָט דער שניידער אַ מורמעל געטאָן מיט בלאַס־טויטע ליפּען.

ס'האָט געטראָפען ביים מת אַזעלכעס, וואָס ווען אַזעלכעס וואָלט געטראָפען אין אַן אנדער צייט ביי אַ לעבעדיגען און מיט

אַ געזונטען וואָלט מען נאָר געקענט לאַכען דערפון... דאָ אָבער האָט אַלעמען ארומגעכאַפּט אַ שרעק... פון נאָהענטער גרוב גראָ־בעניש זיינען געקומען צו לויפען די צוויי בערדיגע אידען מיט די לאָפּעטעס און אַלע צוזאַמען, וויפיל לעבעדיגע מענשען ס'האָ־בען זיך דאָרט געפונען, האָט מען זיך צונויפגעקוועטשט צוזאַמען און אַלע אינאיינעם זיינען צוגעגאַנגען צו דעם חלל־טיר און אַלע האָבען ביי איהר געבעטען מחילה:

— פריידע, מיר בעטען דיך מחילה! מיר בעטען דריי מאָל מחילה!... פריידע, דיין מאַן בעט ביי דיר מחילה!... פריידע, דיינע קינדער בעטען ביי דיר מחילה.

ס'איז נאָך געווען נישקשה, וואָס דאָס איז געשעהן איידער מ'האָט איהר געטאָן דאָס רעכט איהרס...

און אויס דאַנקבאַרקייט צו איהר וואָס זי האָט עס אָפּגע־טאָן פריהער פאַר דער טהרה און כדי יוצא זיין פאַר איהר פאַר דער זאַך וואָס זי האָט אָפּגעטאָן, גלייך ווי ניט „זי" וואָלט גע־ווען אין דעם שולדיג, נאָר זיי, די לעבעדיגע דאָ, וואָס ארום איהר און אַלע לעבעדיגע וואָס געפינען זיך ווייט פון איהר, האָבען זיך די שמש'טעס מיט איהר אָפּגעגעבען פיל מעהר ווי זיי האָבען זיך אָפּגעגעבען מיט אַנדערע מתים, וואָס האָבען ניט געטאָן דאָס, וואָס זי האָט געטאָן, און זי איבערגעגעבען אַ ריינע אין די ווייסע בגדים צו די שמשים אין די הענט אריין, און פונקט אין דער צייט ווען די באַגרעבער האָבען זי גענומען אראָפּצולאָזען אין קבר אריין — ווידער דיזעלבע מעשה... דאָס האָט שוין שטאַרק פאַר־דראָסען איינעם פון די חברה קדישא. ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און התראה'דיג אויסגערופען:

— הער אויף, פריידע!... מיר בעטען דיך איבער, פריידע. הער אויף, בעטען מיר דיך...

און געמוזט זי נאָך אַמאָל מטהר זיין און ריין מאַכען די ווייסע בגדים, און זי אַראָפּגעלאָזט דאָס צווייטע מאָל אין גרוב אריין, האָט מען כאַפּענדיג און איילענדיג זי גענומען באַוואַרפען מיט לאָפּעטעס ערד...

אָט די מעשה מיט פריידע'ן האָט אָנגעוואָרפען אַן אימה אויפ'ן גאַנצען שטעדטעל. מ'האָט אין דעם איינגעזעהן, אַז דאָ ערשט נאָך דעם וועט זיך די מגפה צוטאַנצען. דער דיין, אַ גרוי־סער ירא שמים און אַ גרויסער למדן, וואָס איז אַלע יאָהרען גע־ווען צוטראָגען פון זיין למדנות און פון זיין פרומקייט און האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין געלעגנהייט עפּעס אויפצוטאָן, אחוץ דעם וואָס ער האָט אַ פּאָר מאָל אין יאָהר אויסגערופען אַ חרם אויף איין קרעמער און אַ צווייטען וואָס האָט פארקויפט ליכט און קעראָסין, וואָס נאָר ער האָט געהאַט דעם גאַנצען „זכות“ אויף דעם. אזוי לאַנג ווי די מגפה האָט זיך אָנגעהויבען האָט ער זיך געגריבעלט אין ספרים און אין מדרשים, געזוכט תחבולות און סגולות אַנטקעגען דער מגפה און בכלל געוואָלט באַווייזען כח אַז ער קען עפּעס אויפטאָן. איהם האָט זיך עס זעהר געוואָלט, ווייל ער האָט זיך אַלע זיינע יאָהרען געפיהלט אַלס שוואַכער און ווילענלאָזער דיין וואָס איז דער עלטסטער אין שטאָדט און וואָס קיינער האָט דאָך פאַר איהם קיין דרך־ארץ ניט געהאַט... ער האָט געהייסען זיין פרום, וואָס פרימער, און האָט אַלע טאָג אָפּ־געזוכט עפּעס אַ נייעם פּסוק, וואָס מ'האָט באדארפט זאָגען פאַר'ן דאַוונען, נאָכ'ן דאַוונען און אין פאַרשיידענע צייטען פון טאָג, און ער האָט עס, אַלס סגולה, געהייסען ארומגאַרטלען די הייזער מיט שוואַרצע גאַרטעלאַך פון קויל און נאָך און נאָך אַזעלכע זאַכען. דערהערענדיג דאָ די מעשה מיט פריידע'ן, איז ער גאָר צוטומעלט געוואָרען און אויסגעפונען אַ גאַנץ געוועהנליך מיטעל, וואָס יעדער איינציגער איד און ניט קיין למדן האָט עס געקענט אויסגעפינען. ער האָט געהייסען זיך צונויפנעמען אַ מנין מענ־שען און מ'זאָל געהן צו איהר אויף איהר קבר זי מחילה בעטען.

נאָר איין יצחק־אהרן איז געשטאַנען גענגען דעם דיין און גענגען די אַלע אידען, וואָס האָבען געפאָלגט די אַלע סגולות וואָס דער דיין האָט געהייסען טאָן. ער האָט אַלץ איין זאַך גע'טענה'ט, אַז די אַלע זאַכען וועלען גאָרניט העלפען און אַז די איינציגע זאַך וואָס קען יאָ העלפען איז זיך אָפּהיטען. ער האָט, הייסט

עס, געזאָגט דאָס זעלבע וואָס די סאַניטאַרע קריסטען האָבען געזאָגט, און דערמיט אַליין האָט ער ביי איניגע אידען ארויסגערופען צו זיך מיטלייד... עפּעס איז ער געבליבען ווי אַ זייטיגער שטעהן, ווי אָפּגעריסען פון אידען, און זיך באהעפט צו די קריסטען, מיט זיי געווען איין ראט און איין עצה... אַלץ וואָס זיי האָבען געזאָגט האָט ער געזאָגט, און ער האָט אפילו ניט געפונען פאַר נויטיג אויף אַ האָרעלע פרימער צו ווערען. פאַרקעהרט, ער האָט גאָר אויפגעהערט אין דער וואָכען צו געהן אין שוהל אריין, האָט ניט געהערט דעם שופר בלאָזען. דאָס האָט ער אַלץ געוואָלט זיך אויסהיטען, אויסמיידען זיך פון מענשען. ער האָט שוין צופיל געגלויבט אין דעם כח פון אָננעמען זיך...

צי איז דאָס געווען גוט, צי ניט גוט, דאָס פיהרען זיך זיינס וואָס יצחק־אהרן האָט זיך געפיהרט, נאָר ס'איז שוין זיכער, דאָס אליין פאַר איהם ניט גוט געווען וואָס ער האָט ניט געטאָן דאָס, וואָס אַלע אידען האָבען געטאָן... אין דער זאַך וואָס אַ רבים טוען ליגט עפּעס אַ באַזונדער קראַפט און גלויבען, וואָס צווינגט אָפּט אפילו ניט גאָר שטאַרק־גלויביגע... יאָ, אָפּהיטען זיך — געזונטערהייט. מ'דאַרף אָבער ניט אָפּשטעהן פון דעם וואָס אַלע אידען טוען... שאַדען קען עס דאָך זיכער ניט. און מ'האָט דאָך געזעהן, אַז מיט דער גאַנצער היטעניש מיט זיינער ציטערט ער פאַר'ן טויט מעהר פון אַלעמען... ס'איז שוין איהם פּשוט ניט געווען צו דערקענען, אָט דעם יצחק־אהרנ'ען, האַלב מענש איז פון איהם געוואָרען זייט די מגפה האָט זיך פאַרקליבען אין שטעדטעל אריין און ס'איז שוין פּשוט ניט געווען צו פאַרשטעהן פאַרוואָס ער האָט איינמאָל אויף אַלע מאָל אָנגעטאָן אָט די טונקעלע בלויע ברילען און טוט זיי שוין ניט אויס...

אויף מאָרגען איז דער דיין, מיט ניין אידען צו זיך, געקומען אויפ'ן בית־עולם צו פריידע'ס קבר, ביי איהר מחילה געבעטען. מ'האָט זיך געדרעהט הקפות זיבען מאָל ארום איהר קבר און דערביי געזאָגט פסוקים, גאַנצע שטיקער, און גאָר גרויסע תפלות. אויף לעצט האָט איין איד אריינגעשטורכעט אין דער פרישער

ערד א שליסעל און געזאָגט, אַז מיט איהר זאָל זיך שוין די ערד פאַרשליסען; דאָ גאָר פּלוצים, אין דער צייט וואָס ער האָט די אַרבייט געטאָן און דאָס זאָגען געזאָגט, האָט זיך פון ווייטענס דערטראָגען און געלאָזט הערען אַ שרייענדיגער ליארעמדיגער געוויין, אַ רייסענדיגע יללה. פון פוסטען פעלד האָט זיך עס געטראָגען, פון פעלד־שטילקייט, פון פעלד־פרעמדקייט און פון ברייטען און שטויביגען אויר, און דערפאַר האָט קיינער דאָס קול ניט דערקענט, ניט געוואוסט ווער דאָס געהנטערט זיך צום בית־עולם מיט אַזעלכע שוידערליכע יללות... ניט געוואוסט ווער דאָס קול איז און געוואוסט, אַז ס'איז ניטאָ אין שטעדטעל אַזעלכע וואָס מ'זאָל זי ניט קענען און איהר קול ניט דערקענען, האָט מען פאַרשטאַנען, אַז דאָס קול איז אַ פאַרענדערטס פון אַ גרויסען אומגליק און אַ גרויסען בראָך, וואָס האָט מיט דער אידענע גע־טראָפען, און ניט געוואוסט ווער זי איז, האָט יעדער איינער איבערגעטראַכט, אַז דאָס איז זיין ווייב אָדער זיינע אַ נאָהענטע, אַן איינענע, און מ'האָט זיך גיך, מיט אַ גיך געהן און מיט אַ ליפען געלאָזט פון בית־עולם צו באַגעגענען אָט דאָס שרייענדיגע און אַ קוק צו טאָן וועמעס ווייב, וועמעס מאַמע אָדער וועמעס טאָכטער ס'שרייט... מ'האָט זי עטליכע איילען פאַר'ן טירעל פון בית־עולם־אריינגאַנג באַגעגענט, און ס'האָט איינער פון די אידען ווירקליך באַגעגענט די ווייב זיינע, וואָס איז געלאָפען רייסען קברים אויף דער נאָר־וואָס־איינגעפאַלענער טאָכטער זייערער...

## 5.

מ'האָט זיך אומגעקוקט אויף דעם, וואָס אַכטציג פּראָצענט פון די כאָלערע־קרבנות זיינען געווען פון ווייבליכען מין, און על־טערע פרומע ווייבער האָבען אָנגעהויבען נאָכצוזוכען צווישען ווייבער ווייבערשע זינד. צווישען זיך, בסוד סודות, האָט מען אָנגע־הויבען נאָכצופאָרשען און נאָכצושפּירען ווער פון די ווייבער היט ניט אָפּ ווי ס'געהער צו זיין די טבילה און נאָך אַנדערע חטאים געזוכט. הודיע־לאה די בעדערקע און טוקערין האָט אָפּגעגעבען די

ווייבער אַ באַריכט פון יעדער איינציגער ווייבעל און אויסגערע־כענט אַלע נעמען פון די ווייבלאַך און אידענעס, פון גאָר דער איננ־סטער, וואָס האָט ערשט אָנגעהויבען צו געהן, ביז דער עלטסטער, וואָס האָט זיך שוין געקליבען אויפהערען צו געהן... אַז אַלעס האָט זיך אַרויסגעצייגט צו זיין כשר וישר, האָט מען געזוכט אַנדערע חטאים, האַרבערע. אפשר... ווער ווייסט? אפשר אַן אשת־איש?... ווער, ווי און מיט וועמען? ניין, די פרומע, גאָטס־פאַרכטיגע ווייבער האָבען גאָר מורא געהאַט אפילו צו טראַכטען וועגען אַזעלכעס אויף אידישע טעכטער... און עס מוז גאָר ניט זיין דוקא אַזעלכע שווערע חטאים. גאָט דער לעבעדיגער קען דער־צאָרנט ווערען פאַר קלענערע זינד אויך, און קלענערע זינד קע־נען דאָך יאָ זיין.

לאה פאַנטאָפעלס האָט זיך דערצו אַ נעם געטאָן. איידער זי האָט זיך דערצו גענומען, האָט זי געזאָגט, אַז זי וועט זיך נע־מען צו די ווייבער... זי איז זיכער געווען, אַז זי וועט זוכען וועט זי עפּעס געפינען ערגעץ־וואו איינע, וואָס איז געגען גאָט און געגען זיין הייליגען געבאָט און געגען די הייליגע ספרים... אומ־זיסט איז עס דאָך ניט, וואָס דער גאַנצער צאָרן האָט זיך אויס־געגאָסען אויף דעם ווייבערשען מין. און זי האָט אָנגעהויבען מדקדק צו זיין אין די פּאַרוקען אויף די ווייבערשע קעפּ. זי האָט אַזוי לאַנג בודק געווען ביז זי האָט ביי איינער, אַ יונג ווייבעל, אויסגעפונען, אַז איהר פּאַרוקעל איז ניט מעהר ווי אויף אָפּצור־נאַרען, מען זאָל נאָר מיינען, אַז זי טראָגט אַ פּאַרוקעל, אין אמת׳ן האָט זי איהרע אייגענע האָר געטראָגען, האָט איהרע אייגענע האָר צונויפגעקעמט און צונויפגעמישט מיט די פרעמדע אַזוי קונציג, אַז ווער ס׳האָט ניט געוואוסט, אַז זי טראָגט די אייגענע האָר, האָט געמיינט אַז ס׳איז אַ פּאַריק און אַ מענש פון אַ פרעמדער שטעד־טעל, וואָס האָט זי ניט געקאָנט און ניט געוואוסט, אַז זי טראָגט אַ פּאַרוק, האָט געמיינט, אַז זי טראָגט אייגענע האָר... אָט צו דער בחור׳טע האָט זיך עס „לעטאַטשקא" צוגעכאַפּט, האָט אין איהר אַזוי פיל אַריינגערעדט און אַריינגע׳מוסר׳ט, אַז דאָס שטאָר־

בען ווייבער, מיידלאך און קינדער איבער איהר, אז דאס ווייבעלע, נעבאך, האט זיך געלאזט אפשערען די האר ביז'ן שארבען, טאקע פון איהר אליין, פון לעטאטשקע'ן, און זי, לעטא, לאה פאנטאפעל, האט זיך נצחונ'דיג מיט'ן זשמוט האר איבער'ן מארק געטראגען און געליארעמט און געקוואלען פון גרויס נחת און איז געווען אזוי גליקליך ווי זי וואלט עפעס א גרויסע מכשפה מנצח געווען, ווי זי וואלט ביי יענער, ביי דער מכשפה, דעם גאנצען כח־הטומאה מיט די האר אוועקגענומען און זי האט שוין אלעמען פארזיכערט, אז פון איצט אן און ווייטער וועט שוין קומען א סוף צו דער מגפה...

בכלל האט יעדער איינער עפעס געטאן. ס'האט יעדער גע־טאן וואס איהם איז אין קריטישען מאמענט איינגעפאלען: ווער ס'האט אויף זיך גענומען צו זאגען אלע זיינע יאהרען נאכ'ן דאווענען עטליכע קאפיטלאך תהילים; אן אנדערער האט זיך אונטער־נומען צו פאסטען מאנטאג און דאנערשטאג, נאך אן אנדערער איז געלאפען קברים רייסען און ווער איז אריינגעפאלען אין ארון־קודש... דאס אלעס וואלט גארניט אזוי שלעכט געווען, ס'הייסט ס'וואלט אפילו גאר גוט געווען, ווען ס'וואלט עפעס געהאלפען... פארשטעהט זיך, אז אט־די אלע נדרים און תהילים זאגען און די תעניתים, דאס לויפען אויף קברים און דאס פאלען אין ארון־קודש אריין האבען אויף זיך גענומען און געטאן די ארימע. פארמעגליכע און רייכע האבען זיך געפרובט אויסקויפען מיט צדקה... איינע א גביר'טע, וואס ביי איהר איז איינגעפאלען אן איין־איינציגע טאכטער, האט געהייסען אויסמעסטען דעם בית־עולם פארקען אין זיין גאנצער לייגג און ברייט און אזוי פיל וויפיל דער בית־עולם האט געהאלטען האט זי געהייסען לייוועגט אפמעסטען און עס צוטיילט צווישען ארימע לייט, און זי האט טאקע ארויסגעריסען פון מלאך־המות'ס הענט די בת־יחידה איהרע... זי, אט־די גביר'טע, האט לכתחילה אנגעהויבען פון קליינע נדרים, פון פונטען ליכט אין שוהל, פון א מענטעלע אויף א ספר־תורה און פון א פרוכת אויפ'ן ארון קודש; אזוי געטריבען אלע

ווייטער און ווייטער, ביז זי האָט „איהם״ פון איהר בת־יחידה פאַרטריבען. ניט אַלע האָבען אָבער אַזעלכע נדרים געקענט גע־בען; געווען אַזעלכע אָרימע לייט, וואָס האָבען ניט פאַרמאָגט אַפילו אויף איין ליכט מנדר צו זיין. זיי האָבען אַ חוץ וויינען און שרייען גאָר ניט געקענט טאָן פאַר דעם חולה מסוכן, און דערפאַר טאַקע האָבען די געמיינע לייט געטראָגען פאַרביטערטע הערצער אַנטקעגען די פאַרמעגליכע און גבירים, וואָס האָבען גע־האָט ברייטע מעגליכקייטען זיך אויסצוקויפען פון משחית'עס הענד... מ'האָט טאַקע באַשיינפּערלאַך געזעהן, אַז די צאָהל קראַנ־קע און טויטע איז צווישען די אָרימע געווען פיל גרעסער, און די אָרימע לייט זיינען זיכער געווען, אַז דאָס איז איין זכות פון די נדרים און צדקה, וואָס יענע טיילען ווערען זיי אָפּגעהיט פון דער קריינק און ווערען ניצול פון טויט.

די פאַרמעגליכע און רייכע איז אָבער אויך ניט געווען וואָס מקנא צו זיין. ניט גענוג וואָס זיי האָבען באַדאַרפט געבען די לעבעדיגע קבצנים אויף ברויט, האָט מען נאָך געריסען פון זיי פאַר די טויטע אויף תכריכים. על פי גביר'שען שכל האָבען די קבצנים געמעגט ניט אַזוי איינלייגען די וועלט דוקא צו באַגראָ־בען די מתים זייערע אין תכריכים, וואָס מ'האָט נאָך אַלע מגפה־געזעצען ניט געטאָרט; אין דער צייט נאָך, ווען מ'האָט עס אַליין ניט פאַרמאָגט און געדאַרפט אָנקומען נאָך קצבה... ס'איז, דאַכט זיך, אַ גרעסערער פּחיתת הכבוד פאַר'ן מת צו באַגראָבען ווערען אין פרעמדע תכריכים, איידער אָהן תכריכים... ס'האָבען אייניגע פון די גאָר פאַרמעגליכע אָנגעהויבען צו טראַכטען וועגען מאַכען פליטה פון שטעדטעל, אַנטלויפען פון די אָרימע לייט, וואָס זיינען אָרימער און אָרימער געוואָרען און זיך געמעהרט פון טאָג צו טאָג און אויך פון דער מגפה געטראַכט צו אַנטלויפען, וועלכע האָט זיך פון טאָג צו טאָג געשטאַרקט און זיך ברייטער איבער'ן שטעדטעל צושפּרייט.

די צאָהל קדישים איז געוואַקסען. ס'האָבען געזאָגט קדיש עלטערע און אַלטע אידען, בחורים, אינגלאַך און דריי־פיר־יעה־

ריגע קינדער, וואָס האָבען נאָך אפילו רעכט ריידען ניט געקענט... אזוי ווי די בעקלאָך זיינען אָט־די פיצלאָך קדישים געשטאַנען אויסגעשטעלט אויף די בענק און נאָכגעזאָגט וואָרט ביי וואָרט, וואָס די טאַטעס האָבען מיט זיי נאָך די מאַמעס געזאָגט... און ווען די גרעסערע און גרויסע קדישים האָבען שוין געהאַט זייער קדיש אָפּגעזאָגט, האָבען נאָך לאַנג די פיצלאָך אינגלאָך געמעקעט:

„אָמן, יהא שמיה רבא מברך!...

און ס'איז געווען אַ שווייגענדיגע שטילקייט אין שוהל, אַ שווייגען פון איינהערען זיך צו ווערטער, וואָס זיינען געקומען פון קינדערשע מיילער און מיט שווער־וואָגיגער פרומקייט נאָכגעטראַכט יעדעס וואָרט, ווי יעדעס וואָרט פאַר זיך וואָלט עפּעס דערצעהלט פון קינדערשע פאַר'יתומ'טקייט, פון קינדערשען עלענד און איינזאַמקייט. מען האָט געקוקט די קינדער אין די מיילער אריין און ס'האָבען געשוועבט אין די מוחות די יונגע, ניט לאַנג, נאָר־וואָס פאַרשטאָרבענע מאַמעס. ס'איז עפּעס געווען אַ געמיש פון טיף־פיינליכען רחמנות סיי צו די יונגע מאַמעס, וואָס האָבען אזוי יונג דאָס לעבען פאַרלאָזט, און צו די פיצעלאָך יתומים, וואָס זיי זיינען אַזעלכע פיצעלאָך יתומים געבליבען, און ס'האָט יעדער ווי געמיינט אַ טובה צו טאָן אי די פאַרשטאָרבענע, אי די איבערגעבליבענע יתומים'לאך, און יעדער איינער האָט מיט האַרציגער פרומקייט אַ כאַפּ געטאָן זיך נאָכצוזאָגען:

„אָמן, יהא שמיה רבא...!"

אין אמת'ן אָבער האָבען אַלע גרויסע, וואָס האָבען רחמנות געהאַט אויף דאָס קליינוואַרג, גאָר אין גאַנצען אַ טעות געהאַט; ס'איז גאָר קיינעם ניט איינגעפאַלען, אַז אָט־די קליינע חברה באַנעמען ניט זייער אומגליק, וואָס זיי האָט געטראָפען, אַז, פאַרקעהרט, איינינע פון זיי, די מעהרהייט, אָנהויבענדיג פון די דריי־פיר־יאָהריגע קינדער און ענדיגענדיג מיט די זיבען־אַכט־יאָהריגע, אַז די אַלע חברה יתומים זיינען גאָר געווען עולה־גדולה זעהענדיג

ווי זיי ציהען צו זיך אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט, און באַזונדערס האָט זיי אימפּאָנירט אָט־די פּלוצלינדיגע צוגעלאָזטקייט פון די טאַטעס... די פּאַטערליכע ליבע, אָט־די נייע פּאַטער־ליבע, וואָס די טאַטעס האָבען צו דאָס קליינוואַרג אָנגעהויבען ארויסצוצייגען נאָכ'ן טויט פון די מאַמעס, איז עפּעס געווען פאַר זיי אויסערגע־וועהנליך אַמוזירענד... אָט־די פּאַטער־ליבע, וואָס זיי האָבען פריי־הער קיינמאָל ניט באַמערקט, האָט פארכאַפּט דאָס גאַנצע קינדער־שע וועזען זייערס. איינינע וואָס האָבען געהאַט בייזע טאַטעס, וואָס האָבען פאַר קינדער, ווען די מאַמעס האָבען געלעבט, ניט געוויזען קיין פרייע מינע, — אַזעלכע קינדער זיינען גאָר געווען אויפ'ן זיבעטען הימעל פליהענדיג און באַמערקענדיג מיט'ן קינ־דערשען חוש, אַז דער טאַטע איז געבראָכען, אַז ער איז שוין ניט שלעכט און קען שוין שלעכט ניט זיין דערפאַר, וואָס דאָס קינד איז אַ יתום'ל... אין דער פּאַטערשער ניי־געבוירענער ליבשאַפט האָבען די קליינוואַרג געפיהלט אַ באַזונדער טעם — אַ טעם פון אַ טאַטען, וואָס גלעט, קושט און צערטעלט אַזוי ווי גאָר ניט קיין טאַטע, און ס'איז דאָך אַ טאַטע — ניט קיין מאַמע... ביי די נייע טאַטעס אָדער ביי די נייע פּאַטערליכע מאַמעס איז גרינגער אָנגע־קומען עפּעס צו דערגרייכען ווי ביי די מאַמעס און די אויסגע־פיהרטע זאַך איז געווען פיל אנגענעהמער און ליבער, ווי ווען זיי האָבען דאָס זעלבע דערגרייכט ביי די מאַמעס. און היינט דאָס קדיש־זאָגען, כאָטש זיי האָבען ניט פארשטאַנען וואָס זיי זאָגען און דאָך געשפּירט אַז ס'איז זעהר וויכטיג פאַר דער פאַרשטאָר־בענער מאַמע, אָט דאָס זאָגען זייערס, דאָס אַלעס צוזאַמען האָט דעם קינד געגעבען צו פיהלען, אַז ער דאַרף זיך דערמיט גרויס האַלטען, וואָס ער איז פּלוצלינג אַזאַ „פּאַרנעס" געוואָרען...

יאָ, זיי, אָט־די יתומים'לאך, האָבען זיך גרויס געמאַכט אַנט־קעגען אַלע אַנדערע אינגעלאך, וואָס האָבען נאָך דערוויל ניט געהאַט דאָס „גליק" יתומים צו בלייבען. פון די קדישים'לאך איז ניט אָפּגערערטערהייט געוואָרען אַ באַזונדער סביבה'לע, אַ קדישים'־דיגס, אַ יתומים'דיגס, אַ קרייזעל וואָס האָט זיך געהאַלטען צו־

זאמען אין יתומים׳דיגען יחוס, וואָס קיינער האָט זיי ניט געטאָרט טשעפּען און זיי אין „מאַמע אַריין״ ניט שעלטען... אַלע זיינען געווען פאַר זיי, פון׳ם גרעסטען ביז׳ן קלענסטען, און אפילו אינגלאַך ניט קיין יתומים זיינען גרייט געווען צו שטעהן פאַר זיי און זיך אָנצונעמען זייער קריוודע... ס׳איז עפּעס אַרום און אַרום גוט געוואָרען און ס׳האָט קיינער ניט געוואוסט פון זייער גוטסקייט. ס׳האָבען אַלע געמיינט, אַז זיי איז שלעכט, אַז זיי, אָט־די קליינוואַרג, איז ערגער פון די געשטאָרבענע און פון אַלע גרויסע, לעבעדיגע, און ס׳האָט קיינער ניט געוואוסט, אַז זיי זיינען די גליקליכסטע מענשעלאַך אויף דער וועלט.

די טאַטעס, ווידער, פון די יתומים, די אַלמנ׳ס און באַזונדערס די יונגע אַלמנ׳ס, זיי האָבען אַרויסגערופען מעהר רחמנות צו זיך ווי די עלטערע, ווייל זיי זיינען געבליבען יונגע אַלמנ׳ס נאָך יונג־פאַרשטאָרבענע ווייבלאַך... יאָ, ס׳איז טאַקע געווען אַ גרויס רחמנות אויף זיי, אָבער ניט קיין גרעסערער ווי אויף עלטערע אַלמנ׳ס... אייניגע האָבען מיט זייער טרויער נאָך די פאַרשטאָרבענע ווייבער איינצייטיג דערפיהלט אַ פאַרלייכטערונג, וואָס איז שוין נאָכדעם... זיך געפיהלט בעסער ווי פאַר דעם... צוקוקען און וויסען, אַז די ווייב שטאַרבט, איז געווען פיל ערגער ווי נאָכדעם, ווען זי איז שוין געשטאָרבען... אויס, אַריבערגעקומען און ס׳איז אַוועק די שרעק און דער פחד, און פאַר זיך אַליין און אויך פאַר די קינדער פיהלט זיך אַ רוהיגקייט... דאָ, מיט דעם, וואָס די ווייב איז אַוועקגעשטאָרבען איז ער, דער מאַן, שוין געבליבען פאַרזיכערט פאַר זיך און פאַר קינדער... עפּעס אַן אומבאַוואוסטע זיכערהייט איז געקומען אַז מען איז שוין אָפּגעקומען... און בכלל, וואו עס האָט ערגעץ אין אַ שטוב איינמאָל אַזעלכעס געטראָפען, האָבען די איבעריגע מיטגלידער פון דער פאַמיליע געפיהלט זיך ווי פאַרסטראַכירט. אין די טיפסטע טיפענישען פון לעבעדיגען ווערען איז זיך געלעגען באַהאַלטען אַ געפיהל פון טרייסט איינגעוויקעלט אין טרויער, אַ געפיהל פון נחמה פאַר זיך, פאַר דער אייגענער עקזיסטענץ און פאַר׳ן אייגענעם לעבען...

## 6

אין דעם האָט זיך אַריינגערוקט ראש־השנה און מען האָט אין דעם גרויסען אומגליק געמוזט יום־טוב מאַכען. אַלמן'ס האָבען זיך אַליין אַוועקגעלאָזט אין די קלייטען דעם יום־טוב איינצוהאנדלען, געגאנגען צו דיזעלבע קרעמער, וואו די ווייבער זייערע פלעגען איינקויפען, און אַליין געקאָכט, אַליין געבאַקען, און עלטערע און גאָר יונגע יתומים האָבען די שטיבער געראַמט, די לייכטער געריבען און מיט געלער זאַמד די פּאָדלאָגעס באַשאָטען. אבלים האָבען זיך פון שבעה־זיצען אויפגעהויבען און יום־טוב געמאַכט.

עס האָבען פּיל זייערינע, וואָס זיינען, אַ דאנק דער מגפה, אָהן פרנסה געבליבען, געטראָגען חפצים צו פארזעצען און אריינגענומען דעם יום־טוב אין שטוב אריין, און איינינע לאַנג־יאָהריגע בטוחים, וואָס האָבען גענומען אַלע יאָהרען אויפ'ן בוך און אַלע יאָהרען אָפּגעצאָהלט, אַזעלכע האָבען זיך די קרעמער גאָר פלוצלונג אָפּגעזאָגט פון זיי צו געבען ווייטער אויף באָרג, ניט געזאָגט פאַר וואָס און פאַר ווען. די באָרגער האָבען עס אַליין באַדאַרפט פארשטעהן און טאַקע פארשטאַנען, און דערפאַר ניט געוואוסט צי באַדאַרפען זיי פאַראיבעל האָבען אויפ'ן קרעמער, צי ניט... ניין, קיין פאַראיבעל האָבען זיי ניט געהאַט, נאָר פאַרדרוס... ער, דער קרעמער (ער און אנדערע) האָבען זיך אַזוי איינגעשפּאַרט ניט צו באָרגען זיינע שטענדיגע באָרגער, ווי עס וואָלט זיכער געווען אַז ער וועט ניט האָבען נאָכדעם ביי וועמען צו מאָהנען דאָס געבאָרגטע. און אַ טעמפּער אומעט האָט די הערצער געפרעסט, און מ'האָט אָהן טענות געמוזט זיך אומקעהרען אהיים, פארכאַפּען מיט זיך אַ חפץ און אוועקטראָגען צום קרעמער און גענומען אויף יום־טוב אַזוי פּיל וויפּיל די פאַמיליע און די צאָהל מיילער האָט עס געפאָדערט, האָט אַ שטומע אומרוהיגקייט די הערצער געפרעסען, אַז עפּעס נעהמט מען איבריגס, אַז ניט אַלע מיילער, וואָס מ'גרייט פאַר זיי צו דאָס עסען,

אז ניט אלע וועלען עסען פון דאָס צוגעגרייטע, און די יעניגע וואָס האָבען ניט געהאט וואָס צו פארזעצען, איז מען ארום פאר זייערט־וועגען אויפ'ן שטאָדט און מ'האָט זיי ארייגעשיקט די קצבה אין די שטיבער אריין...

און נאָך האלבען טאָג האָט דאָס גאנצע שטעדטעל, אפילו די יעניגע וואָס די מגפה האָט זיי ניט אָנגעריהרט, דערשפירט אז דער ערב ראש־השנה איז אנדערש פון אלע ערב ראש־השנה'ס פון אלע יאָהרען. א האלבער טאָג איז נאָך געבליבען ביז פאר־נאכט, א האלבער טאָג פון אלטען יאָהר צום נייעם יאָהר, און ס'איז ניט געווען וואו איהם אהינצוטאָן, ווייל קיין באָד איז ניט געווען... א שטיק צייט פון ערב יום־טוב מיט וואָכעדיגער טרוקענקייט און אָהן א ביסעל ווארעם וואסער דאָס לייב אָפּצו־שווענקען... עס זיינען פיל זייעריגע געגאנגען אין טייך, נאָר ס'איז ווייט ניט געווען דער תענוג פון ווארימער וואסער און פון א היים בעזימעל מיט פארע... מיט'ן טייך האָט מען געקענט אָפּ־קומען (ווי מ'איז אָפּגעקומען) די פאָר פרייטאָגען אויף ערב־שבת, אָבער ערב ראש־השנה!... די באָד האָט געפעהלט. מען האָט עס אויף יעדען פנים פון יעדען אידען געקענט דערקענען — טרו־קען און וואָכעדיג בלאָס... מ'האָט ניט געקענט פון זיך אראָפּ־ווארפען די וואָכעדיגע מלבושים, די קויטיגע וועש, און אָנטאָן ריינע אויפ'ן טרוקענעם, ניט געוואשענעם לייב. דער יום־טוב איז שוין געווען אין די הייזער און ארום די יום־טוב'דיגע טירען האָבען זיך וואָכעדיגע אידען ארומגעדרעהט נע ונד ווי אָהן א תיקון און ערגעץ פאר זיך קיין פלאַץ ניט געקענט קריגען, מיט זייער וואָכעדיגקייט זיך פרעמד געשפירט אין די אייגענע הייזער, וואו ס'איז יום־טוב געווען... עפּעס ווי אורחים פאראָרימטע און שפל'ע...

עס האָט איין איד און א צווייטער זיך אראָפּגעלאָזט פון בערגעל וואָס לאָזט זיך אראָפּ פון שטעדטעל און פון הייזער צו דער באָד, זיך אראָפּגעלאָזט צו דער באָד כאָטש א קוק צו טאָן אויף איהר און זי באטראכטען, מיט ארומגעהן זי און ארייגעהן

אינוועניג געוואָלט אביסעל צייט פון באָד־צייט פאַרטרייבען... אַרומגעגאַנגען זי פון דרויסען, פון אַלע זייטען זי באַטראַכט, ווי זי שטעהט א טרוקענע, א שטילע, א וואָכעדיגע; אויפ׳ן גרויסען צעבער געקוקט, וואָס איז געהאַנגען איבער׳ן ברונעם א צוטריקענ־טער, א צולעכערטער, און דורך די שפּאַרונעס האָט ארויסגעקוקט פון אינוועניג־אַרוים גאָס און דרויסען צו דרויסען אין גאַס... געקוקט אויף די פענסטער, געקוקט צום קוימען, פון די פענ־סטער קיין פּאַרע ניט געזעהן און פון קוימען קיין רויך... א קאַל־טע, טרוקענע, שטילע באָד, געהילט אין קאַלטען, שטילען און טרוקענעם אומעט.

אריינגעגאַנגען אינוועניג און באַטראַכט די לאַנגע טרוקענע ביינק, גרוים־באָדיגע לעהרקייט מיט׳ן בליק אויסגעמאָסטען און אַלעם אויף וואָס דאָס אויג און דער בליק איז געפאַלען האָט אויסגעקוקט אַזוי אויסטערליש־ניי מיט דעם אומערווארטעטען אומעט מיט וואָס עס איז געווען אָנגעפילט דער גאַנצער באָדיגער פאַרנעם; באַטראַכט דעם פאַר׳חרוב׳טען ווינקעל, וואו דער קעסעל איז געשטאַנען, וואו אויפ׳ן אָרט פון קעסעל איז געווען א לאָך, א לאָך מיט חורבן פון צוהאַקטע און צופיצעלטע שטיינער און ליים אַרום איהם.

א פּאָר מאָל האָט זיך פאַר דער צייט פון באָד־צייט דער בעדער געוויזען, געזוכט עפּעס אָן ארבייט פאַר זיך אין דער טרו־קענער און לעדיגער באָד, האָט ער זיך ארומגעטראָגען מיט אַ טרוקען צולעכערט שעפּעלע, וואָס האָט געהאַלטען ביים צושיטען זיך, און א צווייט מאָל האָט ער זיך מיט א טרוקענעם בעזים ארומ־געדרעהט און איז צופרידען געווען ווען עס האָט ווער אין באָד אריינגעקוקט.

— אָבער די מקוה האָסטו דאָך געקענט דערוואַרימען, — האָט איין איד און א צווייטער געהאַט טענות צום בעדער, און דער בעדער האָט זיך פאַר איינעם און א צווייטען פאַרענטפערט אַז ער האָט ניט געהאַט קיין קוילען, וואו, פון וואַנען האָט ער גע־

קענט נעהמען אזוי פיל קוילען אין דעם גרויסען „סאמאָוואר" אריין, אז די באָד הייצט זיך נישט.

פאַרשטעהט זיך, אז ס'וואָלט קיין איין שטוב זיך ניט אָפּ־געזאָגט פון צו געבען אביסעל קוילען אויף צו דערוואַרימען די מקוה, נאָר דאָס איז די גאַנצע זאך, וואָס דעם בעדער האָט זיך עס ניט געלוינט. קיין באָד־געלד פאַר דער מקוה וואָלט מען איהם ניט געגעבען, האָט ער זיך ניט געוואָלט פאָרען אומזיסט.

א פּאָר אידען זיינען דאָך געקומען מיט ריינער וועש אונטער די אָרעמס, געקומען לכבוד דעם יום־תרועה, אָפּצו'טובל'ען די גופים זייערע כאָטש אין דער קאַלטער מקוה, אז ערב אזא יום־טוב איז מעהר אידישער צוגעהן אפילו אין א קאַלטער מקוה ווי אין א טייך אריין. אין דרייען זיינען זיי געקומען און מיט קאַלטען טרוקענעם אומעט האָבען זיי געקוקט אויף די דורכזיכטיגע פענ־סטער, וואָס האָבען אריבערגעקוקט מיט דרויסענדיגער ליכטיג־קייט איינס צו דאָס אנדערע, פויל און אומעטיג זיך אויסגעטאָן אין באָד, וואו מ'טוט זיך קיינמאָל ניט אויס, פויל אַראָפּגעשלעפּט ארבלען, קאַפּאָטעס, קאַמזוילען און לייב־סערדאַקעס, האָט איינער פון זיי, שוין אָן אויסגעטאָנענער, נאָר וואָס איז נאָך געשטאַנען מיט'ן היטעל אויף'ן קאָפּ. צוליב פרומקייט און צוליב ראש־השנה, און אויך צוליב דעם כדי אויף לענגער אָפּצוציהען אָט־דאָס אראָפּ־לאָזען זיך אַראָפּ אונטען אין דער פינסטערער און קאַלטער מקוה געזאָגט:

— אפשר וועלען מיר טאַקע פאָרט געהן אין טייך אריין, א?

ס'האָט דייטליך אָפּגעהילכט יעדעס וואָרט, ווי שטיל מ'האָט עס ניט ארויסגעזאָגט. ס'האָט זיך געדאַכט, אז די גרויסע פוסט־קייט און לעהרקייט העלפט מיט צו רעדען און צו הערען וואָס מען רעדט... ס'האָט זיך געשפּירט די אָהן־מזוזה'דיגע פוסטקייט און ס'איז יעדער איינער אין דער שטיל ביי זיך געוועזן צופרי־דען, וואָס ער איז ניט אליין, וואָס ער איז מיט נאָך צוויי צוזא־מען, אינאיינעם, אין דרייען.

— אַן עולה, אַ גרויסע עולה פון איהם, וואָס ער האָט ניט דערוואָרעמט דעם סאַמאָוואַר.

— מ׳וואָלט איהם געדאַרפט מקים פּסק זיין דערפאַר.

— אָט דאָס איז ניט גוט — האָט דער דריטער געזאָגט, — וואָס אַ בעדער איז אַלע מאָל אַ בור דאוריתא. ווען אַ בעדער וואָלט ניט געווען קיין גראָבער יונג, וואָלט ער געוואוסט, אַז ערב ראש־השנה...

— אַ תירוץ, ער האָט קיין קוילען ניט געהאַט!

— אַ תירוץ פאַר די בענש־ליכט! ווען ער קומט אריין צו מיר, וואָלט איך איהם קיין ביסעל קוילען ניט גענעבען?

— ווער וואָלט איהם ניט געגעבען?

אין דער אָפענער טיר האָט זיך אַ הונט באוויזען. אריינ־געשטעקט דעם קאָפּ און די מאָרדע אינוועניג, אין דער אָפענער טיר אריין, האָט ער די לופט ארומגעשמעקט און ס׳איז געווען אָן דעם הונט צו דערקענען און אין זיין די לופט ארומשמעקען, אַז דאָס ערשטע מאָל אין זיין הינטישען חוש־הריח שמעקט ער אַן אַזאַ מאָדנע לופט, אַזאַ ניכטערע און לעדיגע לופט, אָהן אַ שפּור פון עפּעס עסענדיגעס, און אין די אויגען זיינע איז געווען צו דערקענען, אַז דאָס ערשטע מאָל זעהט ער אַזאַ מאָדנע „שטוב“, מיט אַזעלכע מאָדנע מענשען, וואָס די קעפּ ביי זיי זיינען געוועהנ־ליכע, ווי ביי יענע אַלע, וואָס ער זעהט כסדר, אָבער פון די קעפּ און ווייטער איז עס גאָר אַנדערע מענשען... געקוקט אַזוי מיט אַ הינטישען אומעט אין די אויגען און נאָזיג און לעבעריג ארומגע־שמעקט די לופט, האָט ער גאָר פּלוצים דעם קאָפּ פאַרוואָרפען ארויף, די מאָרדע פאַרריסען, אַ פּילפּאַכען שלשלת׳דיגען וואָיע ארויסגעלאָזט און פּיסעלדיג אַוועק און אָפּגעצויגען.

— אויף דיין קאָפּ! אויף דיינע הענט און פיס! אויף דיין לייב און לעבען! — האָט דער איד, וואָס איז נאָך אַליין אין היטעל געשטאַנען, אויסגעשריען און אויסגעשפּיגען צום הונט׳ס קאָפּ... און צופרידען געווען, וואָס ער שטעהט נאָך גראָד אינ׳ם היטעל, וואָס זאָגענדיג די ווערטער אינ׳ם היטעל אויפ׳ן קאָפּ,

וועט עס גיבער אָנגענומען ווערען און אזוי וועט עס זיין... אויף זיין קאָפּ, הייסט עס, די וואָיעניש...

און ער האָט עס ערשט, אָט דאָס היטעל אויפ'ן קאָפּ, ערשט איצט ניט אויסגעטאָן. ערשט איצט האָט ער דאָס געלאָזט זיצען אויפ'ן קאָפּ, כדי אזוי־ארום דער לעצטער צו זיין, דער לעצטער פון די צוויי אין מקוה ארייננצולאָזען זיך. אָט דער עלטערער איד, מיט באָרד און פאות, האָט זיך גאָר אינגאַנצען קינדעריש דערפיהלט, מיט זיין מורא פאַר עפּעס אומבאוואוסטעס; אינגעלש און נאַריש זיך געפיהלט און געוואָלט ארייננאַרען די איבעריגע צוויי, אַז זיי זאָלען פריהער אריינגעהן אין מקוה אריין, און ער נאָך זיי.

זיך געלאָזט געהן צוויי פאָראויס, און ער, אָט דער איד, נאָך זיי פון הינטען, אַלץ אזוי הינטענדיג זיך געהאלטען, אַז זיי זאָל אויסקומען פריהער אראָפּצולאָזען זיך אין מקוה אריין... טריט ביי טריט געגאַנגען, טריט ביי טריט געטראָטען אויף די קיהלע טרוקענע שפּאָלען, וואָס האָט ביים רינוועלע, וואָס איז געווען טיף אויסגעהוילט אין דער מיט, און באוויזען די דיקקייט זייערע, אַז ס'איז ניט קיין געוועהנליכע פּאָדלאָגע, אַז דאָס זיינען דיקע שפּאָלען, און דאָרטען ביים סוף האָט זיך עס פאַרענדיגט מיט אַ לאָך אין וואַנט און מיט אַ שטיק דרויסענדיגער ליכטיגקייט, וואָס האָט אריינגעקוקט אינוועניג אריין.

פון דער שטעהענדיגער מקוה־וואַסער האָט זיך געשפּירט אַן אומעטיגער, שווערער ריח, ווי פאַרפּרעסטע פאַרגליוועונג פון מענשען־שוויים און פאַרמאַרינירטע ריחות פון מענשען־קערפּערס. געקוקט אראָפּ אונטען, האָט מען דאָרטען גאָרניט געזעהן. פון אויבען אראָפּ האָבען זיך אראָפּגעלאָזט הילצערנע בלינדע ווענט און פאַרלאָרען געגאַנגען מיט זייער הילצערנער בלינדקייט קעס־טעלדיג, קעלערדיג און ברונימדיג... דאָס וואַסער אונטען האָט מען ניט אָנגעזעהן, ס'איז געווען צונויפגעגאָסען מיט דער אונ־טערשטער פינסטערניש און דאָס אויג האָט ניט געקענט כאַפּען וואו ס'ענדיגט זיך די פינסטערניש און וואו ס'הויבט זיך אָן דאָס

וואַסער. די ווענט זיינען פון אויבען ביז אראָפּ געווען באַשאָטען מיט מכות, וואָס האָבען אויסגעזעהן ווי שוואָמען, און מיט אַנ־דערע געשווירען, גרויע, נאַסע און גליטשיגע, וואָס האָבען ווי אָנגעריסענע בלאָטערס ארויסגעשטאַרצט פון די ווענט־שפּאַרונעס. איינינגע שוואָמען פון גאָר אויבען האָבען שוין באַוויזען פאַר דער צייט זיך אויסצוטריקענען און געוואָרען הילצערדיג־האַרט, און זיך געלאָזט ברעכען ווי ליימיגע שערבלאַך.

זיך אַראָפּגעלאָזט פון אַ פּאָר טרעפּלאַך, האָט מען זיך ווידער פאַרנומען צו ריידען פון בעדער... ווייל יענער, דער בעדער, איז געווען אַ גראָבער יונג, און ווייל זיי זיינען געווען איידעלע אידען, און ווייל ס׳איז געווען ערב ראש־השנה, האָבען זיי געפיהלט די גאַנצע תקיפות זייערע, ווי די גאַנצע וועלט, און שמאַי דער בעדער אין דער מיט, וואָלטען געלעבט אין זייער זכות, און דאָ נעמט ער, אָט דער „ליידאַק“, אָט דער שמאַי, און קומט ניט אין באָד אריין, און דערוואַרימט ניט דעם סאַמאָוואַר אין מקוה.

די מקוה איז גאָרניט אַזוי געפעהרליך קאַלט געווען. זיי האָבען עס געוואוסט, און ניט אָט די קעלט האָט אָפּגעהאַלטען, נאָר אָט דאָס וואָס עס איז ערב ראש־השנה, וואָס ערב ראש־השנה האָט די גאַנצע אידישקייט אין זיי אונטערגעזאָגט, אַז מען מוז האָבען אַ וואַרימע מקוה... און דערצו נאָך אָט די בהלה אין שטעדטעל... די אָנגעזאַפּטקייט מיט שרעק.

— אפשר וועלען מיר טאַקע פּאַרט געהן אין טייך אריין? —

האָט דאָס צווייטע מאָל געזאָגט דער זעלבער איד, וואָס האָט דאָס זעלבע געזאָגט צום ערשטען מאָל, אָט דער איד דער זעלבער. וואָס האָט שפּעטער פון די צוויי אידען אויסגעטאָן דאָס היטעל.

— אין טייך מיינסטו איז דאָס וואַסער וואַרימער? און אויב ניט וואַרימער, איז טאַקע גלייכער, ווייל ס׳איז ערב ראש־השנה, אין מקוה זיך אָפּצו׳טובל׳ען...

דער איד, יענער וואָס האָט צוויי מאָל פאָרגעלעגט אין טייך אריין צו געהן, האָט עס שוין געוואָלט וואָס גיכער אראָפּ׳פּטר׳ען און באַגערט אַז די צוויי זאָלען אויפהערען צו „קאָניוטשען“ און

זאָלען וואָס גיכער זיך אראָפּלאָזען אין מקוה אריין, און ער זאָל זיך אראָפּלאָזען נאָך זיי... פארשטעהט זיך, אז ווען ער וואָלט דאָ אליין געווען, וואָלט ער שוין אין מקוה ניט געגאַנגען, ער וואָלט זיך אָנגעטאָן אין ריינע וועש און וואָלט געקומען מיט טרוקענע באָרד און פּאות אהיים... ער איז שוין גאָר זיכער, אז איינער אליין וואָלט ער זיך אין מקוה ניט אראָפּגעלאָזט... אָן אומעט האָט זיך דאָ אין באָד אין זיין הארצען צוהוליעט — אָן אומעט פון יענער נאכט פון צוריק מיט אַ פּאָר טעג, פון שכן פון דער צווייטער שטוב, וואָס איז אזוי דורכגעגאַנגען און האָט אָנ־געקלאפּט ביי איהם אין פענסטער און ארייגעזאָגט אין פענסטער אריין:

— אברהם־הערש, איך געה שטארבען!

און איז אריין צו זיך אין שטוב און אין עטליכע שעה צייט איז ער פארטיג געוואָרען.

— וואָס וועט זיין פון'ם שטעהן, וואָס, הא?...

ער האָט מורא געהאט אראָפּצוגעהן אונטען, און ווידער מורא געהאט צו לאָזען אָהן אַ שומר אויבען איבער זיך די פּוסטקייט אין באָד. אַ נעבעלדיגע מורא געהאט, אז עמיצער־ווער קען דאָס לעדיגע פּלאַץ פון אייגענעם לופט־פארנעהם אויסכאפּען, זיך אריינכאפּען און צוריק פון מקוה זאָל שוין פאר איהם אויבען קיין פּלאַץ ניט זיין...

— שלוחי מצוה אינן נזיקין! — האָט דערזעלבער גאָר פלוצים אַ זאָג געטאָן און זיך אָנגעכאפּט אָן זיין פרומקייט און אָן דעם מאמר וואָס ער האָט אָפּגע'מאמר'ט, האָט ער פלוצים מוט באקומען און ווי עמיצער וואָלט איהם אַ ציה געטאָן אראָפּ, האָט ער זיך מיט האסטיגע טריט אראָפּגעלאָזט אונטען, און אין אַ ווייל ארום האָבען די צוויי אידען, וואָס זיינען געשטאַנען פון אויבען, דערהערט אַ פּליוסק אין וואסער, און געוואַרט אויף דעם פּליוסק, כדי עפּעס אַ פרעג צו טאָן און זיך אויך אראָפּצולאָזען נאָך יענעם, האָט איינער אַ פרעג געטאָן:

— גוט, הא?

— ס'איז מיר ניט גוט! — האָט זיך פון אונטען ארויף א קול דערהערט...

— — — — — — — — — — — — — —

די זון האָט זיך אָנגעהויבען אראָפּצולאָזען מיט שטאַרקע ליכט און שוואַכע וואַרימקייט... זי האָט זיך שוין אײַנגאַנצען אויף מערב פאַרקליבען און געקוקט אַזוי סוף־זומערדיג און סוף־יאָהריג, און פון פענסטער האָט מען געזעהן ווי דאָ און דאָרטען צינדען הענט ליכט, וואו ס'האָבען עס ווייבערשע הענט געטאָן, און וואו א האַנט פון א מאַנסביל, א האַנט פון אַן אַלמן... א איד מיט א באָרד איז דאָ און דאָרטען געשטאַנען און ליכט געצונדען, און יתומים, וואָס האָבען זיך שוין לאַנג איבערגעוויינט, האָבען פון דאָס ניי א קול־בכיה געלאָזט הערען, און די אַלמנ'ס זיינען גע־שטאַנען אין די יום־טוב'דיגע קאַפּאָטעס פאַרגליווערט און פאַר־שטיינערט און געטאָן ניט זייער אַרבייט פון ליכט־צינדען.

נאָך ליכט בענשען האָט ווער דאָ אין שטוב אין איין פענס־טער, דאָרטען אין א שטוב אין א צווייטען פענסטער, אויסגע־לאָשען די נשמה־לעמפּלאַך צוליב'ן אָנקומען פון יום־טוב... אָט די נשמה־לעמפּלאַך, וואָס האָבען געברענט נעכט און טעג מיט ברענען און מיט לייכטען, מיט פייער־בלינדקייט געקוקט אין די ליכטיגע זוניגע טעג אריין און מיט פינסטערען אומעט פון ניט אויסלעשען זיך, האָט מען איצט צוליב'ן אָנקומען פון יום־טוב אראָפּגענומען פון די פענסטער די לעמפּלאַך מיט די פייערלאַך און אויסגעלאָשען און ערגעץ פאַרטראָגען, פון אויג פאַרשטעלט.

צונויפגעקומען זיך אין שוהל, האָט זיך פון דער ווייבערשער זייט באַלד געלאָזט הערען א שרעקליכע יללה. נאָך די לעדיגע „שטערט" נאָך האָט מען געקענט צעהלען די צאָהל ווייבער וואָס פעהלען, און אויך אין דער מאַנסבילשער שוהל האָבען זיך גע־וואָרפען אין די אויגען פיל לעדיגע ערטער... פאַר יאָהרען און יאָהרען געוואוינט געוואָרען אויף אָט דעם אָרט און אויף יענעם דעם אַזעלכען און יענעם אַן אַנדערען, צו זעהן, מיט דעם'ס און יענעם'ס אָרט שטעהן און זיצען, יעדער מיט זיינע תנועות און

העויות ביים דאַווגען... ניטאָ!... געלאָזט נאָך זיך לעדיגקייט און פּוסטקייט... לעדיגע פּלעצער געלאָזט מיט לעדיגען פאַר־נומען... ס'האָט קיינער ניט געקענט פאַרנעמען אָט די לעדיגע ערטער. און די יעניגע, וואָס האָבען זיך געפונען אין שכנות נעבען די לעדיגע פּלעצער, האָבען געשפּירט מעהר ענגשאַפט, ווי ווען די בעלי־בתים פון די „שטעדט" זיינען געווען אויף זייערע ערטער...

זיך אָנגעקיטעלט און אָנגע'טלית'ט, האָט זיך געדאַכט, אַז די שוהל איז פולער געוואָרען, געדיכטער און ענגער. און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ס'איז ווער צוגעקומען און ענגער געמאַכט... „אַ איד פון אַ גאַנץ יאָהר", וואָס כאַפּט אריין ביים עמוד אַ שבת'דיגע און יום־טוב'דיגע מנחה, איז צוגעגאַנגען צום עמוד און מיט אַ סליחות'דיגען קול אַ זאָג געטאָן:

— אשרי יושבי ביתך עוד יהללוך סלה!

7.

פון אברהם־הערש'ס הויזגעזינד איז קיין איינציגער אין שוהל ניט געקומען, און דאָס אליין האָט באַוויזען ווי שלעכט ס'האַלט דאָרטען מיט איהם, מיט אברהם־הערש'ן. פאַר דעם קאָרגען מעת־לעת פון ערב יום־טוב ביז צו־מאָרגען אין דער פריה האָבען זיך אַזוי פיל פאַנטאַזיעס אויסגעוועבט אין מענשליכע מוחות... עס האָבען אייניגע דערצעהלט וועגען איהם אין זיין נאָמען, ס'הייסט, אַז ער אליין, אברהם־הערש, האָט עס דער־צעהלט, אַז צו איהם, דאָרטען אין מקוה, האָט זיך באַוויזען משה, דער שכן אברהם־הערש'ס, וואָס איז ערשט צוריק מיט אַ פּאָר טעג געשטאָרבען. אַנדערע האָבען דערצעהלט וועגען איהם אַן אַנדער מעשה, דאָס אַזוי ווי ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין מקוה אריין, האָט פון ערגעץ דאָרטען אַ בלאָז געטאָן אויף איהם אַ לופטעל; און אַזוי ווי דאָרטען, אונטען, האָט ניט פון ערגעץ פון וואַנען צו בלאָזען, ווייל ס'איז פאַרשטעלט פון אַלע זייטען, איז

דערפון געדרונגען, אַז דאָס איז ניט געווען קיין לופטעל, נאָר אַז דאָס איז דער „משחית" דאָרטען פארבייגעפלויגען...

אין שוהל האָט זיך מעהר געהערט יללות ווי תפילות. אין דער ווייבערשער שוהל האָט זיך אַלע מאָל אַן אַנדער איד געוויזען אין טלית און אין קיטעל און האָט זיך אָנגעבייזערט בייזלאַך און מיט גוטמוטיגען אומעט, ס'זאָל זיין שטיל. אָט די ווייבערשע יללות האָבען איינגאַנצען ארויסגעשלאָגען דעם עולם פון געוועהנ־ליכען ימים־נוראים'דיגען פחד און פרומקייט און אריינגעוואָרפען אין פחד פאר'ן טויט... ס'איז נאָר געבליבען, פילפאַכיג פאַר־דאָפּעלט, די ימים־נוראים'דיגע אימה... ס'איז שוין דורכאויס געווען אַ ונתנה־תוקף'דיגע שטימונג, אַן ונתנה־תוקף'דיגע תפילות... ס'האָט זיך זעלטען ווער געקענט קאָנצענטרירען אינ'ם דאוונען און אין די תפילות. שווער געווען זיך איינצוהאַלטען אַ שעה צייט אין שוהל. ס'האָט זיך אַלעמאָל ווער ארויסגעכאַפּט אין דרויסען מיט טלית און קיטעל (אָדער אַ אידענע אין דער ווייסער פאַטשיילע) און אוועקגעלאָפען געוואָהר ווערען צו קינדער און צו מיידלאַך, וואָס זיינען אין די הייזער פארבליבען... פיל זייעריגע האָבען זיך מתיר געמאַכט עפּעס איבערצוכאַפּען פאר'ן דאוונען, אין מיטען דאוונען, אָדער אויסען־אמת (די צייט פון לייענען), ביי זיך אין די הייזער ווי פרעמדע, אין פרעמדע הייזער אַ פּאָר ביסען געכאַפּט, אַזוי, ניט זיצענדיג, ניט שטעהענדיג, אָהן אַן אָרט, אָהן אַ פּלאַץ, בגנבה פאר זיך, בגנבה פאר קינדער, בגנבה פאר ווענט און פאר פענסטער, אריינגעריבען אַ פּאָר גע־שמאַקע יום־טוב'דיגע ביסענס און זיך ארומגעווישט און זיך ארומגעטרייסעלט, ווי גאָרניט פארזוכט און גאָרניט טועם טעם געווען... אַ ניכטערער, אַ ראש־השנה'דיגער, אַ שוהל'יגער, וואָס דרעהט זיך שוהל'יג ארום ביי זיך אין שטוב, ווי אַ פארבלאָנ־דזשעטער וואָס איז צייטווייליג פארקראָכען ניט אין זיין אָרט, איילט זיך און פארזאמט זיך... אָפּגע'גנב'עט, אָפּגעריסען אַ שטיק שוהל־צייט און זי פארטאַכלעוועט אויף שטוביגער צייט־פאַרנעם. און אַזוי האָבען אייניגע פארשפּעטשיגט צו תקיעות

און געלאָפֿען נעבאך אָהן אַן אָטעם, דאָ איינער און דאָרטען ווער, געלאָפֿען מיט אַ פֿאַמעליכען לויף, געהערט דעם קול־שופר, פֿאַר־שעמטע געלאָפֿען און זיך געפיהלט פרעמד און איבעריג אין דער דרויסענדיגער אַטמאָספֿערע, ווי פּלוצים אריינגעפֿאַלען אין אַ ניט־אידישער סביבה... זיי האָבען זיך, אָט די פֿאַרשפּעטיגטע, ביי זיך, אויף שטעדטעלדיגער ערד, זיך פרעמד געפיהלט צווישען אידישע הייזער, וואָס האָבען געפּוסטעוועט אָהן אידען און אָהן ווייבער, וואו עס זיינען נאָר פֿאַרבליבען מיידלאך און קינדער. אידישע פֿענסטער האָבען געקוקט אויף די איילענדיגע מיט יום־טוב'דיגען אומעט פון שוהל־צייט, מיט צאַרטען און בענקענדיגען אומעט פון אַ גרויסען און מורא'דיגען יום־טוב, וואו אידען פֿאַר־ברענגען מעהר אין שוהל ווי אין די הייזער.

וואו־ניט־וואו האָט פון אַ פֿענסטער אַ מיידעל ארויסגעקוקט, וואָס איז וואָכעדיג און ראש־השנה'דיג מיט קאָכען דעם יום־טוב'דיגען וואַרמעס געווען פֿאַרנומען. דאָ און דאָרטען האָט אַ שיין געטאָן פון אַן אָפֿענער טיר אָדער אויף אַ בריקעל אַ מיידעל מיט אַ קינד אויף די הענט און אַנטקעגען איז אמאָל איין פֿאַר־שפּעטיגטען און אַ צווייטען אַ גוי אָדער אַ גויע אַנטקעגען געקו־מען, ווי אַ שטיק וואָך, ווי אַ שטיק לעבעדיגער אומעט פון אַ פרעמד און וואָכעדיג גוי'איש לעבען... אַ גויע, אַ גוי, וואָס איז אַלעמאָל גוי און גויע, אפילו איצט, אין אַזאַ צייט ווען פֿאַר איהם (פֿאַר איהר) ווערט היינט אויך דאָס קוויטעל געשריבען ווי פֿאַר אַלע באַשעפֿענישען און פֿאַר אַלעס וואָס לעבט!...

„ומי במגפה" !

יצחק־אהרן האָט זיך מעהר צייט ארומגעדרעהט ארום דער שוהל ווי געווען אין שוהל... ס'האָבען פיל זייעריגע געזעהן ווי דער איד יצחק־אהרן האָט זיך הפקר'דיג ארומגעדרעהט אין דרוי־סען, מיט'ן טלית אויף די אַקסלען, און האָט דורכגעלאָזט זעהר וויכטיגע תפלות. ער איז געקומען שפּעט אין שוהל אריין, העט־ווייט, ווען אידען האָבען זיך שוין געהאַט פיל אָנגעדאַוועגט און אָנגעזאָגט, און ס'האָבען אַלע דערקענט אויף איהם, אַז ער האָט

איבערגעכאַפּט איידער ער איז געגאַנגען אין שוהל... מען האָט צו איהם גאָרניט געהאַט. מ'האָט געוואוסט, אַז ער טוט עס ניט, חלילה, פון הפקרות, און דאָך, פונדעסטוועגען... ס'איז געווען עפּעס פּריקרע... מ'וואָלט עס געקענט מוחל זיין, ווען מען וואָלט געוואוסט, אַז דורך אַזוי זיך פיהרען, ווי יצחק אהרן פיהרט זיך, קען מען באַוואָרענט זיין. און אַזוי ווי דאָס האָט קיינער ניט געוואוסט אויף זיכער, איז דעריבער האָבען איינינע אויף איהם רחמנות געהאַט. אָט האָט ער אַליין דערצעהלט, אַז ער האָט ניט געמאַכט קיין יום־טוב, אַז מ'האָט ביי איהם נאָר געבאַקען חלה און צו דער חלה האָט ער געהייסען אָנגרייטען לאַדישקעס מיט מילך, מיט סמעטענע און זויער־מילך און מ'ווערט ביי איהם פראַ־ווען אַ שבועות'דיגען ראש־השנה. מילא, דאָס און נאָך אַזעלכע זאַכען האָט מען איהם נאָך געקענט מוחל זיין. אָבער געהן ראש־השנה און איבערכאַפּען פאַר דער שוהל, פאַר'ן דאַווענען... ס'האָבען איהם שוין אפילו איינינע באַדויערט.

— סיי ווי סיי, אייביג וועט דאָך קיינער ניט לעבען... שטאַרבען וועלען דאָך אַלע מוזען... און לעבען, ווייס מען דאָך, לעבט מען ניט צוליב דער וועלט אינגאַנצען... ס'איז דאָך פאַראַן אַ שטענדיג לעבען, אַן אייביגס, וואו מ'האָט ניט קיין מורא פאַר קיינע כאָלעריעס און פאַר קיינע מגפות... איז... לוינט עס זיך ניט!

ס'איז אויך ניט פאַרשטענדליך געווען, וואָס ער האָט זיך איינמאָל אויף אַלע מאָל אָנגעטאָן די ברילען און טוט זיי ניט אויס, גלייך ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז ס'זאָל עמיצער ניט דערזעהן דאָרטען אין די אויגען אין זיינע אַזעלכעס, וואָס ער אַליין מיידט עס אויס צו זעהן... אָבער אויסער די ברילען האָט מען באַמערקט, אַז דער איד יצחק־אהרן האָט זיך שטאַרק געענ־דערט אויפ'ן פּנים. און וואָס דאָס פּנים זיינס איז געוואָרען איינגעצויגענער און בלאַסער, האָט זיך געדאַכט, אַז די שוואַרצע באָרד זיינע ווערט גרעסער און שוואַרצער און די בלויע ברילען אַלץ בלויער און טונקעלער.

יצחק־אהרן איז איינער אליין געשטאַנען נעבען א פּליט, עטליכע טריט ווייט פון דער שוהל, און אריינגעקוקט אין א גאָר־טען אריין. און כאָטש ס'איז ווייט ניט אַלעם פון דאָרטען געווען ארויסגעריסען, פונדעסטוועגען איז שוין אינגאַנצען געווען צו־שטערט דער אָנהויב און מיט־זומערדיגער סדר פון וואַקסען און פון בליהען פון יעדען געוואוקס פאַר זיך און באַזונדער. יצחק־אהרן האָט אזוי אריינגעקוקט אין דעם גאָרטען אריין מיט אַן אומבאַגרייפליך שווער געמיט. ער האָט געקוקט אויף די דאַרע דינע „טיטשקעס", וואָס זיינען נאָך געשטאַנען ארומגעוויקעלט אין „פּריי" און אין בלעטער, אָבער קיין פּאַסאָליעס איז שוין אויף זיי ניט געווען... דאָ און דאָרטען איז זיך געלעגען גרויס, קיילעכדיג און שווער־גופיג אַן אַרבוזע מיט לאַנגע גרינע האָריג שטעכיגע גאָרגלען פון זיך ווייט אָפּגעצויגען און מיט פאַראַסאָל־בלעטער פון אַלע זייטען באַשיצט... דאָ און דאָרטען זיינען גע־בליבען אונערקעם אַריבערגעוואָקסענע, געלע און צופוילטע. ס'האָ־בען ארויסגעשטשירעט זייערע געלע ציין די קוקורוזעס, ארויסגע־שמייכעלט פון זייער בייכיגקייט, פון די לאַנגע לולבים'דיגע בלע־טער און פון די שוואַרצע פאַרטריקענטע בערד אַרויס האָבען אַרויסגעקוקט שורות צײנדלאַך פון דער זון פאַרברוינט און פילע האָבען אַרויסגעקוקט הוילע, פון פויגלען אויסגעפּיקעטע, און דאָס און נאָך אייניגע געוואוקסען, וואָס אַלע יאָהר איז שוין אין דער צייט פון זיי כמעט ווי קיין זכר ניטאָ, האָט מען איצט דערקענט די אויסערגעוועהנליכקייט פון דער צייט. מ'האָט זיך אָפּגעהאַל־טען פון צו עסען אָט די אַלע זאַכען און זיי זיינען אין דעם גאָר־טען, ווי אין אַלע אַנדערע אידישע גערטנער פאַרבליבען... ער, יצחק אהרן, האָט געקוקט אין דעם גאָרטען און ס'האָט איהם גע־שווידערט... אָט דאָס פאַרלאָזטע און פאַרבליבענע אין גאָרטען האָט פיל מעהר אומעט אָנגעוואָרפען ווי ווען דאָס אַלעם וואָלט געווען אַרויסגעריסען, מיט די פאַרבליבענע זאַכען, וואָס וואָלטען שוין לאַנג אין גאָרטען ניט באַדאַרפט זיין, האָט דער גאָרטען אויסגעזעהן מעהר פאַרלאָזט, מעהר פאַר'חורבן'ט ווי ווען די אַלע

זאָבען וואָלטען ניט געווען. ער האָט זיך אַזוי אַריינגעטראַכט און ניט געהערט, ווי אין שוהל רעש'ט זיך מיט אַ רעש'דיגער תפלה, ער האָט דערהערט ווי ס'האָט ווער אָנגעקלאַפּט אין פענסטער:

— נו, אַ!... ונתנה תוקף!

* * *

ס'איז געווען ווארעם, פייכטליך און שטאַק פינסטער, סוף חודש'דיג און אָנהויב חודש'דיג. דער מולד האָט זיך ערשט באַדאַרפט באַווייזען שפּעט ביינאַכט, דער מולד פון ניט־געבענשטען חודש תשרי, וואָס קומט אַלע יאָהר, און דאָס יאָהר אויך געדאַרפט קומען געבענשט פון גאָט... אין געדיכטער פינסטערניש צווישען צוויי חדשים פון איינעם וואָס האַלט ביים אַוועקגעהן און פון אַ צווייטען, וואָס דאַרף שפּעט אין דער נאַכט אָנקומען, איז געלעגען דאָס שטעדטעל געהילט מיט יום־טובדיגער ליכטיגקייט אין די הייזער, מיט ליכט און לייכטער אויף די אויסגעשפּרייטע טישען... עס האָט זיך געדוכט אַז דאָ און דאָרטען און איבער'ן גאַנצען שטעדטעל ווערט „געפייערט" אַ גרויסער יום־טוב פון אַ גרויסען אומעט, אַ יום־טוב פון אומעט און טרויער.

נאָר וואָס איז די שוהל פאַרבליבען פאַרפינסטערט און פאַראיינזאַמט; פון פייער און פון ליכטיגקייט און פון יום־טוב'דיגע אידען און ווייבער פאַרלאָזט, און שוין האָט זיך אין מיטען מארק אַ גרויסע לאַמטערנע געוויזען. וואָס האָט פון זיינע דיקע זייל־בענס אָפּגעוואָרפען אויף דער ערד שאָטענדיגע הערנער, וואָס האָבען זיך געדרעהט און געוואָרפען איינצייטיג מיט די ברייטע ליכטיגע פאַסען און צוזאַמען דערצעהלט פון אַנייעם בר מנן אינ'ם שטעדטעל. אַרום לאַמטערן און צווישען ליכטיגקייט און שאָטענדיגע הערנער וואָס דער לאַמטערן האָט פון זיך אָפּגעוואָרפען, האָבען זיך פיס געדרעהט, וואָס זיינען געגאַנגען. אָט די פיס מיט געהן און מיט שפּאַנען זייערן אַ וועג אַ „חברה'דיגען" און אַ בית עולם'דיגען...

פיר אידען האָבען זיך פון אידען אָפּגעריסען און פון יום־

טוב., אראָפּגעוואָרפען פון זיך די יום־טובדיגע קאַפּאָטעס און זיך אָנגעטאָן די וואָכעדיגע, נאָר געבליבען מיט די יום־טוב׳דיגע היט־לען אויף די קעפּ, זיינען זיי געגאַנגען, אַט די אידען, מיט א לאַמטערן און מיט גראָב־אייזענס אויף די אַקסלען פאַרוואָרפען, געגאַנגען טאָן אין דעם גרויסען יום־טוב א וואָכעדיגע און אומע־טיגע ארבייט... זיי זיינען אויפ׳ן הייליגען אָרט געגאַנגען א פריי־שען קבר צו גראָבען פאַר דעם פרישען בר־מינן אברהם־הערש.

מ׳האָט נאָך פאַר קידוש, פאַר׳ן עסען און ווייט פאַר׳ן שלאָפען אָנגעהויבען ארומצומאכען די לאָדענס. און דאָרטען, וואו קיין לאָדענס זיינען ניט געווען, זיינען די פענסטער פארהאַנגען געוואָ־רען מיט אַלטע לעכערדיגע שאַלען, מיט וואָכעדיגע קאַפּאָטעס; יעדע שטוב האָט זיך עפּעס ווי געוואָלט אפּטיילען, אפּרייסען זיך פון גאַס, זיך אָפּזונדערען פון דעם פינסטערען אומעט מיט שטור־ביגער און יום־טובדיגער ליכטיגקייט. מ׳האָט אין אַלע הייזער געוואוסט, אז אברהם הערש איז געשטאָרבען. ער איז נאָך בייטאָג געשטאָרבען, און מ׳האָט ניט גערעדט דערפון און ניט דערמאָנט...

יצחק־אהרן איז געזעסען מיט ווייב און קינדער ביים טיש און גענעסען א מילכיגע סעודה. ס׳האָט זיך געשפּירט אַן אומעט פון׳ם מילכיגען יום־טוב, פון׳ם מילכיגען עסען, וואָס האָט ניט באַפרידיגט ניט פיזיש און ניט גייסטיג. ס׳איז געווען א דאָפּעלטער אומעט, אי א פיזישער, אי א גייסטיגער. יצחק־אהרן איז געזעסען אויבען־אָן, האָט צו זיך אליין עפּעס א פרעמדקייט געפיהלט און צו ווייב און קינדער. עפּעס האָט ער געפיהלט אין זיך נייעס און פרעמדעס, און דאָס נייע און פרעמדע האָט געשראָקען... ער האָט גענעסען ווי תמיד און ניט ווינציגער ווי אַלע מאָל, אָבער צייטענווייז האָט זיך איהם געדאכט, אז א פרעמד מויל עסט. ער האָט אזוי איין מאָל און א צווייט מאָל א רייב געטאָן מיט איין האנט און פינגער די צווייטע האנט און פינגער און אויפמערקזאם די נעגעל באַ־טראכט...

אכט ליכט אין אכט לייכטער האָבען אויפ׳ן טיש געברענט, און אכט מענשען זיינען ביים טיש געזעסען. א הענג־לאָמפּ האָט

געברענט, און די מילכיגע מאכלים האָבען פון דער ליכטיגקייט באזונדערס בלאס און ווייס און נאָך מילכיגער ווי מילך אויס־געזעהן... און איין מאָל האָט זיך נעבעלדיג יצחק־אהרנ׳ען גע־דאכט, אז ער, יצחק־אהרן, הייסט גאָר ניט יצחק־אהרן, אז ער אליין האָט גאָר אינגאנצען קיין נאָמען ניט, אז ער איז אָהן א נאָמען געבליבען...

## 8.

גאנץ פריה האָט מען זיך דערוואוסט, אז ביינאכט זיינען פרישע צוויי „איינגעפאלען״, צוויי אין איין שטוב, צוויי שוועס־טערלאך, און אָט דאָס וויסען האָט יעדער מיט זיך געבראכט אין שוהל אריין און איינס האָט דאָס צווייטע איבערגעגעבען די נייעס. עס האָבען דאָס אלע געוואוסט נאָך איידער מען איז אין שוהל געקומען, ס׳האָט עס יעדער פריהער פאר׳ן אנדערען געוואוסט, און יעדער איינער האָט עס דעם צווייטען דערצעהלט.

ס׳האָט קיינער רוהיג ניט געקענט איינזיין אין שוהל, מ׳איז געזעסען און געשטאנען אויף שפילקעס, רק מען האָט אין די פענסטער געקוקט און נאָר עס האָט זיך געדאכט, אז מ׳הערט געשרייען פון דרויסען... ס׳האָט זיך געשפירט אן איינגהאלטענע בהלה...

צוטראָגענער און אומרוהיגער פון אלעמען איז געווען דער דיין. ער איז געווען צוטראָגען פון אלעמענס צוטראָגענקייט. ער האָט געהערט און געזעהן אז דער עולם האָט ניט אין זינען די תפילות און דאָס האָט איהם זעהר באאומרוהיגט. ער האָט מורא געהאט, אז א דאנק דעם וואָס דעם עולמ׳ס געדאנקען זיינען ניט ביי די תפילות, אז דערפאר וועט נאָך ערגער ווערען און ער האָט אליין זיך געפיהלט מוטלאָז א דאנק דעם וואָס אלע זיינע סגולות האָבען ניט געהאָלפען. ער האָט שוין אלצדינג אפגעטאָן, און די מגפה, ניט נאָר וואָס זי ווערט ניט שוואכער, נאָר פארקערט... ס׳האָט איהם געשווידערט פאר אברהם־הערש׳ן, וואָס איז אזוי גיך „אויס־געכאפט״ געוואָרען, און וואָס ער, אברהם־הערש, איז אפילו אָהן

מלוים אוועק אויף יענער וועלט... אַט דער אברהם־הערש האָט זיך אָהן אויפהער געפּלאָנטערט אין זיין מח און האָט איהם מבלבל אין די תפילות געווען... ס'האָט זיך עפּעס ניט געוואָלט גלויבען, אז אַט אַזוי גיך קען אַזעלכעס געשעהן... כהרף־עין פאַרשלאָפט געוואָרען, געשטאָרבען און באַגראָבען.

ביי הוצאת התורה האָט זיך דער דיין אַזוי גלייך דערמאָנט, אז דעם צווייטען טאָג ראש־השנה איז אברהם־הערש יאָהר איין יאָהר אוים עולה לתורה געווען... דער דיין שטעהענדיג ביים צועפענ־טען ארון קודש האָט אָהן אויפהער געטראַכט דערפון, און דאָס האָט ווידער געשטערט זיינע רעיונות צו מכוון זיין אין דער גרויסער און הייליגער תפלה פון הוצאת התורה... דאָ גאָר פּלוצלינג האָט איהם עפּעס אַזוי ווי א שווינדעל געטאָן פאַר די אויגען און דער דיין איז געווען זיכער, אַז דאָס האָט איהם פאַרבייגעשוועבט אברהם־הערש'ס נשמה, וואָס האָט נאָך איהר תיקון ניט געפונען און וואָס באַדאַרף זיבען טעג און זיבען נעכט אַרומבלאָנקען זיך אויף דער זינדיגער ערד.

דער דיין האָט איבערגעגעבען דעם ספר דעם חזן און בעל־קורא און אליין, אַריבערגעוואַרפען די שווערע עטרה איבער'ן קאָפּ איז ער איהם נאָכגעגאַנגען פוס טריט, און ווען יענער דאָרטען, דער חזן און בעל־קורא, האָט אַוועקגעלייגט דעם ספר אויף דער בימה און גענומען זאָגען מיט'ן ראש־השנה'דיגען ניגון „ויעזור ויגן ויושיע לכל החוסים בו" האָט דער דיין אָט דעם זאָגער גאָר פּלוצלינג עפּעס אַריינגערוימט אין אויער אריין, און דער בעל־קורא האָט פּלוצלינג איבערגעריסען דאָס זאָגען און איז געוואָרען בלאַס ווי די וואַנט. דער דיין האָט זיך גלייך אָפּגערוקט פון בעל־קורא און צווישען דעם און יענעם איז געבליבען אַן אָרט פאַר א דריטער פּערזאָן, און שפּעטער א ווייל'ע האָט דער בעל־קורא פאָרטגעזעצט דאָס זאָגען זיינס, וואָס ער האָט אָנגעהויבען צו זאָגען און איבערגעריסען, אָבער מיט גאָר א נייעם טאָן, עפּעס מיט אַזאַ געבראָכענעם, מיט אַזאַ שטילען, און פּלוצלינג גאָר שטיל, קוים־קוים וואָס מ'האָט געקאָנט הערען אויסגערופען :

— יעמוד ר׳ אַברהם־הערש ברב נתנאל!...

אַ פראָסט איז איבערגעגאַנגען איבער אַלעמענס קערפּערס. ביי איייניגע האָבען זיך די האָר געשטעלט קאַפּויר און מען האָט זיך אָנגעהויבען ארומקוקען אין אַלע זייטען מיט מורא און מיט שטילקייט און מיט אַן אויסערגעוויינליכען דרך־ארץ פאַר איינעם אַזעלכען, וואָס איז דאָ און מ׳זעהט איהם ניט, וואָס האָט זוכה געווען צו ווערען נאָכ׳ן טויט אַ רואה ואינו נראה... וואָס האָט זוכה געווען נאָכ׳ן טויט אָנצוהאַלטען דעם קניפּ מיט דער לעבעדיגער וועלט און צו באַקומען אַן עליה.. ס׳האָבען אַלע נאָכהער אוועקגע־שטעלט די אויגען און מכון געווען די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויף דעם ליידיגען פּאַרנעם צווישען דיין און דעם בעל־קורא און מיט קלאַפּענדיגע הערצער, מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס האָט מען זיך פאָרגעשטעלט, אַז דאָס ליידיגע פלאַץ איז ניט ליידיג, אַזוי האָט מען זיך פאָרגעשטעלט, אַז די שטילקייט איז קיין שטילקייט ניט, אַז די שטילקייט אין אַ ברכה איבער דער תורה, און שטיל אין זיך האָט יעדער נאָכגעזאָגט וואָרט ביי וואָרט, וואָס די שטילקייט האָט געזאָגט:

— ברכו את ד׳ המבורך, ברוך ד׳ המבורך לעולם ועד...

און אַזוי די גאַנצע ברכה, און ווען די ברכה, ס׳הייסט ווען די שטילקייט וואָס האָט פאַרנומען אַזוי פיל וויפיל די ברכה האָט באַדאַרפט פאַרנעמען, האָט זיך געענדיגט, האָט דער בעל־קורא אויסגערופען „אָמן" און זיך פאַרנומען צום לייענען פאַר דעם אויפ־גערופענעם אַברהם־הערש׳ן דאָס ראש־השנה׳דיג לייענען, און פאַר־ענדיגט די פרשה, איז ווידער שטיל געוואָרען אין דער עולם האָט זיך ווידער איינגעהערט צו שטילקייט וואָס האָט זיך געצויגען פון דעם ליידיגען פלאַץ צווישען דעם בעל־קורא מיט׳ן דיין, און ווען די צייט וואָס די ברכה דאַרף פאַרנעמען האָט זיך געענדיגט, האָט דער בעל־קורא אויפ׳ן אָרט פון אַ „מי שברך" וואָס מ׳מאַכט אַ לעבעדיגען עולה לתורה, אַ „אל מלא" געמאַכט.

נאָכדעם האָט דער דיין זיך געהייסען אויפרופען און נאָך איהם, האָט דער בעל־קורא זיך אַליין מכבד געווען מיט אַן עליה,

און ס'איז עפּעס געוואָרען מונטערער אין שוהל, אָבער דער דיין איז נאָך אַלץ ניט פאַרטיג געווען, מען האָט דערקאַנט אַן איהם, אַז עפּעס קלייבט ער זיך נאָך צו טאָן. און כך הוה, גלייך נאָך קריאת התורה האָט דער דיין אַ קלאַפּ געגעבען מיט אַ האַנט אין דער בימה און מיט אַ ציטערדיגען קול אויסגעשריען:

— זאָגט יזכור!

דאָס איז ווידער געקומען אומגעריכט, ווייל ראש־השנה איז מען ניט מזכיר נשמות... מ'האָט זיך אָנגעהויבען ארומצוקוקען, און ס'האָבען ניט געוואוסט די יעניגע וואס האָבען געהאט טאַטע־מאַמע, צי באַדאַרפען זיי ארויסגעהן צי ניט, צי מעגען זיי אָדער אפשר באַדאַרפען זיי גאָר אין אַזאַ פאַל דוקא אין שוהל פאַר־בלייבען... ניט געוואוסט וואס צו טאָן, און ניט וויסענדיגערהייט און ניט פרעגענדיג ביי קיינעם, האָבען זיך אָנגעהויבען ארויסצו־רוקען אַלע די יעניגע וואס האָבען געהאט טאַטע־מאַמע, און אין דער גערדיכטקייט וואס איז אין שוהל געבליבען, איז גלייך געווען צו דערקענען דעם גרויסען אומגעוועהנליכען צואוואוקס פון יתומים... עס זיינען פאַרבליבען גלייך מיט אַלע און דערוואַקסענע אידען קליינע אינגלאַך, און אַ שווער־דריקענדער טרויער האָט די גאַנצע שוהל־אַטמאָספערע דורכגענומען. פון דער ווייבערשער שוהל האָט — באַלד אַזוי ווי דער דיין האָט אויסגעשריען: „יזכור!" — אויסגעבראָכען אַ יללה, און די מאַנסבילען האָבען אין שווערען טרויער אריבערגעוואָרפען די טליתים איבער די קעפּ און אַ שטיל וויינענדיג מורמלען פון זאָגען און פון ווערטער האָט אָנגעפילט די שוהל. דאָ און דאָרטען איז געשטאַנען אַ איד מיט אַ אינגעלע און געזאָגט מיט'ן אינגעלע וואָרט ביי וואָרט:

— יזכור אלהים נשמת אמי...

און ס'האָט זיך געפיהלט אַזאַ שווערקייט, אַזאַ מין גערדיכטקייט פון טרויער, געמישט מיט שוהל און מיט יום־טוב... ס'האָט זיך געשפּירט אַ יתומים'דיגע און אבל'דיגע ענגשאַפט פון בלייבען און פון זאָגען וואָס נאָר די און נאָר אַזעלכע וואס זיינען אין שוהל באַרבליבען האָבען זאָגען געווען באַדאַרפט... פון צייט צו צייט

האָט זיך פון שטיל אומעדיג ברויזענדען געוויש געלאָזט הערען א שווערער קרעכץ באַגלייט מיט א ווארט וואס האָט זיך ארויסגע־ריסען פון שטילער זאָגעכץ און פון שטיל צאַפּלדיגען געבעט פאר פריש, ניט־לאַנג פארשטאָרבענע, וועמענס נשמות ס׳האָבען נאָך געפלאַטערט אין די מוחות מיט געדאנקען פון נאָר־וואָס געלעבט און נאָר־וואָס געשטאָרבען, און מאָמענטענווייז האָט זיך ביי איינעם און א צווייטען אָט דיביידע געשעהענע זאכען ניט געבונדען, אז ס׳האָט געלעבט די איינע און די זעלבע וואָס איז געשטאָרבען, און אז ס׳איז געשטאָרבען אָט די זעלביגע וואס האָט געלעבט, עפּעס אזוי גיך אָפּגעלעבט און אזוי געשווינד אָפּגעשטאָרבען, אוןביידע זאכען זיינען געווען אזוי פריש צאַפּלדיג און וועהטאָגדיג, אז אָט דאכט זיך קומט עס ערשט פאָר ביידע זאכען צוזאמען, אָט לעבט עס און אָט שטארבט עס איינצייטיג.

מ׳האָט אזוי לאַנג זיך אריינגעטאָן אין די יזכור׳ס, טראָפּענס טרערען זיינען געפאַלען אויף סידורים, אויף פאפּיר און ווערטער און צופלאָסען און צושוואומען זיינען געווארען ווערטער פון טרערען...

— יזכור ! ...

און די קליינע יתומים־איינגעלאך זיינען געשטאַנען געטוליעט צי טאַטעס, איבערגעדעקט מיט טליתים און זיך פארבלינעט פון דער געדיכטער ווארימקייט און נאָכגעזאָגט מיט גרויס הנאה און התמדה ווארט ביי ווארט :

„לכן, בעל הרחמים, יסתירהו בסתר כנפיו לעולמים, ויצרור בצרור החיים את נשמתה, ד׳ הוא נחלתה, ותנוח בשלום על משכבה, ונאמר אָמן !"

די ניט־יתומים, גרויס און קליין, האָבען אָנגעהויבען צוריק אריינצוגעהן אין שוהל, און ס׳האָט יעדער איינער דערשפּירט די מזכיר נשמות׳דיגע שווער־געמיטליכע אַטמאָספערע, און איינער און א צווייטער האָט א גלעט געטאָן א יתומ׳ל, און דער גאַנצער עולם האָט זיך אָנגעהויבען צוצוגרייטען צו מוסף. דער בעל־תפילה האָט זיין אָרט ביים עמוד פארנומען, ווי א לעבעדיגער מת אין טלית און

אין קיטעל געהילט און זיך פארטיפט אין שטילקייט און אין זאָגען אין דער פאר מוסף'דיגער תפלה פון „הנני העני ממעש״, און דער עולם איז געווען פארטיפט אין דעם שטילען געבעט, און אין דעם ניט הערען וואס דער בעל תפלה זאָגט און מיט קלאַפּענדיגע הערצער געווארט אויף יעדען אויסגעשריי אויף זיינעם. און דאָ... דאָרט גאָר פּלוצלינג פון ערגעץ אַ פארגעסענער דרויסענדיגער וועלט האָבען זיך פּלוצלינג דערהערט געשרייען און געוואלדען און די גאנצע שוהל טליתים, דאָס גאנצע שטעדטעל אידען מיט ווייבער, און דער גאנצער ימים־נוראים'דיגער יום־טוב האָט זיך געגעבען אַ שיט־ארויס אין דרויסען און אוועק אהין צו יענע הייזער, פון וואַנען עס האָבען זיך די געוואַלדען און געשרייען דערהערט...

און צוויי הייזער האָט עס איינצייטיג געטראָפען, אַ שטוב אנטקעגען אַ שטוב, פענסטער אנטקעגען פענסטער. אין איין שטוב האָט עס געכאפּט איינע און אין דער צווייטער שטוב, וואו עס זיינען שוין געלעגען צוויי געכאפּט פון נעכטען, האָט עס געכאפּט אַ דריטע, אַ אידענע אַ שכנה אין דער זעלבער שטוב...

פון דער שטוב פון די דריי האָט זיך גאָר פּלוצלינג דערהערט אַ קלאַפּעריי פון אינווייניג, פון שטוב און פענסטער... אַ האַנט און פינגער האָבען געקלאַפּט, אַ האַנט אַ געלע, ווי ביי אַ דער־טרונקענעם, מיט פינגער פארשפּיצטע און פארגעלטע נעגעל...

האסטיג האָט די האַנט געקלאַפּט, ציטערדיג און פלאַטער־דיג, ווי צוויי צוזאַמען, ווי טויט מיט לעבען וואָלטען זיך באהעפט און צוזאַמען גערופען לעבען און טויט אויף צו שטארבען און אויף צו ראטעווען פון שטארבען... צווישען די וואזאָנעס, וואס זיינען אויפ'ן פענסטער געשטאַנען האָט זיך איינמאָל אַ ווייז געטאָן אַ פּנים פון אַ מענשען און פון אַ מת. אַ צווייטען מאָל זיך באַ־וויזען, מיט אַ דערשראָקען צעמישטען בליק פון אויגען פארוואַ־סערטע און טעמפּע און אין די אויגען איז גלייך געווען צו דער־קענען, אז דעם מענשען איז האמעטנע דער טויט באפאלען... זיי האָבען געקוקט, אָט די אויגען, מיט אן אויסדרוק פון מאָמענטאַ־לער פרעמדקייט און אָפּגעריסענקייט פון לעבען, געקוקט אין

דרויסען אַרוים ווי אין אַ פרעמדער וועלט אריין, ווי זיי וואָל־טען זי דאָס ערשטע און דאָס לעצטע מאָל אָט די וועלט געזעהן, אַ וועלט וואו ס'האָט אָפּגעלעבט אַ לעבען און ס'שטאַרבט אָפּ אַ לעבען פון אַ מענשען און פון אַ אידענע פּייגע... אין פּנים און אין די אויגען איז גלייך געווען צו דערקענען, אז דער מת האָט זיך גלייך אריינגעכאַפּט אין דעם נאָך לעבעדיגען פּנים אריין און ס'קלאַפּט און רופט נאָך הילף אַ שטיק ניט זעהענדיג לעבען פון אַ לעבעדיגער פּייגע, וואָס איז נאָך אין מת פאַרבליבען...

טליתים און קיטלען און ווייסע זיידענע פּאַטשיילעס אויף ווייבערשע קעפּ האָבען זיך געקנוילט צוזאַמען אין אַליין פאַר זיך געמאכטער אָפּגעגרענעצטער ענגשאַפט אין ברייטען דרויסען. אַרום די צוויי הייזער און אינוועניג איז יום־טוב און שוהליג געוואָרען פון טליתים און קיטלען און ווייסע פּאַטשיילעס... דרויסענדיגע שוהל און שטוביגע שוהל. אַ שוידערליכער יום־טוב פון שרעק און פּחד, פון געשרייען און געוואָלדען...

דער בעל־תפילה איז געבליבען ביים עמוד שטעהן, געשטאַ־נען און געקוקט אויף דער פּלוצלינגדיגער ליידיגקייט און פּוסט־קייט, אויף סידורים און מחזורים, אָפּענע. געקוקט וואָס האָבען זיך אותיות'דיג גע'שורה'וועט און געשווארצט מיט אומעט וואָס ביי צועפּענטקייט איז קיינער ניטאָ און ס'קוקט אריין פּוסטקייט, ליידיגקייט און שטילקייט און ערגעץ דאָ און דאָרטען איז געלע־גען אַ טלית צונויפגעקנוילט מיט אַ ציצה און צוויי אַראָפּגע־האנגען און די גאנצע שוהל איז, דאכט זיך, אַזוי ברייט און גרויס געווארען, ווי די ווענט וואָלטען זיך צורוקט און אין דער שטיל־קייט האָט זיך געהערט דער נאַר־וואָס'עדיגער רעש און טומעל, וואָס איז ווי פאַרמארינירט געווארען אין דער שטילקייט און האָט גע'רעש'ט מיט שטילען רעש און מיט שרייענדיגער שטילקייט...

ער איז געשטאַנען דער שליח ציבור פאַרגליווערט אין שרעק און מורא געהאַט דעם עמוד צו פאַרלאָזען... ביים עמוד האָט ער זיך געפּיהלט זיכערער...

ער איז געשטאַנען, געקוקט און געווארט, מ'זאָל זיך צוזאַ־

מענקומען. דאָ האָט ער באַמערקט, ווי יצחק־אהרן האָט זיך אויף דער טיר באַוויזען, האָט איבער'ן שוועל פון טיר אריבערגעטראָטען מיט אַ געדיכטער שווייגעניש און שווערען אומעט, שוואַך און לויז געגאַרטעלט אין דער בלויזער קאַפּאָטע, און אין יאַרמולקע שוהליג און שטוביג, ווי אין מיטען דאַוונען און נאָכ'ן דאַוונען, ווי ער וואָלט שוין אַלעס אָפּגעזאָגט און אָפּגעדאַווענט, אדער ווי ער וואָלט נאָך גאָר ניט געזאָגט און גאָר ניט געדאַווענט, אריינגעקומען מיט אַן אויסזעהן און מיט אַן אויסדרוק פון נאָר וואָס ארויסגעהן מיט שוהל און דרויסענקייט, שמאָל־שוואַרץ אָנגעצויגען אין שוואַרצער קאַפּאָטע, ווי אויסגעשיילט פון טלית און קיטעל, ווי אַ בחור אַ פאַרעלטערטער און אַ פאַרזעסענער, מיט באַוויינטער פרומקייט פון יאַרמולקע און גאַרטעל.

— יצחק־אהרן, נו, אָ! — האָט דער חזן אַ רוף געטאָן און אָנגעוויזען מיט'ן פינגער ער זאָל געהן אריינרופען דעם צולאָפענעם עולם.

יצחק־אהרן האָט אויף איהם אַ קוק געטאָן מיט טונקעלער בלויקייט פון די בלויע ברילען, אַ קוק געטאָן מיט ברילען און מיט באָרד, געשוויגען און ניט געענטפערט... ער איז געשטאַנען מיט ניט איינשטעהן, יצחק־אהרן, ווי אַ מענש, וואָס קען ניט שטעהן און וויל דוקא איינשטעהן. אָט אַזוי איז ער, יצחק־אהרן, געשטאַנען. ער האָט זיך געוואַקעלט און ס'האָט געמאַכט אַזאַ איינדרוק, ווי ער וואָלט גאָר אינגאַנצען פאַרגעסען, אַז מ'קען זיך צוזעצען... עפּעס אַ טיפע דראַמאַטישע פאַרלוירענקייט האָט זיך געשפּירט אין יעדען ריהר פון זיין קערפּער... ער האָט געהאַט אַזאַ רחמנות'דיגען, כמעט וויינענדיגען אויסדרוק, ווי ער וואָלט געוואָלט בעטען, בעטען און שרייען וועגען עפּעס און ווי ער וואָלט איינצייטיג מורא געהאַט דאָס צו טאָן... ס'איז געווען צו דערקענען, אַז דער מענש וויל זיך שטאַרקען. ס'איז געווען צו דערקענען, אַז דער מענש האָט שוין פאַרלוירען די שליטה איבער זיך און אַז ער וויל זי דאָך נאָך אָנהאַלטען אָט די שליטה וואָס ער האָט שוין ניט... ס'איז קענטיג געווען, אַז דער מענש קעמפט

מיט זיך, אז ער וויל זיך ניט אונטערגעבען, אז ס'איז עפּעס מיט איהם...

ער האָט ארויסגענומען פון בוזים-קעשענע א קליין פלעשעלע און דאָס מיט אָנשטרענגונג געעפענט און צוגעלייגט צו דער נאָז, און געטאָן איז עס געוואָרען עפּעס ווי פרעמדע הענט וואָלטען עס פאַר איהם געטאָן, אזוי ווי נאָז און הענט וואָלטען באַלאַנגט צו צוויי באַזונדערע מענשען... — — — — — — — — — — — —

דער בעל-תפילה האָט זיך פון עמוד אָפּגעריסען, האָט זיך אוועקגעשטעלט מיט צונויפגענומענע פיס אויף דער טיר, מיט'ן פנים צום דרויסען און האָט אַלץ ניט געוואָלט מפסיק זיין פון אין מיטען דער תפילה, ער האָט איינמאָל און א צווייטען מאָל ארויסגעשריען אין דרויסען ארויס:

— יצחק-אהרן! יצחק-אהרן! יצחק-אהרן!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

9

א גאַנצע נאַכט האָט אין אַלע הייזער פייער געברענט; דורך פאַרמאַכטע לאָדענס, באַהאַנגענע פענסטער האָבען זיך דורכגעריסען ליכטיגע פּאַסקעס און רעדעלאַך און ארייגעוואָרפען אין דער אָנהויב-חודש'דיגער פינסטערער נאַכט היימישען און שטוביגען אומעט, און דערצעהלט פון א שטעדטעל, וואָס שלאָפט און שלאָפט ניט, וואָס רוהט און רוהט ניט, מיט פייער אינוועניג, וואָס באַלייכט און היט שלאָפענדיגע און ניט-שלאָפענדיגע... ליכטיגע פּאַסקעס פון לאָדענס און רעדעלאַך פון פאַרהאַנגענע פענסטער האָבען דערצעהלט פון אומבאַהאָלפענקייט און שוצלאָזיגקייט פון מענשען וואָס פאַרטרויען זיך ניט דער נאַכט און איהר פינסטערניש, וואָס האָבען זיך ארומגעמאַכט, פאַרשטעלט און פאַרהאַנגען פון איהר, ניט צו זעהן זי און ניט צו הערען איהר שטילקייט און איהר פינסטערניש, כדי ניט צו הערען און ניט צו דערשרעקען זיך, ווען ס'וועט אין א צווייטער שטוב עפּעס טרעפען. שטיל איז געווען אין דרויסען. א לעבעדיגע שטילקייט,

געהילט אין פּחד פאַר'ן טויט, געהילט אין נאַכט און פינסטער־ניש.

און אזוי איז זיך פאַר דער צייט פון נאַכט און פינסטער־ניש, פאַר דער צייט פון שלאָפען און ניט שלאָפען, פאַר דער צייט פון אומרוהיגקייט און פּחד, האָבען פיר מענשען, צוויי גרוי־סע און צוויי קליינע, דאָס לעבען און די וועלט פאַרלאָזט... פיר מענשען, וואָס האָבען אָנגעהויבען צו שטאַרבען אזוי גלייך ווי זיי זיינען קראַנק געוואָרען, אָנגעהויבען צו שטאַרבען ביי טאָג, און ביי פייער פאַרענדיגט דאָס, וואָס זיי האָבען ביים שיין פון זון אָנגעהויבען... אין צוויי הייזער, איינע אַנטקעגען דער אַנ־דערער; פיר מענשען, דריי אין איין שטוב און איינער אין דער צווייטער, זיינען אויסגעגאַנגען מיט שרעק פאַר זייער אויס־געהן... זיי זיינען אויסגעגאַנגען ביים לעבען און אויפזיין און ביים פולען געזונט פון אייגענע און נאָהענטע, וואָס האָבען אַלעם מעגליכעס געטאָן צו ראַטעווען זיי פון טויט... אין די צוויי הייזער, האָט זיך געדאַכט, רוהט מען. ס'רוהען די טויטע נאָך זייערע קאָנוואולסיעס, און ס'רוהען די לעבעדיגע פון אָנגע־שטרענגטער ארבייט, וואָס האָט זיך אָהן אַן אָפּרוה געצויגען, כּמעט ווי א מעת־לעת צייט... ס'האָט זיך ניט געהערט קיין גע־וויינען. אייגענע און נאָהענטע האָבען אויסגעגאָסען זייערע קוואַ־לען טרערען ביז די וואָס זיינען געשטאָרבען זיינען געשטאָרבען... שוין, ס'איז שוין געווען נאָך אַלעמען. דער שוידער פאַר'ן טויט פון די אייגענע איז שוין געקומען. דער שרעק און שוידער פאַר'ן טויט פון די אייגענע איז שוין געקומען און איז ניט שרעקליכער ווי פריהער פאַר זיין קומען... דער רייגער, הונדערט פּראָצענטי־גער טויט איז ניט געווען שרעקליכער, ווי ווען ער האָט נאָך געהאַט צו זיך א געמיש פון לעבען... אין איין שטוב דריי, אין א צווייטער שטוב איינער, איז דאָס דאָרטען, אין דער שטוב פון דריי, ביים בעל־הבית פון שטוב און שכן, שטילער ווי דאָר־טען, אין יענער שטוב, וואו ס'געפינט זיך נאָר איין מת... דאָ און דאָרטען דרעהען זיך די לעבעדיגע ארום די טויטע, אָהן ער־

טער און אָהן פּלעצער, פאַרפּייניגטע און פאַרמאַטערטע, מיט'ן פּולען באַוואוסטזיין, אַז מ'האָט געטאָן אַלעס וואָס מ'האָט געקענט טאָן, און ס'האָט געפּייניגט די הערצער וועהטאָג און יאוש, וואָס דאָס אַלעס וואָס מ'האָט געטאָן האָט ניט געהאָלפען... די צוויי שטיבער זיינען אָפען, מיט זייער גאַנצען אומעט און מיט פולער אוועקטיגער באַלייכטונג אין דער פינסטערער נאַכט אַריין, מיט פענסטער פאַרמאַכטע, אָפענע מיט ליכטיגקייט, אָפען מיט אויפזיין און רוהיגע אומרוהיגקייט פון טויטע און לעבעדיגע... עס האָט זיך געדאַכט, אַז פון דאַנען און פון דאָרטען האָט דער טויט עזות'דיג אַרויסגעקוקט פון ליכטיגקייט און פון פענסטער אַרויס, מיט פייער באַלויכטען זיין גרויזאַמע נאַקעטקייט.

און אין אַ דריטער שטוב, ווייט פון די צוויי, וואָס איז געשטאַנען פראָנטיג און מיט פענסטער צו אַלע פיר זייטען פון דער וועלט, וואו איין זייט מיט פראָנט און פענסטער איז געווען פאַרפעלדשערט און פאַר'גוי'עשט, וואו עס האָט געשמעקט מיט רפואות און מיט געפּרעגעלטען חזיר, — דאָרטען, אין יענער שטוב, אונטער איין דאַך מיט קריסט, מיט פעלדשער און מיט גוי, דאָרטען אין דער צווייטער העלפט שטוב מיט פראָנט און פענסטער, איז געלעגען יצחק־אהרן און זיך געראַנגעלט מיט'ן טויט. דאָס לייב זיינס איז געווען צובריהט פון די הייסע פּלע־שער וואָס מ'האָט איהם אָהן אויפהער געלעגט. און פון פּיס און הענט איז וואו־ניט־וואו געווען אָפּגעריבען די הויט פון גע־טרייע הענט און פון פיל הענט פון אַ גרויסער, איבערגעגעבענער משפחה... נעבען איהם איז די גאַנצע צייט געשטאַנען און ניט אָפּגעטראָטען אברהם באַראַבאַנשטשיק, דער שוואָגער זייַנער, און ס'האָבען אַלע געלעגט גרויסע האָפנונגען אויף דעם אברהם באַראַבאַנשטשיק אַז ער וועט איהם אָפּראַטעווען... דאָס איז געווען אַ מענש פון אויסערגעוועהנליכער גבורה און עקשנות, און די גאַנצע אַרבייט זיינע וואָס ער האָט אַריינגעאַרבייט אין שוואָגער אַריין, האָט געמאַכט אַן איינדרוק, ווי ער וואָלט אויס בלויזע עקשנות געוואָלט אויסרייסען דעם שוואָגער פון טויט, און

דאָס האָט ער, אברהם באַראַבאַנשטשיק, איהם געמאַכט אָט די וואונדען אויפ'ן לייב.

פאַר דער צייט, האָט זיך אינמיטען דער נאַכט איינע אַ גביר'ישע הויזגעזינט זיך געפּעקעלט און זיך געקליבען אין וועג אַריין. א פּאָר פערד מיט וואָגען און רעדער זיינען פאַר א רויטגעפּאַרבטער שטוב געשטאַנען, פאַר א שטוב מיט פאַרמאַכטע לאָדען און אַרומגעמאַכט טירען, און ס'האָט זיך געקענט דאַכטען, אז עס שלאָפט דאָרטען רוהיג דאָס גביר'ישע הויזגעזינט... איין טיר איז אָבער געווען אָפען, א זייטיגע טיר, א הינטערשטע, וואס איז אַרויסגעגאַנגען צום „פּאָדוועך" און צום שטאַל. די טיר איז געווען אָפען און פון אינוועניג האָט אַרויסגעשלאָגען אַ פאַרטאָג'דיגע באַלייכטונג, א ליכט פון ביינאַכטיג און פאַרטאָגדיג אויפשטעהן. די ליכט איז געפאַלען אויפ'ן דיקען, פעסט אין דער ערד אַריינגעזעצטען סטופּ, אויף וועלכען עס איז געשטאַנען און געלעגען אָנגעשפּאַרט דער לייטער, וואס האָט זיך פון סטופּ ביז'ן קוימען אַרויפגעפּגעצויגען מיט אַזאַ אָפּגעזונדערטקייט און פרעמדקייט פון שטוב, מיט בלויזער דאַך און דרויסען היימישקייט, א לייטער וואס ווייסט נאָר פון דאַך און פון קוימען... פון דער אָפענער טיר האָבען הין און צוריק געשלייכט מענשען אַריין און אַרויס, פעקלאך געטאַסקעט און געוואָרפען אין וואָגען אַריין... די אַרבייט איז דאָרטען צוגעגאַנגען פּונקט ווי אין מלחמה-צייט, ווען אייניגע סאָלדאַטען קלייבען זיך צו אַנטלויפען און צו פאַרלאָזען דאָס שלאַכטפעלד... די פערד האָבען שטיל, מיט געדולדיגער געוואוינהייט פון שטעהן און וואַרטען געקייט די צומלאַך, און אויבען, אויפ'ן וואָגען, איז פון מינוט צו מינוט צוגעוואַקסען אַ פּעקעל און אַ מענש.

גביר און גביר'נטע מיט גביר'ישע קינדער האָבען זיך אויסגעזעצט אין וואָגען, און אָפּגעצויגען, לאָזענדיג אַ פאַרמאַכטע, אָן אַרומגעשלאָסענע שטוב אויף א פּאָר פּאָלק, אָרימע קרובים. געלאָזט אויף זיי די שטוב, זי זאָל בלייבען פאַרמאַכט און פאַרשלאָסען, און זיי זאָלען היטען אָט די פאַרמאַכטקייט און אָפּגע-

שלאָפענקייט. פארהאקט און אונטער'ן שלאָס באהאלטען און פארשלאָסען אלע גוטע און שאַצבארע זאכען, האָט מען אָט דאָס אָרימע קרובים פּאָר'ל איבערגעלאָזט צו היטען אָט די באהאל־טענע, פארשלאָסענע זאכען, וואָס זיינען פארשלאָסען געווארען פאַר זיי און פאר אנדערע... די שטוב איז געבליבען אַן אָרומ־געריסענע, א נאַקעטע, און דאָס פּאָר פאָלק זיינען צייטווייליג באריכט געווארען מיט אַ נייער אָרימקייט פון א רייכער שטוב, וואָס איז צו זייער אריבערגעהן און אריינקומען אין דער שטוב אריין נאַקעט און אָרים געווארען... געבליבען אליין, איבער דער גרויסער שטוב, בעלי־בתים איבער אלעס און איבער גאָר נישט, איבער אלעס וואָס איז פאר זיי פארשלאָסען, פאר זיי פונקט ווי פאר אלע אנדערע, האָט זיך זיי ביידען געדאכט, אז זיי זיינען עפּעס פרישע, שווער־אָנגעלאָדענע קבצנים געווארען; האָבען זיך דער־שפּירט אָרימער ווי זיי זיינען, אָרימער זיך דערפיהלט ווי ביי זיך אין הויז...

פארטאָג, ווען מ'איז אויפגעשטאַנען צו סליחות, האָט מען זיך גלייך דערוואוסט פון די פיר פרישע מתים, פון יצחק־אהרנ'ען, וואָס ראנגעלט זיך מיט'ן טויט, און פון גביר'ס הויזגעזינט האָט מען זיך דערוואוסט, וואס האָט זיך ארויסגעכאַפּט פון שטאָט און ערגעץ אויף איינעם פון די שליאכען איבערגעקויפט די „וואכ־טע". פון מינוט צו מינוט איז דער בית־המדרש פולער גע־ווארען פון טאַטעס מיט קליינע אינגעלאך, קדישים־לאך, וואָס טאַטעס האָבען זיי אויפגעריסען פון בעסטען שלאָף און זיי גע־בראכט אין שוהל אריין צו זאגען קדיש נאָך די פארשטאָרבענע מאַמעס. אויסגעזעצט איינס נעבען דאָס אַנדערע, אָט דאָס קליינ־וואַרג, האָבען זיי גענענעצט און געכאַפּט א ציטער פון פאר דער צייט אויפצושטעהן און פארטאָג'עדיגער, אָסיענדיג־פייכטער קעלט... פאר זיי, פאר די פּיצלאך און ברעקלאך אינגעלאך, איז דאָס געווען עפּעס אזא פארטאָג'דיגע וועלט, אַ פארטאָג פון שוהל, פון אידען און פון ליכט און לאָמפּען. זיי האָבען גע־גענעצט דאָס קליינוואַרג, געשלונגען אין די מיילעכלאך פאר־

טאָג׳דיגע שוהל־ליכטיגקייט און פארטאָג׳דיגען סליחות׳דיגען אָר־מעט, און אידען צווישען זיך האָבען גערעדט און ניט אויפגע־הערט צו ריידען וועגען די פיר פרישע מתים, וועגען יצחק אהרן׳ען, און וועגען גביר מיט זיין הויזגעזינט. שפּעטער איז מען פון דעם ריידען אראָפּ צו אן אנדער שמועס — וועגען מאָר־גענדיגען תענית, צי ס׳איז רעכט אין אזא צייט, אזא תענית פון „צום גדליה" צו פארבייגען. אייניגע זיינען געווען פאר דעם, און אייניגע געגען דעם. און ס׳האָט זיך אָנגעהויבען א ויכוח וועגען דעם ענין. די און יענע האָבען געוואלט ארויס־ווייזען זייער בקיאות און זייער לומדות פאר און געגען...

— וואָס ווען איהר טאָן יום־כפּור, האַ?...

— א פארגלייך אביסעל: יום־כפּור צו צום־גדליה!... יום־כפּור איז מדאורייתא און צום־גדליה איז מדרבנן.

— גאָר א קלייניגקייט, ווי מ׳גיט זיך עס א זאָג אָפּ: מדרבנן. — האָט א איד, אן אלטער, א פרומער און א היי־ציגער זיך צובייזערט — מאי דקאמרי רבנן אמרה תורה. די רבנן האָבען ניט אויסגעטראכט פון זייערע אייגענע קעפּ, אלצ־דינג וואס די חז"ל האָבען געזאָגט, האָבען זיי ארויסגעדרונגען פון דער תורה, אדער ס׳איז זיי געזאָגט געווארען ברוח הקודש.

— פּקוח נפש דוחה שבת — האָט איהם א צווייטער איד וואָס קען אויך לערנען אריינגעזאָגט, און דער אלטער, היציגער און פרומער איד איז ניט געבליבען הינטערשטעליג:

— איהר זענט בטוח, האַ? — מיט וואָס ביזטו אזוי זיכער, אז דאָס איז א פּעולה, אפשר פונקט פארקעהרט. צום ותפלה, האַ? ס׳איז גאָר א קלייניגקייט! ווען עסען און אָפּהיטען זיך וואָלט געווען א סגולה, וואָלט דאָך יצחק אהרן ניט געלעגען איצט אויפ׳ן טויטען בעט... ווער האָט זיך נאָך אזוי אָפּגעהיט ווי יצחק־אהרן, קיין יום־טוב ניט געמאכט, ניט גענומען קיין פיש און פלייש אויף יום־טוב... הלואי שיקט איהם גאָט־ברוך־הוא א רפואה שלימה. אָבער ס׳העלפט ניט!... איהר זעהט דאָך, אידען, אז ס׳העלפט ניט!

דאָ איז ארויסגעשפּרונגען איינער און געזאָגט, אַז דער דין דאַרף מכריז זיין און אַרויסגעבען א היתר, אז מ'זאָל עסען, אז מ'מוז עסען !...

ס'האָבען געקרעהט די הענער צו טאָג מיט נאַכטיגען אומעט און מיט אומעט פון א כפּרה'דיג לעבען, און דערמאָנט אין א נאָהענטקייט פון יום כפּור און פון יום הדין... ס'האָבען דאָ און דאָרטען און אומעטום געקרעהט אַלטע העהנער און יונגע האָנטשיקלאך מיט אומעט און פאַרצווייפלונג פון א הענעריש לעבען, וואס קרעהט עפּעס אויף זיך אליין, וואס מאַכט מיט דעם קרעהען א פאַרשווערונג אויפ'ן אייגענעם יונגען און נאָך ניט דערוואַקסענעם האָנישען לעבען... די אידען אין שוהל האָבען זיך ענגער צוזאַמענגעדריקט און ביי יעדען איינעם, אין יעדענס מוח האָט זיך געשפּרייט א ווייטער שטח, דער ברייטער מאַרק און שמאָלינקע געסלאך, וואו הייזער צו הייזער זיינען געשטאַנען געטוליעט, מיט לייטערס לאַנגע פון דער ערד ביז צו די קוימענס... פּוסט און שטאַפּעלדיג ציהען זיך אָט די לייטערס, באַהעפטען דאַך מיט ערד און דאַכט זיך וואַרטען אויף וועמען, אויף א קריכער. שטאַפּלען און פּוסטקייט און לערקייט צווישען די שטאַפּלען וואַרטען... געסלאך שמאָלע און ברייטער מאַרק, רשות יחידים און רשות הרבים און רשות למשחית אומעטום... אין מיטען מאַרק שטעהט א טאַבליצע וואו עס איז אויסגעשריבען וויפיל נפשות ס'געפינען זיך אין שטעדטעל, וויפיל גוים, וויפיל אידען, וויפיל זכרים, וויפיל נקבות, און ס'ווערט קלענער פון טאָג צו טאָג די צאָהל פון די נקבות און זכרים, און אויף דער טאַבליצע איז אַלץ דער זעלבער מספּר....

פון יענער זייט טיר האָט זיך גיך און האַסטיג דערהערט א טיר טאַפּען, א טיר ווישען פון הענט אייליגע און זוכענדיגע וואָס האָבען געטאַפּט און געזוכט די קליאַמקע פון דער טיר... אָנגעטאַפּט און געעפענט, איז אַריינגעקומען און אַריינגעפאַלען א פאַרסאָפּעטע אידענע, אַריינגעפאַלען ווי אַן אַריינגעוואָרפּע־

נע פון יענער זייט טיר און איינמאָל און א צווייטען מאָל גע־
כאפּט דעם אָטעם האָט זי ארויסגעאָטעמט:

— יצחק אהרן איז געשטאָרבען!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

.10

מ׳האָט געלערנט פּשט: אַז אויב יצחק־אהרן ע״ה האָט גע־
קענט נעמען און קראַנק ווערען אויף דער קרענק און נעמען
און שטאַרבען פון דער קרענק, איז אַ סימן, אַז דאָס וואָס יצחק־
אהרן האָט געטאָן און דאָס גאַנצע אָפּהיטען זיך וואָס ער האָט
זיך אָפּגעהיט, אַז דאָס אַלעס טויג ניט, איז דעריבער האָט מען
דערפון געדרונגען אַז מ׳באַדאַרף נאָר פרום און עהרליך זיין, אַז
מ׳באַדאַרף נאָר מתפּלל זיין און גאָט בעטען. אי, מ׳האָט אויך
דאָס געטאָן און ס׳האָט ניט געהאָלפען און אייניגע (חלילה אויך
ניט קיין אַפּיקורסים) האָבען אָנגעוויזען אויף דעם אידען אברהם־
משה׳ן. זיי האָבען געזאָגט און גע׳טענה׳ט, אַז אויב אַזאַ איד
ווי אברהם־משה, אַ איד אָהן אַ פּגימה, וואָס האָט געדאַווענט אין
צוויי פּאָר תפילין, וואָס איז אין מיטען יאָהריגען מאָנטאַג און
דאָנערשטאַג געווען פרימער ווי אַנדערע אום ראש־השנה און יום־
כפּור, אַז צו איהם האָט אויך געהאַט אַ שליטה די מגפה, איז אַ
סימן אַז פרום זיין איז קיין תרופה ניט.

— הכן, בכן?... קומט נאָך אייך נאָך אויס, אַז... מ׳באַדאַרף
ניט; מ׳באַדאַרף ניט?... אפשר גאָר אינגאַנצען אויפהערען צו
דאַווענען?... אפשר וועט דאָס העלפען, האַ?... אפשר וואָלט גאָר
אַ תרופה געווען גאָר אינגאַנצען זיך אָפּ׳שמד׳ן?

און דער צד שכנגד האָט אַזוי גע׳טענה׳ט, אַזוי און עפּעס
אַנדערש:

— לכן, בכן?... קומט נאָך אייך נאָך אויס, אַז... מ׳באַדאַרף
זיך ניט אָפּהיטען? און אפשר גאָר אינגאַנצען ווערען אַ דבר־אחר?
עסען איך בעט אייך איבער, טינופת... אפשר וועט דאָס זיין אַ
תרופה?...

— ביי אייך איז אָבער גאָר אָבער גאָרניט... מ'באַדאַרף ניט לעבען ווי אַ דבר אחר, און מ'באַדאַרף ניט...

— און מיר זאָגען, גם כן דאָס איינגענע, אַז מ'באַדאַרף חלילה ניט אויפהערען צו דאַווענען, און שמד'ן זיך איז אודאי קיין פּעולה ניט, ווייל מיר זעהען אַז די גויים „שאַנעוועט" „זי" פּונקט אַזוי ווי זי שאַנעוועט די אידען... מ'באַדאַרף וואַרטען „עד יעבור זעם" און ווייטער גאָרניט.

יענער צד איז אָבער ניט מסכים געווען און האָט אַזוי גע־טענה'ט:

— והיה כאשר ירום משה את ידיו וגבר ישראל" — די תורה הקדושה קומט אונז דערמיט לערנען, אַז מ'טאָר ניט האַל־טען אַראָפּגעלאָזען די הענט אין גרעסטען נסיון, על כל צרה שלא תבוא טאָר מען ניט האַלטען אַראָפּגעלאָזען די הענט; מ'באַדאַרף אַרבייטען, מ'באַדאַרף טאָן.

האָט דער צד שכנגד אויסגענוצט דעם זעלבען פּסוק פון דער תורה פאַר זיך; זיי האָבען געזאָגט, אַז דאָס מיינט עס טאַקע די תורה, דאָס וואָס זיי מיינען, ס'הייסט, אַז זיי מיינען טאַקע דאָס וואָס די הייליגע תורה מיינט:

— והיה כאשר רפה ידיו וגבר עמלק — דאָס מיינט, אַז אחוץ גאָט בעטען דאַרף מען טאַקע עפּעס טאָן בידים ממש; אַז ניט, איז וגבר המגפה.

— האָט דאָך יצחק־אהרן געטאָן!

— דאָס האָט נאָר איין יצחק־אהרן געטאָן. ווען מיר אַלע טוען אָבער און היטען זיך אַזוי אָפּ ווי יצחק־אהרן, וואָלט יצחק־אהרן ניט געשטאָרבען...

— און ווען אַלע וואָלטען אַזוי פרום געווען ווי אברהם־משה ע"ה, וואָלט אברהם־משה ניט געשטאָרבען. ער איז געשטאָרבען פאַר די זינד פון אַנדערע. דער צדיק ווערט אַלעמאָל באַשטראָפט פאַר די זינד פון די זינדיגע, וואָס לעבען אין זיין דור.

דאָ איז שוין אויפגעקאָכט געוואָרען דער צד שכנגד:

— וואָס ווילט איהר דאָ אויסברייען? אַז מ'איז דאָ ווינציג

פרום? — און אוועקגעלאָזט אַ טענה מיט באַווייזען, ווי עהרליך און פרום מ'איז, אַז מ'קען שוין עהרליכער און פרימער ניט זיין.

און דער צד שכנגד האָט איינגעזעהן די גערעכטע טענות פון די געגנער, אַז ס'האָט טאַקע ניט געהאָלפען דאָס וואָס מ'האָט געטאָן ביז אהער, אָבער זיך אַלץ גע'עטנה'ט דאָס זייעריגע, אַז וואַרטען עד יעבור זעם טאָר מען ניט, אַז מ'דאַרף עפּעס ווייטער טאָן. און צו טאָן איז נאָר געבליבען איין סגולה, וואָס איז נאָך ניט געטאָן געוואָרען, און דאָס איז — שטעלען אַ חופּה אויפ'ן בית עולם.

---

אַזאַ פּאָרעל איז צום גליק געווען. ווען מען וואָלט זיי חתונה געמאַכט, אָט דאָס פּאָרעל, צוריק מיט פופצעהן יאָהר, וואָלט שוין אויך געווען די מצוה זעהר גרויס... ס'איז אָבער קיין מגפית ניט געווען און ס'האָט קיינעם ניט געאַרט פאַר דעם בחור און פאַר דער מויד, וואָס ער, דער בחור, האָט שוין אויסגעזעהן ווי אַ מיטעל־יאָהריגער איד, מיט אַ גערירכטער קאַלטענעוואַטער באָרד, אַז מ'האָט געקענט שלאָגען טשוועקעס אין איהר, און די מויד, ווידער, האָט שוין אויסגעזעהן ווי אַ מאַמע פון אַ האַלב טוץ קינדער.

זיי זיינען אַלע יאָהרען זייערע געווען ביי שטאָדט אויף קעסט; זיי האָבען אומעטום געגעסען און אין ערגעץ ניט גע־געסען. דאָ געכאַפּט אַ ביס, דאָרט אַ נאַש, און מ'איז תמיד געווען הונגעריג. ער איז געווען אַ משרת ביי דער שטאָדט, זי אַ דינסט. ער האָט געטאָן דרויסענדיגע ארום־שטוביגע ארבייט, און זי — שטוביגע. איינס אין דאָס צווייטע האָט געפיהלט אַ קאָנקורענט און האָבען זיך שרעקליך געהאַסט איינס דאָס אַנ־דערע. אַז ער איז אַמאָל אריינגעפאַלען אין קיך אריין און זי געטראָפען, האָט ער זיך אָנגעבלאָזען ווי אַ קאָטער, וואָס פאַלט אריין אין שטוב און טרעפט דאָרטען אַן דיזעלבע קאַץ וואָס דראַ־פּעט איהם די אויגען אין דרויסען. עס האָט פיל מאָל געטראָפען וואָסביידע זיינען איינצייטיג געווען אונטער'ן רשות פון איין

בעל־הבית און איין בעל־הבית׳טע און האָבען ניט געוואוסט איינס פון דאָס אַנדערע. ער האָט דאָרטען געהאַקט האָלץ אין דרויסען אָדער דעם שטאָל געראוימט, און זי האָט אין שטוב געוואַשען די פּאָדלאָגעס, און אַזוי לאַנג וויביידע האָבען ניט געוואוסט איינס פון דאָס אַנדערע, אַזוי לאַנג איז בייביידען געגאַנגען די ארבייט ווי זי האָט באַדאַרפט געהן, און פון דעם מאָמענט אָן וואָס זיי האָבען זיך עם דערוואוסט, אַזוי האָט עס מיט ביידען אָנגעהויבען צו מאָרדעווען. ער האָט דאָרטען אָנגעהויבען צו שפּאַלטען דאָס האָלץ צו דיק אָדער צו דין, און זי האָט אָנגעהויבען צו וואַסערען ארום זיך, גענעצט די שמאַטע אין שעפעל ווען מ׳האָט עס באַ־דאַרפט און ניט באַדאַרפט, און געפליוכעט און געליאַפּעט ארום זיך מיט דער ברודיגער וואַסער און ברודיגער שמאַטע און פאַר־שפּריצט די פּים איהרע העכער פון די קני...

ס׳האָט יעדער געוואוסט, ווי דאָס פּאָרעל האָט זיך „ליב", און אַז מ׳האָט איהם געוואָלט אריינברענגען אין גרימצאָרן, האָט מען איהם געזאָגט: „יענטע האָט דיר געלאָזט גריסען", און אַז מ׳האָט איהר געוואָלט אריינברענגען אין כעס האָט מען איהר געזאָגט: „סנדר׳ל האָט דיר געלאָזט גריסען". ס׳האָט יעדער געוואוסט דערפון, ווי דאָס פּאָרעל האָבען זיך „ליב", און פון דעסטוועגען איז דאָך יעדערער געווען זיכער אין דער גרויסער מצוה, וואָס מ׳וועט דערמיט אויפטאָן, וואָס מען וועט אָט דאָס פּאָרעל חתונה מאַכען, און אין דעם זכות, וואָס מ׳וועט דאָס פּאָרעל חתונה מאַכען, איז מען געווען זיכער, וועט געשטילט ווערען די מגפה אין שטעדטעל.

ס׳איז שוין געווען איינמאָל אַ פּאָרעל. זי, די מויד, האָט תמיד געשמייכעלט, געהאַלטען אין איין שמייכלען. זי האָט זיך געקענט אוועקשטעלען און שטעהן אַ שעה און צוויי אין דרויסען מיט פאַרלעגטע הענט אויף דער ברוסט און געשמייכעלט צו דער וועלט, און איטלכים מאָל, וואָס זי האָט געזעהן פאַרביילויפען אַ חזיר אָדער אַ הונט האָט זי דאָס אָדער יענעם באַשעפעניש מיט אַזאַ טשיקאַווקייט באַטראַכט, נאָכגעקוקט און נאָכגעשמייכעלט,

ווי זי וואָלט ביי אַלע מאָל קוקען אויף דעם דאָס ערשטע מאָל אין איהר לעבען געזעהן אָט די באַשעפעניש. באַזונדערס איז געווען גרויס איהר פרייד, ווען זי האָט געזעהן ווי א האָן יאָגט זיך נאָך א הון...

גערעדט האָט זי אַלעס צו דער זאַך. דאָס אָבער ווענען וואָס זי האָט גערעדט האָט נאָר א זעקס־זיבען יאָהריג קינד גע־קענט ריידען ווענען אַזעלכע זאַכען. זי האָט גאַנץ גלאַטיג גע־רעדט ווענען שערבלאַך און קנעפלאַך און מ'האָט זי גליקליך גע־מאַכט, ווען מען האָט איהר געשענקט א לעדיג קעסטעלע פון שוועבעלאַך.

די צווייטע העלפט פון דעם זיווג איז געווען א גאַנץ ערנסטע העלפט. מ'האָט איהם געהייסען טאַנצען, האָט ער געטאַנצט; מ'האָט איהם געבעטען זינגען, האָט ער געזונגען, און אַלעס מיט אַן ערנסטער פּאָזע. ער, סנדר'ל, האָט געהאַט א שוואַכקייט פון מזווג זיווגים זיין.

— סנדר'ל, ווענען רעדסטו מיר א חתן?

— סנדר'ל, ווענען רעדסטו מיר א כלה?

און סנדר'ל האָט פאַרמאַכט די אויגען, א קנייטש געטאָן דעם שטערן און אַזוי אריינגע'דבקה'ט זיך מיט א האַנט און מיט'ן אַנווייז־פינגער געטרייסעלט און האָט זיך אַזוי געמורמעלט מיט פאַרמאַכטע אויגען און מיט א פאַרקנייטשטען שטערן און מיט א שאָקלענדיגער האַנט:

— פּלוני בן פּלוני לבת פּלוני! — און צוגעמאַכט די אויגען האָט ער דעם מיידעל און דעם בחור צוגעפּאַסט א חתן, א כלה, און ס'האָט זיך אַלעמאָל זעהר גוט צוגעפּאַסט און ס'האָט פיל מאָל געטראָפען וואָס אַזעלכע זיינען שוין גאָר געשטאַנען איינס מיט דאָס אַנדערע אין שידוכים טאַקע מיט דעם און מיט יענער וואָס סנדר'ל האָט אויסגערופען. און האָט ער געזעהן א חתן־כלה, וואָס האָבען זיך, נאָך זיין מיינונג, ניט געפּאַסט איינס צום צווייטען, האָט ער געזאָגט:

— פּע, ווארף זי (איהם) אוועק. איך וועל דיר געבען א שעהנערע כלה (א שעהנערען חתן).

יענטע איז תמיד געגאַנגען מיט א פּאַטשיילע אויפ'ן קאָפּ און פון דער פּאַטשיילע פלעגט ארויסקוקען די האָר איהרע, און זי האָט אויסגעזעהן ווי א ווייבעל, וואָס איז ניט אזוי מקפּיד אויף צניעות. צו דעם איז זי כמעט ווי אכט חדשים אין יאָהר געגאַנגען באָרוועס און די נעגעל פון די פיס זיינען געווען גרוים און שווארץ ווי גראָב־אייזענס...

געווען צייטען, ווען יענטע פלעגט יא אמאָל א טראכט טאָן וועגען סנדר'לען. דאָס איז געווען דאמאָלס, ווען ער פלעגט זיך מיט עפּעס אויסגעוועהנליכעס אויסצייכענען. די אויסערגעוועהנליכקייט מיט וואָס סנדר'ל האָט זיך געקענט אויסצייכענען איז באשטאנען אין דעם, וואָס ער פלעגט זעהר קונציג כאַפּען אַן עוף, וואָס נאָך איינער צו איהם אזא קונציגער עופות־כאַפּער, איז ניט געווען, און ווען ס'איז ביי ועמען אַן עוף פארלאָרען געגאַנגען, האָט מען עס שוין איבערגעגעבען אויף סנדר'ס הענט, און ער האָט עס שוין אָפּגעזוכט הינטער די הרי חושך. דאָ אין די זאַכען האָט יענטע געזעהן זיין „הויך" און זיין „גרויסקייט", און דאמאָלס, אין אזעלכע מאָמענטען, האָט זי גע'חלש'ט ער זאָל א קוק טאָן אויף איהר. חוץ אָט די בריה'שקייטען פלעגט ער אמאָל גאָר ביי איהר אויסזעהן ווי א מכשף, ווען ער האָט זיך פּלוצלונג אין „מארק" באוויזען מיט א צעהנדליג אָדער אַנדערהאַלבען צעהנדליג אייער. געוואוסט האָט מען, אז די אייער זיינען ניט קיין כשר'ע, ס'איז אָבער אַלע מאָל געבליבען א רעטעניש: וואו האָט ער זיי באקומען... קיין אמת'ע גנבה איז עס ניט געווען, ווייל פון קיין שטוב האָט ער זיי ניט גע'גנב'עט. ער האָט זיי אַלע מאָל באקומען ערגעץ פון דרויסען, ס'זיינען אַלעמאָל געווען אזעלכע קאַפּריזנע הינער, וואָס האָבען ליב געהאַט אָפּצולעגען די אייער זייערע ערגעץ אויסער דער שטוב אין באהלטעניש, צווישען געדיכטע קוסטעס און ווילד־באוואַקסענע ערטער. די בעל הבית'־טעס פון אזעלכע הינער האָבען געהאַט גרייזאַטע, און עס האָט

זיך זעלטען וועמען פון זיי איינגעגעבען אָט די נסתרים'דיגע ערטער, וואו די פאַרשייטע הינער האָבען די אייער געלעגט, אויס־צוגעפינען. סנדר'ל אָבער איז געווען אַ בריה אַזעלכע ערטער אָפּצוזוכען, און האָט זיי ארויסגעטראָגען אויפ'ן מארק פארקויפען. און ס'האָט ניט געהאָלפען דאָס שרעקען איהם מיט זיבען יאָהר דלות פאַר די גנבה'שע אייער, ער האָט זיך זיינס געטאָן. אַמאָל האָט זיך איהם אויך איינגעגעבען ארויסצובאַקומען פון טייך אַ געגנזען איי אָדער אַ קאַטשקע איי, וואָס די גאַנז און די קאַטשקע האָבען ארויסגעלאָזט פון זיך שווימענדיג אויפ'ן וואַסער.

דורך זומער פלעגט איהם אריינפאַלען שעהנע עטליכע קאָ־פיקעס, און יענטע פלעגט איהם מקנא זיין. זי האָט זיך שוין אויך ניט איינמאָל אַוועקגעלאָזט צו זוכען אַן אייערדיגען אוצר. אָבער די מיה איהרע איז געווען אַן אומזיסטיגע... זי האָט דער־פאַר כאָטש אָפּגענומען נקמה אָן איהם, וואָס ער וועט האָבען פיל־פיל זיבען־יאָהריגע דלות'ן, און דער דלות פאַר די גע'גנב'עטע אייער וואָס ער וועט באַקומען האָט זיך אין איהר טעמפּען מח עפּעס גאָר אנדערש פאַרגעשטעלט פון דעם דלות וואָס סנדר'ל האָט געהאַט... עפּעס גאָר אַן אנדערער האָט זיך איהר אָט דער אייעריגער דלות פאַרגעשטעלט...

דאָס איז בקיצור געווען דאָס פּאָרעל, וואָס דאָס שטעדטעל האָט זיך אונטערגענומען פאַר אַ פּאָר־פאָלק צו מאַכען.

---

די אסיפות האָבען זיך געצויגען די גאַנצע וואָך פון ראש־השנה ביז יום־כפּור. בעלי־בתים האָבען זיך צווישען זיך גע־דונגען, ווער ס'זאָל געבען מעהר, ווער ווינציגער, און דאָס שטעד־טעל איז באַגליקט געוואָרען מיט אַ געוואַלדיגער סענסאַציע. מ'האָט נאָך ניט געוואוסט מיט וואָס די אסיפות וועלען זיך ענ־דיגען, או ס'האָבען קינד און קייט, גרויס און קליין, אָפּגעגעבען מזל־טוב דעם צוקונפטיגען פּאָרעל:

— מזל טוב דיר, יענטע!

— מזל טוב דיר, סנדר'ל!

דערווייל האָבען ביידע געשפּיגען, סאַי זי, סאַי ער — זי אויף איהם ווען מען האָט איהר אָפּגעגעבען מזל־טוב, און ער אויף איהר, ווען מ׳האָט איהם מזל־טוב אָפּגעגעבען. דער „ברויטיגאַם“ האָט זיך נאָך מעהר געבלאָזען ווי תמיד, און אפילו די „ברויט“ יענטע האָט אויבעט אויפגעהערט צו שמייכלען צו אַלע באַגע־גענישען, וואָס איז איהר געקומען אין די אויגען אריין...

ווען מ׳האָט „אָפּיציעל“ סנדר׳לען געזאָגט, אַז מ׳וויל איהם חתונה מאַכען פאַר יענטע׳ן, האָט זיך סנדר׳ל אָפּגעוואָרפען, ווי אַ גיפטיגע שלאַנג, ווען מ׳טרעט איהר אויפ׳ן עק. ער האָט גאָר לכתחילה ניט געוואָלט הערען דערפון, נאָר שפּעטער האָט ער צו־וויסען געגעבען, אַז אויב מען וועט איהם געבען אַ הונדערטער נדן וועט ער איינגעהן אויפ׳ן שידוך.

מ׳האָט עס קוים געמאַכט מיט איהם פאַר פינף און זיבעציג, און ער האָט שכל געהאַט צו פאָדערען אַז מ׳זאָל איינלעגען דאָס געלט ביים דיין, און אַז מ׳זאָל איהם דאָס געלט געבען באַלד אַזוי ווי ער וועט ארויסגעהן פון אונטער דער חופּה.

דער יום החופּה איז אָפּגעלעגט געוואָרען אויפ׳ן ערשטען טאָג חול־המועד סוכות; פריהער האָט מען עס ניט געקענט, ווייל מען האָט געדאַרפט זיי צוגרייטען צו דער חתונה, צונויפנעמען פאַר זייערט־וועגען אויפ׳ן שטאָדט אַלעס וואָס אַ פּאָר־פאָלק באַ־דאַרף נאָך דער חתונה צו האָבען. ס׳האָבען זיך אָוועקגעלאָזט איבער׳ן שטאָדט גבאים און גבאי׳טעס. מ׳איז געגאַנגען פון שטוב צו שטוב, און יעדער איינער האָט געגעבען וואָס ער איז געווען ביכולת צו געבען. ווער ס׳האָט געשענקט אַ העמד און ווער אַ פּאָר גאַטיעס; ווער ס׳האָט געגעבען אַ האנדטוך, ווער אַ ציך, אַ ליילאַך, אַביסעל פעדערען, וואָס איז ארויסגעשלעפּט גע־וואָרען פון אייגענעם בעט־געוואַנט. פאַרמעגליכע האָבען געגע־בען מעהר ווערטפאָלע זאַכען. דאָרטען האָט מען געגעבען שיך און הויזען, איין קאַפּאָטע און אַ צווייטע און אַ „הויבערשט“, אַ זומערדיג און ווינטערדיג „הויבערשט“, אַ פּאָר היטלען זיינען אריינגעפאַלען, עטליכע קאַמזוילען, ביי אַ טוץ ארבע כנפות׳ן, ביי

א אַנדערהאַלבען טוץ זאָקען און שקאַרפּעטקעס. צווישען דער האַלבער טוץ קליידער, וואָס איז אריינגעפאַלען פאַר דער כלה, איז אויך געווען איינס א ווייס־זיידענס. ס'האָט איינע א גביר'יש מיידעל אַוועקגעשענקט עם אויפשליסליך צוליב דעם, כדי זי, די גביר'ישע טאָכטער, זאָל האָבען דאָס פאַרגעניגען אָנ־צוקוקען יענטע'ן אין א ווייס זיידען קלייד. מ'האָט פאַר'ן פאַר־פאָלק אזוי פיל אָנגעשלעפּט, אז ס'האָבען זיי מקנא געווען פיל בעל־הבית'טעס. מ'האָט זיי ממש געמאַכט פאַר גבירים. ס'האָט קיינער ניט פאַרמאָגט אזוי פיל וועש, אזוי פיל אָנטאָן, אחוץ, פאַרשטעהט זיך, וואָס זיי איז נאָך פאַרגעשטאַנען צו באַקומען דרשה־געשאַנק.

מ'האָט געוואַרט אויף דעם טאָג ווי אויף אַן אויסערגעוועהנ־ליכען יום־טוב. ס'האָבען אַלע, גרויס און קליין, אומגעדולדיג ארויסגעקוקט צו זעהן סנדר'לען מיט יענטע'ן ווי מ'וועט זייביידען פיהרען אונטער דער חופה און אַלע האָבען זיך געגרייט, ווייל ס'איז געווען אַלעמענס חתונה.

די עטליכע גבירישע בחורים'לאַך, וואָס האָבען זיך פון וואויל־טאָג און צוליב וואוילטאָג אויסגעלערענט שפּילען אויפ'ן פידעל און אויף קלאַרנעט, האָבען זיך אונטערגענומען אָפּצושפּילען די חתונה. ס'האָט זיך אפילו אפגעזוכט איינער א גראַם־שיסער, וואס האָט זיך אונטערגענומען צו באַזעצען חתן־כלה מיט בדחנ'ישען קנאַק. די זעלבע חברה און נאָך איניגע צו זיי האָבען נאָך אויף יום־טוב אויסגעפּוצט דעם חתן מעשה חתן, מ'האָט איהם אפילו איינגע־שפּאַנט אין א הארטען קאַלנער מיט א „פּליאַרע" און מען האָט איהם מיט טראַסק געפיהרט אין שוהל אריין ווי חסידים פיהרען דעם רבי'ן זייערען, און פון דער ווייבערשער שוהל, פון די פענס־טערלאַך, האָט זיך אַלע מאָל באַוויזען א ווייבערשער פּנים, וואס האָט מיט א טשיקאַווען שמייכעל דעם חתן געזוכט.

דעם צווייטען טאָג סוכות האָט מען דעם חתן אויפגערופען מיט א געדרעהטען „יעמוד", און די גאַנצע ווייבערשע שוהל האָט זיך אריינגעשאָטען אין דער מאַנסבילשער און אזוי ווי דער בעל־קורא

האָט אָנגעהויבען באַזינגען דעם חתן, אַזוי האָבען די ווייבער אַ האָגעל געטאָן מיט געקאָכטע פאַסאָליעס, מיט יאָדערען און מיט ניסלאַך (די ניסלאַך האָבען געוואָרפען די נגיד'ישע ווייבער), און חברה קליינוואַרג האָבען זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער שמוציגער פּאָדלאָגע מיט העגט און מיט פיס און געקליבען דעם ערב־רב און געוואָרפען אין די מיילער און אין די קעשענעס אריין!...

כאור הבקר, נאָך פאַר זון־אויפגאַנג האָט זיך שוין איינער אַ קוימען פון איינער אַ שטוב געדיכט געוויכערט און די קיך־פענס־טער פון דער זעלבער שטוב האָבען מיט פאַרטאָגיגער פייערדיגער ליכטיגקייט געבלאַנקט און אריינגעלויכטען אין גרויסען טאָג אריין. דאָס האָבען שוין דאָרטען געאַרבייט ביי אַ האַלב טוץ ווייבער, וואָס יעדע איינע פון זיי האָט געאַרבייט לשם מצוה און שפּעטער זיינען שוין געלאָפען אַ פּאָר גבאי'טעס אויפ'ן בית־עולם, צו טאַטע־מאַמע פון חתן־כלה געלאָפען, צו פאַרבעטען זיי, זיי זאָלען קומען זייערע קינדער צו דער חופּה פיהרען.

צו חתן־כלה'ס „דאַליע" איז געווען אַ שעהנער טאָג: מיט זוניגען פאַראַד איז דער פריהמאָרגען געקומען. מיט רעש'יגער ליכטיגקייט און מילדער ווארימקייט האָט זיך דער טאָג אוועקגע־שטעלט אינ'ם ריינעם הימעל און אין דער שטילער לופט איז געווען צו דערקענען, אז עס וועט אַ גאַנצען טאָג אַזוי זיין, ליכטיג און וואַרים. אין דער לופט האָבען זיך דאָ און דאָרטען נידעריג און העכער פון נידעריג געטראָגען וויים־זילבערנע שפּינוועבס, זיך געטראָגען ווי לעבעדיגע דין־זיידענע ברואים, געשוואומען אין אויר, אין ליכטיגען און אין זוניגען אויר ווי קינדער צאַרטע, נאָר־וואָס געבאָרענע מיט פריהמאָרגען צוגלייך.

צוגעטוליעט צו הייזער ווי מיוחסים'דיגע הייזער־קינדער זיינען די „געמאַכטע" סוכות געשטאַנען, פאַרשטעלט וואו אַ פענסטער, וואו אַ טיר, אַזוי צאַרט און לייכט מיט צייטווייליג שטעהן גע־שטאַנען, ברעטער און שפּאַרינעס האָבען צונויפגעפּאַרט שטוביג־קייט מיט דרויסענקייט... אָפּגעריסען אַ שטיקעל אָרט פון דרויסען, פאַרשטעלט פון דרויסען אַ שטיקעל שטוב און צוזאַמען דעם יום־

טוב סוכות געמאַכט. די געבויטע סוכות זיינען געשטאַנען מיט צו־עפּענטע „פליגלען“, וואָס האָבען זיך ערגעץ־וואו אויף א שטריק געהאַלטען און ווי אויף האַלאַבליעס געשטאַנען אָנגעשפּאַרט און האָבען אויסגעזעהן ווי שטיקער דאַך־היטלען אויפגעריסענע און פון אינווייניג, פון דאַך־חלל, האָבען ארויסגעקוקט גרינע טשאַפּרינעס פון טשערעט און פּאַרדאַרטע, לאַנגע גופים מיט לאַנגע בלעטער פון קוקורוזע־געוויקס.

אין דעם אידישען יום־טוב׳דיגען אינדרויסען האָט זיך כאור הבקר גבריאל מיט׳ן אתרוג באַוויזען, א האַלב יום־טוב׳דיגער, א האַלב־וואָכעדיגער איז ער ריהרעוודיג און לעבעדיג געגאַנגען, אריינגעלאָפען אין אַ שטוב און ארויס פון א שטוב און דאָס ארויסגעהן זיינס איז געווען פונקט אזוי איילig ווי דאָס אריינגעהן זיינס, און עס האָט זיך געדאַכט, אז דאָס לויפט ארום אין אידישע הייזער און אין אידישען דרויסען דער יום־טוב סוכות, פאַרקערפּערט אין איד, אין באָרד און אין די גרינע, לאַנגע און שפּיציגע בלעטער פון לולב.

דער יונגער פּאַרשייטער עולם האָט נאָך מיט פאַרשלאָפענע אויגען אָנגעהויבען צו מאַכען וויזיטען ביי חתן־כלה און יעדער פון זיי האָט געטאָן מיט חתן־כלה וואס ווענען ס׳איז איינ־געפאַלען צו טאָן. און אנדערהאַלבען צעהנדליג מיידלאַך האָבען זיך געדרעהט ארום דער כלה און מ׳האָט אויף איהר אַלעם גע־מאַסטען, אַלעס, וואָס מ׳האָט צונויפגענומען פאַר איהרטוועגען אויפ׳ן שטאָדט. מ׳האָט אויף איהר פּנים פּודרע געשאָטען און איהר געפאַרבט די באַקען מיט רויטע פּאַפּירלאַך אין וואס ס׳איז נעגאַנגען געהילט ציגאַר־פּאַפּיר, וועך ס׳האָט געהאַט גאָט אין הארצען האָט געשפּיגען אויף דעם רויט־פאַרביגען פּאַפּיר און איהר די באַקען געריבען. ביים חתן ווידער, זיינען געווען בחורים און פונקט ווי יענע דאַרטען, די מיידלאַך, האָבען אויף דער כלה דער כלה׳ס קליידער געמאַסטען, אזוי האָבען די בחורים געמאַסטען דעם חתן די אַלע קאַפּאָטעס, מיט אַלע קאַמזוילען, און אַלע היטלען, וואס ס׳זיינען אריינגעפאַלען פון זיינעטוועגען,

און מ'האָט זיך געשמאָלצען פון נחת, זיך געשטיקט פון געלעכ־טער, פון יעדען מלבוש, פון יעדען בגד, וואס מ'האָט אויף דעם פארשוין ארויפגעצויגען.

מ'איז נאָך ווייט ניט גרייט געווען צו דער חתונה און די קאפעליע מיט'ן בדחן אָן דער שפיץ האָבען זיך באוויזען איג־דרויסען מיט זייערע כלים, די חברה לצים האָבען אויף שטום־לשון א שטומען מארש געשפילט. די פידעל־שפילער זיינען גע־פאָהרען מיט די רוקענס פון זייערע סמיקעס אויף די סטרונעס, און די קלאַרנעטשיקעס האָבען געהאַלטען די קלאַרנעטען אין די מיילער און געארבייט מיט די פינגער, די פינגער האָבען גע־שפרונגען און געטאַנצט אויף די זילבערנע פאַנצערלאַך אויפ'ן קלאַרנעט, וואס האָבען זיך געהויבען ארויף און אראָפּ. דאָס איז געווען א פיינער איינפאַל אָט דאָס, וואָס אלע צוזאמען זיי־נען געגאַנגען און האָבען „פאַנטאָמימעדיג" געשפילט, ווער ס'האָט עס געזעהן האָט עס ארויסגערופען א שטורם פון פרייד אין הארצען, אבלים וואָס זיינען נאָר א דאַנק דעם יום־טוב קיין שבעה ניט געזעסען, האָבען זיך צושמייכעלט צוקוקענדיג ווי די חברה געהען און שפילען ניט. און צוקומענדיג צו דער טיר פון דער שטוב, וואו דער חתן איז איינגעשטאַנען, האָבען זיי מיט אמאָל א טראסק געטאָן ארויס מיט א מארש און צעהנדליגער הערצער האָבען א צאַפּעל געטאָן פון גרויס שמחה.

די קאפעליע האָט זיך ארייגגעלאָזט אין שטוב מיט'ן מארש וואָס איז אָבער גלייך איבערגעריסען געווארען: דאָרטען איז גע־ווען אזוי ענג און רעש'יג פון קליינוואַרג, אז ס'איז ניט געווען קיין פּלאַץ פאר די מוזיקאַנטען און פאר'ן שפּילען פאר זייערען. און אין מיטען, צווישען די קליינוואַרג איז א מבולבל'דיגער, א צומישטער, געשטאַנען דער חתן, און קענטיג ניט געוואוסט וואו־הין זיך אהינצוטאָן, וואס מיט זיך צו טאָן און וואס צו טאָן מיט חברה קליינוואַרג, וואָס האָבען איהם באַלאַגערט. ער איז געשטאַנען דער חתן, שוין חתן'דיג און חתונה'דיג אָנגעטאָן, און

ס'האָט זיך געדאכט, אז ער איז נאָך א גרעסערער „תם" גע־וואָרען, ווי ער איז געווען... ער האָט גאָר פלוצלינג זיין „איך", דעם סנדר'שען, פארלאָרען און איז געוואָרען עפּעס אנדערש, און דער עפּעס אנדערש ווייסט ער ניט, צי ס'איז עפּעס א הע־כערע מדרגה פון סנדר'לען צי נאָך אן ערגערע... ער האָט ניט געוואוסט וואָס ער איז... עפּעס גאָר ווי א ניי געבוירענער.

ער איז געשטאנען א פריטשמעלעטער פון רעש און טומעל, געפּיהלט ווי מ'רייסט איהם און מ'צופּט איהם פון אַלע זייטען און ניט געוואוסט צי באַדאַרף עס אזוי זיין ביי דעם נייעם פּארשוין וואָס ער איז געוואָרען, צי באַדאַרף עס ניט זיין?...

ער איז געשטאנען מיט אראָפּגעלאָזטע הענט, א צוכראסטע־טער, א צורעפּענטער און דאָס פּנים זיינס האָט געוויינט פון צו־מישטקייט און צורודערטקייט. אז ס'איז דאָרטען קיינס ניט געווען בעסער איינס פון דאָס אנדערע, אַלע זיינען געשפּרונגען אין פּנים אריין און אפילו די וואָס זיינען כלומר'שט שוין געווען מיט איהם, די וואָס האָבען צו איהם געשריען, ער זאָל טאָן עפּעס מיט די אַלע וואָס דערגעהען איהם די יאָהרען, האָבען איהם דערעסען מיט זייער זיך אָננעמען פאר איהם, גלייך מיט אַלע וואָס זיינען איהם גע־שפּרונגען אין פּנים אריין... און דערפאר האָט ער שוין ניט געקאָנט אָננעמען די עצות זייערע, כאָטש איהם האָט זיך אליין געוואָלט נעמען אָט דאָס גאנצע קליינוואַרג און זיי ארויסוואַרפען ווי די „האַלושקעס"... דערזעהן די קאפּעליע, וואָס איז אויף איהר אופן געקומען פון איהם חוזק צו מאַכען, האָט זיך דער חתן צוואוויינט און די כלי זמרים האָבען אָנגעהויבען ארויסצוטרייבען די קליינוואַרג פון שטוב. מיט רעש און געפּילדער איז דאָס קליינוואַרג געפלויגען דורך טיר און פענסטער, און געבליבען שטעהן הינטער טיר און הינטער פענסטער, דאָרטען זיך פארנומען צו ליארמען און שרייען.

שפּעטער, אָבער, אזוי גלייך ווי עס האָט זיך איין איד און א צווייטער געוויזען, איז געוואָרען שטילער און רוהיגער. קליינ־וואַרג אפילו האָבען אָנגעהויבען צו פּיהלען די ערנסטקייט פון

מאָמענט, אז ניט צוליב ליצנות געהט מען עס חתונה מאַכען אָט דאָס פּאָרעל, אז ס׳איז צוליב עפּעס זעהר א ווירכטיגער זאַך.

א איד נאָך א איד איז אָנגעקומען מחותנ׳דיג און יעדען אידען האָט די קאַפּעליע באַגעגנט מיט „א גאַנץ פּיינעם מזל־טוב", און נאָך יעדען אָפּגעשפּילטען מזל־טוב האָט דער בדחן אויסגערופען, ווי אַלע בדחנים רופען אויס אויף אַלע חתונות, אזוי האָט דער בדחן נאָך יעדען אָפּגעשפּילטען מאַרש אויסגערופען:

— אָט דאָס איז געווען א גאַנץ פּיינער מזל־טוב אָפּגעשפּילט, לכבוד...

מען האָט באַזעצט דעם חתן אויבען־אָן און ארום איהם האָבען זיך ארומגעזעצט די חשוב׳סטע, די פּרומסטע בעלי־בתים און מ׳האָט געטרונקען בראַנפען, געטרונקען לחיים און פאַרביסען מיט לעקאַך. און פּונקט ווי דאָ, ביים חתן, זיינען געזעסען אידען און מקבל־פּנים געווען דעם חתן, אזוי זיינען דאָרט, ביי דער כלה, געזעסען ווייבער און מקבל פּנים געווען דער כלה. ס׳האָט זיך יעדער איינער און יעדע איינע געשטופּט צו כאַפּען א שטיקעל מצוה און אין דעם זכות ניצול צו ווערען פון דער אָנגעשיקטער מגפה, רחמנא לצלן, און ארום און ארום, צוזאַמען און ביינאַנד האָט דאָס גאַנצע שטעד־טעל אויפגעלעבט, אָפּגעטרייסעלט פון זיך די גאַנצע מרה־שחורה און פול מיט בטחון, אז דאָס וועט קורע גזר־דין זיין, האָט זיך א נייע הויט אויף אַלעמענס פּנימ׳ער ארויפגעצויגען, און ס׳האָט יעדער איינער מיט אומגעדולד געוואַרט און ארויסגעקוקט, אז מ׳זאָל דאָס פּאָרל צו דער חופּה פיהרען.

* * *

ס׳איז נאָך געווען א פּאָר שעה צו נאַכט, ווען די קאַפּעליע האָט געגעבען א קלאַפּ דעם חופּה־מאַרש. מיט הבדלות, וואָס האָבען געפלאַקערט פייערדיג און רויכיג האָבען זיך ארויסגעשאָטען עטליכע אידען מיט׳ן חתן אין דער מיט. דער חתן, אין א שוואַרץ־געוואַנטענער קאַפּאָטע מיט א ווייסען קיטעל, וואָס האָט אויבען און אונטען וויים ארויסגעקוקט, האָט אויסגעזעהן, ווי אן אלמן, וואָס געהט א צווייטען מאָל חתונה האָבען. וווייטליך פון הינטען האָבען

וויבער געפיהרט די כלה, דאָס פּנים פאַרדעקט אַריבער דער נאָז מיט אַ דאָפּעלטער צונויפגעלעגטער ווייסער פאַטשיילע. מיט חתן־כלה און מיט אידען און ווייבער וואָס האָבען חתן־כלה געפיהרט איז מיטגעגאַנגען דאָס גאַנצע שטעדטעל, גרויס און קליין, און פון געדיכטען עולם אַרויס האָבען אַרויסגעשטאַרצט העכער פון עולם און העכער פון די קעפּ, די חופּה־שטאַנגען. אַ שטויב, ווי אַ געדיכטער נעבעל, האָט זיך אויפגעהויבען איבער קעפּ און מענשען, און אין שטוב האָבען זיך ווי לאַנגע פּאות געקרייזעלט און געשפּיצט די רויכען פון די הבדלות. די קאַפּעליע האָט געשפּילט, זיך געריסען אויף אַלע כלים. און ס'איז געווען אַ געמיש פון אומעט און פרעה־ליכקייט... אַ לעבעדיג פּאַר פּאָלק האָט מען געפיהרט אויפ'ן בית עולם, געפיהרט אהין וואו מען באַגראָבט, אַ חופּה שטעלען און ס'האָט געצווינגען צו קוקען אויף די חופּה־שטאַנגען וואָס האָבען פון'ם עולם אַרויסגעקוקט. ס'האָט זיך יעדען געדאַכט, אַז זיי זעהען אויס עפּעס אַנדערש ווי אַלע מאָל...

דער בית־עולם איז באַשאָטען געוואָרען מיט לעבעדיגע מענשען. די גרעסטע צאָהל האָבען אַריבערגעקלעטערט אַריבער'ן פּאַרקען, ווייל דורכ'ן שמאָלען טירעלע וואָלט אויסגעקומען זעהר לאַנג צו וואַרטען ביז וואַנען אַלע וואָלטען זיך דורכגעשטופּט. ס'זיינען געקראָכען איבער די פּאַרקאַנעס אינגלאַך און אידען מיט בערד. ס'האָט יעדער געוואָלט זיין נאָהענט צו דער חופּה און צו דער חתן־כלה, געוואָלט זעהן די פּנימ'ער זייערע, וואָס פּאַר אַ פּנים זיי וועלען האָבען אונטער דער חופּה. מ'איז געשפּרונגען און געקראָכען איבער צוימען און קברים, זיך דורכגעקראַפּקעט צווישען געדיכט פאַרפלאָנטערטע קוסטעס, וואו שוין צעהנדליג׳ער יאָהרען, אַז דאָרט איז קיין מענשליכע פוס ניט געטראָטען; דאָרטען, וואו ס'איז שוין ניט געווען קיין זוכר פון קיין צוים און פון קיין מצבה, קברים אזעלכע, וואָס מ'האָט שוין ניט געוואוסט צו וועמען זיי באַלאַנגען, קברים וואָס האָבען צווישען די לעבעדיגע קיינעם ניט געהאַט. אינגלאַך האָבען זיך אַרויפגעקאַראַפּקעט אויף ביימער; ביימער און צווייגען זיינען באַשאָטען געוואָרען מיט

לעבעדיגע חברה און פון ערגעץ, דאָ און דאָרט, פון א פּאָר ערטער און ווינקלען האָבען זיך געלאָזט הערען געגרייזעלטע „אל מלא׳ס״. דאָס האָט מען חתן־כלה׳ס עלטערען די „אל מלא׳ס״ געמאכט.

פאַנאַנדערגענומען די פיר חופּה־שטאַנגען און פיר־עקיג די חופּה אוועקגעשטעלט, האָט מען חתן־כלה ארונטערגעפיהרט אונטער דער חופּה און מ׳האָט געזאָגט זיבען מאָל „ויהי נועם״ און זיבען מאָל איבערגעזאָגט דאָס קאַפּיטעל תהילים „למנצח לבני קרח מזמור, שמעו זאת כל העמים״ און נאָך דער חופּה האָט די קאַפּעליע ווידער א קלאַפּ געטאָן א מארש, חתן־כלה זיינען צוריקגעגאַנגען געארעמט, און פּונקט ווי פריהער האָט יעדער געוואָלט זיין אויפ׳ן בית־עולם פון די ערשטע, האָט זיך יעדער איינער נאָך דער חופּה געאיילט ניט צו בלייבען פון די לעצטע, און מ׳איז איילענדיג גע־שפּרונגען איבער די פּארקאַנעס.

ס׳איז נאָך געווען גרויסער טאָג, אָבער ס׳האָט זיך שוין געפיהלט דער פארנאכט. די זון איז אין מערב־זייט געשטאַנען אליץ נאָך אזא קלאָרע און אזא לויטערע ווי זי האָט זיך אין דער פריה אין מזרח באוויזען, און ס׳האָט זיך געשפּירט, אז נאָכ׳ן „געשענק־טען״ שעהנעם ווארימען טאָג געהט זיין א ווארימע נאכט, און ס׳איז יעדער געגאַנגען מיט פולען בטחון, אז צו דער מגפה איז א סוף געקומען, און ווייט ניט קיין טאַנצענדיגע און ניט קיין „הוליאקעס״ האָבען געכאַפּט א טענצעל נאָך אין מיטען גאס, איינער אויפ׳ן צווייטען האָבען האַנט אויף אקסעל פארלייגט און אזוי אריינגע־טאַנצט אין שוהל אריין. דאָרט, וואו מ׳האָט ערשט אָנגעהויבען צונויפשטעלען טישען מיט בענק און וואו דער עולם האָט זיך ערשט פארנומען אויף א גאנצער נאכט זיך משמח צו זיין...